STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01183

# FUN MAYN LEBEN

## Vladimir Medem

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Ray, Sparky & Sim Jackendoff*
*in memory of*
*their parents, Tan & Elaine Jackendoff*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אויבען, רעכטס: „טאַמי״, מיט וועמען מעדעם האָט אָפט פאַרבראַכט אין די איינזאַמע טעג פון זיין קראַנקהייט; רעכטס, אונטען: מעדעם אין וואודסטאָק; צענטער: מעדעם אין די ווינציגע טעג ווען ער האָט געפיהלט בעסער; גינא מעדעם, דעם פאַרשטאָרבענעם מעדעם׳ס פרוי און חבר.

# פון מיין לעבען



## וולאדימיר מעדעם

צווייטער באנד

ארויסגעגעבען פון דער וולאדימיר מעדעם קאמיטע
1923

# אינהאַלט־פאַרצייכניס:


| | זייט |
|---|---|
| נאָכ'ן קישינעווער פּאָגראָם | 5—10 |
| דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" | 11—22 |
| בריסעל און לאָנדאָן | 23—32 |
| דער באַזעלער ציוניסטישער קאָנגרעס | 33—36 |
| זשענעוו | 37—43 |
| סלאַוועק | 44—49 |
| דאָס קליין שטעדטעל ווייזט די ציינער | 50—52 |
| שפּיץ | 53—56 |
| דער אַמסטערדאַמער קאָנגרעס | 57—69 |
| גאַפּאָן | 70—76 |
| ערב דער רעוואָלוציע | 77—84 |
| אָקטאָבער־טעג | 85—98 |
| פאַר'ן אָפּפאָהרען | 99—102 |
| צוריק אין רוסלאַנד | 103—110 |
| דעצעמבער־טעג | 111—125 |
| ווידער אַמאָל אין אויסלאַנד | 126—131 |
| „נאַשע סלאָוואָ" | 132—138 |
| דער לעמבערגער צוזאַמענפאָהר | 139—147 |
| אין דורם און אין צפון | 148—156 |
| קאָוונאָ | 157—164 |
| דער לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר | 165—190 |
| נאָך אַמאָל אין פינלאַנד | 191—195 |
| באַרג אַראָפּ | 196—208 |
| פּעטערבורג | 209—215 |
| צוריק אין אויסלאַנד | 216—226 |
| מעשה קאַפּלינסקי | 227—231 |
| צוויי צוזאַמענפאָהרען | 232—241 |
| וויען | 242—257 |
| ווידער אַמאָל אין רוסלאַנד | 258—264 |

| | |
|---|---|
| | זייט |
| דער צעהנטער פּאַוויליאָן | 265—275 |
| אין „טיף ראַסיי” | 276—282 |
| אָריאַל | 283—288 |
| סמאָלענסק | 289—296 |
| די פאַרגעסענע | 297—307 |
| מיר פאָהרען ווייטער | 308—310 |
| מאקאטאָוו | 311—315 |
| פאַר'משפט | 316—319 |
| די מאַשין אַרבייט | 320—322 |
| אויפ'ן שפּיץ מעסער | 323—332 |
| די באַפרייאונג | 333—336 |

.55

# נאָכ'ן קישינעווער פּאָגראָם

די ידיעה וועגען דער קישינעווער שחיטה האָט געמאכט אויף אלעמען א שרעקליכען איינדרוק. ווען מען דערמאנט זיך איצט אָן יענע טעג, זעהט מען ערשט בפירוש, ווי גוואלדיג עס זיינען זייט יענער צייט פארגרעבט און פארטעמפּט געוואָרען די מענשען. איצט ווערען אין די שוידערהאפטע פּאָגראָמען פאר־ניכטעט הונדערטער טויזענדער אידישע לעבענס, און גאָר נישט. די וועלט איז רוהיג און גלייכגילטיג. דעמאָלט אָבער איז מען נאָך ניט גוועען „צוגעוועהנט" צו אזעלכע זאכען. און די גרוי־זאמע געשעהעניש האָט ממש אויפגערודערט די גאנצע וועלט. עס איז געווען א שרעקליכער קלאַפּ, און מענשען מיט שוואכע נערווען זיינען נידערשלאָגען געוואָרען. מאנכע האָבען פּשוט פארלאָרען דעם קאָפּ און זיינען אריינגעפאלען אין א יאוש און אָפּהענדיגקייט. מאנכע האָבען זיך גענומען איבערקוקען זייערע מיינונגען און פּראָגראמען. פאר א טייל פון דער ציוניסטיש־געזאָנענער יוגענד איז דאָס געווען אן ענטשיידענדער מאָמענט פון א גייסטיגען איבערברוך. ביז יענער צייט איז די ציוניסטי־שע באוועגונג געווען שטרענג „לאָיאל" און אפּאָליטיש. נאָך מיט א יאָהר פריהער האָט איינער א פיהרער פון די רוסישע ציוניסטען, דער אדוואָקאט ראָזענבוים, ערקלערט אויפ'ן מינ־סקער ציוניסטישען צוזאמענפאָהר: „מיר זיינען מעהר ווי לאָיאל"; מעהר ווי לאָיאל לגבי דער רוסישער צארישער רע־גירונג! דער פּאָגראָם, וואס איז געווען געמאכט אונטער די פליגלען און מיט דער הילף פון די רוסישע רעגירונגס־אגענטען, האָט מאנכע געעפענט די אויגען. אין דעם לינקען פליגעל פון דער ציוניסטישער יוגענד האָט אויפגעוואכט א פונק פון א

פּאָליטישער פּראָטעסט־שטימונג. עס האָט זיך אָנגעהויבען די ראדיקאַליזירונג פון די לינקע ציוניסטען. דער קישינעווער פּאָג־ראָם איז געווען דער געבורטס־טאָג פון די סאָציאַליסטישע שטרע־מונגען אין ציוניזם. פאר אנדערע עלעמענטען, ווידער, וועלכע זיינען געווען אין יענער צייט מעהר גלייכגילטיג צו די פראַגען פון אידישען לעבען, איז עס געווען א שטופּ צו דערנעהנטערען זיך צו דער אידישקייט.

עס פארשטעהט זיך, אז אויך אין אונזערע בונדישע רייהען איז דער איינדרוק געווען א גוואלדיגער. פאר אונז איז דאָס אָבער ניט געווען קיין איבערברוך. דער פּאָגראָם, וועלכער האָט פאר'ן ברייטען עולם ענטפּלעקט די ראָליע פון דער צארישער רעגירונג, האָט פאר אונז אן איבעריגען מאָל באשטעטיגט די ריכטיגקייט פון אונזער רעוואָלוציאָנערער ארבייט. מעהר נישט, צו אונזערע פריהערדיגע אויפגאבען איז צוגעקומען א נייע: ס'איז געגעבען געוואָרען דער לאָזונג פון זעלבסטשוץ, און מען האָט זיך גענומען דורכצופיהרען דעם דאָזיגען לאָזונג אין לעבען. און ס'איז געווען דערביי קלאָר פאר אונז אלעמען, אז אָט די דאָזיגע נייע אויפגאבע איז ניט עפּעס א זאך, וואס איז אָפּגע־זונדערט פון אונזער אלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערען קאמף, נאָר פארקערט, אז דאָס איז מעהר ניט א נייע פאָרם פון אונזער פריהערדיגער טעטיגקייט, וואָס מוז אויפ'ן ענגסטען אופן צו־נויפגעבונדען ווערען מיט אונזער פּאָליטישען קאמף. מיר האָ־בען זיך ניט געדארפט אָפּזאָגען פון קיין שום פריהערדיגע מיי־נונגען. מיר זיינען געבליבען שטעהן פעסט אויף אונזערע פיס. און אונזער ראָלע אלס איניציאטאָרען און אָנפיהרער פון זעלבסט־שוץ האָט נאָך מעהר פארשטארקט דעם איינפלוס פון אונזער באוועגונג.

איך האָב דעמאָלט באקומען א פארשלאג צו באזוכען עטלי־בע„קאָלאָניעס" מיט א רעפערעט וועגען די לעצטע געשעהעני־שען. איך האָב זיך אוועקגעזעצט אויף עטליכע וואָכען אין דער שעהנער גרויסער מינכענער מלוכה־ביבליאָטעק און דורכ־שטודירט די גאנצע ליטעראטור וועגען אנטיסעמיטיזם, וואָס איך האָב דאָרטען געפונען. דער ערשטער טייל פון מיין רע־פעראט האָט באהאנדעלט די פראגע וועגען די אורזאכען פון

אנטיסעמיטיזם בכלל. דער צווייטער טייל איז געווען גע־
ווידמעט די ספּעציעל רוסישע אומשטענדען, און צום סוף האָב
איך גערעדט וועגען די אויפגאבען און חטאים פון די רוסישע
סאָציאליסטען. דעם דאָזיגען רעפעראט האָב איך געלייענט
קודם כל אין מינכען גופא, דערנאָך בין איך ארויסגעפאָהרען
אין קארלסרוהע, היידעלבערג און בערלין.

אין קארלסרוהע האָב איך געהאט אן אינטערעסאנטע
באגעגעניש.

איך בין אָנגעקומען אהין אין דער פריה. עס האָבען מיך
באגעגענט אויפ׳ן וואָקזאל מיינע חברים און האָבען מיר געזאָגט,
אז פאר דעם גרויסען אָפענעם רעפעראט, וועלכער דארף פאָר־
קומען אין אָוועגט, ווילען זיי מאכען א קלענערע דיסקוסיע פאר
די מיטגלידער פון די סאָציאל־דעמאָקראטישע גרופּען — א דיס־
קוסיע וועגען דער נאציאָנאלער פראגע מיט אן אָנגעזעהענעם
יונגען איסקראָוועץ, וואָס איז אָקאָרשט געקומען צו פאָהרען.
ווער איז דער מאָן? מען רופט מיר אָן א נאָמען און איך דערמאָן
זיך: איך האָב מיט א יאָהר אָנדערטהאלבען צוריק אָנגעפיהרט
אין בערן מיט א קרייזעל פון יונגע סטודענטקעס. איינע פון
די דאָזיגע מיידלאך האָט מיר דערצעהלט וועגען איהר ברודער,
זעהר א פעהיגען יונגען בחור, וואָס איז פארשיקט געוואָרען אין
סיביר. אָט דער בחור איז איצט געקומען פון סיביר. דער נאָמען
פון דער מיידעל איז געווען בראָנשטיין, און זי איז איצט די
פרוי פון דעם באוואוסטען רוסישען קאָמוניסט קאמענעוו, און
דער ברודער איהרער, דאָס איז — דער איצט באריהמטער
טראָצקי.

מיר זיינען געגאנגען צו דער דיסקוסיע. ניט ווייט פון דער
הויז, וואו די דיסקוסיע האָט געדארפט פאָרקומען, האָב איך
אויף דער צווייטער זייט גאס דערזעהן א קליינע גרופּע מענשען,
וואָס זיינען אויך געגאנגען אהין. „אָט דאָ געהט ער", האָט
מען מיר געזאָגט. ס׳איז געווען א הויכער, דארער יונגערמאָן,
מיט לאנגע האָר, און... אין געלע שיך. די געלע שיך האָבען זיך
מיר באזונדערס געוואָרפען אין די אויגען, ווייל אין אונזערע
קרייזען פלעגט מען אין יענע צייטען אזעלכע שיך ניט טראָגען.

ער איז געווען עהנליך צו זיין שוועסטער. אמת, זי האָט געהאַט שוואַרצע אויגען, און ער — ליכטיג־גרויע, אָבער ביידע האָבען געהאַט אין זייערע פּנים'ער עפּעס, וואָס האָט זיי געמאַכט עהנליך צו אַ רויב־פויגעל. ביי איהם איז עס געווען נאָך בולט'ער צוליב זיין כאַראַקטעריסטישען מויל: אַ גרויסען, אַן אויסגעקרימטען, אַ בייסענדיגען. ס'איז אַ שרעקליכער מויל.

מיר האָבען אָפּגעדיסקוטירט אַ פּאָר שטונדען. דאָס ער־שטע וואָרט האָט גענומען איינער פון מיינע קאַרלסרוהער חברים, וועלכער האָט פאָרמולירט דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד", אַזוי ווי עס איז געווען אָנגענומען אויפ'ן פערטען צוזאַמענפאָהר פון 1901. דאַן האָט טראָצקי געהאַלטען אַ קריטיק־רעדע, און דערנאָך האָב איך איהם געענטפערט. איך געדענק שוין ניט די פּרטים פון דער דעבאַטע. איך געדענק בלויז, אַז זי איז געווען געפיהרט גאַנץ שאַרף, און — ווי דער שטייגער איז — זיינען ביידע צדדים אַוועק צופרידען מיט זיך אַליין. איך מוז זיך מודה זיין, אַז דער בחור איז מיר דעמאָלט נישט געפעלען גע־וואָרען, און אויף וויפיל איך ווייס, איז דער דאָזיגער איינדרוק געווען ביי אונז אַ געגענזייטיגער.

דאָס אינטערעסאַנטע און דאָס כאַראַקטעריסטישע איז אָבער געקומען ערשט אין אָוונט. נאָכדעם ווי איך האָב געענדיגט מיין רעפעראַט, האָבען גענומען דאָס וואָרט אַ פּאָר ציוניסטען און גלאַט יונגעלייט מיט צודרעהטע גדאַנקען. דערנאָך האָט גערעדט טראָצקי. די ציוניסטען האָט ער געענטפערט וויציג און גוט. נאָכדעם האָט ער זיך אָבער גענומען צו מיר. די מעשה איז, וואָס איך האָב זיך „דערוועגט" צו זאָגען אַ פּאָר האַרבע ווערטער אויפ'ן אַדרעס פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען. איך האָב זיי פאָרגעוואָרפען, וואָס זיי האָבען שטענדיג פאַר־נאַכלעסיגט די וויכטיגע אויפגאַבע צו באַקעמפפען דעם אַנטי־סעמיטיזם, און איך האָב ניט געמאַכט קיין סוד פון דעם, אַז איך האַלט דאָס פאַר אַ גרויסער עולה און אַ גרויסען פעהלער, וועלכער מוז אין דער צוקונפט אויסגעמידען ווערען.

האָט זיך טראָצקי אָנגענומען די עולה פון די רוסישע סאָציאַליסטען. ערשטענס, האָט ער געזאָגט, איז עס ניט אמת. זיי האָבען יאָ באַקעמפפט דעם אַנטיסעמיטיזם. והא ראיה: איז

זיין שטעדטעל ניקאָלאיעוו האָט מען מיט יאָהרען צוריק אַמאָל ארויסגעלאָזען אַ בלעטעל וועגען דעם; און צווייטענס, דאַרף מען טאַקע ניט באַקעמפען ס פּ ע צ י ע ל דעם אַנטיסעמי־טיזם. דער אַנטיסעמיטיזם, פאַרשטעהט איהר מיר, איז מעהר ניט אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער אומבאַוואוסטזיניגקייט פון די ברייטע מאַסען. דאַרף מען זיי מאַכען בכלל באַוואוסט־זיניג, און דעמאָלט וועט זיך זייער אַנטיסעמיטיזם ממילא אויס־וועפּען. רעדען מיט זיי ס פּ ע צ י ע ל וועגען אידען איז אַן איבעריגע זאַך.

דער דאָזיגער תירוץ איז געווען זעהר כאַראַקטעריסטיש. איך האָב זיך שפּעטער געטראָפען מיט איהם ביי אַן אַנדערען אַנגעזעהענעם טוער, — אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז עס געווען ריאַזאַנאָוו, — און ס'איז געווען מעהר ניט אַן אויסרייד צו פאַרדעקען פאַר זיך אַליין די אמת'ע שווערע שולד פון די רוסישע סאָציאַליסטען.

אַ רעדנער איז טראָצקי שוין דעמאָלט געווען אַ גלענצענ־דער, און אַ שרייבער אויך. אָבער די אַרטיקלען, וואָס ער האָט דעמאָלט געשריבען אין דער „איסקראַ", פלעגען אַרויסרופען זעהר שאַרפע פּראָטעסטען. ס'איז געווען די צייט, ווען די „איסקראַ" האָט געפיהרט אַ שאַרפע פּאָלעמיק מיט די „ס. ר.'ען" בכלל און וועגען זייער טעראָר בפרט. מילא, געגען אַ שאַרפע פּאָלעמיק קען מען קיין זאַך ניט האָבען, און טראָצקי איז טאַקע געווען אַ שאַרפער פּאָלעמיסט. ער האָט אָבער איבערגעכאַפּט די מאָס. מיט אַ יאָהר פריהער האָט דער יונגער „ס.־ר." באַלמאַ־שאָוו גע'הרג'עט דעם רוסישען אינערן־מיניסטער סיפּיאַגינ'ען. האָט די „איסקראַ" אָנגעהויבען אַ גאַנצע רייסעריי אַרום דער פּערזאָן פון דעם דאָזיגען יונגען מאַרטירער. פּלוצלינג האָט זי זיך גענומען צו באַווייזען, אַז באַלמאַשאָוו איז גאָר קיין „ס.־ר." ניט געווען, נאָר עפּעס גאָר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. די מעשה איז געווען אַ ליגען; די „איסקראַ"־לייט האָבען זיך אָבער פאַר־עקשנ'ט און גע'טענה'ט דאָס זייערע. באַלמאַשאָוו האָט בינו לבינו באַקומען זיין פּסק־דין און איז געהאָנגען געוואָרען. די פּאָלעמיק איז אָבער אָנגעגאַנגען ווייטער, און עס האָט אויסגע־זעהן גלייך ווי די צדדים וואָלטען זיך געהאַמפּערט אַרום אַ מת,

יעדער ציהענדיג איהם צו זיך. ס'איז געווען עקעלדיג. און דאָס איז געווען ניט דאָס איינציגע מיאוס'ע. די גאַנצע פּאַ־לעמיק האָט געהאַט אַ ניט שעהנעם ווידער־טעם. דער חבר פון די דאָזיגע אַרטיקלען אין „איסקראַ" איז געווען טראָצקי.

דער דאָזיגער ליטעראַרישער אינצידענט איז נאָר אַ פּרט, נאָר אַ ביישפּיל. אָבער דער ביישפּיל איז אַ כאַראַקטעריסטישער פאַר'ן גאַנצען פּנים פון דעם דעמאָלסדיגען טראָצקי'ן. ער איז געווען אַ מענש מיט אַ שאַרפען צונג. און די דאָזיגע צונג האָט געהאַט איבער איהם אַ גרעסערע השפּעה ווי דער שכל. אודאי איז ער נישט געווען קיין נאַר. אדרבה, ער האָט אויך דעמאָלט געהאַט אַ גוטען קאָפּ. אָבער שטאַרקער ווי דער שכל איז געווען ביי איהם דער שטורמדיגער יונגער אימפּעט, און קודם כל — די צונג. ס'איז דאָ פאַראַן אַ רוסיש שפּריכוואָרט וועגען אַ מענשען, וואָס צוליב אַ שעהנעם וואָרט האָט ער ניט קיין רחמנות אפילו אויפ'ן אייגענעם פאָטער. דאָס וואָלט מען געקענט זאָגען וועגען טראָצקי'ן, מיט אַן אונטערשיד: פאַר איהם איז געווען וויכטיג ניט דאָס וואָרט, נאָר דאָס שטעכענדיגע וואָרט. ער איז געווען אַ שטיקעל פּלאַפּלער. מען האָט שוין דעמאָלט געזעהן, אַז דער מענש האָט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען. ער האָט גלענ־צענד געשריבען און נאָך בעסער גערעדט. אָבער ער פלעגט ניט מאַכען דעם איינדרוק פון אַ מענשען, אויף וועלכען מען קאָן זיך פאַרלאָזען. די צונג האָט ביי איהם פאַרנומען אַ צו־גרויסען אָרט.

אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָט ער זיך שטאַרק געביטען — געוואָרען דערוואַקסענער, סאָלידער, ערנסטער, אָבער די צונג איז געבליבען.

# דער פינפטער צוזאמענפאהר פון „בונד.“

איך בין געפאהרען פון קארלסרוהע קיין היידעלבערג, פון היידעלבערג קיין בערלין, גערעדט אויף פארזאמלונגען, געהערט דיסקוסיעס; פון בערלין האב איך געהאט בדעה אומצוקערען זיך קיין מינכען. גראד דעמאלט אבער האב איך באקומען א בריף פון דער צענטראל־ביורא פון די בונדישע גרופען מיט אן אויפפאדערונג, איך זאל קומען צו פאהרען קיין זשענעוו. אין א קורצער צייט ארום האט געדארפט פארקומען דער פינפטער צוזאמענפאהר פון „בונד“, און דער אויסלענדישער קאמיטעט רופט צונויף א בעראטונג פון די מעהר אנגעזעהענע חברים, וואס געפינען זיך אין אויסלאנד, ארומצורייידען געוויסע פראגען און צוצוגרייטען מאטעריאל פאר'ן צוזאמענפאהר. די דאזיגע בעראטונג האט געדארפט פארקומען אין זשענעוו, און מען בעט מיך צו קומען צו א באשטימטער צייט. בין איך געפאהרען אין זשענעוו.

אויף דער זשענעווער בעראטונג זיינען זיך צונויפגעקומען א צעהנדליג חברים, מיטגלידער פון אויסלענדישען קאמיטעט און א רייהע אנדערע אנגעזעהענע טוער, וואס זיינען ניט לאנג געקומען פון רוסלאנד. פון אויסלענדישען קאמיטעט זיינען געקומען דריי מיטגלידער — דזשאהן מיל, וועגען וועלכען איך האב שוין פריהער דערמאהנט; טימאפיי (דר. קאפעלזאן), איינער פון אונזערע עלטסטער טוער; און אלעקסאנדער (ארקאדי קרעמער). אלעקסאנדער'ן האב איך דעמאלט געטראפען צום ערשטען מאל, אבער געהערט וועגען איהם האב איך שוין לאנג. ביז'ן גרויסען בונדישען ארעסט פון 1898 איז ער געווען די צענטראלע פיגור פון אונזער באוועגונג: א פיאנער, אן אנפיהרער און א טאן־געבער. פער־

זענליך איז עס געווען אַן אייגענאַרטיגער און אינטערעסאַנטער מענש. זיין נאָמען איז שוין אַרומגעוועבט געווען מיט אַ מאַסע לעגענדעס און אַנעקדאָטען. אַ מענש פון אַ קליינעם וואוקס, אַ קיילעכדיגער, מיט גרויסע וואָנצעס און אַ קורץ־געשוירענעם בער־דעל, מיט קליינע קלוגע אויגען, שטענדיג מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, איז ער אויסערליך געווען גאָר ניט אָנזעהענדיג. אונטער דעם דאָזיגען געוועהנליכען אויסזעהן האָט זיך אָבער באַהאַלטען אַן אויסערגעוועהנליך שאַרפער מח. די הויפּט־אייגענשאַפט פון דעם דאָזיגען מח איז געווען זיין קריטישער, איראָנישער שניט. אויסגעפינען אַ חסרון אין אַ זאַך, אַ שוואַכען באַוויז, אַ פאַלשע — אָדער גלאַט מיט אַ קורצען „עט" און אַ מאַך מיט דער האַנד — ראיה און אוועקמאַכען דאָס מיט אַ פּאָר שטעכעדיגע ווערטער, דאָס איז געווען פאַר איהם פון די ליבסטע זאַכען, און אַ צינגעל האָט ער געהאַט ווי אַ נאָדעל. און אַ גראָבע שפּראַך האָט ער אויך געהאַט און פלעגט ניט מורא האָבען פאַר אַ געדיכטען „רוסישען וואָרט". קען מען נאָך מיינען, אַז ער איז געווען אַ שלעכטער און אַ בייזער? איז פונקט פאַרקעהרט. אַ גאָלדענע נשמה! אַ ווייכהאַרציגער, גוטמוטיגער מענש. נאָר וואָס דען? די שאַ־לעכץ איז געווען אַ האַרטע, און אַמאָל קומט אַ גרויסע האַרטקייט און גראָבקייט דוקא פון ווייכהאַרציגקייט און פון שעמעוודיגקייט. און דער דאָזיגער עלטערער גראָבער איד האָט טאַקע געהאַט אין זיך אַ היבש ביסעל שעמעוודיגקייט. ער האָט, למשל, מורא געהאַט אַרויסצוטרעטען עפענטליך, זיך אַריינגעשלאָגען אין קאָפּ, אַז ער קען ניט רעדען, און מ'האָט איהם מיט צוואַנגען ניט געקענט אַרויפשלעפּען אויף דער טריבונע. איך געדענק אַזאַ מין עפּיזאָד: דאָס איז שוין געווען שפּעטער, אין 1906, אין ווילנא. כ'בין אַנ־וועזענד געווען אויף אַ זיצונג פון צ. ק. און מען האָט צווישען אַנדערע זאַכען באַשלאָסען צו שיקען אימיצען אויף אַ צוזאַמענ־פאָהר פון די אייזענבאַהן־אַנגעשטעלטע (אין יענער צייט איינע פון די וויכטיגסטע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד) צו באַגריסען איהם אין נאָמען פון „בונד". מען שלאָגט פאָר אַלעקסאַנדער'ן. יענער ווערט געוואַלדיג צוקאָכט: „משוגע זייט איהר? איך זאָל פאָהרען? איך זאָל רעדען? עס הויבט זיך ניט אָן!" ס'איז אָבער אויסגעקומען, אַז קיין צווייטער האָט ניט געקענט פאָהרען,

און דער צ. ק. באשליסט: אלעקסאנדער (דאמאלסט האט ער שוין געהייסען סאלאמאן) ווערט געשיקט. שפרינגט ער אויף אין א געוואלדיגען כעס, לויפט ארויס פון צימער, דערלאנגט אזא קלאפ מיט'ן טיר, אז דאס הויז טרייסעלט זיך, און... פאהרט פונ־דעסטוועגען: אז דער צ. ק. הייסט, איז ניטא קיין ברירה. אין עטליכע טעג ארום קומט ער צוריק. „נו?" — פרעגען מיר איהם. „פארברענט זאלט איהר ווערען — ענטפערט ער אויף זיין שטייגער — ווי נאר איך בין אריינגעקומען אין דעם זאל, שלעפט מען מיך ארויף אויף דער טריבונע און מען הייסט מיך רעדען. ווענען וואס? וואס דו ווילסט, אבער רעד! און וואס מיינט איהר — גיט ער צו מיט א פארשעהמטען און פארוואונדערטען שמייכעל — איך האב טאקע גערעדט, און ס'איז געווען גארניט שלעכט." דער איד איז דאמאלסט געווען א יאהר פערציג אלט.

מען האט מיר אמאל דערצעהלט, ווי אזוי אלעקסאנדער האט זיך צעקריגט מיט פלעכאנאוו'ען. דאס איז געווען נאך אין די נײַנציגער יאהרען. פלעכאנאוו איז געווען אין ציריך, און אלעק־סאנדער איז געקומען פון רוסלאנד צו פיהרען מיט איהם אונטער־האנדלונגען וועגען עפעס א פארטיי־ענין. זיי האבען זיך געטראפען ערגעץ אונטער דער שטאדט אין א וועלדעל. צוזאמען מיט פלע־כאנאוו'ען זיינען געקומען אקסעלראד און וויערא זאסוליטש. מען דארף וויסען, אז פלעכאנאוו האט ליב געהאט דרך־ארץ און איז געווען צוגעוואוינט, אז מען זאל מיט איהם רעדען מיט גרויס אכטונג. אבער אלעקסאנדער און דרך־ארץ — דאס זיינען צוויי גאר ווייטע זאכען. האט זיך אנגעהויבען א ויכוח, ווערט פלע־כאנאוו צוהיצט און רעדענדיג וועגען עפעס א זאך, מאכט ער: „איך האב דאך אייך געזאגט, אז עס מוז זיין אזוי". מאכט אלעקסאנדער איינעם פון זיינע איראנישע זשעסטען און לאזט אויס מיט א שטעכעדיגען שמייכעל: „הערסט! ער האט געזאגט!" דערלאנגט זיך פלעכאנאוו א קעהר און ניט זאגענדיג ווייטער קיין איין ווארט, געהט ער אוועק צוזאמען מיט זיינע חברים, און אלעק־סאנדער בלייבט אליין אין וואלד. פון יענער צייט אן פלעגען זיי ניט רעדען.

דיזער מענש פלעגט האבען אויסערגעוועהנליך וויציגע איינפאלען. אין 1902, ווען ער האט שוין געלעבט אין אויסלאנד, האט ער זיך

אריבערגעכאפט אונלעגאל אין רוסלאנד, אין ביאליסטאק, וואו ס'איז דאמאלסט פארגעקומען א קליינע קאנפערענץ מיט עטליכע רוסישע חברים. באלד נאך דער קאנפערענץ זיינען אלע ארעסטירט געווארען, נאר אלעקסאנדער האט זיך ארויסגעראטעוועט. ער איז שוין געווען אויפ'ן וואקזאל און געקליבען זיך אוועקצופאהרען. פלוצלונג זעהט ער, אז עס געהען נאך איהם שפיאנען, און אט־אט וועלען זיי איהם ארעסטירען. זיי וואקלען זיך אבער נאך. קענטיג, אז זיי זיינען ניט אינגאנצען זיכער, אז דאס איז טאקע דער „נפש”. טוט זיך אלעקסאנדער א כאפ, געהט צו צום זשאנדארם, וואס געהט ארום אויף דער פלאטפארמע, מאכט א מינע פון א פראסטען אידען און הויבט אן צו טענה'ן, אז ער האט פארלארען זיין בילעט און אז'ער האט ניט קיין געלט צו פאהרען ווייטער, און אז דער זשאנדארם זאל איהם לאזען פאהרען אומזיסט. זעהענדיג, אז דער מענש שמועסט מיט א זשאנדארם, האבען די שפיאנען געמיינט, אז ס'איז געוויס ניט דער, וועמען זיי זוכען, און האבען איהם געלאזט צורוה, און אלעקסאנדער איז בשלום אוועקגעפאהרען.

די לעצטע פאר יאהר פאר דער בעראטונג האט ער פארבראכט אין לאנדאן. צוליב איהם האט מען אייגענטליך געדארפט אריבערטראגען אהין דעם אויסלענדישען קאמיטעט פון „בונד”. ווארים אין יאהר 1901 האט זיך געטראפען אזא מעשה: בעת די גרויסע סטודענטען־אונרוהען פון יענעם יאהר איז אין זשענעוו פארגעקומען א רוסישע דעמאנסטראציע. מען איז געגאנגען צום רוסישען קאנסולאט און מען האט אראפגעריסען פון הויז דעם קייזערליכען אדלער. א טייל אנטיילנעהמער אין דער דעמאנסטראציע זיינען ארעסטירט געווארען און ארויסגעשיקט געווארען פון דער שווייץ. צווישען זיי איז אויך געווען אלעקסאנדער. האט ער געמוזט אפפאהרען אין לאנדאן, און צוזאמען מיט איהם האט זיך אריבערגעקליבען דער אויסלענדישער קאמיטעט.

פון די אנדערע טהוער זיינען געווען אנוועזענד מיינע צוויי אלטע מינסקער באקאנטע — בארים פרומקין און זשעניא הורוויטש, וועלכע איז דאמאלסט באלד נאך דער בעראטונג אוועקגעפאהרען אין אמעריקא. ווייטער זיינען געווען צוויי ווילנער — לענסקי (איצט איז ער א קאמוניסט און, ווי מען גיט מיר איבער, א געהילף פון פארזיצענדען פון דער „טשערעזוויטשייקע”) און מאקס מאזא־

וועך. אַ חוץ זיי זיינען נאָך געקומען צוויי חברים, וועמעס נעמען זיינען אין די שפּעטערע יאָהרען געוואָרען ברייט באַקאַנט. דאָס זיינען געוועזן ליבער און אַבראַמאָוויטש.

מיט ליבער'ן האָב איך זיך בעקענט מיט עטליכע חדשים פריהער, ווען ער איז געקומען פון רוסלאַנד. ער איז שוין דאָמאָלסט געוועזן אַ גאַנץ וויכטיגער טהוער; נאָך ניט קיין מיטגליד פון צענטראַלען קאָמיטעט (דערצו איז ער נאָך געוועזן צו יונג און צו היציג), אָבער דאָך אַ פּראָפעסיאָנעלער טוער. אין די פריהערדיגע יאָהרען פלעגט ער פאַרברענגען אַ צייט אויך אין די שווייצערישע קאָלאָניעס און איז געוועזן באַקאַנט דאָרטען אונטער'ן נאָמען איסאַקאָוו. אין רוסלאַנד איז זיין נאָמען צו יענער צייט געוועזן — אָשר. אַלט איז ער געוועזן בלויז 23 יאָהר, אָבער אויסגעזעהן אַ סך עלטער. זעהר בלאַס מיט אַ טונקעל־געלער פאַרב פון פּנים, מיט אַ שוואַרצען באָרד און ברענענדיגע שוואַרצע אויגען, אַ דאַרער, אַ קרענקליכער, געוואַלדיג נערוועז, מיט אַ פייערדיגען טעמפּעראַמענט, מיט אַ זעלטענער ענערגיע און איבערגעבענהייט, אַ גלענצענדער רעדנער. ס'איז געוועזן אַ טיפּישער רעוואָלוציאָנער. ס'איז געוועזן אַ מענש, אויף וועלכען מען האָט געלעגט די גרעסטע האָפנונגען; און מען מעג זאָגען וועגען איהם וואָס מען וויל, אָבער אַ טויט־מענש איז ער קיינמאָל ניט געוואָרען. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917 האָט ער זיך אַרויסגערוקט אויפ'ן סאַמע ערשטען פּלאַן און פאַרנומען אַן אָרט צווישען די ערשטקלאַסיגע פּאָליטישע פיגורען. שפּעטער האָט איהם זיין טעמפּעראַמענט פאַרטראָגען ווייט אַראָפּ פון וועג. אין די באָלשעוויסטישע קרייזען איז זיין נאָמען געוואָרען אַ זידעל־וואָרט. איך האָב ליידער, ניט קיין גענויע ידיעות, ווי ווייט ער איז אַוועק אויף רעכטס. איך רעכען, אַז אין דעם, וואָס די באָלשעוויקעס דערצעהלען וועגען איהם, איז דאָ אַ סך פאַלשקייט. וואָרים וואָלט ער באמת געוועזן אַזאַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, ווי זיי זאָגען אויף איהם, וואָלט ער ניט אַרומגעגאַנגען פראַנק און פריי (מען האָט איהם אפילו עטליכע מאָל אַרעסטירט, אָבער אַלע מאָל באַפרייט אָהן אַ משפּט). איין זאַך קען איך אָבער יאָ זאָגען: ווי שטאַרק ער זאָל ניט פאַרבלאָנדזשען, איז אַלענפאַלס יעדע האַנדלונג זיינע אַלע מאָל אַן אויסדרוק פון אַן אַבסאָלוט ערליכער, טיף־אויפריכטיגער איבערצייגונג. ער גע־

הערט צו די פּערזענליך רײנסטע מענשען, װעלכע איך האָב נאָר אמאָל געטראָפען.

אבראמאָװיטש'ען האָב איך צום ערשטען מאָל געטראָפען אויף דער זשענעװער בעראַטונג. ער איז אויך מיט עטליכע חדשים פריהער אװעקגעפאָהרען פון רוסלאַנד. ער איז אויך געװען א יונגער מענש פון א יאָהר 24 און אויך אויסגעזעהן עלטער פון זיינע יאָהרען. ער האָט ניט געהאַט דעם אויסערליכען גלאַנץ פון ליבער'ן. ער איז אָבער געװען שוין דאַמאָלסט א מענש פון א מעהר ברייטער און פילזייטיגער בילדונג און פון א טיפערען געדאַנק. א מעהר רוהיגער, װי ליבער, א געלאַסענער רעדנער (קיין שרייבער זיינען זיי דאַמאָלסט ביידע ניט געװען), אָבער א מענש מיט אן אייזערנעם װילען און אן אייזערנער אויסגעהאַלטענקייט. אין די פּאַרטיי־קרייזען האָט מען איהם דאַמאָלסט װעניגער געקענט, װי ליבער'ן. ער איז נאָך ניט געװען קיין „פּראָפעסיאָנאַל", נאָר אן אָרטיגער טוער. אָבער שוין אין א יאָהר ארום איז ער אריין אין דעם צענטראַלען קאָמיטעט.

די דאָזיגע צװיי מענשען זיינען געװען די סאַמע בעדייטענדסטע פאָרשטעהער פון דעם יונגען בונדישען דור, און מען האָט פון זיי ביידע ערװאַרט זעהר פיל.

װי איך האָב שוין פריהער אָנגעװיזען, האָט אונזער בעראַטונג געדאַרפט טהאָן א צוגרייטונגס־ארבייט צו דעם קומענדען צוזאַמענפאָהר פון „בונד". די צװיי הויפּט־פראַגען, װאָס זיינען געשטאַנען אויף דער טאָגעסאָרדנונג, זיינען געװען — די נאַציאָנאַלע פראַגע און די בעציהונג פון „בונד" צו דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די ערשטע פראַגע איז געשטאַנען צוליב דעם, װאָס די רעזאָלוציע פון פערטען צוזאַמענפאָהר, װעלכער האָט מיט צװיי יאָהר פריהער פאָרמולירט דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד", איז געװען ניט אינגאַנצען בעפרידיגענד און פלעגט ארויסרופען גאַנץ שטאַרקע חלוקי דעות. די צװייטע פראַגע איז אָבער געװען בעזונדערס ברענענדיג, װאָרים מען האָט געהאַלטען ערב א צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדער פּאַרטיי; דעם דאָזיגען צוזאַמענפאָהר האָט געהאַלטען אין צוגרייטען אן אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט, געבילדעט פון די „איסקרא־לייט; די העצע געגען דעם „בונד" איז דערגאַנגען ביז צו דער העכסטער מדרגה און ס'איז

געווען קלאָר, אַז די דאָזיגע פראַגע וועט אויפ'ן צוזאַמענפאָהר גע־שטעלט ווערען אויפ'ן שפּיץ מעסער. מען האָט דעריבער געדאַרפט זיך גוט פאַרטראַכטען וועגען אונזערע פאָדערונגען צו דער פּאַרטיי און אויסאַרבייטען גענויע אינסטרוקציעס פאַר די בונדישע דעלע־גאַטען.

מיר האָבען זיך גענומען צוביידע פראַגען מיט דער גרעס־טער אָנשטרענגונג. איך געדענק, ווי מיר פלעגען מיט אבראַמאָ־וויטש'ען זיצען בעת די הפסקות פון דער באַראַטונג אין אַ זשע־נעווער גאָרטען און שלייפען די רעזאָלוציע וועגען דער נאַציאָנאַלער פראַגע, פּלפּול'ענדיג זיך וועגען יעדען אויסדרוק, אויסטאָקענדיג יעדען וואָרט. סוף כל סוף איז די רעזאָלוציע פאַרטיג געוואָרען, און די באַראַטונג האָט זי אָנגענומען. מען האָט מיר געגעבען דעם אויפטראַג צוצוגרייטען אַ רעפעראַט פאַר'ן צוזאַמענפאָהר, און איך האָב דאָס טאַקע צוגעגרייט און אָנגעשריבען.

אויך וועגען דער אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע האָט מען אויסגע־אַרבייט אַ גרויסע רעזאָלוציע — אַ פּראָיעקט פון סטאַטוט, וואו אונזערע פאַרלאַנגען זיינען געווען אויסגעדריקט אין אַ גאַנצער רייהע פון קלאָר־פאָרמולירטע פּונקטען. דאָ האָט מען געשלאָסען די באַראַטונג, און איך האָב זיך אויף אַ קורצע צייט אריבערגעכאַפּט קיין בערן.

דער צוזאַמענפאָהר גופא האָט זיך אָנגעהויבען מיט עטליכע וואָכען שפּעטער. אַלע פריהערדיגע צוזאַמענפאָהרען פון „בונד" זיינען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד. דאָס מאָל איז אָבער די אַרבייט פון די שפּיאָנען געוואָרען אַזוי אינטענסיוו, אַז מיר האָבען געהאַל־טען פאַר צו ריזיקאַליש צו שטעלען אין געפאַהר די גאַנצע עקזיס־טענץ פון דער אָרגאַניזאַציע; אונזער באַראַטונג האָט געפונען, אַז איצט דאַרף מען אָפּטרעטען פון דער טראַדיציע און מאַכען דעם צו־זאַמענפאָהר אין אויסלאַנד. צו באַשליסען דאָס האָבען מיר ניט געהאַט ניט קיין רעכט און ניט קיין מעגליכקייט; דער בעל הבית איז געווען דער צענטראַלער קאָמיטעט; אָבער מיר האָבען בעשלאָ־סען צו שיקען ליבער'ן אין רוסלאַנד צום צ. ק., איבערצוגעבען איהם אונזער מיינונג און ווירקען, אַז זי זאָל אָנגענומען ווערען. דער צ. ק. האָט טאַקע געפאָלגט אונזער עצה (און אפשר האָט ער שוין סיי ווי געהאַט בדעה צו טאָן אַזוי), און דער צוזאַמענפאָהר

איז פאָרגעקומען אין צוריך. ניט קוקענדיג דאַרויף, זיינען אַלע כללים פון קאָנספּיראַציע אָפּגעהיט געוואָרען אויפ׳ן גלענצענדסטען אופן. קיינער, א חוץ די דעלעגאַטען און א פּאָר חברים, וועלכע האָבען מיטגעהאָלפען אין דעם אָרגאַניזירען דעם צוזאַמענפאָהר, האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז פאָרגעקומען, און אפילו נאָך א צייט מיט יאָהרען שפּעטער איז דאָס נאָך אַלץ געווען א סוד.

א חוץ די דעלעגאַטען, וואָס זיינען געקומען פון רוסלאַנד, און דעם אויסלענדישען קאָמיטעט, האָט מען צוגעלאָזען אויפ׳ן צו־זאַמענפאָר בלויז באָרים פרומקין און מיר.

איך האָב געוואַרט אויפ׳ן צוזאַמענפאָהר מיט דער גרעסטער אונגעדולד. צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען האָב איך זיך גע־דאַרפט באַטייליגען אין א צוזאַמענפאָר פון „בונד“. בעת די ער־שטע דריי צוזאַמענפאָהרען בין איך נאָך ניט געווען קיין מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע; ווען עס איז פאָרגעקומען דער פערטער צוזאַ־מענפאָר, בין איך גראַד געזעסען אין טורמע; אַזוי אַרום האָב איך ערשט אין יאָהר 1903 געהאַט דעם כבוד און דאָס פאַרגעני־גען צו באַטייליגען זיך אין דער זיצונג פון דעם פּאַרטיי־פּאַרלאַ־מענט.

ווען איך בין געקומען אין צוריך און אַריין אין זאַל (ס׳איז געווען א קליין צימערל ביי אן „אַלקאָהאָל־פרייען רעסטאָראַן“, ניט ווייט פון וואָקזאַל), זיינען שוין אַלע דעלעגאַטען געווען אויפ׳ן אָרט. עס זיינען געזעסען עטליכע צעהנדליג מאַן (און א פּאָר פרויען); צום טייל מענשען פון די מיטעלע יאָהרען, צום טייל יונגע לייט. איך בין געווען איינער פון די סאַמע אינגסטע. קיין באַקאַנטע האָב איך צווישען דעם עולם (חוץ די „אויסלענדער“) ניט געהאַט. ווי נור איך בין אָבער אַריין אינ׳ם צימער, איז צו מיר צוגעגאַנגען א הויכער, דאַרער איד, מיט א געלע באָרד, א קוק געטאָן אויף מיר מיט א שמייכעל און געפרעגט: „איהר דערקענט מיר ניט?“ און איך האָב זיך באַלד דערמאָנט. מיט עטליכע יאָהר פריהער אין מינסק, האָב איך אַמאָל געטראָפען ביי דעם עלטערען גערשוני (דעם דאָקטאָר) צוויי מענשען. איי־נער פון זיי איז געווען א הויכער יונגער מאַן אין א בלויער בלוזע, דעם צווייטען געדענק איך ניט; זיי זיינען געלאָפען פון סיביר און, ווי דער שטייגער איז, זיינען זיי פאַרפאָרען צו גערשוני. גער־

שוני האָט מיך דאַמאָלט אַרויסגערופען אין אַ צווייטען צימער און געוויזען מיר אַ פּאַס. דער פּאַס איז געווען אַ פּאַרטיגער, מיט אַ נאָמען און מיט אַ שטעמפּעל, עס האָט אָבער נאָך געפעהלט די אונטערשריפט פון „סטאַראָסטאַ". „נאַט אייך אַ פּען און שרייבט אונטער", האָט ער מיר געזאָגט. איך האָב אונטערגעשריבען דעם נאָמען פון אַ „סטאַראָסטאַ" און דער הויכער יונגער מאַן האָט באַקומען דעם פּאַס. אָט דאָס איז געווען דער הויכער איד מיט דעם געלען באָרד, און דאָס איז געווען דער אָפיציעלער פאָרשטעהער פון צענטראַלען קאָמיטעט, די הויפּט פיגור פון „בונד", דער באַוואוסטער נח.

נח איז געווען אין יענע יאָהרען דאָס זעלבע, וואָס אַלעקסאַנדער איז געווען ביז'ן יאָהר 1898 — די צענטראַלע אַקס פון דער פּאַרטיי. אַ געלאַסענער רייפער מענש, וועלכער פלעגט רעדען לאַנגזאַם, אבוועגענדיג יעדען וואָרט, אַ פאָרזיכטיגער, אַ פּינקטליכער, אַ געוויסענהאַפטער, אַן איבערגעבענער, איינער פון די מענשען ביי וועלכע מען פיהלט, אַז מען קען זיך פאַרלאָזען אויף זיי, ווי אויף אַ שטיינערנעם באַרג — אַן אמת'ער פירער פון אַן אומלעגאַלער פּאַרטיי. ביי היינטיגען טאָג איז ער שוין ווייט איבער 25 יאָהר אין דער באַוועגונג, און ער איז נאָך אַלץ דער זעלבער געטרייער בונדיסטישער טוער, ווי אין די לאַנג פאַרגאַנגענע אַמאָליגע צייטען.

אַ צווייטער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען וויטאַלי (יודין־אייזענשטאַט). שוין דעמאָלט איז ער געווען איבער 35 יאָהר אַלט (פאַר יענער צייט איז עס געווען אַן אמת'ער „זקן"). אַ ברייטער, אַ דיקליכער, מיט אַ גרויסען שוואַרצען באָרד, האָט ער געהאַט אַ בעל הבית'שען אויסזעהן, וואָס פלעגט איהם זעהר קומען צוניץ ביי דעם קאָנספּיראַטיווען אונלעגאַלען לעבען. אויף דער אייזענבאַהן פלעגט מען איהם האַלטען פאַר אַ סוחר. איבריגענס פלעגען אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט זיך באַמיהען צוליב קאָנספּיראַציע אויסצוזעהן וואָס מעהר בעל־הבית'ש. עס האָט זיך מיר באַלד געוואָרפען אין די אויגען, וואָס זיי פלעגען אַלע טראָגען האַרטע היטלען (פאַר מיר איז דאָס געווען אַ סימן פון אַ „בורזשואַזען" אויסזעהן)..

ווייטער זיינען דאָ געווען נאָך צוויי מיטגלידער פון צ. ק. —

רחמיאל (וויינשטיין) און יונה (קאָגען). דער ערשטער האָט גע־שפּילט אין די רעוואָלוציאָנערע יאָהרען אין רוסלאַנד אַ גאַנץ באַ־דייטענדע ראָלע; איצט איז ער אַ קאָמוניסט. דער צווייטער איז אויך געוואָרען אַ קאָמוניסט און פאַרנעהמט אַ וויכטיגען פּאָס־טען אין דער רוסישער מיסיע אין בערלין.

אין פּרעזידיום פון צוזאַמענפאָר זיינען אויסגעקליבען געוואָ־רען פיר אָנגעזעהענסטע מענשען: צוויי מיטגלידער פון צענטראַ־לען קאָמיטעט (נח און וויטאלי) און צוויי מיטגלידער פון אויס־לענדישען קאָמיטעט (אַלעקסאַנדער און וולאַדימיר קאָסאָווסקי). די דאָזיגע צוויי פּאָרן פלעגען זיך בייטען אַ זיצונג נאָך אַ זיצונג.

דער פּונקט וועגען דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט ניט פאַר־נומען זעהר אַ סך צייט. נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלייענט (אויף רוסיש) מיין רעפעראַט און ליבער האָט איהם איבערזעצט אויף אידיש, האָט זיך אָנגעהויבען אַ דיסקוסיע. די מיינונגס־פאַרשידענהייטען זיינען געווען גאַנץ טיפע. עס האָבען זיך גע־הערט אַ פּאָר רעדעס מיט אַן אָבקלאַנג פון אסימילאַטאָרישע שטי־מונגען: — די אידען וועלען בשום אופן ניט קענען עקזיסטירען אַלס נאַציע, און אַווטאָנאָמיע איז אַן אַבסאָלוט איבעריגע זאַך. מעס־טענדיג אויפ'ן אויג, קען מען זאָגען, אַז די אנהענגער און די געג־נער פון דעם נאַציאָנאַלען פּראָגראַם האָבען זיך אויף יענעם צו־זאַמענפאָר צעטיילט גלייך אויף גלייך. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז געווען קלאָר, אַז קיין אויטאָריטעטע רעזאָלוציע קאָן ניט אָנ־גענומען ווערען. די פראַגע מוז נאָך ברייטער דיסקוטירט ווערען אין דער פּאַרטיי־פּרעסע. דער צענטראַלער קאָמיטעט האָט דעריבער פאָרגעלעגט אַראָפּצונעהמען די פראַגע פון טאַגעס־אָרדנונג, און דער צוזאַמענפאָהר האָט אָנגענומען דעם דאָזיגען פאָרשלאַג. נאָך מעהר, עס איז באַשלאָסען געוואָרען אויסצומעקען אפילו די דעבאַ־טען פון די פּראָטאָקאָלען, און ניט דערמאָנען אין דעם באַריכט, אַז די דאָזיגע פראַגע איז בכלל געשטאַנען אויף דער טאַגעס־אָרדנונג. מען האָט געהאַט מורא, אַז עס וועט מאַכען אַ שלעכטען איינדרוק, ווען מען וועט זיך דערוויסען, אַז דער צוזאַמענפאָהר האָט אַרומ־גערעדט אַ פראַגע און ניט אָנגענומען קיין באַשלוס.

זעהר אַ סך צייט האָט פאַרנומען אַ צווייטע פראַגע: וועגען דער באַציהונג צו דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַר־

טיי, ריכטיגער געזאָגט, וועגען דעם אָרט, וואָס דער „בונד" דאַרף פאַרנעמען אין דער פּאַרטיי. וואָרום דער „בונד" איז געווען אַ טייל פון דער רוסלענדער פּאַרטיי פון דעם ערשטען טאָג אָן פון איהר גרינדונג.

אויף וויפיל איך געדענק, זיינען ביי אונז ניט געווען קיין באַדייטענדע מיינונגס־פאַרשידענהייטען. שוין מיט צוויי יאָהר פריהער איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז די אַלגעמיינע פּאַרטיי זאָל זיין אַ פעדעראַציע פון די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. ביי דער מיינונג איז געבליבען אויך דער פינפטער צוזאַמענפאָהר און מען האָט אָנגענומען אַ רייהע פּונקטען, וועלכע האָבען אויסגעדריקט דעם דאָזיגען געדאַנק. מיר האָבען אָבער אַלע געוואוסט, אַז דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָהר וועט אין זיין גרעסטער מעהרהייט באַשטעהן פון די „איסקראַ"־לייט, און אַז זיי וועלען גאַנץ באַשטימט אָפּוואַרפען אונזער פּראָיעקט. האָט מען געדאַרפט באַשליסען, וואָסערע הנחות אונזערע דעלעגאַטען קענען מאַכען. און אַזוי אַרום האָט דער צוזאַמענפאָהר געמוזט חוץ דעם פּראָיעקט־מאַקסימום אויסאַרבייטען נאָך אַ פּראָיעקט־מינימום, וועלכער דאַרף ענטהאַלטען יענע אַבסאָלוט נויטווענדיגע באַדינגונגען, פון וועלכע דער „בונד" קען זיך בשום אופן ניט אָפּזאָגען. אויב דער דאָזיגער מינימום וועט אויך אָפּגעוואָרפען ווערען, דאַן דאַרפען אונזערע דעלעגאַטען ערקלערען, אַז דער „בונד" טרעט אַרויס פון דער רוסלענדער פּאַרטיי.

ביים אויסאַרבייטען ביידע באַשלוסען זיינען פאָרגעקומען זעהר ליידענשאַפטליכע דעבאַטען. ניט קוקענדיג אויף די פאַרביסענע פּאָלעמיק, וואָס די „איסקראַ" האָט אין משך פון די צוויי יאָהר געפיהרט געגען דעם „בונד", האָט אַ טהייל פון אונזערע לייטע נאָך אַלץ ניט אָנגעוואָרען אַ געוויסען צוטרויען צו די טוערס פון דער רוסישער באַוועגונג. ביי אַ גאַנצער רייהע פּונקטען, וועלכע האָבען געדאַרפט באַוואָרענען די רעכט פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס, פלעגען די דאָזיגע חברים טענה'ן: „וואָס דאַרפט איהר זיך פאַרנעהמען מיט אַזעלכע פּרטים? דאָס זיינען דאָך זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַכען. קיינער וועט דאָך ניט זיין געגען דעם. ס'איז אַן איבעריגע זאַך צו רעדען וועגען דעם". אַ צווייטער טהייל אָבער — און קודם כל די, וואָס האָבען געלעבט אין אויס־

לאַנד און זיינען געווען נאָהענטער באַקאַנט מיט די אמת׳ע כונות פֿון דער „איסקראַ״, האָבען געהאַלטען, אַז אין אַזעלכע פֿאַלען איז ניטאָ קיין „זעלבסטפֿאַרשטענדליכע״ זאַכען. זיי האָבען אָנגעוויזען, אַז די „איסקראַ״ האָט אונז פֿיינט ווי די גאַל, אַז זי שטרעבט צו פֿאַרניכטען דעם „בונד״ פֿאַר יעדען פּרייז. און אויב דער „בונד״ וויל פֿאַרבלייבען אין דער פּאַרטיי, דאַרף ער האָבען גאַנץ באַשטימטע און גאַנץ גענויע גאַראַנטיעס, אַז מען וועט איהם טאַקע לאָזען לעבען. פֿאַרלאָזען זיך אויף יענעמ׳ס יושר איז נאַאיוו און ניט דערלאָזבאַר.

די ווייטערדיגע געשעהעניסען האָבען דערוויזען, אַז גערעכט איז געווען טאַקע אָט דער צווייטער צד. דאָס, וואָס פֿאַר אונזערע נאַאיווע חברים איז געווען אַ „זעלבסטפֿאַרשטענדליכע זאַך״, איז פֿאַר דער „איסקראַ״ געווען פּונקט פֿאַרקערט, דער גרעסטער חטא. פֿאַר זיי איז געווען גראָד „זעלבסטפֿאַרשטענדליך״, אַז מען דאַרף אָננעמען אַלע מיטלען כדי דער „בונד״ זאָל אינגאַנצען אויפֿהערען צו עקזיסטירען.

סוף כל סוף האָט מען אויסגעאַרבייט דיביידע פּראָיעקטען. די מעהר פֿאָרזיכטיגע חברים, וועלכע האָבען געשטאַנען פֿאַר די גענויע גאַראַנטיעס, האָבען אין אַלגעמיין אויסגעפֿיהרט.

דאָס זיינען געווען די צוויי הויפּט־פֿראַגען. חוץ דעם האָט דער צוזאַמענפֿאָהר אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגען ציוניזם, אָפּגעשאַפֿט דעם פֿריהערדיגען באַשלוס וועגען „אָרגאַניזירטער נקמה״, באַשלאָסען, אַז דער צענטראַלער קאָמיטעט זאָל חוץ דעם צענטראַלען אָרגאַן, „די אַרבייטער־שטימע״, אַרויסגעבען נאָך אַ פּאָפּולערע צייטונג. און אַזוי ווייטער. דאַן איז מען זיך פֿונאַנדערגעפֿאָהרען. געבליבען זיינען אין אויסלאַנד יענע חברים, וועלכע האָבען געדאַרפֿט פֿאָהרען אויפֿ׳ן צוזאַמענפֿאָהר פֿון דער רוסלענדער פּאַרטיי.

57.

# בריסעל און לאָנדאָן.

דער „בונד" האָט געהאַט דאָס רעכט צו שיקען אויפ'ן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָהר בלויז 5 דעלעגאַטען: דריי פון צענטראַלען קאָמיטעט און צוויי פון אויסלענדישען. דער צענטראַלער קאָמיטעט האָט געשיקט צוויי אָנגעזעהענסטע מיטגלידער, נח און יודינ'ען. אַלס אַ דריטען האָט ער דעלעגירט ליבער'ן, וועלכער איז טאַקע געוואָרען דער הויפּט־רעדנער פון דער בונדישער דעלעגאַציע. פון דעם אויסלענדישען קאָמיטעט האָבען געדאַרפט פאָהרען אַלעקסאַנדער און וולאַדימיר. מען האָט זעהר געוואָלט, אַז איך זאָל אויך זיין אין דער דעלעגאַציע, אָבער ס'איז שוין ניט געווען קיין אָרט. די אויבען־דערמאָנטע פינף מענשען זיינען געווען דורכאויס נויטווענדיג, און קיין זעקסטען האָט מען ניט געטאָרט שיקען. האָב איך זיך צוזעגענט מיט דער חברה און אַוועקגעפאָהרען אין אַ זומערוואוינונג ביי דער פּיערוואַלדשטעטער אָזערע, אין וועגיס.

קוים האָב איך אָבער דאָרטען פאַרבראַכט עטליכע טעג, באַקום איך אַ טעלעגראַמע: פאָהרט תיכף אַרויס קיין בריסעל.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מען האָט פאָרט געפונען אַ מיטעל ווי אַזוי מיך אַיינצושליסען אין דער דעלעגאַציע. מען האָט דורכגעפיהרט, אַז אַלעקסאַנדער, וועלכער איז גוט באַקאַנט געווען צו די רוסישע טהוערס, זאָל אַיינגעלאַדען ווערען אויפ'ן צוזאַמענפאָהר אַלס גאַסט מיט באַראַטונגס־רעכט, און דעמאָלט האָט מען מיך גענומען אויף זיין אָרט אַלס צווייטען דעלעגאַט פון אויסלענדישען קאָמיטעט.

איך בין געקומען קיין בריסעל אַזייגער זיבען אין דער פריה. אַלעקסאַנדער האָט מיך באַגעגנט אויפ'ן וואָקזאַל. דער שעהנער קאָכיגער בריסעל איז נאָך געווען האַלב־פאַרשלאָסען. מיר זיינען

ארײַן אין אַ קאַפּע, באַקומען אַ פּאַרציע שאָקאָלאַד אין אַ טאָס, וואָס איז געווען גרויס, ווי אַ פּאָלומיסעק, און אַלעקסאַנדער האָט מיר דערצעהלט וואָס עס הערט זיך. דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך אָנגעהויבען שוין מיט עטליכע טעג צוריק. די פראַגע וועגען „בונד" איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען באַלד אין אָנהויב. די ענטגילטיגע רעזאָלוציע האָט מען גערארפט אָננעמען ערשט שפּעטער, אָבער די ערשטע שלאַכט האָב איך פאַרזאַמט. און די שלאַכט איז געווען גאָר אַ הייסע. ווען אונזערע דעלעגאַטען זײַנען געקומען אויפ'ן צוזאַמענפאָהר האָבען זיי זיך אָנגעשטויסען אָן אַן אמת'ער וואַנד פון שנאה, כעס און פאַרביטערונג. יודין, וועלכער איז געווען איינער פון די וואָס האָבען גע'טענה'ט אַז „ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך", האָט ממש ניט געקענט קומען צו זיך. מען האָט געהאַט אַן איינדרוק, ווי מען וואָלט אַרײַנגעפאַלען אין אַ מחנה פון ערגסטע שונאים. די אַטמאָספערע איז געווען אַ צעהיצטע, אַז מען פלעגט אפילו פּריוואַט, אין די שעה'ן צווישען איין זיצונג און דער צווייטער כמעט מיט קיינעם ניט רעדען.

די „איסקראַ" האָט שוין אין פאָראויס געזאָרגט, אַז די דעלעגאַטען זאָלען טהאָן אַלעס וואָס מען דאַרף. מען האָט זיי אויסגעשריבען אין אויסלאַנד מיט עטליכע וואָכען פריהער, אין די דאָזיגע צייט האָבען די פיהרער פון „איסקראַ" אויסגענוצט כדי צו קנעלען מיט זייערע לייט און באַארבייטען זיי ווי געהעריג.

און וועגען דעם צוזאַמענשטעל גופא האָט מען שוין געזאָרגט, אַז עס זאָלען קומען „פּאַסיגע" מענשען. דער איצטיגער באָלשעוויק ריאַזאַנאָוו, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען אין אָפּאָזיציע, האָט שפּעטער אַרויסגעלאָזט אַ ביכעל וועגען דעם דאָזיגען צוזאַמענפאָהר. דאָס ביכעל איז געווען פול מיט וויץ און גאַל. איין קאַפּיטעל פון דעם דאָזיגען ביכעל האָט געטראָגען דעם בייסענדען קעפּעל : „אַ צוזאַמענפאָהר אָדער אַ צוזאַמענשלעפּענים?" (אויף רוסיש : „ס'יעזד איל סוואָז?") — אַ רמז, אַז מען האָט פּשוט צוזאַמענגעשלעפּט די מענשען, וועלכע מען האָט געוואָלט האָבען... מיט ווייניגע אויסנאַהמען זײַנען טאַקע די דעלעגאַטען פון די ערמער געווען זעהר גראָהע געשטאַלטען. כאַראַקטעריסטיש איז געווען די פיגור פון אַ דעלעגאַט, וואָס איז געשיקט געוואָרען פון דער גרעסטער רוסישער אָרגאַניזאַציע : פון פּעטערבורג. אַ יונגער ארבייטער

(דאַכט זיך, דער איינציגער אַרבייטער אויפ'ן גאַנצען צוזאַמענ־פאָהר), וועלכער האָט קיין איינציג מאָל ניט גענומען דאָס וואָרט און וועלכער פלעגט זיך בעת די זיצונגען פאַרנעהמען מיט... עפּעס נען די פלאַשען מיט לעמאָנאַד. און ווען עס האָט גערעדט עמי־צער פון דער אָפּאָזיציע, פלעגט ער בכיון זיך באַמיהען אויסצו־שיסען די פלאַשען מיט אַ הילכיגען קנאַל. די אָפּאָזיציע איז גע־ווען זעהר קליין: די בונדישע דעלעגאַציע, צוויי פאָרשטעהער פון דער „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" און נאָך איין דעלעגאַטקע. דאָס איז געווען אַלץ. דערפאַר אָבער זיינען געווען אָנוועזענד אַלע גדולים פון דער „איסקרא", וועלכע האָבען געפיהרט דאָס רעדעל.

די דיסקוסיע וועגען דעם „בונד" איז געווען זעהר ליידענ־שאַפטליך. ליבער האָט געהאַלטען פייערדיגע רעדעס. די איבע־ריגע דעלעגאַטען אונזערע האָבען אויך גערעדט. אָבער גאָר רעד צו די וועגט. ס'איז אָנגענומען געוואָרען אַן אַלגעמיינע רעזאָ־לוציע, וועלכע האָט שוין אייגענטליך אין פאָראויס באַשטימט דעם אויסגאַנג פון ויכוח; דערנאָך האָט מען אָפּגעלעגט די ענד־גילטיגע לעזונג ביז וואַנען מען וועט באַטראַכטען דעם פאַרטיי־סטאַטוט. ווען איך בין געקומען האָט מען געהאַלטען ביים באַ־טראַכטען דעם פּראָיעקט פון אַ פאַרטיי־פּראָגראַם.

דאָ האָט זיך אָבער פּלוצלונג געטראָפען אַ סיבה: מען האָט פאַרטריבען דעם גאַנצען צוזאַמענפאָהר פון בריסעל.

ס'איז געווען אויפ'ן דריטען טאָג נאָך דעם ווי איך בין גע־קומען צו פאָהרען קיין בריסעל. ס'איז נאָך געווען אַ פריהמאָר־גען און מיר, די גאַנצע בונדישע דעלעגאַציע, זיינען געווען אויף אונזער קוואַרטיר. פּלוצלונג עפענט זיך די טיר און עס געהט אַריין אַ פרעמדער מענש. ווער איז דאָס? אַן אַגענט פון דער פּאָליציי. הויבט ער אָן אונז צו פרעגען אונזערע נעמען און צוליב וואָס מיר זיינען געקומען. זאָגען מיר איהם ניט גע־שטויגענע און ניט געפלויגענע זאַכען. ער געהט אַוועק, אָבער מיר פאַרשטעהען שוין מיט וואָס עס שמעקט. מיר געהען אויף דער זיצונג צום צוזאַמענפאָהר, אָבער קיין זיצונג איז ניטאָ. עס לאָזט זיך אויס, אַז אויך ביי אַנדערע דעלעגאַטען זיינען געווען געסט, און אַז מען האָט געגעבען צו וויסען די בעלגישע גענאָסען, וועלכע האָבען אונז געהאָלפען צו אָרגאַניזירען דעם צוזאַמענפאָהר,

אז די פרעמדע חברה׳לייט מוזען אוועקפאָהרען פון דאַנען באַלד דעם זעלבען טאָג, אז ניט וועט מען אלעמען ארעסטירען.

האָבען מיר גענומען אונזערע פעקלאך און זיך א לאָז געטאָן קיין לאָנדאָן. מיטאָג־צייט זיינען מיר ארויסגעפאָהרען פון ברי־סעל, פארבראכט א פּאָר שעה אין אָסטענדע, דורכשפּאַצירט זיך ביים ברעג פון ים, און אויפ׳ן צווייטען פריהמאָרגען זיינען מיר שוין געווען אין דער הויפּט־שטאָדט פון ענגלאנד.

אין לאָנדאָן איז דעמאָלט געווען דער זיץ־אָרט פון דעם אויס־לענדישען קאָמיטעט פון „בונד״, זיינען מיר, די בונדיסטען, פאר־פאָהרען אין דאָס קליינע הייזקעלע, וואָס איז געווען פארנומען פון דעם קאָמיטעט, און זיך איינגעאָרדענט גאנץ היימיש. אָבער די שטאָדט גופא האָט אויף מיר געמאכט א גאנץ שווערען איינ־דרוק.

בכלל פלעג איך זיך ניט פיהלען שלעכט אין א גרויסער פרעמדער שטאָדט. איך בין שוין פריהער געווען אין בערלין, אָנ־געקומען אהין איינער אליין, אָבער זיך באַלד אָריענטירט און ניט געהאַט קיין געפיהל פון פארלוירענהייט. דאָס זעלבע איז געווען שפּעטער אין פּאַריז. אָבער אין לאָנדאָן האָב איך זיך געפיהלט זעהר ניט גוט. די שטאָדט האָט אין זיך עפּעס אַן אונפריינדליכ־קייט. די מענשען קוקען אויף יעדען פרעמדען מיט אומ־חן. אז מען דערזעהט א פארשוין, וואָס איז אנגעטאָן ניט אזוי, ווי אלע אנדערע, א פשיטא שוין, ווען ער האָט א באָרד, לויפען נאָך איהם די גאַסען־אינגלאך. און אמאָל דערלאַנגט מען אין קאָפּ מיט אַן עפּעל אָדער א קאַרטאָפעל. דער דעלעגאַט פון „ראַבאָטשעיע דיעלאָ״ מארטינאָוו, א איד מיט א גרויסען שוואר־צען באָרד, האָט געמוזט דורכמאכען א גאנצע שלאכט מיט די שקצים. די שטאָדט איז גרויס. די מויערען — פינסטער. פון איין עק שטאָדט צו דער צווייטער דארף מען פאָהרען שעה׳ען־לאַנג. די אונטערערדישע אייזענבאַהן (די סאָבוועי) איז דעמאָלט געווען נאָך ניט קיין עלעקטרישע, נאָר מיט געוועהנליכע לאָקאָ־מאָטיוועז, וואָס מען פלעגט טרייבען מיט פּארע; זיינען די וואַגאָנען געווען פול מיט רויך. מען פלעגט ממש ווערען דער־שטיקט. ווייס מען ניט דעם וועג און מען פרעגט זיך ביי א דורכגעהער, — ענטפערט ער גאָר ניט. דערצו האָב איך ניט

געקאָנט די שפּראַך. פלעג איך געהן אַלע מאָל צוזאַמען מיט אונזער גאַנצער חברה, און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז טאָמער וועל איך זיך אָפּרייסען פון די איבעריגע חברה־לייט, וועט איך ממש פאַרלוירען אין דעם אונגעהויערען שטיינערנעם הייזער־ים. מיט פיר יאָהר שפּעטער, בעת׳ן צווייטען לאָנ־דאָנער צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדער פּאַרטיי, האָב איך ווי־דער אַמאָל פאַרזאַמט עטליכע וואָכען אין לאָנדאָן און דעמאָלט האָב איך זיך שוין ניט געפיהלט אַזוי הילפלאָז; אָבער דער ערשטער איינדרוק איז געווען זעהר ניט קיין אַנגענעהמער.

נאָך אַ הפסקה פון עטליכע טעג האָבען זיך די זיצונגען צו־ריק אָנגעהויבען, און מען האָט זיך גענומען צום אויסאַרבייטען דעם פּאַרטיי־פּראָגראַם. בעת דער דאָזיגער אַרבייט האָט זיך געטראָפען אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד. עס זיינען געקומען צו־פאָהרען צוויי דעלעגאַטען פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי — וואַרסקי און האַנעצקי. די דאָזיגע פּאַרטיי איז דעמאָלט נאָך נישט געווען פאַראייניגט מיט דער רוסלענדער פּאַרטיי און די דעלעגאַטען זיינען טאַקע געקומען צו פיהרען אונטערהאַנדלונגען וועגען דער פאַראייניגונג. געקומען, אַ קוק געטאָן, און פלוצלונג זיינען זיי ווידער אָפּגעפאָהרען אָהן קיין שום רעזולטאַטען. עס איז זיי ניט געפעלען געוואָרען. איך געדענק ניט, צי זיי האָבען אָנגעגעבען וועגען דעם אַן אָפיציעלע ערקלערונג; איך וויים אָבער, אַז די אמת׳ע אורזאַכע איז גע־ווען — די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו דער נאַציאָנאַלער פראַ־גע. אין דעם פּראָיעקט פון פּאַרטיי־פּראָגראַם, וואָס די „איס־קראַ” האָט צוגעשטעלט דעם צוזאַמענפאָהר, און וואָס איז טאַקע אָנגענומען געוואָרען, איז דער פּונקט וועגען דער נאַציאָנאַלער פראגע געווען זעהר אַ מאָגערער און אַ וואַסערדיגער. דאָס פּראָ־גראַם האָט פאַרלאַנגט דאָס „זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט” פון די נאַציעס. די פּוילישע דעלעגאַטען האָבען פאָרגעלעגט אַן אַנ־דער פאָרמולירונג, אַן ערך אַזאַ: „דאָס שאַפען אינסטיטוציעס, וועלכע גאַראַנטירען פאַר די נאַציעס די מעגליכקייט פון אַ פרייער ענטוויקלונג.”

קענענדיג די שטעלונג פון דער „איסקראַ”, האָב איך גע־וואוסט, אַז זי וועט זיך ניט אָפּזאָגען פון איהר פּונקט וועגען

„זעלבסט־באשטימונג". די פארמולירונג פון די פאליאקען איז מיר אבער געפעלען געווארען. זי איז אפילו געווען ניט קיין קלא־רע, אבער זי איז געווען געננג ברייט, כדי אריינצונעמען סיי די אויטאנאמיע פאר פוילען (וואס זיי האבען געוואלט), סיי אונזער נאציאנאל־קולטורעלע אויטאנאמיע. האב איך געוואלט דורכ־פיהרען דעם דאזיגען פונקט. איך האב געפרעגט ביי ווארשסקי'ן, צי וועט ער מיך שטיצען, אויב איך וועל פארלעגען, אז מען זאל פאראייניגעןביידע פונקטען און אריינשטעלען סיי די „זעלבסטבאשטימונג" און סיי די „אינסטיטוציעס". זיין ענט־פער איז געווען זעהר כאראקטעריסטיש: „ניין, — האט ער געזאגט — „דאס „זעלבסט־באשטימונגס־רעכט" מוז דורכאויס אפגעווארפען ווערען; ווארים דער דאזיגער פונקט קען אויסגע־טייטשט ווערען פון אונזערע געגנער אין דעם זין פון אונאפ־הענגיגקייט פון פוילען, און אזא פאדערונג קענען מיר ניט אנ־נעהמען." און צוליב דעם איז טאקע די פוילישע דעלעגאציע אוועקגעפאהרען.

מיין פארשלאג האב איך שפעטער דאך אריינגעבראכט, און ער איז אפגעווארפען געווארען כמעט מיט אלע שטימען.

דעם אמת זאגענדיג, בין איך געוועזן שטארק מקנא די פויל־שע דעלעגאטען פאר זייער שטייפקייט אין דער נאציאנאלער פראגע. מיר, בונדאוועצעס, האבען פון אונזער נאציאנאלען פראָ־גראם ניט געמאכט קיין אולטימאטום, און צוליב זיין אפווארפען זיינען מיר ניט ארויס פון דער פארטיי. מען האט אונז דאס שפעטער טאקע פארגעווארפען.

אבער די יעניגע, וועלכע האבען אונז געמאכט דעם דאזי־גען פארוואורף, האבען ניט געוואוסט, אז ווען דער דאזיגער פראגע איז דעמאלט אינוועניג, אין דעם „בונד" גופא געווען א גרויסע מיינונגס־פארשידענהייט. און אז אונזער אייגענער צו־זאמענפאהר האט זיך צעטיילט העלפט אויף העלפט. האבען מיר אין יענעם מאמענט אליין ניט געהאט די געניגענדע אינער־ליכע פעסטקייט. עס איז טאקע געווען א גרויסער פארדרוס, אבער מיר האבען ניט געקענט האנדלען אנדערש. מיר האבען געקענט איינשטעלען אויפ'ן שפיץ מעסער נאר אזעלכע פונקטען, וועגען וועלכע מיר זיינען געווען זיכער, אז די גאנצע ארגא־

ניזאציע אונזערע וועט פאר זיי שטעהן שטאהל און אייזען. און אזא פונקט איז געווען נאר די עקזיסטענץ פון „בונד" גופא.

אין אלגעמיין איז דאס פראגראם אנגענומען געווארען כמעט אהן ענדערונגען, אזוי ווי די „איסקרא" האט עס פארגעלעגט אין איהר פראיעקט. מען האט בלויז צוגעגעבען איינצע ווערטער וועגען די רעכט פון נאציאנאלע שפראכען, און דאס איז אויך א דאנק דעם, וואס דאס האבען פארלאנגט די גרוזינער דעלע־גאטען, מיט וועלכע מען האט ניט געוואלט איינרייסען. וועגען די איבעריגע פונקטען פון פראגראם וואלט מען אפילו ווענינ דעבאטירט, נאר א פארשטעהער פון „ראבאטשעיע דיעלא", אקי־מאוו, האט ארייגעטראגען עטליכע צעהנדליג אויסבעסערונגען. מיט א זעלטענער געדולד פלעגט ער צו יעדען פונקט ארייגטרא־גען די דאזיגע אויסבעסערונגען, — אלעמאל מיט דעם זעלבען רעזולטאט: מען פלעגט זיי אויסלאכען און אפווארפען.

דערנאך האט מען אויסגעהערט די באריכטען פון די ארטי־גע ארגאניזאציעס וועגען זייער טעטיגקייט. די באריכטען זיינען געווען גאנץ מאגערע. א גלענצענדע אויסנאם איז געווען דער בא־ריכט פון „בונד". אין א לאנגער רעדע האט ליבער איבערגע־געבען דעם אויסערגעוועהנליך רייכען מאטעריאל וועגען דער טע־טיגקייט פון „בונד", און ווי שטארק איז ניט געווען די פיינד־שאפט מצד די איבעריגע דעלעגאטען, נאר צום סוף פון זיין בא־ריכט האבען זיי זיך ניט געקענט איינהאלטען, און מיט לאנגע, הילכיגע אפלאדיסמענטען האט דער גאנצער צוזאמענפאר בא־גריסט די אונפארגלייכליכע ארבייט פון אונזער ארגאניזאציע.

נאכדעם איז מען איבערגעגאנגען צום ארגאניזאציאנס־סטא־טוט.

דער סטאטוט איז געווען צונויפגעשטעלט אין אן עכט לעניני־שען גייסט: עס איז געווען אן אמת מיליטערישער צענטראליזם. אבער חוץ דער בונדישער דעלעגאציע און די פארשטעהער פון „ראבאטשעיע דיעלא" האט זיך קיינער ניט דערוועגט צו פראָ־טעסטירען. די צוקינפטיגע מענשעוויקעס, וואס האבען שפעטער זיך גענומען צו א שארפער קריטיק, האבען זיך געכאפט ערשט נאכ'ן צוזאמענפאר.

אבער א מיינונגס־פארשידענהייט האט זיך שוין דעמאלט

ארויסגעוויזען, און טאקע ניט וועגען א קליינינקייט. דער ערשטער פונקט פון דעם סטאטוט האט פארלאנגט, אז יעדער מיטגליד פון דער פארטיי זאל זיך באטייליגען אין א פארטיי־ארגאניזאציע. איך געדענק ניט, ווער איז געווען דער ערשטער, וואס איז ארויס־געטראטען געגען דעם דאזיגען פונקט; אלענפאלס איז עס געווען איינער פון די צוקינפטיגע מענשעוויסטישע פיהרער. און פלוצלינג האט זיך פאנאנדערגעפלאקערט א ליידענשאפטליכע דעבאטע — טאקע וועגען דעם דאזיגען ניט־וויכטיגען פונקט. די „איסקרא"־לייט האבען זיך צושפאלטען, איין טייל איז ארויסגעטראטען גע־גען דעם צווייטען. לענין האט פארטיידיגט זיין פונקט, געגען איהם זיינען געווען מארטאוו, אקסעלראד, דייטש, פאטרעסאוו, וויערא זאסוליטש. פלעכאנאוו האט זיך געוואקעלט צווישען די ביידע צדדים.

סוף כל סוף איז דער פונקט אנגענומען געווארען. אבער די איינינקייט פון דער „איסקרא"־גרופע איז צושטערט געווארען. און פון דעם דאזיגען קליינינטשקען שפאלטעלע איז שפעטער אויס־געוואקסען די גרויסע צושפאלטונג פון דער פארטיי. אזוי ווי לענינ'ס צד האט באקומען די מעהרהייט שטימען, האט מען איהם אנגעהויבען צו רופען „די מעהרהייטס־לייט" (אויף רוסיש — „באלשעוויקי", פון דעםווארט „באלשינסטווא" — „מעהרהייט"), און מארטאוו'ס צד, וואס איז געבליבען אין דער מינדערהייט, האט באקומען דאס צונעמעניש „מינדערהייטס־לייט" („מענשעוויקי" — פון דעם ווארט „מענשינסטווא" — „מינדערהייט"). אט דאס איז געווען דער אייגענטליכער זין און די אפשטאמונג פון די צוויי באצייכנונגען „באלשעוויקעס" און „מענשעוויקעס". א טיפערע אידעאישע מיינונגס־פארשידענהייט האט זיך אויסגעארבייט ערשט שפעטער. אין דעם מאמענט וועגען וועלכען איך רעד איצט, איז נאך ניט געווען קיין סימן פון אן ערנסטער צושפאלטונג. און ווען מען איז צוגעטראטען צו באטראכטען די בונדישע פאדערונ־גען, דעמאלט האט זיך צווישען ביידע צדדים ווידער איינגעשטעלט די שעהנסטע אחדות. געגען אונז זיינען אלע געווען פאראייניגט.

די בונדישע דעלעגאציע האט געטאן אלץ, כדי אויסצומיידען די קאטאסטראפע, — דאס ארויסטרעטען פון דער פארטיי. זי איז אין איהרע הנחות געגאנגען נאך ווייטער, ווי עס האבען איהר

ערלויבט איהרע פולמאכטען. זי איז אין געוויסע פרטים עובר געווען די באשלוסען פון דעם בונדישען צוזאמענפאהר. זי האט אבער געהאלטען פאר נויטיג דאס צו טאן. ווארים זי האט גע־וואוסט, אז די אידישע ארבייטער האלטען זעהר שטארק פון זייער פאראייניגונג מיט די רוסישע חברים. עס איז אבער געבליבען איין לעצטער פונקט, פון וועלכען זי האט זיך ניט געקענט און ניט געטארט אפזאגען. דער פונקט, וועלכער באווארענט די עקזיס־טענץ פון דעם „בונד" גופא:

„דער „בונד" איז די סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציע פון דעם אידישען פראלעטאריאט, ניט באגרענעצט מיט קיין ראיא־נען ראמען, און געהט אריין אין דער פארטיי, אלס דער איינציגער פארשטעהער פון אידישען פראלעטאריאט".

דאס איז געווען אונזער אולטימאטום. מען שטעלט דעם דאזיגען פונקט צו דער דעבאטע. ליבער האלט א קורצע רעדע. מארטאוו ענטפערט איהם. מען שטימט אפ. אלע „איסקרא"־דעלעגאטען שטימען ווי איין מענש — געגען דעם בונדישען פאר־שלאג. ער איז אפגעווארפען געווארען. דער גורל איז געפאלען. ליבער שטעלט זיך אוועק און מעלדעט: „דער בונד טרעט ארויס פון דער רוסלענדער פארטיי". אין זאל ווערט שטיל. מיר געהען ארויס. עס איז געשעהן.

דאס איז געווען א דראמאטישער מאמענט. אפילו אויף אונ־זערע געגנער האט דאס געמאכט א שווערען איינדרוק. נאך שווע־רער איז עס געווען פאר אונז. מיר זיינען אלע געווען אויסגעוועבט מיט דער רוסלענדער פארטיי. מיר אלע האבען געפיהלט די נא־העטקייט פון דער רוסישער באוועגונג. מיר אלע האבען געוואוסט אז די צושיידונג איז א שווערער קלאפ פארביידע צדדים. מיט א שווערען הארצען האבען מיר געטאן אונזער טריט. עס איז גע־ווען אן אמת'ע קאטאסטראפע — דאס איבעררייסען די פעדים, וועלכע האבען געמוזט פארבינדען דעם אידישען און דעם רוסי־שען פראלעטאריאט. מיר האבען געהאט דעם איינדרוק גלייך ווי א שטיק פלייש ווערט ארויסגעריסען פון א לעבעדיגען גוף. און יעדער האט געפיהלט די גוואלדיגע אחריות. אין יענע, לאנג פארגאנגענע צייטען, פלעגט מען זיך ניט אזוי גרינג שיידען, ווי ביי היינטיגע צייטען. איצט ווערען פארטייען צעבראכען ממש

שפּילענדיגערהייט; מען איז צוגעוואוינט דערצו, ס'איז געוואָרען כמעט אַ ספּאָרט, אַלענפאַלס אַ מין „מצוה". פאַר אונז איז די איינינקייט געווען אַ הייליגע זאַך. אָבער מיר האָבען ניט געהאַט קיין ברירה. פאַנאַטיקער פון אַ קאַזאַרמען־צענטראַליזם האָבען געוואָלט דערשטיקען דעם „בונד". דאָס האָט ניט געטאָרט דער־לאָזען ווערען. אויף אַלע הנחות זיינען מיר געווען גרייט. אָבער מיר האָבען געוואָלט לעבען. און אַזוי ווי דאָס פאַרבלייבען אין דער פאַרטיי וואָלט באַדייט אַ טויט, האָבען מיר געמוזט אַרויסגעהן. און מיר זיינען אַרויסגעטראָטען.

דער צוזאַמענפאָר האָט ווייטער געאַרבייט. מיר זיינען פאַר־בליבען נאָך עטליכע טעג אין לאָנדאָן. און באַלד האָבען אָנגע־הויבען צו קומען ידיעות, אַז אויפ'ן צוזאַמענפאָר קומען פאָר גע־וואַלדיגע סקאַנדאַלען. נאָכדעם ווי די „איסקרא"־ליט זיינען פּטור געוואָרען פון דעם „אויסערליכען שונא", האָבען זיי אָנגע־הויבען צו קריגען זיך צווישען זיך. דאָס קליינע שפּעלטעלע, וואָס האָט זיך געבילדעט צוליב יענעם ערשטען פּונקט פון פּאַרטיי־סטאַ־טוט, האָט אָנגעהויבען צו וואַקסען בליץ־שנעל, און האָט זיך פאַר־וואַנדעלט אין אַ תהום. לעניך האָט געוויזען זיינע ציין. עס איז געווען געגוג פאַר איהם, אַז אַ טייל פון זיינע געכטיגע חברים האָ־בען ניט נאָכגעטאַנצט נאָך אים ביי איין קליינינטשקען פּונקט פון סטאַטוט, און — פאַרטיג, זיי זיינען שוין געוואָרען טריף און מען האָט זיי געדאַרפט אַרויסשטויסען. ווען עס איז אויפגעשוואוּמען די פראַגע וועגען דער רעדאַקציע פון „איסקרא", וועלכע האָט גע־דאַרפט ווערען דער צענטראַלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, האָט ער פאָרגעלעגט צו פאַרקלענערען דעם צוזאַמענשטעל, כדי אַזוי אַרום „אָפּצורייניגען" איהם פון די „בונטאָווטשיקעס". דאָס האָט זיי גוואַלטיג אויפגערעגט; עס האָבען זיך אָנגעהויבען שטורמישע צור־זאַמענשטויסען; די „מינדערהייטס"־ליט האָבען געמאַכט יד אחת. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך צושפּאַלטען אויף צוויי פיינדליכע מחנות. די שפּאַלטונג צווישען דעם „באָלשעוויזם" און „מענשע־וויזם" האָט זיך אָנגעהויבען. דערווייל — אָהן אַ פּרינציפּיעלען אונטערשלאַק. אָבער ווען ס'איז דאָ אַ שפּאַלטונג, געפינען זיך שוין גרינג אויך פּרינציפּיעלע חלוקי דעות. און אין עטליכע חדשים אַרום האָט מען זיי טאַקע געפונען.

58.

## דער באַזעלער ציוניסטישער קאָנגרעס.

פון לאָנדאָן בין איך אָפּגעפאָרען צוריק אין די שווייץ. און אזוי ווי איך האָב געמוזט דורכפאָרען דורך באַזעל, און דאָרטען האָט גראָד געדאַרפט פאָרקומען דער זעקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין דער דאָזיגער שטאָט און פארבראַכט דאָרטען אַ וואָך צייט, אַלס אַ צושויער פון דעם ציוניסטישען „פּאַרלאַמענט".

ס'איז נאָך געווען די יוגענד־צייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער עולם איז נאָך געווען פאַר'שכור'ט פון הערצל'ס פּלענער, און מען איז געווען זיכער, אז אָט־אָט וועט קומען די גאולה. דערצו האָט יעדע אידישע אסיפה די טבע צו זיין קאָכעדיג און רעש'יג. פלעגט דער גרויסער שעהנער זאַל פון דעם באַזעלער „קאַזינאָ" הילכען און ברויזען. אַלע מאָל, ווען הערצל פלעגט זיך באַווייזען אויף דער עסטראַדע, פלעגען זיך אָנהויבען התפעלות'דיגע אויסשרייען. דער עולם פלעגט אַרויסכאַפּען פון קעשענע די נאָזטיכלאַך און פאָכען מיט זיי אין דער לופט; יעדעס וואָרט פון דעם פיהרער פלעגט אַרויסרופען דונערנדע אַפּלאָדיסמענטען. ס'איז געווען אַ טיפּיש בילד פון מאַסען־היפּנאָז. מען דאַרף זאָגען דעם אמת, אז הערצל האָט טאַקע געוואוסט ווי צו באַגעהן זיך מיט'ן עולם. ער האָט זיך געהאַלטען ווי אַ קעניג — שטאָלץ, רוהיג. און דערצו האָט ער פאַרמאָגט אַ זעלטענע שעהנהייט פון פנים.

די אויסערליכע שטאָלצקייט איז אָבער געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט אַ שענדליכער פּאָליטישער קריכעריי. דער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען מיט עטליכע חדשים נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם. און הערצל האָט זיך נאָר וואָס אומגעקעהרט פון רוסלאַנד, וואו ער האָט געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט פּלעווע. און

ער האָט אויפ׳ן קאָנגרעס גופא גערעדט וועגן דעם דאָזיגען תליון אין אזא טאָן און מיט אזעלכע ווערטער, אז יעדער מענש מיט א געזונטען חוש האָט געמוזט אויפגערעגט ווערען פון עקעל. דער קאָנגרעס האָט דאָס אָבער אראָפּגעשלונגען גאַנץ רוהיג. בלויז דר. סירקין, דער „סאָציאַליסט", האָט געפּרופט צו פּראָטעסטירען, — אָבער סירקין איז דאָך געווען מעהר ניט א קאָמישע פיגור, און מען פלעגט איהם הערען ווי די קאַץ; און חיים ווייצמאַן, דער פיהרער פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע" האָט אויף זיין דיפּלאָמאַטישען שטייגער ערקלערט, אז „עס זיינען געזאָגט געוואָרען עטליכע ווערטער, וואָס עס וואָלט געווען בעסער זיי ניט צו זאָגען". און דאָס איז געווען זיין גאַנצער „פּראָטעסט" געגען הערצל׳ען; מיט דעם האָט ער אָפּגעפּטר׳ט זיין „דעמאָקראַטישען" חוב.

דער קאָנגרעס גופא איז אָבער געווען זעהר אינטערעסאַנט, פול מיט דראַמאַטיזם און מיט שפּאַנונג. ס׳איז גראָד געקומען די גרויסע גרויזאַמע ענטוישונג. הערצל האָט ערקלערט, אז ס׳איז ניטאָ קיין האָפנונג צו קריגען אין דער נאָהענטער צוקונפט ארץ ישראל, און האָט פאָרגעלעגט זיין אוגאַנדאַ־פּראָיעקט. דער עולם האָט באַשלאָסען צו שיקען א קאָמיסיע, די אַלטע חובבי ציון זיינען ארוים פון זאַל מיט טרערען און מיט געוויין, די זיצונגען זיינען איבערגעריסען געוואָרען, און עס האָט זיך געמאַכט א געוואַלדיגע מהומה. מען האָט געהאַלטען ערב א שפּאַלטונג.

די רוסישע פראַקציע — וואָס איז אם שטאַרקסטען געווען געגען דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט — האָט זיך צונויפגעקליבען אין א קלענערען זאַל, כדי ארומצורעדען די פראַגע. סירקין איז געווען דער פּאָרזיצענדער פון דער בעראַטונג. דאַכט זיך, אז ער האָט גראָד אַליין געהאַלטען אין מיטען רעדען, ווען עס האָט זיך פּלוצלינג געעפענט די טיר און ס׳איז אריין הערצל. ער האָט געוואָלט זיך דורכרעדען מיט די רוסישע דעלעגאַטען. „גענאָסע הערצל איז געקומען", שרייט אוים סירקין. „לאָמיר אויסהערען דעם גענאָסע הערצל". דער „גענאָסע" הערצל האָט אָבער אויף איהם אפילו א קוק ניט געטאָן. ער איז ארויף אויף דעם אָרט, וואו דער „סאָציאַליסט" איז געשטאַנען, ווי עס וואָלט געווען א לעדיגער פּלאַץ, און דער אָרימער סירקין איז נעלם געוואָרען. און הערצל האָט

גענומען טענה׳ן מיט די דעלעגאטען. זיינע ווערטער זיינען געווען זעהר אָפּענהאַרציג, פול מיט יאוש. דער איינדרוק איז געווען זעהר אַ גרויסער, און מען האָט איהם ווידער אַמאָל געפאָלגט. דער עולם איז געגאַנגען צוריק אויף די זיצונג, און דער קאָנגרעס איז בשלום פאַרענדיגט געוואָרען. די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען ערשט מיט צוויי יאָהר שפּעטער, ווען הערצל איז שוין געווען טויט.

איך געדענק דעם טאָג, ווען ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה פון זיין טויט. ס׳איז געווען אין זומער 1904, און איך בין גראַד געווען, דורכפאָרענדיג, אין בערן. איך בין געשטאַנען ניט ווייט פון דער ציוניסטישער ביבליאָטעק, איך האָב געהערט ווי עס טראָגען זיך פון דאָרט היסטערישע געשרייען פון וויינענדיגע פרויען. איך מוז מודה זיין, אז די ידיעה האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק. אמת, הערצל האָט מיר קיינמאָל ניט אימפּאָנירט אַלס געזעלשאַפטליכער טוער. זיין „פּאָליטיק" האָב איך אַלע מאָל געהאַלטען פאַר קינדיש, און אויף׳ן באַזעלער קאָנגרעס, בעת אַ דיסקוסיע מיט דר. נאָסיג, האָב איך איהם געזעהן אין דער ראָלע פון אַ קליינליכען פאַרביסענעם פּאָלעמיסט, וואָס האָט שוין גאָר ניט געפּאַסט פאַר זיין קעניגליכע געשטאַלט. אָבער די געשטאַלט גופא האָט אויף מיר פאָרט געמאַכט אַן איינדרוק. איך מיין פשוט — די פיזישע געשטאַלט. און ווען איך האָב געהערט, אז ער איז טויט, איז פאַר מיר געווען ווי אַ מין ענטוישונג; איך האָב געהאַט דעם משונה׳דיגען געדאַנק: ווי אַזוי קען שטאַרבען אַ מענש מיט אַזאַ שעהנעם פּנים! איך פאַרשטעה אַליין ניט, ווי קום איך צו אַזאַ מאָדנעם איינפאַל. אָבער אַזאַ שטימונג האָב איך געהאַט.

בעת דעם באַזעלער קאָנגרעס, איז פאָרגעקומען אַ קליינער אינצידענט, וועגען וועלכען איך האָב זיך דערוואוסט מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער. הערצל האָט איינגעלאַדען צו זיך דר. חיים זשיטלאָווסקי, וועלכער איז אויך געווען דעמאָלט אין באַזעל, און האָט אויסגעדריקט דעם וואונש צו פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט איהם אַלס פאַרשטעהער פון „בונד". דער „פיהרער פון פאָלק" האָט נעבאַך ניט געוואוסט, אַז זשיטלאָווסקי איז ניט קיין פאַרשטעהער און ניט קיין מיטגליד פון „בונד". זעלבסטפערשטענדליך, האָט ער באַקומען אַ תשובה, אַז ער האָט זיך געווענדעט אויף אַ פאַלשען אַדרעס. אַ ריכטיגען אַדרעסאַט האָט הערצל נישט געפונען און

אפשר ווייטער ניט געזוכט. ווענען וואס האט ער געוואלט רע־
דען מיט'ן „בונד", איז גרינג צו פארשטעהן: בעת זיין שמועס
מיט פלעווע האט ער באקומען אן אנצוהערעניש, אז דער ציוניזם
וועט באקומען א שטיצע מצד דער רוסישער רעגירונג, ער מוז
אבער דערפאר זעהן איינצוהאלטען די רעוואלוציאנערע באווע־
גונג פון די אידישע ארבייטער. האט מסתמא הערצל געוואלט
אויספיהרען די דאזיגע שליחות. א באוויז, וואס פאר א טיפען
באגריף ער האט געהאט וועגען דעם „בונד"!

נאכ'ן קאנגרעס בין איך אפגעפאהרען צוריק אין ווענים. דארט
האב איך אנגעשריבען א בראשורע וועגען דעם קאנגרעס (זי איז
ארויסגעגעבען געווארען פון דעם אויסלענדישען קאמיטעט פון
„בונד") און אן ארטיקעל וועגען ציוניזם פאר דער „ארבייטער
שטימע". חוץ דעם האב איך צוזאמען מיט ליבער'ן געהאט דעם
אויפטראג אנצושרייבען א באריכט וועגען דעם פינפטען צוזאמענ־
פאהר פון „בונד"; דאס האבען מיר אויך אויסגעפיהרט אין די
לעצטע זומער־וואכען.

.59

# זשענעוו.

אין הערבסט 1903 האָט זיך דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" צוריק אריבערגעקליבען קיין זשענעוו. גלייכצייטיג בין איך אויך באשטימט געוואָרען אַלס מיטגליד פון דעם דאָזיגען קאָמי־טעט, און אזוי ארום האָב איך זיך אויך באזעצט אין זשענעוו.

זעלבסטפארשטענדליך בין איך געווען צופרידען מיט מייז נייעם אמט. ניט צוליב עפּעס אַן אמביציע. אָבער ערשטענס צו־ליב דעם וואָס איך האָב באקומען אַ נייעם ארבייטס־פעלד, און צווייטענס, צוליב גאָר אַן אנדער אורזאַך. ביז יענער צייט בין איך געווען אַ מיטגליד פון די אויסלענדישע גרופּען. די דאָזיגע גרופּען האָבען געטראָגען דעם נאָמען „הילפס־קרייזלאַך" פון „בונד". זיי זיינען אָבער ניט געווען אנערקענט פאַר אָפיציעלע פּארטיי־אָרגאַניזאַציעס. אויף'ן צווייטען צוזאַמענפאָר פון די גרופּען, וואָס איז פאָרגעקומען ארום ניי־יאָהר 1903 האָבען אייניגע חברים פאָר־געלעגט, אַז די דאָזיגע גרופּען זאָלען יאָ אנערקענט ווערען אַלס פּארטיי אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז אָבער אָפּגעוואָרפען געוואָ־רען. מען האָט גע'טענה'ט, אַז די אויסלענדישע קרייזלאַך באַשטע־הען דאָס רוב פון מענשען, וואָס גרייטען זיך ערשט צו אַן אמת'ער פּארטיי־טעטיגקייט, און אַז די דאָזיגע אמת'ע פּארטיי־ארבייט קען פאָרקומען נאָר אין רוסלאַנד גופא, צווישען די מאַסען פון די אי־דישע ארבייטער. זיינען מיר געבליבען אויסער די אייגענטליכע פּארטיי־ראַהמען, און דאָס פלעגט מיך שטאַרק פאַרדריסען. דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז אָבער יאָ געווען ניט נאָר פאַקטיש, נאָר אויך פאָרמאַל אַ פּארטיי־אינסטיטוציע. דאָס איז געווען די אָפיציעלע פאָרטרעטונג פון „בונד" אין אויסלאַנד, און אַלע מיט־גלידער זיינע פלעגען באַשטימט ווערען פון דעם צענטראַלען קאָ־

מיטעט. האָט דאָס מיר געגעבען אַ געוויסע מאָראַלישע באַפרי־דיגונג: איך בין געוואָרען אַ פולבארעכטיגטער בירגער אין דער בונדישער מלוכה.

דאָס לעבען אין זשענעווו איז געווען ניט גאָר פרעהליך. אמת, די שטאָדט גופא איז זעהר אַ שעהנע און אַ לעבעדיגע, אַ סך לע־בעדיגער ווי בערן. זשענעוו איז די גרעסטע שטאָדט אין דער פראַנ־צויזישער שווייץ און טראָגט אויף זיך דעם שטעמפעל פון דעם פראַנצויזישען גייסט און פון דעם פראַנצויזישען כאַראַקטער: דיה־רעוודיג, פרעהליך, פול מיט מוזיק און מיט בלומען, ביים ברעג פון דער שעהנער בלויער אָזערע, איז עס געווען אַ דירעקטער היפוך צו דעם שווערען, פאַרשלאָפענעם, עכט־שווייצאַרישען בערן. און, פונדעסטוועגען, האָב איך זיך דאָרטען ניט געפיהלט גוט. עס האָט מיר געפעהלט דאָס „קאָלאָניאַלע" לעבען. אמת, אין זשענעוו איז אויך געווען אַ גרויסע קאָלאָניע, אפילו נאָך אַ גרעסערע ווי אין בערן, אָבער זי איז געווען גאָר אַנדערש. עס האָט געפעהלט די וואַרימע היימישקייט. דער בערנער עולם איז געווען גרוי, אָבער ערנסט און סימפּאַטיש. אין זשענעוו איז געווען מעהר בונטקייט, מעהר פאַרשידענע קאָלירען, מעהר פאַרשידענע מענשען, אָבער דער אַלגעמיינער מצב איז געווען אַ סך נידעריגער. דאָ האָט מען גע־קענט טרעפען אויף יעדען שריט און טריט אויסגעפּוצטע סטודענט־קעס, זיידענע יונגעלייטלאַך, אַ היבש ביסעל זנות, און קאָרטען־שפּיל און שכרות און כוליגאַניזם. עס פאַרשטעהט זיך, אַז עס זיינען דאָ געווען אויך גענוג גוטע און ערנסטע עלעמענטען, אָבער זיי זיינען געווען אויסגעמישט מיט די אַנדערע, און ס'איז ניט געווען צווישען זיי יענער אינטימער צוזאַמענבונד, וועלכער פלעגט צוגעבען דער בערנער קאָלאָניע איהר ספּעציעלען סימפּאַטישען חן.

האָב איך זיך געפיהלט גאַנץ עלענד. איך האָב אפילו געהאַט אַ פאָהר צעהנדליג באַקאַנטע, אָבער ס'איז געווען „ניט דאָס". די ערשטע חדשים פלעג איך נאָך פאַרברענגען זעהר אַ סך צייט מיט אַבראַמאָוויטש'ן, וועלכער האָט זיך אויך באַזעצט אין זשענעוו. מיר זיינען געוואָרען גוטע פריינד. דערנאָך איז ער אָבער אַרויס־געפאָהרען אויף אַ טור אין אַנדערע שטעדט און שפּעטער אָפּגע־פאָהרען קיין רוסלאַנד. און איך געדענק נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג

די לאַנגע שווערע ווינטער־אָווענדען, וואָס איך פלעג פאַרברענגען איינער אַליין אין מיין איינזאַמען צימער. ס'איז געווען טרויעריג.

דער איינציגער אָרט, וואו איך פלעג זיך פיהלען באמת היי־מיש, איז געווען די אָפיציעלע דירה פון אונזער אויסלענדישען קאָמיטעט. די גאַס, אויף וועלכער די דאָזיגע דירה איז געווען, האָט זיך גערופען „קאַרוזש" און לויט דעם דאָזיגען נאָמען האָט אויך די דירה גופא באַקומען דעם צונאָמען „קאַרוזשקע". ס'איז געווען אַ קליינע באַשיידענע וואָהנונג פון דריי צימערען מיט אַ קיך. די דאָזיגע קיך איז געווען גלייכצייטיג — ווי עס פיהרט זיך אין דער שווייץ — אַן עס־צימער, און מאַנכע אָווענדען האָבען מיר דאָרטען פאַרבראַכט מיט אַ פּאָר חברים ביי אַ גלעזעל טיי און אַ פריינדליכען שמועס.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון אַ גאַנץ קליינער צאָהל מיטגלידער. אין זשענעוו גופא האָבען זיך געפונען — גליעב, דער אַדמיניסטראַטאָר און בעל הבית, וולאַדימיר קאָ־סאָווסקי — דער שרייבער און גייסטיגער טאָנגעבער פון דעם קאָמיטעט, און איך. אַלעקסאַנדער איז דעמאָלט גראָד געשיקט געוואָרען אין אַמעריקא קלייבען געלד פאַר'ן בונד. דזשאָן און טי־מאָפעי פלעגען קומען צו פאָהרען פון צייט צו צייט. און דאָס איז געווען אַלעס. געלעבט האָבען מיר צווישען זיך פריינדליך און חבר'יש. דאָס גאַנצע לעבען פון דעם אויסלענדישען קאָמיטעט האָט געהאַט אין זיך עפּעס פּאַטריאַרכאַלישעס. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די מיטגלידער פון צענטראַלען קאָמיטעט, וועלכע פלע־גען אויסגעהאַלטען ווערען פון דער פּאַרטיי־קאַסע (איך פּערזענ־ליך פלעג באַקומען געלד פון דער היים), פלעגען ניט קריגען קיין באַשטימטען געהאַלט, נאָר זיי פלעגען נעהמען פון דער קאַסע וויפיל זיי האָבען געדאַרפט און פאַרשרייבען אין די קאַסע־ביכער יעדע קלענסטע הוצאה. און דעריבער פלעגען זיי טאַקע לעבען גוואַלטיג באַשיידען, קאַרגענדיג מיט יעדע קאָפּיקע.

די „קאַרוזשקע" האָט עקזיסטירט אויפ'ן זעלבען אָרט קנאַפּע 14 יאָהר נאָכאַנאַנד, און ס'איז געווען דער צענטער און דער לעבענס־נערוו פון אונזער גאַנצער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע. אין דער זעלבער וואוינונג האָט זיך אויך געפונען אונזער דרוקעריי, און ערשט שפּעטער, ווען די אַרבייט האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגע־

וואָקסען, האָט מען געמוזט אריבערטראָגען די דרוקעריי אין א ספּעציעלע דירה מיט א פּאָר הייזער ווייטער. אין דער „קארוזשקע" פלעגען זיך כסדר באַווייזען אַלץ נייע חברים, וואָס פלעגען קומען פון רוסלאַנד אָפּצורוהען זיך אָדער כאַפּען אביסעל בילדונג. דאָרטען איז געווען אויך די רעדאַקציע פון אונזערע אויסלענדישע אויסגאַבען, וועלכע פלעגט ארבייטען גאַנץ אינטענסיוו. מיר פלעגען ארויסגעבען א וועכענטליכע אינפאָרמאַציאָנס־בלאַט — „לעצטע פּאַסירונגען" אויף רוסיש און אידיש, דעם אידישען פּאַרטייזשורנאַל „דער אידישער ארבייטער", פון 1904 האָט זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען דער רוסישער זשורנאַל „וויעסטניק בונדא"; חוץ דעם פלעגט מען ארויסגעבען א מאַסע בראָשורען און א צייט לאַנג איז ערשינען אויך א זשורנאַל אויף דער פּוילישער שפּראַך.

די „קארוזשקע" איז אויך געווען דאָס בונדישע „אויסערן־מיניסטעריום". פון דאָרטען פלעגען מיר אונטערהאַלטען באַציהונגען מיט די אויסלענדישע פּאַרטייען און מיט'ן אינטערנאַציאָנאַל. דאָרטען איז אויך געווען דער צענטער פון אונזערע אייגענע אויסלענדישע גרופּען. און דאָס נעץ פון די דאָזיגע גרופּען איז געוואָקסען פון טאָג צו טאָג. ביסלאַכווייז האָט זיך אונזער אַפּאַראַט פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. עס זיינען געשאַפען געוואָרען צאָהלרייכע ברענטשעס אין אַמעריקע מיט זייערען א „צענטראַל־פאַרבאַנד". עס זיינען ענטשטאַנען א רייהע גרופּען אין דרום־אַפריקא, און אפילו מיט אויסטראַליען האָבען מיר געהאַט א שטענדיגע פאַרבינדונג.

זעלבסטפאַרשטענדליך זיינען מיר געווען אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט אונזערע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד. געשיקט אַהין געלד, געשמוגעלט אויף טויזענדערליי אופנים אונזער ליטעראַטור, געשריבען און באַקומען בריף. די ליטעראַטור פלעגט מען שמוגלען אָדער דירעקט אין גרויסע מאַסען איבער דער דייטשער אָדער עסטרייכישער גרעניץ, אָדער דורך דער פּאָסט אין פאַרמאַכטע קאָנווערטען. מיר פלעגען האָבען קאָנווערטען מיט שטעמפּלען פון פאַרשידענע קאָמערציעלע פירמען, און כדי עס זאָל זיך ניט וואַרפען אין די אויגען פון דער רוסישער פּאָסט־צענזור, אז זיי קומען אַלץ פון דעם זעלבען אָרט, פלעגען מיר זיי פאַנאַנדערשיקען אין פאַר־

שידענע אויסלענדישע שטעדט צו אונזערע גרופּען, און פון דאָר־טען פלעגט מען זיי אריבערשיקען אין רוסלאַנד.

די פּאַרטיי־ארבייט איז געווען אַ לעבעדיגע און אַ פּרוכט־באַרע. אונזער ארויסטרעטען פון דער רוסלענדער פּאַרטיי האָט אויפגערודערט דעם גאַנצען „בונד". ס'איז אפילו געווען אַ גאַנץ ערנסטער קריזיס. ס'איז געווען אַ סכנה, אַז די ברייטע מאַסען סיי פון די ארבייטער, סיי פון דער אינטעליגענץ, וועלען ניט פאַרשטעהן ווי געהעריג אונזער האַנדלונג, און אַז עס וועט אריינברענגען אין אונזער פּאַרטיי־לעבען אַ מהומה און אַ דעזאָרגאַניזאַציע. האָט מען געמוזט דורכפיהרען אַ גרויסע אויפקלעהרונגס־ארבייט. ליבער איז באַלד אַוועקגעפאָהרען קיין רוסלאַנד און צוזאַמען מיט אַלע איבעריגע אָנגעזעהענע חברים פלעגט ער ארומפאָהרען איבער אַלע אונזערע שטעדט און שטעדטלאַך, אָפּגעבען אַ באַריכט וועגען דעם, וואָס איז געשעהן, און קלאָר מאַכען פאַר זיין עולם די ריכטיגקייט פון אונזער שטעלונג. אַבראַמאָוויטש און איך האָבען געטאָן דאָס זעלבע אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס.

דער ערפאָלג האָט אריבערגעשטיגען אַלע אונזערע ערוואַרטונ־גען. אונטער דעם דרוק פון די שווערע געשעהענישען איז דאָס בונ־דישע בעוואוסטזיין און די בונדישע טרייהייט פאַרהאַרטעוועט געוואָרען אויפ'ן מערקווירדיגסטען אופן. עס זיינען אַוועק פון אונז בלויז אַ פאָהר — טאַקע בוכשטעבליך אַ פאָהר — געצעהלטע מענשען. די גרויסע מאַסע איז געוואָרען צוגעבונדען צו אונז נאָך אַ סך שטאַרקער ווי ביז יעצט, און דער „בונד" איז ארויס פון דעם קריזיס פיל שטאַרקער ווי ער איז געווען ביז יענער צייט.

גלייכצייטיג האָט זיך די רוסישע פּאַרטיי גענומען צוברעק־לען און צעשפּאַלטען מיט אַ שטאַרקען אימפּעט. דער סכסוך צווי־שען די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס האָט זיך צעפלאַקערט מיט'ן גרעסטען ברען. און דער וויכטיגסטער ברען־מאַטעריאַל איז געווען גראָד אין זשענעוו, וואו עס האָבען זיך דעמאָלט צו־נויפגעקליבען די אָנגעזעהענסטע פּאַרטיי־טוער.

ווי איך האָב שוין געזאָגט פריהער, האָט אויף דעם צוזאַ־מענפאָהר געזיגט די ריכטונג פון לעניג'ען. ער איז געוואָרען דער גאַנצער בעל־הבית אין דער רעדאַקציע פון „איסקראַ" און אין דעם צענטראַלען קאָמיטעט. מאַרטאָוו'ס גרופּע — די מענשעווי־

קעם — זיינען אוועק אין אפּאָזיציע. עס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אין אויסלאַנד אַן אָרגאַניזאַציע, געשאַפן נאָך מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער פון דער „איסקרא“, אונטער דעם נאָמען: „די אויסלענדישע ליגע פון רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטען“. עס האָט זיך אַזוי געטראָפען, אַז אין דער דאָזיגער ליגע זיינען די מענשעוויקעס געווען אין אַ גרויסער מעהרהייט. האָבען זיי פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע געמאַכט אַ פעסטונג פאַר זייער ריכטונג, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, פאַר זייער גרופּע, ווארים וועגען עפּעס אַ באַזונדערער אידעאישער ריכטונג האָט מען אין די ערשטע חדשים נאָכ׳ן צוזאַמענפאָהר נאָך נישט געקענט רעדען, ס׳איז געווען אַ מעהר פערזענליכער סכסוך ווי אַ פרינציפּיעלער.

לענין געהערט אָבער ניט צו מענשען, וואָס קענען דולדען אַן אָפּאָזיציע. האָט ער געשיקט אַן אַגענט פון צענטראַלען קאָמיטעט, ער זאָל צוטרייבען די „ליגע“. דער אַגענט איז געקומען אויף אַ זיצונג פון דער ליגע (די מענשעוויקעס האָבען זיך דערנאָך געוויצעלט אַז ער איז אַריינגעפאָהרען אויף אַ ווייסען פערד) און געהייסען די חברה זיך פונאַנאַנדערצוגעהן. יענע זיינען געוואָרען מורא׳דיג אויפגעבראַכט, און ערשט דעמאָלט האָבען זיך געעפענט זייערע אויגען און זיי האָבען פאַרשטאַנען דעם אמת׳ן זין פון לעניןס אָרגאַניזאַציאָנס־אַפּעטיטען.

נאָך מיט אַ פּאָר חדשים פריהער, ווען זיי זיינען געווען צוזאַמען מיט לענינ׳ען און האָבען בשותפות מיט איהם געפיהרט דאָס רעדעל, פלעגען זיי צובאַמקען צו זיינע מיליטערישע פאַרוואַלטונגס־טהאַטען. זיי זיינען נאָך אַליין געווען די קאָמאַנדירען; און געליטען פון זייער באַלעבאַטישקייט האָבען אַנדערע „פרעמדע“ פּראַקציעס — די „ראַבאָטשעיע דיעלאָ“ און דער „בונד“. איצט האָבען זיי אָבער דערשפּירט אויפ׳ן אייגענעם קאַרק די שווערע פויסט, און זיי האָבען זיך צובונטעוועט. אָנגעהויבען האָט זיך דער „בונט“ פון דעם וואָס די ליגע האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דעם „ווייסען פערד“ און ערקלערט אַז זי וועט זיך ניט לאָזען צוטרייבען. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען בלעטלאַך (געהיימע, בלויז פאַר די פּאַרטיי־מיטגלידער) מיט אַ קריטיק פון לענין׳ס מעטאָדען. אין די דאָזיגע בלעטלאַך האָבען זיך שוין אַרומגעטראָגען אַזעלכע שאַרפע ווערטלאַך, ווי „ביוראָקראַטישער

צענטראליזם", און דאס גלייכען. און דערנאך האט מען זיך גע־נומען אריינטראכטען אלץ טיפער אין דעם זין פון דער גאנצער ר'וייסעריי און געקומען צו דעם אויספיהר, אז דער גאנצער „איס־קרא"־פעריאָד איז געווען מעהר ניט אַן אויסדרוק פון אַן אינטע־ליגענטישער באוועגונג און אינטעליגענטישע באדערפנישע. דער אלטער פאוועל אקסעלראָד, דער טיפסטער דענקער פון דער גאנ־צער גרופע, האט געמאכט א געזונטע און ריכטיגע אָפּשאצונג פון דער לאגע, און טראָצקי האט דערנאך ארויסגעגעבען א ביכעל (ער איז דעמאָלסט געווען מיט די מענשעוויקעס), אין וועלכען ער האט ווייטער ענטוויקעלט און פּאָפּולאריזירט אקסעלראָד'ס געדאנקען. און אזוי ארום איז פון א קרייז־סכסוך ארויסגעוואק־סען אַן אידעאישע צושפּאלטונג. צום סוף פון 1903 זיינען די באָלשעוויקעס (אָדער די „הארטע", ווי מען פלעגט זיי רופען) און די מענשעוויקעס געוואָרען צוויי פאַרשידענע שיטות. אמת, אין דער דאָזיגער ערשטער צייט האט זיך דער ויכוח געדרעהט בלויז ארום אינערליכע פראגען פון פּארטיי־בויען, די מיינונגס־פארשי־דענהייטען וועגען די פראגען פון פּאָליטישער טאקטיק זיינען אויפ־געקומען ערשט שפּעטער.

מיר פלעגען זיך צוקוקען און צוהערען צו די דאָזיגע דיס־קוסיעס מיט'ן גרעסטען אינטערעס. זעלבסטפארשטענדליך זיי־נען מיר געווען גאנץ צופרידען מיט דער אָפּאָזיציע, וואָס האט זיך אָנגעהויבען געגען לענין'ס באמיהונגען צו מיליטאריזירען די פּארטיי. אָבער אויך צו די מענשעוויקעס פלעגען מיר זיך בא־ציהען מיט דער געהעריגער פאָרזיכטיגקייט. איבריגענס איז זייער אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג נאָך ניט דערגאנגען אזוי ווייט, אז זיי זאָלען ענדערען זייער באציהונג צום „בונד". פארקעהרט, אין דער דאָזיגער פראגע האבען זיך ביידע פראקציעס געוואָלט אויס־פיינען איינע פאר דער צווייטער און באווייזען זייער כשר'קייט אין הלכות „בונד־פרעסעריי".

# סלאַוועק.

## .60

ער איז דעמאָלט געקומען צו אונז אין דער שווייץ. געקומען אויף אַ קורצער צייט, אַוועקגעפאָהרען, ווידער געקומען, ווידער פאַרשוואונדען, און גאַנצער לעבען איז געווען איין גרויסעס געהן און קומען, איין גרויסער האַסטיגער אימפעט, אַ קורצער אימפעט. מיט ניין יאָהר שפּעטער איז ער געשטאָרבען, און איבערגעבליבען אין זכרון פון די אידישע אַרבייטער אַלס אַ גלאַנציגער שטערן פון זייער באַוועגונג. בראָניסלאַוו גראָסער — „סלאַוועק".

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָט זיך באַוויזען אין זשענעוו אַ יונגער בחור, זעהר יונג, נאָר וואָס פון דעם שוהל־בענקעל. אַ בחור פון אַ יאָהר 19, שוין מיט אַ נאָמען; מען האָט אונז געמאָלדען פון וואַרשאַ: גיט אַכטונג אויף דעם יונגען חבר, ס'איז אונזער גרויסע האָפנונג.

ס'איז נאָך געלעגען אויף איהם אַ שטעמפּעל פון ניט־רייפקייט, פון נישט פאַרטיג זיין. ס'איז נאָך געווען כמעט אַ קינד. אָבער שוין אַ טוער פון אַ גרויסער קראַפט. אַ יונגער אָדלער.

אַ בחור פון אַ מיטעלען וואוקס; אַ דאַרער, מיט שמאָלע פּלייצעס; אַ קליינער קאָפּ מיט אַ לאַנגען האַלז, מיט שעהנע, קלאָרע, גרוי־בלויע אויגען. ער פלעגט מאַכען דעם איינדרוק פון אַ שאַרפען פייל, וואָס איז גרייט אַראָפּצופליהען פון בויגען. ווען ער איז געקומען צו מיר, איז ער ניט געזעסען אויף אָן אָרט, נאָר די גאַנצע צייט געשפּרייזט פון איין עק צימער צום צווייטען. אַז ער פלעגט געהן איבער דער גאַס, פלעגט ער שטעלען גרויסע, האַסטיגע טריט. „סלאַוועק האַלט אין איין אײַלען זיך — האָט מיר דעמאָלט געזאָגט זיין וואַרשעווער שוהל־פריינד. — ווען ער דאַרף שרייבען אַ בריף, קלאַפּט ער אַ טעלעגראַם; ווען ער דאַרף שיקען

א טעלעגראם, זעצט ער זיך אליין אין צוג אריין און פאהרט. אן אייביגער אומרוה!"

שפעטער איז ער געווארען רייפער, אביסעל געלאסענער; דער אומרוה איז אוועק פון דער אויבערפלעך און זיך אריבערגע־טראגען אינווענינ. אבער ס'איז געבליבען דער גרויסער אימפעט, דאס גרויסע אינערליכע ברענען און די גרויסע, שטעכעדיגע שארפ־קייט.

שארפקייט — דאס איז געווען די ערשטע, כאראקטעריס־טישע אייגענשאפט פון מיין יונגען פריינד. קודם כל א שארפ־קייט פון שכל — דער דאזיגער מענש, וואס איז אויסגעוואקסען אין א דורכאויס אסימילירטער ווארשעווער סביבה און אויפגעהאָ־דעוועט זיך אויף דער פוילישער קולטור (ווען איך האב זיך באַ־קענט מיט איהם האט ער כמעט ווי קיין איין ווארט אידיש ניט געקענט), האט געהאט אן אמת אידישען מח. ס'איז געווען אן ארטיסט פון טראכטען. נישט פון א בטלנ'ישען מין טראכטען סתם אין דער וועלט אריין. ניין, ס'איז געווען א גמרא־קאפ מיט א ברייטער אייראפעאישער, וויסענשאפטליכער, עסטעטישער און פאליטישער קולטור. אבער ס'איז געווען יענער אידישער מח, וועגען וועלכען א פראנצויזישער געלעהרטער האט געזאגט, אז ער איז עהנליך צו א פיינעם אינסטרומענט: ער מעסט און וועגט מיט א גענויקייט פון אן אפטייק־וואג, א מח פון א שטאהלענער שארפקייט, וואס שניידט זיך אריין אין די זאכען און באגריפען, צולעגט און צונעהמט זיי, שניידט ארוים די קלענסטע, פיינסטע שטיקלעך. א מח פון א געבוירענעם מארקסיסט.

ס'איז אבער אויך געווען א שארפקייט פון טעמפעראמענט. ער האט געמוזט שטעכען און שלאגען. ער האט געהאט אין זיך דעם גרויסען האס, די גרויסע שעפפערישע שנאה און ער האט גע־האט דעם גרויסען מוט. איך וואלט זיך ניט געקענט פארשטעלען א לאגע ווען סלאוועק זאל האבען מורא. ס'איז פאראן אן אלטע דייטשע פאלקס־לעגענדע וועגען א יונגען העלד, וואס האט פון קינדווייז אן ניט געוואוסט, וואס איז דאס אזעלכעס דאס געפיהל פון מורא. און ער איז אוועק אין דער וויטער וועלט צו זוכען און צו געפי־נען דעם דאזיגען געפיהל. סלאוועק דערמאנט מיך דעם דאזיגען העלד.

ער האָט דעם געפיהל פון פחד ניט געפונען, ניט נאָר אויף דער ברייטער ארענע פון געזעלשאַפטליכער ארבייט; דאָרטען איז ער געווען טאַקע א געפעהרליכער געגנער; א פּאָלעמיסט פון ערשטען גראַד; אָבער אויך אין פּריוואַטען, אין פּערזענליכען לעבען. אין די קליינינקייטען פון די פּריוואַטע באַציהונגען פון איין מענש צום צווייטען ווייזט זיך אמאָל די גרויסע דרייסטקייט מעהר בולט, ווי אין די גרויסע געשעהענישען. איך געדענק אזא פּרט. מיר האָבען אמאָל געהאַט א בוררים־געריכט (וועגען דער זאַך גופא וועל איך דערצעהלען שפּעטער); איך בין געווען דער פאָרשטעהער פון איין צד, סלאַוועק — פון דעם צווייטען, עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם פּערזענליכען לעבען פון א מענשען. סלאַוועק האָט ניט געהאַלטען פון דעם דאָזיגען מענשען. איך האָב דאָס געוואוסט; איך בין אָבער ערשטוינט געוואָרען הערענדיג, ווי ער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבען צו זאָגען דעם דאָזיגען מענשען אין די אויגען אריין, וואָס ער דענקט וועגען איהם. ניט חלילה אין א מאָמענט פון אויפרעגונג אָדער פּאָלעמישער פּאַרביסענקייט; ניין, גאַנץ רוהיג און זאַכליך, קוקענדיג איהם אין די אויגען, האָט סלאַוועק מיט א געלאַסענער שטים ערקלעהרט דעם מענשען, ווי אזוי ער באַציהט זיך צו איהם. ס'איז געווען גרויזאַם. איך האָב אָבער געהאַט דעם איינדרוק, אז כדי דאָס צו מאַכען, דאַרף מען אפשר האָבען ניט קיין קלענערען מוטה, ווי צו געהן קעמפען אויף א באַריקאַדע; דוקא צוליעב דעם, וואָס עס איז געמאַכט געוואָרען אין א רוהיגען צושטאַנד און ניט אונטער דער ווירקונג פון א מאַסען־אויפרעגונג.

וואָס איז אָבער געווען באַזונדערס טייער און ווערטפול אין דעם דאָזיגען מענשען, דאָס איז געווען זיין ריטערליכקייט. א שאַרפער, שטעכיגער קעמפפער, איז ער שטענדיג געווען איידעל און פיין. ער איז שטענדיג געבליבען א דזשענטעלמען. יעדער קאַמפף איז פאַר איהם געווען ווי א מין דועל. ער דערלאַנגט א קלאַפּ — און א גוטען קלאַפּ; אָבער ווען דער געגנער ליעגט אויף דער ערד, קומט ער צו איהם, גיט איהם די האַנד און העלפט איהם אַוועקצושטעלען זיך צוריק אויף די פיס.

ער איז געווען שטאָלץ. ס'איז אָבער ניט געווען יענע גאווה, וואָס מען טרעפט אזוי אָפט ביי א פּאָלאַק. ס'איז געווען א

שטאָלצקייט פון אַ מענש, וואָס שאַצט אָפּ די ווערדע פון זיין אייגענער פערזענליכקייט און פאַרטיידיגט זיינע רעכט.

ווען מיר האָבען זיך באַקענט, איז ער געווען זעהר יונג. דאָס גאַנצע לעבען איז נאָך געווען אין דער צוקונפט. און ער האָט ליעב געהאַט דאָס לעבען. ניט געווען קיין שמאָלער „בלויז־פּאַרטיי־מענש”. האָט געהאַט די ברייטסטע, פערשידענאַרטיגסטע אינטערעסען. און אַזוי איז ער געבליבען ביז'ן סוף. פול מיט אינטערעס פאַר דער קונסט, פאַר דער ליטעראַטור, געהאַט פיעל פריינד, וועלכע זיינען געווען איבערגעגעבען איהם מיט ליעב און זעעל. און אויך די פרויען־ליעבע האָט אין זיין שעהנעם גלענציגען לעבען פאַרנומען ניט קיין קליינעם אָרט.

ווי געזאָגט, איז ער אויסגעוואַקסען אין אַן אַסימילירטער אידיש־פּוילישער סביבה. ער איז דורכגעדרונגען געווען מיט פּוילישער קולטור. און ער האָט איהר ליעב געהאַט. איך געדענק אַ נאַכט, וואָס מיר האָבען פאַרבראַכט אין אַ קליינעם ציריכער האָטעל, וואו מיר זיינען אמאָל געשטאַנען צוזאַמען מיט איהם. ס'איז געווען צוזאַמען מיט אונז איינער אַ פריינד זיינער, אַ פּאָלאַק. זיי האָבען געשמועסט — די גאַנצע נאַכט — וועגען וואַרשאַ. מיט וואָס פאַר אַ געוואַלדיגע ליעבשאַפט האָט ער גערעדט וועגען דער דאָזיגער שטאָדט! ווי אַן אמת'ער, געבוירענער פּאָלאַק. מיט דער אידישקייט האָט ער געהאַט זעהר ווייניג געמיינזאַמעס. ער האָט ווייניג געקענט דאָס אידישע לעבען. ערשט עטליכע יאָהר פאַר זיין טויט האָט ער אָנגעהויבען צו לערנען זיך רעדען אידיש און ער האָט ניט באַוויזען אויסצולערנען זיך ווי געהעריג איז. אָבער שוין אַלס אינגעל האָט ער באַשלאָסען צו געהן ארבייטען אין די אידישע ארבייטער־באַוועגונג און ער איז געוואָרען און געבליבען ביז'ן טויט אַ געטרייער בונדיסט. פאַר וואָס? ער האָט דאָס געהאַלטען פאַר זיין פליכט. גאַנץ באַוואוסטזיניג האָט ער זיך געזאָגט: „איך בין אַ איד, און מיין חוב איז אָפּצוגעבען מיינע קרעפטען דעם אידישען ארבייטער”. ס'איז געווען אַ גרויסער קרבן. מען פלעגט איהם שטענדיג רופען פון דער פּוילישער גאַס; דאָרטען איז פאַר איהם געווען אָפען אַ ברייטערער פּלאַץ, ווי ביי אונז. ער וואָלט זיך געקענט מאַכען אַ גלענצענדע קאַריערע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון און איז געבליבען ביי אונז. און די גרויסע

אינערליכע דראַמאַ פון זיין לעבען איז געווען, וואָס ער האָט גע־פיהלט די אונמעגליכקייט צו ענטוויקלען אין אונזער סביבה זיין גאַנצע קראַפט. ס׳איז איהם געווען ענג, ער האָט ניט געקענט גע־פינען דעם געהעריגען אָרט. מיט דעם ערקלערט זיך צום טייל זיין שטענדיגער אומרוה. ער איז אָבער ניט אוועק.

און מיט רעכט איז זיין נאָמען געבליבען אין דעם זכרון פון די אידישע אַרבייטער־מאַסען אַלס אַ טייערער נאָמען פון אַ קדוש.

עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדען וועגען סלאַוועק אין די שפּעטערדיגע קאַפּיטלען. ווי געזאָגט, איז ער אין יענער צייט (ס׳איז, דאַכט זיך, געווען צום סוף 1903) געווען נאָך זעהר יונג. ער האָט אָבער שוין געשפּילט אַן אָנגעזעהענע ראָלע. נאָך ניט צוגעוועהנט צו דעם שטרענגען אָרגאַניזאַציאָנס־לעבען, נאָך ניט באַהאַוועגט אין קאָנספּיראַציעס, אַביסעל ניט פאָרזיכטיג, אַביסעל צעשטרייט, האָט ער ניט פאַרנומען אין דער אָרגאַניזאַציע קיין באַשטימטען אָרט. ער פלעגט אָבער ערפילען פאַרשידענע אויפ־גאַבען פאַר דער פּאַרטיי.

באַלד ווי ער איז געקומען אין זשענעווע, האָט ער געלייענט אַ רעפעראַט אין דער פּוילישער קאָלאָניע וועגען דעם „בונד״. אַב־ראַמאָוויטש און איך זיינען געגאַנגען איהם הערען. און מיר זיי־נען פאַרוואונדערט געוואָרען הערענדיג, ווי דער דאָזיגער בחור, וואָס איז געקומען פון דער ווייטער וואַרשאָ און האָט זיך מיט אונז קיינמאָל ניט צונויפגערעדט, האָט פאַרטיידיגט אונזער שטאַנד־פּונקט געגנוי מיט די זעלבע ראיות, כמעט מיט די זעלבע ווערטער, ווי מיר פלעגען דאָס טהאָן.

מיט עטליכע חדשים שפּעטער, אין פריהלינג, 1904, האָט אונזער אויסלענדישער קאָמיטעט אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אַ קליינעם זשורנאַל אין פּויליש. דאָס רעדאַגירען דעם זשורנאַל איז איבערגעגעבען געוואָרען סלאַוועק׳ן צוזאַמען מיט ליבער׳ן (וועלכער איז צו יענער צייט ווידער אַמאָל געקומען צו פאָהרען אין אויס־לאַנד).

ארום יענער צייט האָט זיך סלאַוועק באַטייליגט אין אַ צוזאַ־מענפאָהר פון אַ ראַדיקאַלער פּוילישער יוגענד־אָרגאַניזאַציע. דאָר־טען האָט ער געפיהרט אַ גלענצענדען קאַמפּף מיט דער פּ. פּ. ס. ער איז געווען אַן ערשט־קלאַסיגער רעדנער און האָט געהאַט אַ

גרויסע ווירקונג. אינטערעסאנט איז, אז נאך דער רעדע פון דעם דאזיגען נײַנצעהן יעהריגען אינגעל, האט דער פארשטעהער פון פ. פ. ס., דער אלטער פארטיי־פיהרער דר. הארוויץ, פארלאנגט פון דעם צוזאמענפאהר מען זאל איהם דורכאויס לאזען ענטפערען תיכף סלאוועק׳ן (ס׳איז געווען גראד צום סוף פון דער זיצונג, און מען איז געווען בדעה מעהר ניט צו רעדען דעם טאג), ווייל „עס קען ניט דערלאזען ווערען, אז די זיצונג זאל געשלאסען ווערען אונטער דעם איינדרוק פון זיין רעדע". דער אלטער פארטיי־פיהרער האט געשפירט, אז עס האט זיך באוויזען א געפעהרליכער געגנער.

אין פריהלינג 1904 האבען מיר צוזאמען מיט סלאוועק׳ן פארבראכט א פאהר וואכען אין ציריך און געפיהרט דארטען א קאמפף מיט די „איסקראווצעס". האלבע נעכט פלעגען מיר פאר־ברענגען אין לאנגע שמועסען אין דער קאפע „טעראס", ביי דער ציריכער אזערע; א שעהנע, היימישע קאפע; און די שמועסען זיינען אויך געווען שעהן און היימיש. מיר זיינען געשטאנען אין איין האטעל, געשלאפען אין איין צימער, און איך האב באמערקט, אז סלאוועק האט אלע מאל ביי זיך א רעוואלווער. צוליעב וואס? זיכער ניט צוליעב פאליטישע צוועקען. אבער דער שטאלצער אינ־געל וואלט קיינמאל ניט אריבערגעטראגען א פערזענליכע באליידי־גונג.

שפעטער איז ער אויף א קורצע צייט אוועקגעפאהרען אין גאליציען. איך בין ווייטער געבליבען אין דער שווייץ.

.61

# דאָס קליין־שטעדטעל ווייזט די ציינען.

האָבענדיג מיין וואוינונג אין זשענעוו, פלעג איך א סך ארומ־פאָהרען, און כמעט יעדעס מאָהל פלעג איך מוזען אדורכפאָהרען דורך בערן. פלעג איך זיך דאָרטען אָפּשטעלען אויף א פּאָהר טעג און זיך אָפּרוהען אין דער היימישער סביבה. אָבער אין אָנהויב זומער 1904 איז מיין ליבשאַפט צו דער בערנער קאָלאָניע שטארק אָפּגעקיהלט געוואָרען. עס האָט זיך געטראָפען אזא מעשה.

ווי דער שטייגער איז, האָב איך דעם דאָזיגען פריהלינג פער־בראכט אין קלאראַן. פון דאָרטען האָב איך זיך ארייינגעכאפּט אין מינכען — מיט א רעפעראַט. צוריקוועגס, פאָהרענדיג אין זשענעוו שטעל איך זיך אָפּ אין בערן. איך קום צו פאָהרען און געפין די קאָלאָניע אין א גוואלדיגער אויפרעגונג. א ליארם, א געפילדער, אן אויפרעגונג. וואָס איז געשעהן? אן איינפאכע אָבער א סענ־סאציאָנעלע געשיכטע: א אידיש מיידעל — א יונגעטשקע אי־מיגראנטקע — איז... מעוברת געוואָרען.

איך מיין ניט, אז אין דער געשיכטע פון דער בערנער קאָלאָניע האָט זיך אזא „געשעהעניש” געטראָפען דאָס ערשטע מאָל. די נאָוועגע איז אָבער באשטאנען אין דעם, אז עס האָט זיך געמאכט אן עפענטליכער סקאנדאל. דאָס מיידעל איז געווען א היסטערישע. האָט זי אָנגעמאכט א געוואלדיגען טומעל, געקומען צו לויפען צו א צוויטער מיידעל, געוויינט, געשריען, גע'חלש'ט, שיעור ניט אויף דער גאַס. און די קאָלאָנישע מענשען זיינען אויפגערודערט גע־וואָרען, ווי מוראשקעס. ווי אזוי, וואָס, ווער איז דער שולדיגער? לאָזט זיך אויס, — ס'איז א חבר, א מיטגליד פון דער בונדישער גרופּע, און אגב מיינער א גוטער פריינד.

איך קום צו געהן אויף א זיצונג פון דער גרופּע — א ספּעציעלע

זיצונג, וועגען וועלכער מען האָט איהם אפילו ניט געמאָלדען: עס קאָכט און ברויזט. ווי דער שטייגער איז, זיינען די מענער מעהר געלאַסען, אָבער די מיידלאַך קעהרען וועלטען. איך זעה נאָך פאַר מיינע אויגען איינע אַ חבר'טע — שוין ניט קיין יונגע מיידעל מיט געשאָרענע האָהר און מענערשע מאַניערען, — ווי זי זיצט און שרייט אָהן אויפהער: מיר מוזען איהם צווינגען חתונה האָבען"! טענה איך איין מיט זיי: „חברה! וואָס איז דאָס פאַר אַן עסק פאַר אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע צו פאַרנעהמען זיך מיט שדכנות!" אָבער געה רעד מיט צעבושעוועטע מענשען!

נאָך לאַנגע דעבאַטען מאַך איך אַזאַ פאָרשלאַג: איך וועל רעדען מיט איהם, — ניט וועגען חתונה האָבען, פאַרשטעהט זיך, אָבער איך וועל איהם זאָגען: אַזוי ווי די קאָלאָניע איז געוואַלדיג אויפגעבראַכט געגען איהם, זאָל ער כאָטש אויף אַ צייט אוועקפאָהרען פון בערן; איך וועל דאָס פאָרלעגען, הגם ניט אָפיציעל, נאָר פאַקטיש אין נאָמען פון דער גרופּע.

מען איז מסכים געווען מיט מיין פאָרשלאַג. איך האָב געפיהלט, אַז איך נעהם זיך אונטער צו טאָן זעהר אַ קיצעלדיגע זאַך. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך ריזיקיר דאָ מיט אַ פריינדשאַפט, פון וועלכער איך האָב שטאַרק געהאַלטען. אָבער — ווי לעכערליך זאָל דאָס ניט זיין — עס זיינען דאָ געווען פאַרמישט פּאַרטיי־אינטערעסען. וואָרים דער בחור איז געווען אַ פּאַרטיי־טהוער; און דער ברייטער עולם האָט שוין אַזאַ טבע: ווען ער האָט פיינד אַ מענשען צוליב פערזענליכע טעמים, טראָגט ער איבער די דאָזיגע פיינדשאַפט אויך אויף די פּאַרטיי. זיינען מיר געווען פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז דער מענש זאָל אויף אַ צייט נעלם ווערען פון דעם בערנער האָריזאָנט.

איך בין געגאַנגען צו איהם, און מיין מורא איז טאַקע ניט געווען קיין אומזיסטע. ווי שטאַרק איך האָב זיך ניט באַמיהט צו מאַכען די זאַך וואָס ווייכער און „דיפּלאָמאַטישער", אָבער באַלד פון די ערשטע ווערטער איז מיין פריינד געוואָלדיג ברוגז געוואָרען: „וואָס איז דאָס אַזעלכעס? וואָס פאַר אַ רעכט האָט די גרופּע אריינצומישען זיך אין מיינע פערזענליכע ענינים? איך וועל זיי הערען ווי די קאַץ!" טענה איך מיט איהם: „איהר זייט גערעכט. ס'איז טאַקע אַ גאַנץ פערזענליכער, גאַנץ אינטימער ענין.

און די גרופּע האָט טאַקע קיין רעכט ניט אַריינצומישען זיך, אָבער די פּאַרטיי־אינטערעסען פאַרלאַנגען, אַז איהר זאָלט אָװעקפאָהרען.״

—„ניין, איך װעל דאָס ניט טהאָן״.

מילא האָט זיך מיין נסיעה געענדיגט מיט אַ מפּלה. און דאָס טרויעריגסטע פאַר מיר איז געװען, אַז דער מענש האָט זיך פון יענער צייט אָן באַצויגען צו מיר װעניגער האַרציג, װי ס'איז געװען ביז דעמאָלט.

די גרופּע פון איהר זייט האָט באַשלאָסען, אַז ער זאָל אין דער נאָהענטער צוקונפט זיך אָפּהאַלטען פון עפענטליכע אַרויס־טרעטונגען. האָט ער גערופען די גרופּע צו אַ בוררים געריכט, און דאָס געריכט האָט באַשטעטיגט דעם באַשלוס פון דער גרופּע.

אָבער ביז'ן געריכט האָט זיך דער עסק פּלוצלינג ליקװידירט אויף אַן אַנדער אופן. װאָס איז? אין אַ פּאָר װאָכען אַרום האָט דער בחור חתונה געהאַט און טאַקע מיט דער זעלביגער מייד־דעל. און אין גיכען האָט זיך אַרויסגעװיזען נאָך אַ זאַך, װאָס האָט צוגעגעבען דעם אינצידענט אַ גאָר קאָמישען טעם: דאָס מיידעל איז נאָך ניט געװען מעוברת! ס'איז געװען אַ מיספערשטענדניס. װאָרים דאָס ערשטע קינד, װאָס זי האָט געהאַט, איז געקומען אויף דער װעלט ערשט מיט אַ יאָהר שפּעטער נאָכ'ן גאַנצען סקאַנדאַל.

דעמאָלט האָט דאָס די קאָלאָניע אָבער נאָך ניט געװאוסט. ס'איז געװען אַן אמת קליינשטעדטעלדיגע מהומה. איך האָב גע־האַט אַ געפיהל פון טיפסטען עקעל. דאָס טומלען זיך פון די מיידלעך, דאָס גראָבען זיך אין די אינטימסטע זאַכען, דאָס אַרויס־טראָגען אַ טיף פּערזענליכע אַנגעלעגענהייט ממש אויף דער גאַס, איז געװען גװאַלדיג אָפּשטויסענד. און צום ערשטען מאָל האָב איך געפיהלט אַ שטאַרקען אומ'חן צו מיין בערנער עולם. עס האָט זיך מיר געװאָלט צונויפקלייבען די גאַנצע קאָלאָניע אויף אַ גרויסען מיטינג, אַװעקצושטעלען זיך פאַר זיי, און אָנזידלען דעם אויפּ־גערודערטען עולם מיט די שאַרפּסטע װערטער, װאָס איך פאַרמאָג.

פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב דאָס ניט געטאָן, אָבער דאָס אַמאָליגע היימישע געפיהל פון נאָהענטקייט און צוגעבונדענקייט, װאָס איך האָב ביז יענער צייט געהאַט צו דער קאָלאָניע, האָט באַ־קומען אַ שטאַרקען קלאַפּ. דאָס קליין שטעדטעל האָט געװיזען זיינע צייחן.

## .62

# ש פּ י ץ.

פונדעסטוועגען בין איך געפאָהרען פאַרברענגען דעם זומער אין שפּיץ. איך זאָג „פונדעסטוועגען", ווייל שפּיץ — דאָס איז געווען, אזוי צו זאָגען, די זומער־אָפּטיילונג פון דער אייגענער בערנער קאָלאָניע. ס'איז אַ קליינער זומער־אָרט אויפ'ן ברעג פון טהונער אָזערע, ניט ווייט פון בערן — אַ פאָהר שעה פאָהרען. שפּיץ גופא איז אַ קלייניניטשקע שטעדטעל מיט עטליכע האָטעלען און געוועלבער. אָבער אַרום און אַרום ציהען זיך מיילענווייז צעזייטע און צעשפּרייטע פויערשע הייזלעך, און אָט דאָרטען אין די דאָזיגע הייזלעך באַזעצען זיך אויף די זומער־חדשים די „רוסען" — דאָס הייסט, דאָס רוב אידען, און דאָס רוב דוקא פון בערן. און די גאַנצע געגענד ווערט פול מיט דער רוסישער און אידישער שפּראַך, מיט'ן רוסישען און אידישען געזאַנג.

די געגענד גופא איז ניט פון די סאַמע שעהנסטע אין דער שווייץ. אָבער ס'איז אַ מין אויסגאַנגס פּונקט, פון וואַנען עס עפענען זיך אין פאַרשידענע ריכטונגען די וועגען, וואָס ציהען אין די סאַמע טיעפעניישען פון די שווייצאַרישע שעהנקייטען. עס איז דער אזוי גערופענער „בערנער אָבערלאַנד", די סאַמע האַרץ פון דער שווייץ, מיט איהרע הימעל־הויכע בערג, מיט'ן אייביגען שנעע און אייז, מיט די וואונדערבאַרע טאָלען, מיט די וואַסערפאַלען און הוילען, מיט די קליינע בערג־אָזערעס. ווער עס האָט ניט באַזוכט כאָטש איין מאָל יענע געגענדען, דער האָט ניט געזעהן די שווייץ.

איך האָב זיך באַזעצט מיט ליבער'ן, וועלכער איז ווידער אמאָל געווען אין אויסלאַנד. ער איז שוין געווען פאַרהייראַט און האָט געהאַט אַ קליין מיידעלע פון אַ האַלב יאָהר. איך בין געווען איינער אַליין, האָב איך זיך צו זיי צוגעטוליעט. מיר האָבען געדונגען אַ

פאַר צימערען ביי א פויער און געמאַכט א „קאָמונע". קאָסאָווסקי האָט געוואוינט אין אַ שכנה'דיגען הויז און האָט געגעסען צוזאַמען מיט אונז און צוזאַמען מיט איהם האָבען מיר אַריבערגעטראָגען אין שפּיץ א היבשען חלק פון אונזער אַרבייט.

מיר האָבען דעמאָלט געהאַלטען אין אַרויסגעבען אונזער רוסי־שען זשורנאַל „וויעסטניק בונדא". די אויפגאַבע פון דעם דאָזיגען זשורנאַל איז געווען ניט קיין אַגיטאַציע, נאָר א מעהר טעאָרעטישער אַריינדרינגען אין די פראַגען פון אונזער פּראָגראַם. און ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע, וואָס איז ביז יענער צייט געווען אַם ווייניגסטען באַאַרבייט, איז ביי אונז גע־שטאַנען אויפ'ן ערשטען פּלאַן. אין די ערשטע צוויי נומערען זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרען צוויי גרויסע, גרינדליכע אַרטיקלען פון קאָ־סאָווסקי'ן. אין די ווייטערדיגע צוויי נומערען האָב איך אָנגע־שריבען צוויי גרויסע אַרטיקלען.

די דאָזיגע אַרטיקלען מיינע זיינען שפּעטער (אין יאָהר 1906) אַרויסגעגעבען געוואָרען אין רוסלאַנד אַלס א באַזונדער ביכעל (אויף רוסיש און אידיש) אונטער'ן נאָמען „די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע און די נאַציאָנאַלע פראַגע". די דאָזיגע בראָשור איז דעמאָלט באַטראַכט געוואָרען אַלס א מין בונדישער אני מאמין.

די אַרטיקלען זיינען געווען א רעזולטאַט פון גאַנץ לאַנגע אָנ־שטרענגונגען. געטראַכט וועגען דער פראַגע האָב איך יאָהרען־לאַנג. אָבער אפילו נאָך דעם, ווי איך בין שוין געקומען צו באַשטימטע און פעסטע אויספיהרען, איז עס נאָך געווען א האַרב שטיקעל אַרבייט אויסצודריקען דאָס אויפ'ן פּאַפּיר.

אין יענע יאָהרען איז דאָס שרייבען פאַר מיר געווען א גאַנץ שווערע זאַך. און ניט איין בלאַט פּאַפּיר האָב איך צוריסען איידער איך האָב סוף כל סוף גובר געווען די שוועריגקייטען פון א ניט־געניטער פען. איך האָב שוין מיט א יאָהר פריהער געפּרואווט דאָס צו טאָן, אין פריהלינג 1903; איך האָב זיך שטאַרק געמאַטערט; איך זעה נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג פאַר מיינע אויגען די בלעטלעך פּאַפּיר, וואָס איך האָב דעמאָלט גענוצט, — עפּעס א באַזונדערער מין האַרטע פּאַפּיר. אָבער ס'איז גאָר ניט אַרויסגעקומען פון דעם. און ערשט מיט א יאָהר שפּעטער, אין שפּיץ, זיינען די אַרטיקלען געקומען צו שטאַנד.

דאָס איז געווען די פאָרמולירונג פון יענעם בונדישען „נייט־ראַליזם", מיט וועלכען מען האָט אונז שפּעטער אזוי פיל געשטאָכען די אויגען, און וועלכען מען האָט אזוי אָפט מיספערשטאַנען. דאָס וואונדערט מיך ניט, ווארום דאָס גאַנצע אַוועקשטעלען די פראַגע איז געווען פון אַזאַ מין, אַז עס האָט געדאַרפט אויסזעהן ווילד און פרעמד פאַר דעם טראַדיציאָנעלען געדאַנק. און פרעמדע זאַכען פאַרשטעהט מען אַלע מאָל שלעכט.

מיין הויפּט־אויפגאַבע און די הויפּט־שוועריגקייט איז באַשטאַנען אָט טאַקע אין דעם אַוועקשטעלען די פראַגע. דער קאָנקרעטער ענטפער — די באַגרינדונג פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע — איז שוין געווען פון די גרינגערע זאַכען. אָבער דאָס אַוועקשטעלען — דאָס איז געווען דאָס שווערסטע און דאָס נויטיגסטע. ווארום עס האָט ניט עקזיסטירט קיין סאָציאַליסטישער שטאַנדפּונקט אין דער פראַגע. די סאָציאַליסטען פלעגען זיך וואקלען צווישען צוויי בורזשואַזע שטאַנדפּונקטען, אָדער זיי פלעגען זיין קאָסמאָפּאָליטען־אַסימילאַטאָרען און בכלל ניט האַלטען פון „אַזעלכע זאַכען", אָדער זיי פלעגען איבערנעהמען דאָס האָב און גוטס פון די נאַציאָנאַליסטען און דערווייזען, אַז די דאָזיגע ירושה פּאַסט פאַר'ן סאָציאַליזם. אָבער קיין אייגענע סאָציאַליסטישע פּאָזיציע איז ניט געווען. נאָך מעהר, מען האָט ממש ניט געקענט פאַרשטעהן, אַז עס קען זיין נאָך אַ דריטער אויסוועג. „אויב דו ביזט ניט קיין נאַציאָנאַליסט — פלעגען טענה'ן די רעכטע, — ביזטו אַן אַסימילאַטאָר". אויב דו ביזט ניט קיין אַסימילאַטאָר — האָבען געזאָגט די לינקע — ביזטו דאָך אַ נאַציאָנאַליסט". און קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט דאָס געפיהל, אַז עס מוז דאָך זיין עפּעס גאָר אַן אַנדער פּאָזיציע, וואָס שטעהט איבער דער נאַציאָנאַליסטישער און איבער דער אַסימילאַטאָרישער, און וואָס האָט איהר אייגענעם, גאָר באַזונדערען פּנים.

דאָס וואָס איך האָב געוואָלט, איז געווען אָט דאָס געפינען און קלאָר מאַכען די דריטע, די סאָציאַליסטישע פּאָזיציע. ס'איז געווען דער ערשטער פּרוב, איך האָב נאָר געלעגט די ערשטע פאַר שטיינער פון בנין, און עס איז ניט קיין וואונדער, אַז אין די שפּע־

טערדינגע יאָהרען האָב איך אַליין געמוזט מאַנכעס אויסבעסערען און ענדערען.

עס איז מיר געווען אַ גרויס הנאה, ווען ס'איז ארויס מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער דאָס באַרימט־געוואָרענע בוך פון אָטאָ בויער (כמעט אונטער'ן זעלבען קעפּעל ווי מיין בראָשור). און איך האָב ביי איהם געטראָפען די אייגענע פּרינציפּיעלע שטעלונג. פאַר־שטעהט זיך, איז עס ביי איהם געווען אַן אַנדער באַארבייטונג — גרינדליכער, בעסער און קלאָרער ווי ביי מיר. ער איז טאַקע אַ זעלטען קלאָרער קאָפּ (בלי ספק דער בעסטער קאָפּ אין דער היינ־טיגער סאָציאַליסטישער באַוועגונג). אָבער אין דער עצם זאַך האָ־בען מיר זיך באַגעגענט.

חוץ די דאָזיגע ארטיקלען האָבען מיר אין „וויעסטניק בונדא" געשריבען וועגען פאַרשידענע לויפענדע פראַגען, און איך האָב צום ערשטען מאָל געמאַכט אַ פּראָבע צו שרייבען קליינע פּובליציסטישע נאָטיצען.

.63

# דער אַמסטערדאַמער קאָנגרעס.

אין זומער 1904 איז פאָרגעקומען דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם, און איך בין געפאָהרען אַהין אַלס איינער פון די בונדישע דעלעגאַטען. די דעלעגאַציע אונזערע איז באַשטאַנען פון זיבען מאַן: ליבער, קאָסאָווסקי, דזשאַן, מאַקסימאָוו (אונזער טוער, וואָס האָט געלעבט אין פאַריז), אַלעקסאַנדער און מאַקאַוויי (דיביידע לעצטע זיינען דירעקט קיין אַמסטערדאַם געקומען צו פאָהרען פון אַמעריקא, וואו מיר האָבען זיי געשיקט צו קלייבען געלד פאַר'ן „בונד", אין אַמעריקא האָט מאַקאַוויי געהייסען מיכאַיל בערג, אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָט ער געהאַט דעם פּאַרטיי־נאָמען עזרא) און איך.

מיר זיינען געקומען אין אַמסטערדאַם, און זיינען אַלע פאַרפאָהרען אין אַ פּריוואַטע דירה, וואָס איז אונז אָנגעוויזען געוואָרען פון די אָרגאַניזאַטאָרען פון קאָנגרעס. עס האָט אונז באַגעגענט די בעל'הבית'טע פון דער דירה, אַן עלטערע, זעהר אַ פריינדליכע פרוי, מיט אַ פרעהליכען קינדערשען געלעכטער. ס'איז אָבער אַ צרה: מיר קענען ניט קיין וואָרט האָלענדיש. רעדען מיר צו איהר אויף דייטש, אויף פראַנצויזיש, אויף ענגליש — פאַרשטעהט זי נישט. לאַכט זי, לאַכען מיר. אָבער דער שמועס ריהרט זיך ניט פון אָרט. סוף כל סוף זאָגט זי אונז — און אונז דאַכט זיך, אַז מיר פאַרשטעהען דאָס שוין יאָ — „אָט באַלד וועט קומען דער דאָקטאָר" — טענה'ן מיר צו איהר: מיר דאַרפען נישט קיין דאָקטאָר, מיר זיינען ברוך השם אַלע געזונד, האַלט זי זיך אָבער ביי איהר'ס: וואָרט נאָר, אָט וועט קומען דער דאָקטאָר.

**מילא, זאָל זיין אַ דאָקטאָר! ערשט שפּעטער האָט זיך אָבער**

ארויסגעוויזען, אז זי האָט געמיינט ניט אַ דאָקטאָר, נאָר איהר טאָכטער (אין האָלענדיש קלינגט עס עהנליך צו אַ „דאָקטאָר"), און די טאָכטער קען פרעמדע שפּראַכען. איז זי סוף כל סוף געקומען, און מיר האָבען זיך צוזאַמענגערעדט.

אַמסטערדאַם איז אַ וואונדערבאַרע שטאָדט; אַ שטאָדט מיט אַ גאַנץ אייגענאַרטיגען, פּערזענליכען חן. זעלטען שעהן זיינען די אַלטע גאַסען מיט די שטילע קאַנאַלען, מיט די אַלט־פרענקישע הייזער, מיט דעם מעלאָדישען קלאַנג אין די הויכע קלויסטערס, וואָס קלינגען אויס אַלע שעה אַ מעלאָדישען ניגון. שעהן זיינען אויך די מאָדערנע גרויסע גאַסען. איך האָב זיך פריהער פאָרגעשטעלט, אַז די האָלענדער זיינען עפּעס אַ מין פאַר־שלאָפענע, פלעגמאַטישע מענשען. ס'איז אָבער ניט אַזוי. די גרויסע גאַסען קאָכען און ברויזען, און אפילו אין די הויפען הערט זיך ביז שפּעט ביינאַכט מוזיק, געלעכטער און געזאַנג.

געוואַלדיג אינטערעסאַנט זיינען די אידישע קוואַרטאַלען. גאָר אַ באַזונדער וועלט. טיפּיש אידיש. שמוציג, רעש'יג, פול מיט האַנדעל און געשריי. איך האָב געהאַט אַ פאַלשטענדיגע אילו־זיע, אַז איך געפין זיך ערגעץ אין ווילנא אויף רודניצקער אָדער זאַוואַלנער גאַס. ס'איז טאַקע דאָ פּאַראַן, חוץ די אָרטיגע, אַלט־איינגעזעסענע אידען, וואָס שטאַמען נאָך פון שפּאַניען, גרויסע מחנות רוסישע און פּוילישע אידען, און די אידישע שפּראַך הילכט גאַנץ געשמאַק אויף יעדען טריט און שריט. און אַז איך בין שפּעטער געקומען אויף אַ גרויסען מיטינג, וואָס די אָרטיגע סאָ־ציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע האָט איינגעאָרדענט לכבוד דעם קאָנ־גרעס, און אַריינגעפאַלען אין מיטען אַן עולם פון יונגע אידישע אַרבייטער, בחורים און מיידלאַך, האָב איך שוין געהאַט אַ גע־פיהל, אַז איך בין ערגעץ אויף אַ פאַרזאַמלונג אין אונזער ליטא.

די זיצונגען פון קאָנגרעס זיינען פאָרגעקומען אין דעם גרעס־טען קאָנצערט־זאַל פון אַמסטערדאַם. דער זאַל איז געווען אַ שעה־נער, דער עולם אַ גרויסער; עס האָט זיך צונויפגעקליבען די גאַנ־צע סמעטענע פון דער אַלוועלטליכער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אויף יעדען טריט און שריט האָט מען געקענט זעהן באַריהמטע פּנים'ער, הערען באַריהמטע נעמען. אָבער די שטימונג פון קאָנג־

רעם האָט מיך אַביסעל ענטוישט. איך האָב זיך גערעכנט אויף
אַ גרויסער, פייערליכער התפּעלות, און איך האָב דאָס ניט געזעהן.
דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז געווען אַ סך ברויזענדער. אין
אַמסטערדאַם אָבער האָב איך געזעהן מעהר זאַכליכקייט, ווי ענטו־
זיאַזם. פאַר וואָס איז דאָס אַזוי געווען? גאַנץ פּשוט. אין באַזעל האָ־
בען זיך צונויפגעקליבען צום גרעסטען טייל אידען פון אַ גאַנץ יאָהר.
האָבען זיי זיך איין מאָל אין אַ שמיטה ארויסגעריסען פון זייערע
ענגע ד׳ אמות, פון זייערע וואָכעדיגע געשעפטען, און זיינען גע־
וואָרען נשמה יתירה׳דיג. דאָ אָבער איז דאָס רוב עולם געווען פּראָ־
פעסיאָנעלע טוער. אַ קאָנגרעס איז פאַר זיי קיין נייעס ניט; דאָס
איז די פאָרטזעצונג פון זייער טאָג־טעגליכער ארבייט.

צווייטענס, קען מען ניט ערוואַרטען פון אַ דייטש אָדער אַן
ענגלענדער (און דייטשלאַנד אַליין האָט געהאַט אַ דעלעגאַציע פון
אַ מאַן הונדערט) יענעם פייערדיגען מזרח טעמפּעראַמענט, וועלכען
מ׳טרעפט אויף אַ אידישער אסיפה. און, דריטענס, איז דאָ פאַראַן
אויף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען אַ זאַך, וואָס קיהלט שטאַרק
אָפּ. דאָס איז די דריי־שפּראַכיגקייט. מען רעדט אין פראַנצוי־
זיש, דייטש און ענגליש. און יעדע רעדע, וואָס ווערט געהאַלטען
אין איינע פון די דריי שפּראַכען, ווערט תיכף איבערזעצט אויף די
איבעריגע צוויי; איז עס זעהר נודנע.

די ערשטע זיצונג האָט פונדעסטוועגען געהאַט אַ זעהר פייער־
ליכען מאָמענט. דער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען מיט עטליכע מאָ־
נאַטען נאָכדעם, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבען די רוסיש־יאַפּאַנישע
מלחמה — האָט מען דעמאָנסטרירט דעם ווילען צו שלום. ס׳איז
געמאַכט געוואָרען אויף אַ זעהר שעהנעם אופן. עפענענדיג דעם
קאָנגרעס, האָט טרולסטראַ (דער פיהרער פון דער האָלענדישער
סאָציאַליסטישער פּאַרטיי) איינגעלאַדען די פאָרשטעהער פון די
צוויי מלחמה־פיהרענדע לענדער — פּלעכאַנאָוו׳ן פון רוסלאַנד און
סען־קאַטאַיאַמאַ פון יאַפּאַן — זיי זאָלען זיך אַוועקזעצען לעבען
איהם, איינער פון רעכטס און דער צווייטער פון לינקס. און ווען
טרולסטראַ האָט אין זיין ערעפענונגס־רעדע דערמאָנט וועגען דער
מלחמה און וועגען דער אחדות פון רוסישען און יאַפּאַנישען פּראָ־
לעטאַריאַט, האָבען זיך דיביידע אויפגעשטעלט, און פּלעכאַנאָוו
האָט אויסגעצויגען צו סען־קאַטאַיאַמאַ׳ן די האַנד. און ביי אַ שטורמ־

דיגער בראווא־פאטשעריי פון גאנצען זאל, האבען זיך די צוויי „שונאים" לאנג און פעסט געדריקט די הענט. דאס איז געווען דאס שעהנסטע בילד פון גאנצען קאנגרעס.

אבער אן אמת טיפען, א ממש געוואלדיגען איינדרוק האב איך געהאט מיט א פאר טעג שפעטער; אן איינדרוק, וואס וועט זיך ניט אויסוועפען פון מיין נשמה אזוי לאנג ווי איך וועל לעבען; יענער מין איינדרוק, וועלכען מען האט פון אמת גראנדיעזע זאכען און ערשיינונגען: איך האב געהערט רעדען זשארעס'ן.

עס האט זיך געפיהרט אויפ'ן קאנגרעס די גרויסע דעבאטע וועגען דער סאציאליסטישער טאקטיק; די פראגע איז געשטאנען: רייגער קלאסענקאמף, אדער מיטארבייטען מיט די לינקע בורזשואזע פארטייען? די דייטשע סאציאל־דעמאקראטיע האט אקארשט אנגענומען איהר באריהמטע „דרעזדענער" רעזאלוציע, וועלכע פארווערט דאס מיטארבייטען. די פראנצויזישע סאציאליסטישע באוועגונג איז געווען צושפאלטען. א מעהר רעכטע פארטיי איז געווען פאר די דערלאזבארקייט פון מיטארבייטען. אן איהר שפיץ איז געשטאנען זשארעס. א צווייטע פארטיי, מיט געד'ן אן דער שפיץ, איז געשטאנען אויף דעם דייטשען שטאנדפונקט. (א חוץ דעם איז נאך געווען א קלענערע דריטע גרופע, געפיהרט פון אלע־מאנ'ען). די צוויי הויפט־קעמפער, וועלכע האבען דורכגעפיהרט אויפ'ן קאנגרעס די גרויסע שלאכט, זיינען געווען בעבעל און זשא־רעס.

בעבעל'ן האב איך אויך געהערט רעדען דעמאלט צום ערשטען מאל. פארשטעהט זיך, ער איז געווען א גרויסער רעדנער און ער איז ארוים א זיעגער. אבער ווי קומט ער צו זשארעס'ן! אזא צויבער־רעדנער, ווי זשארעס, איז ניטא און מיר דאכט, עס קען ניט זיין.

איידער די פראגע איז אוועקגעשטעלט געווארען אויף א פלענארער זיצונג אין קאנגרעס, איז זי ארומגערעדט געווארען אין א גרויסער קאמיסיע. יעדער דעלעגאט האט געהאט דאס רעכט צו זיין אנוועזענד אויף דער זיצונג פון דער קאמיסיע, און אזוי ארום האט זי זיך פארוואנדעלט אין א גרויסען מיטינג.

איך האב זיך פארשפעטיגט, און ווען איך בין געקומען, האט זיך די דיסקוסיע שוין אנגעהויבען. איך געה איבער'ן קארידאר

און זוך דעם זאַל, וואו עס קומט פאָר די זיצונג פון דער קאָ־מיסיע. איך קום צו א פארמאכטער טיר, און נאָך איידער איך עפען זי אויף, פיל איך פלוצלינג א מאָדנע אויפרעגונג. פון יע־נער זייט טיר הערט זיך א שטים. דורך די פארמאכטע טיר קען איך ניט הערען די ווערטער, קען איך ניט כאפען דעם זין, אָבער דער קלאַנג פון דער שטים רודערט מיך אויף. איך האָב א גע־פיהל, אז עס קומט פאָר עפעס אויסערגעוועהנליכעס. איך עפען די טיר — זשאָרעס רעדט.

א קליינער, קיילעכדיגער מענש, מיט א קיילעכדיגען רויטען פנים, מיט א קורצען, גראָבען האלז, מיט א פיר־עקיגע בערדעל. א פאָר ליכטיגע בלויע אויגען, קליינע אויגען, אָבער אז איהר קוקט אין זיי אריין, איז עס גלייך ווי איהר וואָלט ארייגעקוקט אין צוויי דורכזיכטיגע פענסטער, וועלכע פיהרען אריין אין א תהום פון חכמה און גוטסקייט. א קליינער מענש. אָבער ווען ער הויבט אָן צו רעדען, וואקסט ער אויס, ווי א ריעז. איהר זעהט פאר זיך א לייב, און איהר הערט א דונערדיגע שטים פון א לייב. ס'איז ניט קיין מענשליכע שטים. ס'איז א דונער, א מעכטיגער, הייסער דונער, וואָס נעהמט אייך ארום ווי א הייסע כוואליע, און טראָגט אייך אוועק, און איהר קענט ניט בלייבען רוהיג. ס'איז א מעכטיגע סימפאָניע פון א הונדערט־קעפיגען אָרקעסטער. און דער פייער, און די באַגייסטערונג! ווען זשאָ־רעס רעדט, פארגעסט ער אָן אלץ ארום זיך. דער גרויסער אימ־פעט דרינגט דורך זיין גאנצען גוף און טראָגט איהם פאָראויס, אין דעם עולם אריין. אין דעם קליינעם זאַל, וואו עס איז פאָר־געקומען די זיצונג פון דער קאָמיסיע, איז ניט געווען קיין בא־זונדער עסטראַדע פאר דעם רעדנער. ער איז געשטאַנען פאר דער ערשטער רייהע פון די צוהערער. און וואָס לענגער ער האָט גערעדט, אלץ מעהר איז ער ענטצונדען געוואָרען, און עס האָט איהם עפעס געשטופט אין די רייהען פון די מענשען אריין. א טריט פאָראויס, און נאָך א טריט. און אָט דריקט ער זיך אריין צווי־שען די שטוהלען פון דער ערשטער רייהע, און ער שניידט זיך אריין אין ד'עם צונויפגעפרעסטען עולם, און באמערקט דאָס ניט, און דונערט אלץ ווייטער. דער שפאנישער סאָציאליסט פאבלאָ איגלעזיאס זיצט פאָראויס, און ווערט שיעור ניט צודריקט פון דעם

רעדנער. זשאָרעס כאַפּט זיך, דערלאַנגט אַ שעהנעם, האַרציגען שמייכעל, בעט מחילה ביי איגלעזיאַס'ן, טרעט אָפּ. אָבער אין אַ פּאָר מינוטען אַרום איז ער שוין ווידער אַריינגעדרונגען אין די רייהען און דונערט ווייטער און פאַרגעסט אָן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום איהם.

און וואָס ער רעדט, און ווי אַזוי ער רעדט! די ליבען־מאַכט און דער פלאַם־פייער געהט האַנד אין האַנד מיט אַן אמת פראַנצויזישער פיינקייט, מיט אַ נאָבעלען גייסטעס־אַריסטאָקראַ־טיזם און איידעלען וויץ.

איך געדענק דעם אָנהויב פון זיין צווייטער רעדע. איינער פון זיינע געגנער איז געווען ראָזאַ לוקסעמבורג, וואָס פלעגט שטענדיג אַרויסטרעטען פאַר אַ ריינעם קלאַסען־קאַמפּף און געגען דאָס „מיטאַרבייטען". און אויף יעדער זיצונג איז לוקסעמבורג גראַד געווען די איבערזעצערין. זאָגט זשאָרעס: „ווען איך וועל ענדיגען מיין רעדע, וועט די גענאָסין לוקסעמבורג, מיין געגנע־רין, איבערזעצען דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט: אַ סימן, אַז דער קאַמפּף און דאָס מיטאַרבייטען שליסט נישט אויס איינע דאָס צוויי־טע". דער עולם לאַכט און אַפּלאָדירט. ראָזאַ לוקסעמבורג אַפּ־לאָדירט אויך. און זשאָרעס הויבט אָן זיין עצם רעדע.

ס'איז געווען אַ פאַרטיידיגונגס־רעדע. בעבעל איז אָנגע־פאַלען אויף די טאַקטיק פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען. זשאָ־רעס האָט זיך בּאַרטיידיגט. דאָס רוב אָנוועזענדע זיינען ניט גע־ווען איינשטימיג מיט איהם. ווען ער רעדט אָבער, דערצעהלט וועגען דער סכנה, אין וועלכער עס איז געווען די פראַנצויזישע רעפּובליק, באַדראָהט פון די רעאַקציאָנער־מאָנאַרכיסטישע מאַכי־נאַציעס, דערצעהלט וועגען דעם, ווי אַזוי ער און זיינע חברים האָבען זיך איינגעשטעלט פאַר'ן קיום פון דער דעמאָקראַטיע, און ווען ער האָט אויסגעשריען מיט אַ הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט זיין הייסער דונערנדער שטים: „און מיר האָבען גע־ראַטעוועט די רעפּובליק!" — האָבען אַלע געמוזט פּיהלען. מעג ער זיין טויזענד מאָל אונגערעכט, אָבער עס שטעהט פאַר אונז אַ מענשליכע געשטאַלט פון אַן אמת היסטאָרישער גרויסקייט.

ס'איז געווען אַ שלום־רעדע; די דעבאַטע האָט זיך געמוזט פאַרענדיגען. אָבער אין מיטען רעדען האָט ער עפּעס געמאַכט

א באמערקונג וועגן דער צווייטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער אַלטער גער, דער פיהרער פון דער דאָזיגער פּאַרטיי, איז געוואָרען גוואַלדיג אויפגערעגט. „איך פּראָטעסטיר און איך פאַרלאַנג א וואָרט", שרייט ער אויס. זשאָרעס ענדיגט. גער וואַרפט זיך צום פּרעזידיום־טיש. א הויכער, אַן אַלטער, מיט א לאַנגען, שוואַרץ־גרויען באָרד, — איינע פון די פּאָפּולערסטע פיגורען אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג. ער מוז רעדען. דער פּאָרזיצענדער — עס איז דער זעלבער טרולסטרא, — לאָזט איהם ניט: „די דעבאַטע איז געשלאָסען". „וואָס? — שרייט אויס גער, — איהר וועט מיך ניט לאָזען רעדען? איהר וועט ניט לאָזען רעדען א מענשען, אויף וועלכען מען האָט דאָ געוואָרפען די שווערסטע באשולדיגונגען, א מענשען, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער וויעג פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג אין פראַנקרייך? איהר וועט מיר ניט לאָזען זאָגען, אַז די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי, וועלכע.... און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער, און זיך גענומען רעדען וועגען דעם עצם זאַך מיט אַזא שטורמישען אימפּעט, אַז טרולסטרא האָט מעהר ניט דערלאַנגט א קוועטש מיט די אַקסלען און געלאָזט איהם געמאַך.

אַן עהנליכע סצענע איז אויך געווען אויף א פּלענאַרער זיצונג פון קאָנגרעס מיט וויקטאָר אַדלער. ער געהט אַרויף אויף דער עסטראַדע און הויבט אָן צו ריידען. דער פּאָרזיצענדער, א צווייטער האָלענדער, וואַן־קאָל, א גרויסער, א דיקער ריעז, שטעלט איהם אָפּ (איך געדענק ניט צוליב וואָס, דאַכט זיך, זיין צייט האָט זיך געענדיגט). אויף אַזא קאָנגרעס איז א פּאָרזיצענדער אַן אבסאָלוטער בעל הבית און קיינער דערוועגט זיך ניט צו שטעלען איהם א געגנערשאַפט. אַדלער הערט איהם אָבער ווי די קאַץ. וואַן־קאָל שטעלט איהם אָפּ נאָך אַמאָל. בייזערט זיך אַדלער און דערלאַנגט א מאַך מיט דער האַנד און שרייט צו איהם עפּעס אין דעם ערך ווי „פאַרדרעהט מיר ניט קיין קאָפּ", און דער עולם לאַכט, און וואַן־קאָל לאָזט איהם ריידען.

אגב מוז איך זאָגען, אַז דעם שטאַרקסטען איינדרוק נאָך זשאָרעס'ן האָט אויף מיר געמאַכט דווקא אַדלער. אמת, ער האָט ניט געהאַט דעם גלאַנץ, דעם טאַלאַנט, די רעדנער־קראַפט פון זשאָרעס'ן. מיט וואָס אָבער ער האָט אויסגענומען, איז מיט זיין חכמה. עס

איז דער גרעסטער חכם וואָס איך האָב נאָך אַמאָל געזעהן; און אמת'ע פאַרקערפּערונג פון דער חכמה און דערצו וויציג, ווי עס קען נאָר זיין אַ וויציגער איד. נישט קיין אַנזעהבארער, מיט שטאַרק איינגעבויגענע פּלייצעס, מיט געדיכטע האָר, וואָס פאַלען אַראָפּ שיער ניט אויף די אויגען, פלעגט ער האָבען אויף אַלעמען אַ גוואַלדיגע ווירקונג. גערעדט האָט ער געלאַסען, לאַנגזאַם, אָהן קיין שום רעדנערישע קונצען; ער פלעגט זיך אפילו אַביסעל פאַראיקען, אַ ביסעלע, אַזוי אַז מען האָט דאָס קוים געקענט באַמערקען; ער פלעגט בייקומען דעם דאָזיגען פעהלער זיינעם, אַ דאַנק דער אויסערגעוועהנליכער קראַפט פון זיין ווילען. אָבער יעדעס וואָרט וואָס ער פלעגט זאָגען, איז געווען ווערטה גאָלד.

דער שעהנסטער רעדנער נאָך זשאָרעס'ן איז געווען דער איטאַליענער ענריקאָ פערי (איצט איז ער אַוועק פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג). אַ זעלטען שעהנער מענש מיט אַן אונפאַרגלייכליך איידעלען קלאַסישען פּנים; אַ רוימישער נאָז, אַ גרויע באָרד, אַ וואונדער שעהנע שטים; זיין רעדע איז געווען ווי די שעהנסטע מוזיק.

אַ שם פון דעם בעסטען רעדנער נאָך זשאָרעס'ן האָט געהאַט דער בעלגישער אַרבייטער־פיהרער, דער איצטיגער מיניסטער וואַנדערוועלדע. איך האָב איהם אָבער נישט ליב געהאַט. ער פלעגט אויף מיר אַלעמאָל מאַכען אַ טעאַטראַלישען געקינצעלטען איינדרוק. מען האָט מיר אַמאָל דערצעהלט, אַז ווען ער גרייט צו אַ רעדע, און ווען עס טרעפט זיך אַז ער שרייבט זי אָן אין פאָראויס, איז ביי איהם אין דעם מאַנוסקריפּט אָנגעצייכענט מיט פאַרשידענע קאָלירען די ווערטער, וואָס ער דאַרף אַרויסזאָגען זעהר הויך אָדער מיטעל־שטאַרק אָדער שטיל. איך ווייס ניט צי דאָס איז אמת: אפשר איז דאָס מעהר ניט אַ וויץ אָדער סתם אַ באָבע־מעשה, אָבער אַזאַ איינדרוק פון אַ „געמאַכטער" זאַך האָט מען פון זיין רעדע און פון זיינע זשעסטען אויך. און איך האָב דאָס פיינט.

איך קעהר זיך אום צו זשאָרעס'ן. דער גרויסער קאַמפּף האָט זיך געענדיגט פאַר איהם מיט אַ מפּלה. דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען די „דרעזדענער" רעזאָלוציע, און דער קאָנגרעס האָט אויסגעדריקט זיין פעסטען וואונש, אַז די פאַרשידענע פראַקציעס

פון דעם פראַנצויזישען סאָציאַליזם זאָלען זיך פאַראייניגען אין איין פּאַרטיי, און טאַקע אויף דעם יסוד פון דער זעלביגער רעזאָ־לוציע.

און זשאָרעס האָט זיך אונטערגעגעבען. ער האָט דורכגע־פיהרט די פאַראייניגונג, און ביז זיין טויט האָט ער געהיט די איינ־הייט פון דער פּאַרטיי מיט דער גאַנצער לאָיאַליטעט און מיט דער גאַנצער עהרליכקייט פון זיין איידעלער נאַטור. ס'איז געווען די שעהנסטע געשטאַלט אין דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג.

* * *

די וואָך, וואָס מיר האָבען פאַרבראַכט אין אַמסטערדאַם, איז געווען גאָר אינטערעסאַנט און אַנגענעהם, אָבער איין זאַך האָט אונז שטאַרק פאַרשטערט די גאַנצע שמחה, און דאָס זיינען געווען אונזערע היימישע „רוסישע" סכסוכים, וועלכע האָבען אָנגעהאַל־טען פון ערשטען טאָג כמעט ביז'ן לעצטען.

די מעשה איז געווען אזוי: לויט די אַמאָליגע סטאַטוטען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, האָט יעדע מדינה געהאַט דאָס רעכט אויף צוויי שטימען אויפ'ן קאָנגרעס (און צוויי פאָרשטעהער אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען ביוראָ). מען האָט זיך פאָר־געשטעלט, אַז אין יעדען לאַנד איז דאָ פאַראַן איין פּאַרטיי, און דאַן ווערען די צוויי שטימען באַנוצט כדי צו געבען דאָס רעכט סיי דער מעהרהייט, סיי דער מינדערהייט צו זיין פאַרטראָטען, — אָדער די באַוועגונג איז צושפּאָלטען אויף צוויי טיילען, און דאַן וועט יעדע פּאַרטיי האָבען איין שטים.

אין דאָס רוב לענדער איז עס טאַקע געווען אזוי. ס'איז אָבער געווען צוויי וויכטיגע אויסנאַהמען: פראַנקרייך און רוסלאַנד. וועגען פראַנקרייך האָב איך שוין פריהער דערמאָנט, אַז דאָרטען זיינען געווען דריי זעלבסטשטענדיגע פּאַרטייען; לויט די נעמען פון זייערע פיהרער פלעגט מען זיי רופען — זשאָרעסיסטען, גע־דיסטען און אַלעמאַניסטען. אין רוסלאַנד איז געווען אַ גאַנצער הויפען מיט פּאַרטייען — נישט וועניגער ווי אַ מנין. אמת, נישט אַלע האָבען געשיקט זייערע פאָרשטעהער, און נישט אַלע פון די וואָס האָבען שוין יאָ געשיקט האָבען פאַרלאַנגט פאַר זיך אַ שטים. דער סך הכל איז אָבער געווען, אַז אויף די צוויי שטימען האָבען

אויך דאָ פּרעטענדירט דריי קאַנדידאַטען: די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פּאַרטיי, די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און דער „בונד״. וואָס־זשע טוט מען? ווי אַזוי צוטיילט מען צוויי שטימען אויף דריי טיילען?

לויט די אייגענע סטאַטוטען פון אינטערנאַציאָנאַל פלעגט מען אַלע דעלעגאַטען פון איין לאַנד פאַררעכענען פאַר איין „נאַציאָ־נאַלע״ סעקציע, וואָס האָט געדאַרפט אַליין צוטיילען צווישען זיך אָט די צוויי שטימען. און אויף דער ערעפנונגס־זיצונג פון דעם קאָנגרעס האָט מען טאַקע אָנגעוויזען פאַר יעדע סעקציע אַ באַזונ־דער צימער, וואו זי דאַרף זיך צונויפקלייבען און באַשטימען די פראַגע. געהען מיר אַריין אין דעם רוסלענדער צימער. אָנשטאָט אַ געמיינזאַמער זיצונג געפינען מיר דאָרטען בלויז די „ס־ר׳ען״, וואָס מאַכען דאָרט זייער פראַקציאָנעלע זיצונג. וואָס איז? „מיר דאַרפען ניט קיין געמיינזאַמע זיצונג — זאָגען זיי אונז — איינע פון די צוויי שטימען קומט אונז, און דאָס איז אַלעס״. און די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיינען אַוועק ערגעץ וואו אַנדערש, און טענה׳ן, אַז די צווייטע שטים געהערט צו זיי. בלייבען מיר העגגען אין דער לופטען. מיטגלידער פון קאָנגרעס זיינען מיר, און קיין שטימרעכט האָבען מיר ניט. געהען מיר אַרויס. קומט דר. זשיט־לאָווסקי, אַ מיטגליד פון דער „ס. ר.״ישער דעלעגאַציע, און הויבט אָן צו טענה׳ן, הלמאי מיר ווילען ניט שאַפען קיין אַלוועלטליכע אידישע דעלעגאַציע; וואָלטען מיר ניט געדאַרפט אָנקומען צו די רוסישע שטימען; מיר האָבען אָבער ניט קיין צייט און קיין חשק צו פיהרען מיט איהם טעאָרעטישע דיסקוסיעס. דער אינטערנאַ־ציאָנאַל איז אָרגאַניזירט לויט די לענדער; מיר געהערען צו רוס־לאַנד, און מיר דאַרפען האָבען איינע פון די שטימען, וואָס קומען דער רוסלענדער מדינה. געהען מיר אַפּעלירען צו דער אינטער־נאַציאָנאַלער ביוראָ — דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון אינטער־נאַציאָנאַל. מיר פאַרשטעהען גאַנץ גוט, אַז סיי די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטען, סיי די „ס־ר׳ען״ קומט אַ שטים. און דער איינציגער אויסוועג איז — צו געבען רוסלאַנד אַ דריטע שטים.

נאָך איידער מיר זיינען אַריין אויף דער זיצונג פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער ביוראָ, באַווייזט זיך דאָרטען דער פראַנצויז אַלע־מאַן. אויך ער איז געבליבען אָהן אַ שטים, און אויך ער פאַרלאַנגט

מען זאָל געבען דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע דריי שטימען אַנ־שטאָט צוויי. מיר וואַרטען דרויסען אויפ'ן רעזולטאַט פון די באַ־ראַטונגען. עס דויערט ניט לאַנג — און אַלעמאַן געהט ארויס אַ צוקאָכטער. „וואָס הערט זיך מיט אייך?" — פרעג איך איהם. „אַן אָפּזאָג" — ענטפערט ער. דאָס ביוראָ האָט זיך פאַר'עקשנ'ט. קיין שום דריטע שטימען. אַזוי פאַרלאַנגט די קאָנסטיטוציע. און חוץ דער קאָנסטיטוציע האַלט מען, אַז דאָס צוגעבען אַ דריטע שטים וואָלט באַדייט אַ הסכם צו ווייטערדיגע שפּאַלטונגען. ווילט איהר האָבען אַ שטים — שפּאַלט זיך ניט! אַ פאַרוואָס אַ צושפּאַל־טונג אויף צוויי טיילען איז כשר, און אַ צושפּאַלטונג אויף דריי איז שוין טריף? — פאַרפאַלען. אויף אַ מעשה פרעגט מען קיין קשיות ניט. זעהען מיר, אַז מיר האַלטען שמאָל. עס האַנדעלט זיך שוין נישט וועגען אַ דריטער שטים, נאָר וועגען דעם, ווער דאַרף באַקומען די צווייטע; מיר, אָדער די „ס.־ר.'ען". מיר געהען אָבער צו דער זיצונג פון ביוראָ און פאַרלאַנגען שטימרעכט. די רוסישע מיט־גלידער פון ביוראָ זיינען געווען: רובאַנאָוויטש פון די „ס.־ר'ען" און פּלעכאַנאָוו פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. חוץ דעם איז דאָרטען געווען נאָך אַ מענש, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו די רוסלענדער ענינים — ראָזא לוקסעמבורג, איינע פון די צוויי פּוילישע דעלעגאַציעס (פּוילען פלעגט מען רעכענען פאַר אַ באַזונ־דער לאַנד). על פּי יושר און על פּי שכל האָבען מיר געדאַרפט ערוואַרטען, אַז פּלעכאַנאָוו און לוקסעמבורג וועלען זיין אויף אונ־זער זייט. מילא רובאַנאָוויטש איז אַליין אַן „ס.־ר" און דאַרף ממילא שטיצען זיין פּאַרטיי, אָבער די אַנדערע צוויי זיינען דאָך פאַרביסענע געגנער פון די „ס.־ר.'ען" און געהערען צו דער מאַרק־סיסטישער שיטה, ווי מיר. דאַרפען זיי דאָך זיין מיט אונז. און פּלעכאַנאָוו האָט טאַקע צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיין אויף אונזער זייט. דעם צוזאָג האָט ער אָבער נישט ערפילט. אמת, איך געדענק ניט ווי אַזוי ער האָט סוף כל סוף געשטימט. איך וויים אָבער, אַז געערדט און געפיהרט זיך האָט ער אויף אַזאַ שטייגער, אַז מיר זאָלען האָבען אַ מפּלה. ראָזאַ לוקסעמבורג האָט זיך אין גאַנצען אָפּגעהאַלטען פון שטימען. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די מעהרהייט פון ביוראָ האָט זיך ארויסגעזאָגט פאַר די „ס.־ר.'ען".

מיר האָבען באשלאָסען צו אפעלירען צום קאָנגרעס. ס'איז געווען א הארבע אויפגאבע. יעדער פון אונז האָט געקענט דייטש אָדער פראנצויזיש אָדער ביידע שפּראכען, אָבער קיינער האָט ניט געהאט די העזה ארויסצוטרעטען אויף א פרעמדער שפּראך פאר אזא גרויסער פארזאמלונג. נאָר איין איינציגער האָט זיך דער־וועגט דאָס צו טאָן. דאָס איז געווען מאקאווי. צווישען אונז גערעדט, איז זיין דייטשע שפּראך געווען אביסעל אידישלאך. ער האָט זיך אָבער איינגערעדט, אז ער קען די שפּראך גאָר גוט. האָבען מיר איהם געלאָזט ריידען. דער קאָנגרעס האָט אויסגעהערט זיין רעדע. ווי ס'איז אָבער געווען צו ערווארטען, האָט דאָס ניט גע־האָלפען. א גרויסע פארזאמלונג פון זיבען־אכט הונדערט מענשען קען זיך ניט פאנאנדערקלייבען אין אזעלכע פראגען. זיי פרעגען נאָר איין זאך: ווי אזוי האָט באשלאָסען דאָס ביוראָ? און זיי האָבען באשטעטיגט דעם באשלוס פון ביוראָ.

מיר האָבען זיך אָבער אלץ ניט בארוהיגט. מיר האָבען וויי־טער גערעדט מיט די איינצעלנע דעלעגאטען, און פראָטעסטירט און אויפגעוויזען די גוואלדיגע עולה, וואָס מען באגעהט. מילא, מען וויל ניט צונעהמען ביי די „ס.־ר.'ען" זייער שטים. זאָל זיי וואויל באקומען. אָבער די צווייטע, די סאָציאל־דעמאָקראטישע שטים, קומט דאָך אונז פונקט אזוי, ווי די רוסישע חברים. זאָל־זשע געבילדעט ווערען פון אונז מיט זיי צוזאמען איין געמיינזאמע דעלעגאציע, וואָס זאָל זיין דער בשותפות'דיגער בעל־הבית איבער אָט דער שטים! דער טומעל האָט געדויערט עטליכע טעג. צום סוף באקומען מיר א פאָרשלאג: קארל קאוטסקי און ראָזא לוק־סעמבורג ווילען זיין די פארמיטלער צווישען אונז און די רוסישע סאָציאל־דעמאָקראטען. מיר נעהמען אָן דעם פאָרשלאג און קומען אויף א געמיינזאמע זיצונג. מיר באמערקען באלד: ראָזא לוק־סעמבורג איז מיט לייב און זעעל אויף יענער זייט. זי פיהרט זיך פארטייאיש און זי פיהרט זיך נערוועז, און זי ווארפט זיך און וויל ביי אונז פועל'ן מיט אלע מיטלען, מיר זאָלען ווייכער ווערען. דאָס ווירקט אָבער אויף אונז זעהר וועניג, און מיר פארטיידיגען עקשנות־דיג אונזער שטאנדפונקט. קאוטסקי פארשטעהט, אז מיר זיינען גערעכט. און סוף כל סוף קומט מען צום באשלוס: די סאָציאל־דעמאָקראטישע שטים געהערט צו ביידע צדדים. מיר זיינען די

בשותפות'דיגע בעלי בתים. יעדער צד באקומט א האלבע שטים. ווען עס וועט קומען צו אן אפשטימונג אויפ'ן קאנגרעס און ס'איז דא א הסכם צווישען אונז מיט די רוסישע סאציאל־דעמאקראטען, ווערט פוןביידע העלפטען איין גאנצע שטים, און זי ווערט אפגע־געבען בשותפות. ווען אבער איין העלפט שטימען „פאר" און די צווייטע „געגען" — ווערט די שטים אין גאנצען ניט אפגעגעבען.

אזוי ארום האבען מיר געזיגט. אבער די גאנצע רייסעניש האט אונז איבערגעפיהרט די שטימונג און פאר'סמ'ט דאס פאר־געניגען פון קאנגרעס.

אגב איז דער סכסוך געווען א שטוים פאר איבערקוקען די סטאטוטען פון אינטערנאציאנאל. מען האט פארשטאנען, אז מען קען זיך ניט באגעהן מיט בלויז צוויי שטימען פאר יעדען לאנד, און מען האט דאס געענדערט. די פארטרעטערשאפט אין דעם ביורא איז געבליבען די אלטע. מיר האבען אבער געמאלדען, אז מיר קאנען ניט באטראכטען פלעכאנאוו'ען פאר אונזערען א פאר־טרעטער, און מיר פלעגען שיקען אויף די זיצונגען אונזערען א דעלעגאט מיט בעראטונגס־רעכט. אזוי איז עס געבליבען ביז'ן סוף.

אין יענעם ווינטער איז פארגעקומען דער צווייטער צוזאַ־מענפאהר פון די אויסלענדישע גרופען פון „בונד". צווישען אנ־דערע האט זיך דארטען אויפגעהויבען א גאנץ אינטערעסאנטע פראגע. א טייל פון אונזערע חברים האט זיך נישט באגנוגענט מיט דער ארבייט, וואס זיי האבען געפיהרט לטובת דעם „בונד": זיי האבען געהאלטען, אז עס ליגט אויף זיי חוץ דעם, דער חוב צו העלפען דער רוסישער אדער ווי מען פלעגט זאגען, דער „רוס־לענדער פארטיי". חוץ די גרופען פון „בונד", זיינען אין די קאָ־לאניעס געווען אויך גרופען פון דער „איסקרא" און פון דער צוויי־טער רוסישער ריכטונג פון „ראבאטשעיע דיעלא". וועגען די „איסקרא"־גרופען איז געווען אפגערעדט; די „איסקרא" האט גע־פיהרט מיט'ן „בונד" א קאמפף אויף לעבען און טויט, און קיין „בונדאוועצעס" זיינען אין די „איסקרא"־גרופען נישט געווען. אבער מיט דער „ראבאטשעיע דיעלא" זיינען מיר געווען אין פריינדליכע באציהונגען און עס איז געווען א געוויסע צאהל מענשען, וועל־כע זיינען עס אויך געווען.

.63

# גאַפּאָן

ס'איז געקומען דער ווינטער 1904־1905. אין רוסלאַנד האָבען זיך געהערט די ערשטע דונערען פון דער רעוואָלוציע. ס'איז פאָרגעקומען די באַריהמטע שחיטה פון 9טען יאַנואַר. עס האָט זיך אָנגעהויבען די גרויסע כוואַליע פון פּאָליטישע סטרייקען. מען האָט געפיהלט, אז עס געהט באַרג־אַרויף און אז עס דערנעהענטערען זיך גרויסע געשעהענישען. איז אויך אונזער אַרבייט אין אויסלאַנד געוואָרען מעהר אינטענסיוו און פאַרשידענאַרטיג.

די רייסענישען אין די קרייזען פון דער רוסישער עמיגראַציע זיינען אָבער געגאַנגען ווייטער מיט אַלץ א גרעסערען ברען. די מיינונגס־פאַרשידענהייטען צווישען די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס האָבען זיך גענומען צו פאַרטיעפערען. פון די אָרגאַניזאַציאָנס־קלייניגקייטען איז מען איבערגעגאַנגען צו די פראַגען פון פּאָליטישער טאַקטיק. די אויסערליכע פאָרמען פון די רייסערייען זיינען אָבער געבליבען די אייגענע — און איך דאַרף זאָגען, אז גאָר געשמאַק זיינען זיי ניט געווען.

די זעלבע רייסערייען פלעגען פאָרקומען אויך אין רוסלאַנד גופא. גלייכצייטיג האָט זיך אָבער דאָרטען אַרויסגעוויזען אַן אנדער טענדענץ. די גרויסע געשעהענישען האָבען געשטופּט די פאַרשיידענע נ א צ י אָ נ א ל ע אָרגאַניזאַציעס פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו דערנעהענטערען זיך איינע צו דער צווייטער. גלייכצייטיג מיט די געשעהענישען פון 9טען יאַנואַר איז פאָרגעקומען א געמיינזאַמע קאָנפערענץ, אין וועלכער עס האָבען זיך באַטייליגט די פאָרשטעהער פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, פון „בונד", פון די פּוילישע ס. ד. און פון די לעטישע ס. ד., וועלכע האָבען אַרויסגעלאָזען א געמיינזאַמען אויפרוף.

אין געוויסע קרייזען פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — הויפּטזעכליך ביי די „ס. ר."עו, האָט זיך אָבער אַרומגעטראָגען נאָך אַ ווייטערער געדאַנק: צו שאַפען אַ מין פאַרבאַנד אָדער וועניגסטענס אַ פאַרשטענדיגונג פון אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען. אין פריהלינג 1905 איז געמאַכט געוואָרען אַ פּראָבע צו פאַרווירקליכען דעם דאָזיגען געדאַנק. די פּראָבע איז געווען פאַרבונדען מיט'ן באַריהמטען פיהרער פון די פּעטערבורגער אַרבייטער, דעם גלח גאַפּאָן.

נאָך דער בלוט-באָד פון 9טען יאַנואַר איז ער אַנטלאָפען פון רוסלאַנד און געקומען צופאָהרען אין זשענעוו. אין אַ צייט אַרום האָבען מיר באַקומען פון איהם אַן איינלאַדונג צו באַטייליגען זיך אין אַ קאָנפערענץ פון אַלע רוסלענדער סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס.

אין די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע רייהען פלעגט מען זיך באַציהען צו זיין פּלאַן גאַנץ קאַלט. מען האָט געהאַלטען, אַז די חלוקי דעות זיינען צו גרויס און אַז אַ געמיינזאַמע אַרבייט איז נישט מעגליך. די מענשעוויקעס האָבען זיך איינגאַנצען אָפּגעזאָגט צו באַטייליגען זיך אין דער קאָנפערענץ; די פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטען און די באָלשעוויקעס זיינען יאָ געגאַנגען. חוץ זיי זיינען פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטען געקומען די לעטען, די אַרמעניער און דער „בונד".

איך געדענק די זיצונג פון אויסלענדישען קאָמיטעט צוזאַמען מיט אַ פאָרשטעהער פון אונזער צענטראַלען קאָמיטעט (יורדין — אייזענשטאַט), וועלכער איז גראַד געווען אין זשענעוו. מען האָט אויסגעקליבען צוויי דעלעגאַטען, און דאָס זיינען געווען יורדין און איך.

איך האָב נישט געוואָלט געהן אויף דער קאָנפערענץ. נישט צוליב פּרינציפּיעלע טעמים. איך האָב זיך אָבער געהאַלטען פאַר... צו יונג. סך הכל בין איך דעמאָלט געווען אַלט 24 יאָהר, און אויסגעזעהן האָב איך נאָך יינגער. האָב איך גע'טענה'ט: „גוואַלד, גזלנים, עס וועט זיך דאָך דאָרטען צונויפקלייבען די סאַמע סמעטענע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַלטע, אויסגעפּרופטע טוער. און עס וועט מאַכען זעהר אַ שלעכטען איינדרוק, ווען עס וועט זיך באַווייזען אַלס אַ פאָרשטעהער פון „בונד"

אַזאַ יונגער בחור'ל ווי איך. האָט רחמנות, שיקט אַן אַנדערען!״ דער עולם האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, און איך האָב ניט געהאַט קיין ברירה. בין איך געפאָהרען.

קודם כל האָבען מיר געמוזט זיך אריינכאַפּען צו אַנ־סקי'ן, וועלכער איז געווען דעמאָלט זעהר פיל צוזאַמען מיט גאַפּאָנ'ען. ביי אַנ־סקי'ן האָבען מיר באַדאַרפט זיך דערוויסען וועגען דעם אָרט, וואו עס וועט פאָרקומען די קאָנפערענץ.

ביי אַנ־סקי'ן אין שטוב האָבען מיר געטראָפען עפּעס אַ יונגען־מאַן אין אַ גרויען אַנצוג און אַ רויטען האַלזטוך, מיט קליינע ברוינע אויגעלאַך און אַ שפּיציגען בערדעל. נישט קיין אינטערעסאַנטער פּנים און איז בכלל ניט אינטערעסאַנט.

אַ פּאָר מינוטען זיינען מיר געבליבען מיט איהם אַליין אין צימער. האָט ער, ווייזט אויס, ניט געוואוסט וועגען וואָס צו ריידען מיט מיר. פרעגט ער מיר פּלוצלינג צי איך בין פאַרהייראַט. זאָג איך אַז נישט. שווייגען מיר. דאַן פרעגט ער מיר פאַרוואָס איך בין אַזוי בלייך, צי איך בין נישט קראַנק. זאָג איך איהם, אַז יאָ. שווייגען מיר ווייטער. דאַן קומט אריין אַנ־סקי. מיר באַקומען דעם אַדרעס און געהען אוועק. און אַז איך קום צו דער קאָנפערענץ דערוויס איך זיך צו מיין גרעסטער פאַראונדערונג, אַז דער דאָזיגער ניט־אינטערעסאַנטער יונגערמאַן מיט'ן רויטען האַלזטוך און מיט די קליינע אויגעלאַך איז טאַקע דער באַריהמטער גאַפּאָן אַליין!

אויף דער קאָנפערענץ זיינען געווען אַנוועזענד אַ מאַן פופצעהן. פון די „ס. ר.״ען זיינען געווען טשערנאָוו, ברעשקאָווסקאַיאַ און אַנ־סקי; פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען — לעניןְ און נאָך אַ צווייטער, וועגען וועלכען איך וועל שפּעטער ריידען; פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — אָזקאָ און פּלאַכאָצקי (וואַסילעווסקי); חוץ דעם זיינען נאָך געווען צוויי פאָרשטעהער פון צוויי לעטישע אָרגאַניזאַציעס, אַ פאָרשטעהער פון דער אַרמענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, פאָרשטעהער פון די אַרמענישע „דראָשאַקיסטען״ און גרוזינישע פעדעראַליסטען, און מיר, די צוויי דעלעגאַטען פון „בונד״.

דער צווייטער דעלעגאַט פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, לעניןְ'ס חבר, איז געווען איינער מאַקסימאָוו. אמת, מען

האָט מיר פריהער געזאָגט, אַז צוזאַמען מיט לענינ'ען וועט קומען אַן אַנדער אָנגעזעהענער פּאַרטעטער פון די באָלשעוויקעס — באָגדאַנאָוו, אַ באַוואוסטער טעאָרעטיקער, אויף וועמענס בוך וועגען פּאָליטישער עקאָנאָמיע האָבען זיך ערצויגען טויזענדער פּאָליטישע טוער. בין איך געווען זעהר נייגעריג צו זעהן דעם דאָזיגען מענשען. אַנשטאָט דעם אָבער איז געקומען מאַקסימאָוו — אַ בלאָנדער יונגערמאַן פון מיטעלען וואוקס, אין אַ בלויער רוסישער העמד, מיט אַ פּראָסטען אויסזעהן פון אַ נישט קיין איבערגעשפּיצטען ארבייטער, און מיט אַ פּראָסטען, נאַאיווען געלעכטער. ביי יעדען וויץ, וואָס ער פלעגט דערהערען, פלעגט ער זיך קייקלען פון געלעכטער. האָב איך זיך געטראַכט: וואָס שיקט מען אויף אַזאַ וויכטיגער באַראַטונג אַזאַ מין מענשען? ווען די באַראַטונג האָט זיך אָבער געענדיגט, און איך האָב דערצעהלט מיינע חברים וועגען דעם דאָזיגען דעלעגאַט, האָבען זיי גענומען לאַכען, און טאַקע פון מיר: וואָרים דער דאָזיגער „פּראָסטער ארבייטער" איז טאַקע געווען... דער אייגענער באָגדאַנאָוו.

גאַפּאָן האָט געעפענט די באַראַטונג מיט אַ רעדע. איז דאָס געווען איינמאָל אַ רעדע! דער באַריהמטער רעדנער וואָס פלעגט אין פּעטערבורג אַמאָל אָנצינדען אַ טויזענד־קעפּיגען ארבייטער־עולם, האָט דאָס מאָל פּשוט ניט געקענט צונויפבינדען צוויי ווערטער, זיך פאַראיקעט, זיך פאַרטשעפּעט, איין וואָרט האָט זיך נישט געקלעפּט צום צווייטען. ס'איז געווען פּונקט ווי אַ פּויער איז אריינגעפאַלען אין אַן אינטעליגענטע געזעלשאַפט און ווייס נישט וואָס צו זאָגען, און ווי אַזוי צו האַלטען זיך. אַליין האָט ער זיך קענטיג געפיהלט זעהר שלעכט. און מיר אַלע זיינען געזעסען מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען. ס'איז געווען אַ רחמנות. און אַז ער איז געקומען ריידען וועגען דעם אַמסטערדאַמער קאָנגרעס, וועלכער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אין יעדען לאַנד זאָלען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיך פאַראייניגען, און ער האָט ניט געקענט אפילו אויסרעדען ווי געהעריג דעם נאָמען פון דער שטאָדט. אַנשטאָט אַמסטערדאַם, האָט ער געזאָגט „אַמסטאַטאַדאַם" — זיינען מיר ממש רויט געוואָרען פון בושה. דאָס איז עס דער „גרויסער פיהרער!" — האָבען מיר געטראַכט. אָך און וועה צו איהם און צו די ארבייטער, וואָס ער האָט געפיהרט!

באַלד נאָך זיין רעדע האָבען זיך אָנגעהויבען רייסעניש'ען. מיר, די 6 סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטרעטער (די צוויי רוסישע באָלשעוויקעס, אַ לעט, אַן אַרמעניער און מיר, די צוויי בונדאָוו־צעס) האָבען אין פאָראוים געמאַכט יד אחת און באַשלאָסען צו שטיצען איינער דעם צווייטען. קיינער פון אונז האָט נישט גע־רעכענט, אַז פון דער קאָנפערענץ וועט אַרויסקומען עפּעס ממשות'־דיגעס. — די חברה, וואָס איז זיך צונויפגעקומען, איז געווען צו פאַרשידענאַרטיג, — מיר זיינען געגאַנגען אויף דער באַראַטונג מיט אַן אומ'חן און האָבען געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט, כדי פּטור צו ווערען פון גאַנצען עסק. די דאָזיגע געלעגענהייט האָט אונז באַלד אין אָנהויב געגעבען אונזער לעטישער חבר.

די מעשה איז געווען אַזוי: חוץ דער לעטישער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע איז געווען פאַרטראָטען נאָך דער „לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרבאַנד". אין דער אמת'ען איז דאָס געווען נישט קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע, נאָר אַן „ס. ר."־אישע, און חוץ דעם האָט זי געהאַט זעהר אַ קנאַפּע ממשות אין דער ווירקליכקייט; בייזע צינגער פלעגען זאָגען, אַז זי עקזיסטירט אינגאַנצען נישט. אָבער איהר אויסלענדישער פאַר־טרעטער פלעגט קריכען אומעטום. און די פאַרטרעטער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פלעגען שטענדיג האָבען מיט איהם צרות. נאָך מיט אַ יאָהר פריהער איז די זעלבע מעשה געווען אויף דעם אַמסטערדאַמער קאָנגרעס. דאָרטען איז אויך געקומען צופאָהרען דער דעלעגאַט פון „פאַרבאַנד", און דער פאָרשטעהער פון די לע־טישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָט פאַרלאַנגט פון דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלען סאָציאַליסטישען ביוראָ, מען זאָל יענעם נישט דערלאָ־זען אויפ'ן קאָנגרעס. איך בין געווען אַנוועזענד אויף דער דאָ־זיגער זיצונג פון ביוראָ. און איך געדענק אַ דעמאַגאָגישע קונץ פון וויקטאָר אַדלער. נאָכדעם, ווי דער דעלעגאַט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געענדיגט זיין רעדע, ווייזט איהם אַדלער אויפ'ן פאַרטרעטער פון „פאַרבאַנד", וואָס איז געשטאַנען דערביי, און פרעגט: „אָבער דעם דאָזיגען מענשען קענט איהר דאָך?"—„יאָ", ענטפערט יענער, „מיר זיינען אפילו געזעסען צוזאַמען אין טורמע". „אַזוי גאָר!" — רופט זיך אָפּ אַדלער, — „אין טורמע קענט איהר

זיצען צוזאַמען און אויפ'ן קאָנגרעס ניט ? !" און דער דעלעגאַט פון פערבאַנד איז צוגעלאָזען געוואָרען.

איצט, אויף דער זשענעווער קאָנפערענץ, איז דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַט ווידער אַרויס מיט טענות געגען זיין פאַר־באַנד'ס־געגנער, און אַוועקגעשטעלט די פראַגע שאַרף און אולטי־מאַטיוו: „אָדער ער, אָדער איך". מילא, מיר האָבען גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז דער אולטימאַטום איז דאָ ניט אויפ'ן אָרט. מיר האָבען זיך אָבער אין פאָראויס פאַרפליכטעט צו שטיצען איינער דעם צווייטען. האָבען מיר געפּרופט מיט איהם טענה'ן: לאָז אָפּ, זיי ניט קיין עקשן! וויל ער אָבער ניט. זיך איינגעשפּאַרט ווי אַן אָקס. פאַרפאַלען, מוזען מיר האַנדלען סאָלידאַריש. עס פאַר־שטעהט זיך, אַז ווען מיר וואָלטען געהאַלטען שטאַרק פון דער קאָנווענשאָן, וואָלטען מיר זיך געקענט געבען אַן עצה מיט'ן לע־טישען עקשן. אָבער מיר האָבען סיי ווי ניט געהאַט קיין גרויס חשק צו זיצען דאָרטען, — האָבען מיר זיך פאַראייניגט צו זיין אולטימאַטום.

לענין האָט אויף זיך גענומען די האַרבע אויפגאַבע צו מאַכען פון דער קלייניגקייט אַ גאַנצען פּרינציפּיעלען ענין. די טענה איז געווען, אַז די קאָנפערענץ איז בכלל שלעכט אָרגאַניזירט געוואָרען. נישט קיין רעאַלע אַרבייט. והא ראיה — אַט טאַקע די מעשה מיט די לעטען: איינגעלאַדען אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס עקזיסטירט גאָר־נישט; און צווייטענס — וואו זיינען די פינישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטען? פאַרוואָס האָט מען זיי נישט גערופען? ענטפערט מען איהם, אַז מען האָט זיי יאָ גערופען, מען האָט זיי איבערגע־שיקט אַן איינלאַדונג דורך די פינישע ליבעראַלען; קענטיג, זיי האָבען די איינלאַדונג נישט באַקומען. — דאָס איז עס — מאַכט לענין. פאַרוואָס שיקט איהר אַן איינלאַדונג צו אַן אַר־בייטער־פּאַרטיי דורך בורזשואַזע ליבעראַלען? פאַרוואָס האָט איהר דאָס ניט געמאַכט דורך די שוועדישע סאָציאַליסטען? טאַנ־דעטנע אַרבייט! אַ קאָנפערענץ מיט פיקטיווע פּאַרטייען, אַ קאָנ־פערענץ, אין וועלכער עס פעהלען אמת'ע פּאַרטייען. מיר קענען ניט אַרבייטען מיט אייך!

און מיר זיינען אַוועק. אַוועק אין דער וואוינונג פון דעם אַרמענישען דעלעגאַט און גענומען זיך שרייבען אַן אָפיציעלע ער־

קלערונג צו דער קאָנפערענץ, אַ מין מאַניפעסט וועגן די אורזאַ־
כען פון אונזער אוועקגעהן. צום ערשט האָט לעניִן אָנגעוואָרפן
אויף גיך אַן ערקלערונג. אָבער זי האָט ניט געטויגט: עפּעס
טרוקען, אָפגעריסען, אפילו סטיליסטיש ניט געווען; ס'איז גע־
ווען קענטיג, אַז ס'איז געמאַכט געוואָרען אויף איין פוס. דאַן
האָט מיין חבר יודין פאַרקאַטשעט די אַרבעל און זיך גענומען צו
דער אַרבייט. ער האָט עס געמאַכט אויף זיין שטייגער, ברייטלאַך,
שווערלאַך, אָנגעהויבען מיט'ן „היסטאָרישען מאָמענט", געענדיגט
מיט „רעוואָלוציע", און ס'איז געווען ווי עס באַדאַרף צו זיין. האָ־
בען מיר אָפגעשיקט די ערקלערונג, און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

אין דער צייט ווען יודין האָט געשריבען, זיינען מיר געזעסען
אַלע צוזאַמען, געשמועסט, געוויצעלט זיך, געלאַכט. איך געדענק
איין פּרט. לעניִן האָט זיך גענומען אויסצופרעגען אונז וועגן לע־
טישע און ליטווישע פאַרטייען. ער האָט וועגן זיי ניט געהאַט
קיין אַהנונג. אפילו אין די נעמען גופא האָט ער זיך בשום אופן
ניט געקענט פאַנאַנדערקלייבען. דערצעהלען מיר איהם: ס'איז
דאָ צוויי לעטישע אָרגאַניזאַציעס און אַ ליטווישע סאָציאַל־דעמאָ־
קראַטישע פאַרטיי, וואָס אין איהר נאָמען איז פאַרבליבען אויך
ליטאַ. און די ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דאָס איז אַן אַנ־
דער זאַך? יאָ. און די לעטישע? אויך אַן אַנדערע. און די
פּוילישע אויך? און די פּוילישע אויך. און אַזוי פרעגט ער אי־
בער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, און עס מאַכט דעם איינדרוק אַז
ער אָריענטירט זיך אביסעל לאַנגזאַם. גלייכצייטיג קוקען אָבער
זיינע אויגלעך מיט זיין געוועהנליכען אויסדרוק. ווי ער וואָלט
זאָגען: „ס'איז דאָך אַלץ ליגען, איך גלויב דיר קיין וואָרט ניט!"
פּונקט ווי אַ פויער וואָס פאַרקויפט זיין תבואה און האָט מורא,
מען זאָל איהם ניט אָפּנאַרען. אַ מערקווירדיגער מענש!

שפּעטער זיינען מיר נאָכאַמאָל געגאַנגען צו דער קאָנפערענץ
באַשטעטיגען די פּראָטאָקאָלען. אין אַלגעמיין האָט זי קיין ממשות־
דיגע רעזולטאַטען ניט געהאַט. די איינציגע זאַך וואָס זי האָט יאָ
געטאָן, איז געווען עפּעס אַ טעכנישער אָפּמאַך. מען האָט צוזאַמען
איינגעקויפט געוועהר און געשיקט מיט אַ ספּעציעלער שיף קיין
רוסלאַנד. עס האָט זיך אָבער געטראָפען אַ סיבה, און די שיף איז
ניט אָנגעקומען.

.64

# ערב דער רעוואָלוציע

ס'איז געקומען דער זומער 1905. די געשעהנישען אין רוסלאַנד זיינען געוואָרען אַלץ האַסטיגער און שטורמישער. און פאַר די אויסלענדישע פיהרער און טעאָרעטיקער פלעגען זיך אוועקשטעלען אַלץ נייע און אַלץ מעהר פאַרפּלאָנטערטע פראַגען. אונטער דער שאָלעכץ פון קליינליכע קרייזלאַך, רייסערייען, האָבען זיך באַוויזען וויכטיגע פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות. ס'איז אויפגעקומען אין איהר גאַנצער שאַרפקייט די פראַגע וועגען דער בורזשואַזער באַוועגונג; וועגען דעם פּויערטום, וועגען די פאַרבאַנדען פון דער אינטעליגענץ. ס'איז ענטשטאַנען די פראַגע וועגען דער טעכנישער צוגרייטונג פון דער רעוואָלוציע. די באָלשעוויקעס האָבען גע'טענה'ט, אַז דער לאָזונג פון טאָג איז אַ באַוואַפענטער אויפשטאַנד און אַז די וויכטיגסטע פּראַקטישע אויפגאַבע איז: צו שאַפען געוועהר און אָרגאַניזירען קאַמפּפס־גרופּען. די מענשעוויקעס ווידער, האָבען געלעגט מעהר אַכט אויף די ערציהונג פון די מאַסען. ס'איז געווען אויך אַנדערע שטרייט־פראַגען. שיעור נישט דעם גרעסטען אינטערעס אין די אויסלענדישע קרייזען פלעגט אָבער אַרויסרופען אַ פראַגע, וואָס איז אייגענטליך געווען אַם ווייניגסטען אַקטועל. דאָס איז געווען די פראַגע וועגען דעם, ווי אַזוי דאַרפען זיך האַלטען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, נאָכדעם ווי עס וועט איינגאַנצען אַראָבגעוואָרפען ווערען דער צאַרישער רעזשים, און עס וועט זיך בילדען אַ צייטווייליגע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג. צי דאַרפען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיך באַטייליגען אין אַזאַ רעגירונג אָדער ניט. די באָלשעוויקעס האָבען געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך יע באַטייליגען. עס וועט זיין אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פון אַרבייטער און פּויערים, און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קען נישט שטעהן

אָן אַ זייט מיט פאַרלייגטע הענט. אין דעם דאָזיגען געדאַנק איז שוין געווען אַ קערענדעל פון דעם שפּעטערדיגען באָלשעוויסטישען פּלאַן וועגען אַ „לינקען בלאָק" — אַ פּאָליטישען צוזאַמענגעהן פון די ארבייטער און פּויערים געגען דער בורזשואַזיע.

די מענשעוויקעס ווידער האָבען גע'טענה'ט, אַז די קומענדע רעוואָלוציע וועט לויט איהר אינהאַלט זיין אַ בורזשואַזע, און אין אַ בורזשואַזער רעגירונג טאָרען זיך די סאָציאַליסטען ניט באַטייליגען. דאָס וועט זיי מעהר ניט, אריינפיהרען אין אַ בלאָטע און קיין פּעולה וועלען זיי ניט האָבען.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז די גאַנצע דיסקוסיע האָט זיך מיר אויסגעוויזען ווי אַ מין טעאָרעטישער צייט־פאַרברייגנגען. וואָרים עס האָט זיך מיר ניט געגלויבט, אַז די פראַגע וועגען אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג און וועגען אַ באַטייליגונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען וועט קענען שטעהן אויף דער טאָג־אָרדנונג אין דער נאָהענטער צוקונפט. און אין דער אמת'ן איז זי טאַקע געוואָרען ברענענד און פּראַקטיש ערשט מיט צוועלף יאָהר שפּעטער. און צו יענער צייט האָט זיך די לאַגע און די מיינונגען ראַדיקאַל געביטען. אין 1917 זיינען דוקא די באָלשעוויקעס געווען געגען דער באַטייליגונג, און די מענשעוויקעס פאַר.

אויף וויפיל איך פלעג זיך דעמאָלט, אין 1905, פאָרט פאַרטראַכטען וועגען דער פראַגע, איז מיר געווען קלאָהר: טעאָרעטיש זיינען די מענשעוויקעס גערעכט. די רעוואָלוציע וועט זיין אַ בורזשואַזע, און דאָס באַטייליגען זיך אין אַ בורזשואַזער רעגירונג איז ניט קיין עסק פאַר אַ רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. דאָס איז אָבער טעאָריע. אין דער פּראַקטיק איז עס אָבער זעהר שווער זיך פאָרצושטעלען, אַז די פאָרשטעהער פון ארבייטער קלאַס, וואָס איז די גרעסטע אַקטיווע קראַפט פון דער רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש, זאָלען קענען שטעהן אָן אַ זייט און באַגנוגענען זיך בלויז מיט אַ קריטיק פון דעם, ווי אַזוי מען וועט בעל־הבית'עווען איבער זיין גורל. דער רעוואָלוציאָנערער אימפּעט, דער סטיכיש, אונפאַרמיידליכער דראַנג צו דער מאַכט, וועט איהם אומבאַדינגט שטופּען צו אַן אַקטיווער באַטייליגונג, און ווילענדיג ניט ווילענדיג וועט מען זיין אינעווייניג, אין דער רעגירונג. און איך געדענק זעהר גוט, ווי עס האָבען זיך געטראָגען

פאר מיינע אויגען די ווייטערדיגע שועריגקייטען און סצענעס. איך האב פאראויסגעזעהן, אז אפילו א זיגרייכע רעוואלוציע וועט מוזען פיהרען א ביטערען קאמף מיט די פינסטערע כוחות פאר זייער קיום. דער קאמף וועט פיהרען צו א רעוואלוציאנערער דיקטאטור — אפשר נאכ'ן מוסטער פון דעם פראנצויזישען קאנווענט. א טעראריסטישע דיקטאטור האט אבער אזא טבע, וואס איין טייל פון די רעוואלוציאנערע כחות הויבט אן סוף כל סוף צו הערשען איבער די איבעריגע טיילען. איין טייל פארניכטעט דעם אנדערען, און אויף די אויפגעוואכטע מאסען ווערט ווידער אנגעטאן אן אייזערנער צוים. דאס גראבט אונטער די יסודות גופא פון דער רעוואלוציע — די זעלבסטשטענדיגקייט פון די פאלקס־מאסען — און גרייט צו דעם באדען פאר דער מאכט פון א נאפאלעאן. אזוי איז עס געווען אין דעם אכצעהנטען יאהרהונדערט אין פראנקרייך, און עס האט זיך מיר געדוכט, אז די דאזיגע סכנה דראהעט אויך דער רוסישער רעוואלוציע...

דער פייערדיגסטער קעמפער פאר דער אידעע: באטייליגען זיך אין א רעוואלוציאנערער רעגירונג, איז דאמאלט געווען לונאטשארסקי. דאס איז געווען א נייער שטערן אויפ'ן באלשעוויסטישען האריזאנט. כאטש דער איינציגער שטערן. ווארים די באלשעוויקעס זיינען דעמאלט געווען ארים אין באדייטענדע מענשען. איך ווייס נישט פארוואס, נאר אין יענע צייטען האט לענין געהאט אזא טבע: ער פלעגט זיך ארומרינגלען מיט זעהר בלאסע און ניט אינטערעסאנטע פיגורען. די איינציגע צוויי מענשען מיט אנגעזעהענע נעמען, וואס זיינען דאמאלט געגאנגען מיט איהם, זיינען געווען באגדאנאוו און לונאטשארסקי. דיביידע מענשען זיינען, אייגענטליך, ניט געווען קיין אמת'ע פאליטיקער. באגדאנאוו איז געווען זעהר א פיל־זייטיגער מענש. א דאקטאר, לויט זיין פראפעסיע א געלערנטער עקאנאמיסט, א פילאזאף, א מאטעמאטיקער, א מענש מיט גרויסער בילדונג, אבער אין פאליטישע פראגען איז ער נאכגעגאנגען נאך לענינ'ען. און ערשט אין שפעטערדיגע יאהרען האט ער זיך צובונטעוועט און איז געגאנגען ליכקער פאר זיין רבי'ן. לונאטשארסקי ווידער איז געווען, אייגענטליך, א ליטערארישער קריטיקער און א סאלאן־סאציאליסט. א טיפישער רוסישער אינטעליגענט פון א „גוטער משפחה", מיט א

כאראקטעריסטישען אינטעליגענטען אויסזעהן — מיט א הויכען שטערן און א שפיציגען בלאנדען בערדעל, זעהר אינטערעסאנט און וויציג אין א פריוואטען שמועס, א שעהנער שרייבער און זעהר א שעהנער רעדנער. א גרויסען חסרון האט ער אבער געהאט: דאס איז געווען זיין שטים. איך ווייס ניט צי אלע באמערקען דאס, אבער ס'איז דא פאראן קלוגע שטימען און ס'איז דא פאראן נאַרישע שטימען. האט ער גראד געהאט א נארישע שטים, עפעס מיט א מין קלאנג, וואס דערמאנט א ציג. פלעגט דאס אביסעל איבערפיהרען דעם איינדרוק פון זיינע רעדעס. אבער גערעדט האט ער דאך וואונדער־שעהן. עס האט בלויז ניט געטויגט, ווען ער פלעגט זיך נעהמען אריינמישען אין אינוועניגסטע פארטיי־ענינים. דאן פלעגט ער מאכען אן איינדרוק פון אן אורח. און עס האט זיך געוואלט פרעגען: וואס מישסטו זיך עפעס אין אזעלכע ענינים וואס געהען דיר אבסאלוט ניט אן? און זיין אמת'ער ארט איז טאקע געווען און געבליבען ניט קיין פארטיי־פאליטיק, נאר סאציאליסטישע קולטור־ארבייט. אויף דעם געביט האט ער געווים גאנץ גרויסע פארדינסטען.

אויך דאס אידישע וועלטעל האט זיך א ריהר געטאן. עס האבען זיך באוויזען א פאר בורזשואזע פאליטישע ארגאניזאציעס; עס האבען זיך גענומען פרוכפערען פארשידענע ציוניסטיש־סאציאליסטישע גרופען. מיט די דאזיגע גרופען האט זיך ביי אונז אנגעהויבען א ביטערער קאמף.

איין ווינקעל אויף דער אידישער גאס איז אבער געבליבען ניט באריהרט פון די רעוואלוציאנערע שטורעמס. דאס זיינען געווען די „אלגעמיינע" ציוניסטען. פארגליווערט און פארטאן אין זייערע ספעציעלע אינטערעסען, פארגלאצט אין די עפענטליך־רעכטליך־געזיכערטע „היים", האבען זיי זיך ווייטער געטומעלט אין זייערע ד' אמות, טויב און בלינד צו די גרויסע געשעהנישען, וואס פלעגען פארקומען ארום זיי.

אין זומער 1905 איז גראד ווידער פארגעקומען א ציוניסטישער קאנגרעס — דער זיבעטער — אין באזעל. בין איך נאך אמאל געפאהרען אהין א קוק צו טאן ווי אזוי די חברה־לייט וועלען זיך פיהרען.

דער קאנגרעס איז געווען זעהר א טומעלדיגער. אן אמת'ער

תהו ובוהו. עס איז געווען גלייך ווי א טעאטער־פארשטעלונג מיט א מאסע סטאטיסטען און אהן א פעהיגען, שטארקען רעזשיסער. דער ערשטער קאנגרעס אהן הערצל'ען, און עס האט זיך געפיהלט, אז דער קאפ און די נשמה פון דער באוועגונג איז שוין ניטא. אויף זיין ארט זיינען געבליבען מאקס נארדאו און וואלפסאן. וואלפסאן — א גאנץ קלוגער מענש, אן איבערגעבענער ציוניסט, אבער אהן דעם פרעסטיזש פון הערצלען און נארדאו — א שעהנער בעל מליצה, א מחבר פון פאראדאקסען און פיין אויסגעטאקטע ווערט־לאך, אבער ניט קיין פיהרער. איז די גאנצע פארשטעלונג געווען עפעס אהן הענד און אהן פיס. דער עולם פון די דעלעגאטען איז געווען ווי דער שטייגער איז, זעהר א גרויסער און פארשידענ־פארביגער. א הייפעל אלטע ציוניסטישע טוער פון רוסלאנד, א היבש ביסעל דייטשע אדוואקאטען, א גאנצע מחנה רבנים — רוסישע און גאליצישע, א היבש, נאר וואס אנגעקומענע „ס. ס." (ציוניסטען־סאציאליסטען), און א גרויסע מאסע, סתם אידען, וואס זיינען געקומען צו פאהרען אין דער שווייץ צו פארברענגען דאר־טען די זומער־חדשים און האבען אגב אורחא מיטגענומען מיט זיך מאנדאטען פון די ציוניסטישע „אגודות" צום קאנגרעס. גע־ריסען צווישען זיך האט מען זיך גוואלדיג. ס'איז געווען נאך אלץ דער אפקלאנג פון דער אוגאנדע־פראגע, ס'איז נאך אלץ געווען דער גרויסער סכסוך וועגען דעם פאלעסטינישען ציוניזם און סתם טעריטאריאליזם. אין די צוויי יאהר צייט וואס זיינען אריבער זינט דעם לעצטען קאנגרעס, האט זיך די שטימונג פון די פיהרער געביטען. דער פאלעסטינישער ציוניזם האט גובר גע־ווען. מען איז געקומען צום קאנגרעס מיט'ן באשלוס צו באגראָ־בען דעם אוגאנדע־פראיעקט. עס האט זיך אבער אויסגעבילדעט אויך א שטארקע אפאזיציע, — די אנהענגער פון דעם ריינעם טערי־טאריאליזם. זיי זיינען געווען אין דער מינדערהייט, זיי זיינען אבער געווען גאנץ גוט ארגאניזירט, און ס'איז געווען ביי זיי א פעסטער באשלוס ניט אונטערצוגעבען זיך. האט זיך דער גאנצער טומעל געענדיגט מיט א שפאלטונג.

דער אלגעמיינער איינדרוק איז געווען א גרויער. ס'איז ניט געווען קיין איין מאמענט, ווען עס זאל זיך פיהלען אן אמת גע־הויבענע שטימונג, א גרויסער ענטוזיאזם. אפילו די גרויסע צו־

שפּאַלטונגס־סצענע איז געווען ניט קיין פּייערליכע. פּאַרקעהרט, אָנשטאָט אַ פּייערליכקייט איז פּאָרגעקומען אַ ווילדער סקאַנדאַל. די טעריטאָריאַליסטען האָבען געפיהרט אַ שטורמישע אָבסטרוקציע און ניט געוואָלט צולאָזען צו אַן אָפּשטימונג. אין דעם גוואַלדיגען טומעל האָט מען ניט געקענט הערען קיין איין וואָרט. האָבען די פיהרער פון דער מעהרהייט, וואָס זיינען געזעסען ביים פּרעזידיום־טיש געגעבען אַ סיגנאַל מיט די הענט: „שטימט חברה!“ די חברה האָט פאַרשטאַנען, די הענט האָבען זיך אויפגעהויבען, און — די פראַגע איז געווען באַשלאָסען: מען בלייבט טריי צו ארץ־ישראל. דערזעהענדיג, אַז די אָבסטרוקציע העלפט ניט, און אַז מען האָט אָפּגעטהאָן די זאַך אויף טערקיש, זיינען די טעריטאָריאַ־ליסטען אריינגעפאַלען אין אַ ווילדען כעס, מיט מורא'דיגע קולות האָבען זיי זיך אַ לאָז געטאָן צו שטורמעווען די טריבונע. אַ פּאָר בענקלאַך זיינען געפלויגען אין דער לופטען און זיך צושלאָגען ביים פּרעזידיום־טיש. הינטער דעם דאָזיגען „אַרטילעריע־פייער“ איז געלאָפען די אויפגערעגטע טעריטאָריאַליסטישע מחנה. די גדולים פון דער טריבונע האָבען ניט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. מיט אַ מערקווירדיגער פלינקייט האָבען זיי אָפּגערייניגט זייערע פּאָזי־ציעס, און אין משך פון עטליכע סעקונדען איז אויף דער טריבונע ניט געבליבען קיין איין מענש. די זיצונג איז איבערגעריסען גע־וואָרען. אַזוי האָט אויסגעזעהן דער „גרויסער“ מאָמענט. דער־נאָך זיינען די טעריטאָריאַליסטען אוועק און האָבען געעפענט זייע־רען אַן אייגענעם קאָנגרעס.

עס האָט זיך דערביי ניט באַגאַנגען אָהן אַ קאָמישען מיס־פאַרשטענדניס. אין דעם סכסוך צווישען די צוויי ציוניסטישע פראַקציעס איז אַריינגעצויגען געוואָרען דער נאָמען פון... „בונד“. ס'איז געווען אַזוי. דעם ריהרעוודיגסטען קערן פון די טעריטאָריאַ־ליסטען האָבען געבילדעט די „ס. ס.“; זיי האָבען געהאַט ניט נאָר אַ געוויסע צאָהל דעלעגאַטען, נאָר אויך אַ היבש ביסעל געסט אויף דער גאַלעריע — דאָס רוב סטודענטען פון די אַרומיגע שווייצאַרישע שטעדט. האָבען זיי פאַרנומען אַ גאַנצע זייט פון דער גאַלעריע און ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען די דעבאַטען וועגען דער הויפּט־פראַגע, האָבען די דאָזיגע געסט מיט אַ גרויסען טומעל און אויסגעשרייען זיך באַטהייליגט אין דער אָבסטרוקציע. האָבען

עטליכע פון די פּאַלעסטינישע ציוניסטען אָנגעהויבען שרייען צו זיי: „שווייגט, בונדיסטען!" מיט'ן וואָרט „בונדיסטען" האָט מען, פאַרשטעהט זיך, געוואָלט, פּשוט אָנזידלען די „שקצים". וואָ־רים דאָס וואָרט „בונדיסט" איז אין אַ ציוניסטישען מויל געווען די ערגסטע „באַליידיגונג", וואָס זיי האָבען זיך געקענט פאָרשטע־לען. אַנדערע האָבען אָבער ניט פאַרשטאַנען דעם „וויץ" און האָ־בען ערנסט געמיינט, אַז דעם טומעל מאַכען טאַקע אמת'ע „בונ־דיסטען", וואָס זיינען געקומען מיט אַ בייזווילליגער כונה אָראָפּ־צורייסען דעם ציוניסטישען קאָנגרעס. פאַרשטעהט זיך, אַז עס איז געווען אַ ווילדער איינפאַל. דאָס ביסעל חברים אונזערע, וואָס זיי־נען יאָ געווען אויף דער גאַלעריע, זיינען פאַרשטעהט זיך, געזעסען גאַנץ שטיל און רוהיג, און קיינעם פון זיי איז אויף אַ רגע ניט איינגעפאַלען צו טאַנצען אויף אַ פרעמדער חתונה. די לעגענדע האָט אָבער געהאַט אַן ערפאָלג, און נאָך דעם ווי דער קאָנגרעס האָט זיך געענדיגט, האָב איך אין אַ רוסיש־אידישען בלאַט גע־לייענט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון באַזעל, וואו ס'איז גאַנץ ערנסט דער־צעהלט געוואָרען, וועגען אַ „בונדישער" אָבסטרוקציע. איך האָב דעמאָלט אַריינגעשיקט אַ בריעף אין רעדאַקציע פון „וואָסכאָד" און אָפּגעלייקענט דעם נאַרישען בלבול.

נאָך דער שפּאַלטונג האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם קאָנ־גרעס פון די טעריטאָריאַליסטען. דאָרטען האָט געהערשט נאָך אַ גרעסערער מישמאַש און נאָך אַ גרעסערע אומבאַהאָלפענקייט ווי ביי די ציוניסטען. עס האָט זיך באַלד געפיהלט, אַז דאָס איז אַ טויט־געבאָרען קינד. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. נאָך עטליכע יאָהר טומלען זיך איז דער טעריטאָריאַליזם געשטאָרבען, ניט אי־בערלאָזענדיג נאָך זיך אפילו קיין יורשים. די גרינדונגס־פאַרזאַמ־לונג זייערע איז געווען פול מיט ווישטען געגענזאַץ אָהן אַ זין און אָהן אַ צוזאַמענהאַנג. ס'איז גענוג צו זאָגען, אַז איינער פון די הויפּט־רעדנער איז געווען... דר. נ. סירקין. און אַז די ערשטע רעדע וואָס ער האָט געהאַלטען צו די טעריטאָריאַליסטען, וואָס זיינען אַוועק פון דעם ציוניסטישען קאָנגרעס אַלס פּראָטעסט גע־גען דער ארץ־ישראל עקשנות — איז געווען גראַד אַ ליעבעס־ער־קלעהרונג צו דעם אייגענעם ארץ־ישראל.

אַז איך דערמאָן שוין וועגען סירקין'ען, דאַרף איך זאָגען,

אַז אויך פאַר דעם מאָמענט פון דער שפּאַלטונג, אַלס מיטגליד פון דעם אַלגעמיינעם קאָנגרעס, איז ער געווען געטריי צו זיין שטענ־דיגער ראָלע: פרעהליך מאַכען דעם עולם. ס'איז אָבער געווען א רחמנות אויף איהם. די גאַנצע צייט האָט ער זיך געקאָכט, די גאַנצע צייט האָט ער געוואָלט עפּעס זאָגען, און אַלץ אומזיסט. צענדליגע מאָל האָט מען געקענט זעהן, ווי דער קליינער קיילעכ־דיגער מענשעלע קייקעלט זיך איבער'ן זאַל, שפּרינגט ארויף אויף די שטיגען פון דער טריבונע, לויפט צו צום פאָרזיצענדען, טענה'ט מיט איהם, באַקומט אַן אָפּזאַג, קייקעלט זיך אראָפּ פון די שטיגען צוריק אין זאַל, לויפט אַן אויפגערעגטער, א רויטער, א פאַרשוויצ־טער, פאַרשווינדט אין דעם עולם, — און אין א פּאָר מינוטען ארום חזר'ט זיך איבער די אייגענע געשיכטע: סירקין לויפט ווייטער ארויף צום פאָרזיצענדען, — א נייע טענה, א נייער אָפּזאָג, און ווידער אראָפּ אין זאַל...

איך בין געזעסען ביי איינעם פון די זשורנאַליסטען־טישען, וואָס זיינען געשטאַנען אויבען־אָן, צווישען דער טריבונע און דעם עולם דעלעגאַטען. פלעגט סירקין אויף זיין יסורים־וועג מוזען אַלע מאָהל פאַרביילויפען נעבען מיר. ביי דעם זעלבען טיש איז געזע־סען א געוויסער דר. לעווי, אַן אָנגעזעהענער דייטשער ציוניסט. און אַלע מאָהל ווען סירקין פלעגט פאַרביילויפען ביי אונזער טיש, פלעגט דער דאָזיגער לעווי אויסשטרעקען די האַנד און כאַפּען איהם פאַר'ן באָרד (סירקין האָט געהאַט א גרויסע באָרד), א ציה טהאָן און זאָגען דערביי מיט א רוהיגען, ציניַשען שמייכעל: „סיר־קין, חמור איינער! סירקין, חמור איינער!" דער אָרימער סיר־קין פלעגט בלויז א טרייסעל טהאָן מיט'ן באָרד, זיך ארויסרייסען און פליהען ווייטער. איך בין געווען זעהר ברוגז אויף דעם דר. לעווי. ערשטענס איז עס געווען א גראָבקייט, און צווייטענס אַן אכזריות. פאַר וואָס זאָל מען אַן אָרימען מענשען שטעכען די אויגען מיט דעם, וואָס ער איז ניט קיין חכם! ס'איז דאָך ניט זיין שולד!

## 65.

# אָקטאָבער-טעג

איך האָב ניט געהאַט דאָס גליק צו באַטייליגען זיך אויפ'ן אָרט, אין רוסלאַנד גופא, אין די גרויסע, גרויסע געשעהענישען פון די אָקטאָבער־טעג. פון דער ווייטער שווייץ האָבען מיר זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צו די אויפרעגענדע ידיעות, און מיר האָבען אַלע געפיהלט: עס הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה.

מען האָט דאָס געפיהלט שוין פון אָנהויב 1905, ווי נאָר ס'איז געקומען די ידיעה וועגען דעם בלוטיגען טאָג פון 9טען יאַנואַר. ס'איז שווער צו באַשרייבען, ווי אויפגערודערט עס זיינען געוואָרען אונזערע קאָלאָניעס. איך בין געווען אין יענע טעג אין ציריך, און איך געדענק, ווי גאַנצע מחנות „קאָלאָניע־לייט" פלעגען קומען שפעט ביינאַכט צו דער רעדאַקציע פון דער „נייער ציריכער צייטונג", צו דערוויסען זיך וועגען די נייעסטע טעלעגראַמען: טאָמער זיינען אין רוסלאַנד פאָרגעקומען עפּעס ענטשיידענדע געשעהענישען. אין זשענעוו, ווידער, איז געווען אַ צייטונג — „טריביון דע זשענעוואַ" — וואָס פלעגט אַרויסגעהן פינף מאָל אַ טאָג — אַלע מאָל מיט נייע טעלעגראַמען; און מאַנכע פלעגען אין יענע צייטען קויפען אַלע פינף אויסגאַבען פון דעם בלאַט: טאָמער איז פאַר די עטליכע שעה, וואָס זיינען אַריבער זייט דער לעצטער אויסגאַבע, פאָרגעקומען עפּעס אַ גרויסע ענדערונג.

איך פערזענליך האָב זיך באַצויגען צו די יאַנואַר־געשעהענישען פאַרהעלטניסמעסיג קאַלטבלוטיג. אין אַ רעדע, וואָס איך האָב געהאַלטען אויף אַ ציריכער פאַרזאַמלונג, האָב איך געזאָגט: דער 9טער יאַנואַר איז נאָך ניט קיין סימן פון אַ פאַרטיגער רעוואָלוציע; מען מאַכט ניט קיין רעוואָלוציע מיט אַ צלם אין האַנד און אונטער דער אָנפיהרונג פון אַ גלח. דער 9טער יאַנואַר

איז א סימן, אז די רעוואָלוציע איז נאָך ניט צייטיג. אָבער דער דאָזיגער טאָג איז א שטוים פּאָראויס, א גוואַלדיגער שטויס, אַן אויסגאַנגס־פּונקט, פון וועלכען די רעוואָלוציע וועט זיך ערשט אָנ־הויבען. און זי האָט זיך טאַקע אָנגעהויבען.

און אין משך פון דעם גאַנצען יאָהר האָבען זיך געטראָגען איהרע כוואַליעס. אַלץ ברייטער, אַלץ גרעסער, אַלץ טיפער. און ענדליך איז געקומען דער גרויסער אָקטאָבער־סטרייק.

מיט פיבערהאַפטער אונגעדולד פלעג איך זיך אָנכאַפּען אָן די טעלעגראַמען. איין גרויסע פראַגע האָט געעגבערט מיין מח: צי איז דאָס שוין טאַקע דער לעצטער, גרויסער קלאַפּ? ס׳איז געווען אזוי ווי מען וואָלט געשטאַנען ביים ברעג פון ים און גע־קוקט אין די כוואַליעס. אָט קומט זיך צוקייקלען א כוואַליע, אַלץ נעהענטער, אַלץ העכער, אַלץ מעכטיגער: צי איז דאָס שוין דער גרויסער מבול? אָדער זי וועט זיך אויסשעפּען ניט דערגרייכענ־דיג דעם ציל, ווי עס האָבען זיך אויסגעשעפּט אַלע פריהערדיגע כוואַליעס?

און דאַן איז געקומען דער 17טער אָקטאָבער. און ווי שטאַרק ס׳איז ניט געווען דער ספק, צי וועט די כוואַליע זיך קענען אריבער־טראָגען איבער דעם דאָזיגען פּונקט נאָך ווייטער, אזוי ווייט, אז זי זאָל קענען אין גאַנצען צוברעכען דעם אַלטען בנין, — איין זאַך איז פאָרט געווען קלאָהר: דאָס מאָל איז עס ניט גלאַט א שטורם, ניט סתם אן אָפּגעשלאָגענע אַטאַקע; צום פריהערדיגען מצב וועט זיך דאָס גרויסע וואַסער ניט מעהר אומקעהרען. עס הויבט זיך אָן א נייעס, צי א גאַנצע צי א האַלבע, אָבער א רעוואָלו־ציע איז עס.

די שטורמישע טעג איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען צוזאַמען מיט דער גאַנצער סמעטענע פון אונזער באַוועגונג. ס׳איז גראַד פאָרגעקומען דער 6טער בונדיסטישער צוזאַמענפאָהר.

מען האָט באַשלאָסען איינצואָרדענען דעם דאָזיגען צוזאַמענ־פאָהר אויך דאָס מאָל אין אויסלאַנד, אויך אין ציריך, ווי דאָס לעצטע מאָל. מען האָט זיך געגרייט צו איהם חדשים לאַנג; א רייהע וויכטיגע פראַגען זיינען געשטאַנען אויפ׳ן טאָגעס־אָרדנונג. אין ד׳ער ערשטער העלפט פון אָקטאָבער האָט מען אָנגעהויבען ארוי־בערצושמוגלען די דעלעגאַטען איבער דעם גרעניץ און גראַד דע־

מאָלט, ווען דאָס רוב דעלעגאַטען זיינען שוין געווען אויף יענער זייט, אין אויסלאַנד, האָבען די צייטונגען געבראַכט די ידיעה, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען דער גרויסער סטרייק.

די לאַגע פון די דעלעגאַטען איז געווען אַ העכסט פּיינליכע. אַלע האָבען זיך געריסען צוריק אַהיים; אַלע האָבען פאַרשטאַנען, אַז זיי מוזען זיין אויף די ערטער, כדי אָנצופיהרען מיט דער באַוועגונג. מען האָט ניט געקענט דערלאָזען אַז גראַד אין דעם מאָמענט, ווען עס קומט פאָר דער גרעסטער סטרייק, וואָס רוסלאַנד האָט אַמאָל איבערגעלעבט, זאָלען די בעסטע טוער פון אונזער באַוועגונג (און ס'איז פאַרשטענדליך, אַז מיט אַן אויסנאַהם פון געצעהלטע מענשען, וואָס זיינען געבליבען אויף די ערטער, זיינען אַלע אונזערע בעסטע טוער געפאָהרען אויפ'ן צוזאַמענפאָהר) בלייבען פון דערווייטענס. מען האָט געוואָלט זיך תיכף אומקעהרען צוריק. ס'איז אָבער געווען צו שפּעט: וואָרים עס האָבען זיך שוין אָפּגעשטעלט די אייזענבאַהנען, און מען וואָלט געקענט העכסטענס צופאָהרען צוריק צו דער רוסישער גרעניץ. דער ווייטערדיגער וועג איז געווען פאַרשפּאַרט. האָט מען ניט געהאַט קיין ברירה, מען איז געקומען אין ציריך, און דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך אָנגעהויבען.

דער צוזאַמענפאָהר איז געווען אַ גאַנץ גרויסער און דער צוזאַמענשטעל אַ גאַנץ שעהנער. בלויז עטליכע פון אונזערע אָנגעזעהענדע חברים האָבען געפעהלט: נח איז געזעסען אין דער ווילנער טורמע (ער איז באַפרייט געוואָרען באַלד נאָכ'ן צווייטען אָקטאָבער). אַלעקסאַנדער איז מיט עטליכע חדשים פריהער אָפּגעפאָהרען אין רוסלאַנד, איז ער געבליבען דאָרטען, כדי אָנצופיהרען מיט דער אַרבייט. נאָך אַ פּאָר פון די אָנגעזעהענסטע חברים זיינען אין פאַרלויף פון 1915 אַוועקגעפאָהרען פון אויסלאַנד אין רוסלאַנד און זיינען ניט געקומען אין ציריך. צווישען זיי איז געווען טימאָפעי, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אין ווילנע דעם בונדישען פאַרלאַג „די וועלט"; אויך סלאַוועק איז געווען אין רוסלאַנד. מיט'ן אויסנאַהם פון די דאָזיגע מענשען זיינען אָבער כמעט אַלע אָנגעזעהענע טוער פון יענער צייט געקומען צופאָהרען אין ציריך.

חוץ די אַלטע, גוט באַקאַנטע טוער, וואָס זיינען שוין געווען אויף די פריהערדיגע צוזאַמענפאָהרען, האָבען זיך באַוויזען עט־

ליבע נייע פיגורען. ס'איז געקומען איינער א יונגערמאַן מיט'ן נאָמען יעווגעני (זיין שפּעטערדיגער פּסעוודאָנים איז געווען „גיי־סער״); ער איז נאָך מיט אַ צייט פריהער געקומען צופאָהרען אין אויסלאַנד, און איך האָב מיט איהם געהאַט לאַנגע שמועסען, — ספּעציעל וועגען דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכע האָט איהם באַזאָנדערס אינטערעסירט. ער האָט געהאַט וועגען דער דאָזיגער פראַגע אַ סך זעהר אינטערעסאַנטע געדאַנקען; איך בין אַמאָל געזעסען מיט איהם אין דעם ציריכער „קאַפע טעראַס״ ביז 3 אזייגער ביינאַכט און מיט גרויס אינטערעס געהערט זיין רעדען. ס'איז אָבער געווען מיט איהם אַ גרויס מאַטערניש: מען האָט געדאַרפט האָבען אַ היבש ביסעל געניטקייט, כדי צו פאַרשטעהן וואָס ער זאָגט אַזוינס. ער האָט געהאַט עפּעס אַ מין פעהלער, אַ מין וואַנד איז געשטאַנען צווישען זיין מח און זיין צונג. דער קאָפּ איז פול מיט געדאַנקען, אָבער די צונג פאָלגט ניט. און עס פליהען אַרויס עפּעס צוהאַקטע, צומישטע ווערטער, ווי אַ מין שיפרירטער בריף. ווער עס קען דעם שליסעל פון שיפר, דער קען איהם פאַרשטעהן. ווער עס איז אָבער ניט צוגעוואוהנט צו זיין רעדען, פאַר דעם איז געווען זעהר שווער צו דערגעהן צום עצם אינהאַלט. סוף כל סוף האָט זיך אָבער דער עולם יאָ צוגעוואוינט.

אַ נייע פיגור אויפ'ן צוזאַמענפאָהר איז געווען אויך אָלגין. לכתחילה האָט מען איהם גערופען ניט אָלגין, נאָר „אָלגאַ״. פון וואַנעט קומט צו איהם אָט דער ווייבערשער נאָמען, געדענק איך ניט. דאַכט זיך, אַז אַבראַמאָוויטש האָט איהם אַמאָל אַזוי אָנ־גערופען; זיי זיינען געווען זעהר נאָהענט באַפריינדעט צווישען זיך, און אָלגין פלעגט זיך געפינען אונטער אַ שטאַרקען איינפלוס פון אַבראַמאָוויטש'ן. דעם נאָמען „אָלגאַ״ האָט ער שפּעטער אי־בערגעמאַכט אויף „אָלגין״; אגב האָט ער טאַקע פאַרמאָגט אַ היבש ביסעל פרויען־ווייבקייט, וואָס האָט ביז אַ געוויסען גראַד באַרעכ־טיגט זיין פרויען־נאָמען. מען האָט מיר דערצעהלט וועגען איהם נאָך פריהער. מענשען פון צענטראַלען קאָמיטעט, וואָס פלעגען זיך אַריינכאַפּען פון צייט צו צייט אין אויסלאַנד, פלעגען מיר זאָגען: אָט האָבען מיר אַ גוטען שרייבער; — איינמאָל אַ שרייבער! ער קען שרייבען ביטאָג און ביינאַכט, שטעהענדיג און גע־הענדיג, דאַרף מען האָבען, למשל, אַ פּראָקלאַמאַציע אָדער אַן אַר־

טיקעל פאַר דער „אַרבייטער שטימע" — אין דעם צ. ק. גופא איז דאָך קיין שרייבער ניטאָ, אַזאַ כמעט ניטאָ. זאָגט מען איהם: מען האָט אָנגענומען אַזאַ און אַזאַ באַשלוס; מען דאַרף אָנשריי־בען אַ זאַך אָט אין אַזאַ אָדער אַזאַ זין, זעצט זיך אָלגין אַוועק, און אין אַ האַלבע שעה אַרום איז די זאַך פאַרטיג: שעהן, ליטעראַ־ריש, קיילעכדיג און שפּיציג. ס'איז געווען די גאָלדענע פּעַן פון צענטראַלען קאָמיטעט. דער צווייטער שרייבער ביים צענטראַלען קאָמיטעט איז געווען ליטוואַק (איך קען זיך נישט דערמאָהנען, צי ער איז אויך געווען דעמאָלט אויפ'ן צוזאַמענפאָהר), אָבער דאָס איז שוין געווען אַ מענש פון אַן אַנדער טיפּ, מיט אַ גרויסער זעלבסט־שטענדיגקייט און מיט אַ שאַרפען אינדיווידועלען פּנים. אָלגין'ען האָב איך צום ערשטען מאָל געטראָפען אויף יענעם צוזאַמענפאָהר; ער איז געווען דעמאָלט אַ מענש פון עטליכע און דרייסיג יאָהר, מיט אַ געלען באָרד, אַ שטילער, אַ באַשיידענער. מיר דאַכט זיך, אַז אויף יענעם צוזאַמענפאָהר האָט ער קיין איין מאָל ניט גענומען קיין וואָרט.

אַ נייער מענש — פאַר מיר ווענינסטענס, — איז געווען אויך ב. מיכאַלעוויטש. אַ טועור איז ער געווען גאָר ניט קיין נייער, פאַרקעהרט, פון די עלטסטע; איך האָב אָבער ביז יענעם צוזאַ־מענפאָהר ניט געהאַט קיין געלעגענהייט איהם צו טרעפען: ער האָט געהאַט אַ שלעכטע געוואוינהייט כסדר פאַרשיקט צו ווערען; דאָס מאָל איז ער צופעליג געווען פריי. ער האָט געהאַט זעהר אַ סאָלידען אויסזעהן: מיט אַ געלען באָרד און מיט גאָלדענע ברי־לען. אויך מיט זאַסלאַווסקי'ן האָב איך זיך דעמאָלט געטראָפען צום ערשטען מאָל. וועגען די דאָזיגע מענשען וועט מיר נאָך אויס־קומען צו ריידען אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען.

דער אָנהויב פון צוזאַמענפאָהר איז געווען אַ טומעלדיגער. דער עולם איז געווען אויפגערעגט און נערוועז. אין דעם פּרעזי־דיום זיינען אויסגעקליבען געוואָרען — אויב איך האָב ניט קיין טעות — ירחמיאל (אַ. ווײַנשטיין), יודין און איך. די ערשטע זי־צונג האָט געפיהרט ירחמיאל. דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען זיין ערשטער דעביוט. ער האָט נאָך ניט געקענט די מלאכה, און ס'איז געווען אויף צרות. איך האָב שוין יאָ געהאַט אַ פּראַקטיק (איך פלעג שטענדיג זיין אַ פאָרזיצענדער אויף די צוזאַמענפאָהרען

פון די בונדישע גרופּען אין אויסלאַנד). בין איך געזעסן לעבען איהם און האָב זיך באַמיהט איהם צו העלפען; פון אזא „דועט” האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט נאָך אַן ערגערער טומעל, און דער עולם איז געוואָרען נאָך מעהר נערוועז. דאָס רוב פון די ווייטער־ד׳גע זיצונגען פלעג איך שוין פיהרען אליין.

באַלד פון אָנהויב האָבען מיר געהאַט א גרויסע שעוועריגקייט ביים באַשטימען די טאָג־אַרדנונג. לכתחילה זיינען אויף דער טאָג־אָרדנונג געשטאַנען צווישען אַנדערע אויך פראַגען פון פּאָלי־טישער טאַקטיק. איצט איז אָבער די לאַגע געוואָרען אזא, אז ס׳איז געווען ממש אונמעגליך אַנצונעהמען וועגען די דאָזיגע פראַגען וואָסערע ניט איז באַשלוסען. און טאַקע: אין דער צייט, ווען דער צוזאַמענפאָהר זיצט אין ציריך, קומען פאָר אין רוס־לאַנד געוואַלדיגע געשעהעגישען; די סיטואַציע בייט זיך פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה; א זאַך וואָס איז געווען אויפ׳ן אָרט נעכטען, פּאַסט שוין ניט היינט. וואָס וועט זיין מאָרגען קען קיינער ניט וויסען. אפּגעריסען פון רוסלאַנד איז מען. אויף די ידיעות, וואָס קומען אָן דורך דער פּרעסע, קען מען זיך ניט פאַרלאָזען. ביי אזעלכע באַדינגונגען וואָלט דאָס געווען אַן אמת׳ע בטלנות אַנצונעהמען וואָסערע ניט איז טאַקטישע דירעקטיווען. האָבען מיר דאָס טאַקע ניט געטאָן. ווילענדיג ניט ווילענדיג האָבען מיר געמוזט די דאָזיגע פראַגע אויסשליסען פון דעם טאָג־אָרדנונג. געבליבען זיינען אזעלכע פראַגען, וואָס זיינען ניט געווען אזוי ענג פאַרבונדען מיט דער טאָג־לאַגע. און דאָס איז געווען קודם כל די נאַציאָנאַלע פּראַגע.

זינט דעם פינפטען צוזאַמענפאָהר, אויף וועלכען עס האָט זיך ארויסגעוויזען א געוויסע אומזיכערהייט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, זיינען אריבער העכער צוויי יאָהר. פאַר דער דאָזיגער צייט האָט זיך א סך געביטען. מען האָט דורכגעפיהרט א היבש ביסעל אויפקלערונגס ארבייט. מען האָט וועגען דער פראַגע גע־שריבען, דיסקוטירט, גערעדט און געטראַכט. מאַנכע פאַראורטיי־לען זיינען צובראָכען געוואָרען, מאַנכע ספיקות זיינען פאַרשוואונ־דען. די געזעלשאַפטליכע מיינונג אין אונזער פּאַרטיי איז געוואָ־רען א סך פעסטער און קלאָרער. גלייכצייטיג האָבען אויך די

פּאָליטישע געשעהענישען געשטופּט דערצו, אַז מען זאָל פאַרנעהמען א מעהר פעסטע און ענטשלאָסענע פּאָזיציע.

שוין מיט א קנאַפּען יאָהר פריהער (אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז עס געווען אין דעצעמבער 1904), האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד" געפונען פאר מעגליך צו מאכען אויף איינענע אחריות א וויכטיגען טריט פאראויס. ס'איז געווען א צייט נאָכ'ן טויט פון דעם אינער'ן מיניסטער פּלעווע, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אין רוסלאנד א מין פּאָליטישער „פריהלינג". אונטער דער ווירקונג פון די מלחמה־מפּלות און פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג האָט דער נייער אינערן־מיניסטער סוויאַטאָפּאָלסקי־מירסקי אביסעל אָפּגעלאָזט די לייצעס, און א גרויסע כוואַליע פון געזעלשאפטליכער באוועגונג האָט זיך גענומען שטורעמען די באפרייטע פּאָזיציעס. עס האָט זיך אָנגעהויבען די צייט פאר יעדער ריכטונג און פאר יעדער פּארטיי ברייט פונאַנדערצואוויקלען איהר פאָהן און ווייזען איהר פּנים. און צווישען אנדערען האָט מען גענדאַרפט פארנעהמען א קלאָרע פּאָזיציע אויך אין דער נאַציאָנאַלער פראגע. אונזער לאגע איז געווען אזא: א פּראגראם אין דער פראגע האָבען מיר יא געהאט; דאָס איז געווען די רעזאָלוציע פון פערטען צוזאמענפאָהר וועגען נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אָבער דער זעלבער צוזאמענפאָהר האָט באַשלאָסען, אז די דאָזיגע פאָדערונג שטעלען מיר דערווייל ניט ארויס. מילא אין 1901 איז די פאָדערונג געווען ווייניג ברענענדיג; אָבער אין 1904 איז שוין די לאגע געווארען אן אנדערע. און דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד" האָט אויף זיך גענומען די פאראנטווארטליכקייט און האָט ארויסגעגעבען א מין מאַניפעסט (אן אויפרוף אונטער'ן נאָמען: „וואָס מיר דארפען ניט פארגעסען"), וואו די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע ווערט שוין יאָ ארויסגעשטעלט קלאָר און שארף. דאָס איז געווען ניט נאָר א וויכטיגער פּאָליטישער שריט. ס'איז געווען אויך א סימן, אַז די ספיקות און וואַקלעניש אין אונזערע רייהען גופא, האָבען זיך פארענדיגט. וואָרים אונזער צענטראַלער קאָמיטעט איז שטענדיג געווען זעהר פאָרזיכטיג, שטענדיג געפיהלט אויף זיך די גרויסע פאראנטווארטליכקייט, און ער וואָלט קיין מאָל ניט געטאָן קיין ענטשיידענעם טריט, ניט וויסענדיג, אז די פּארטיי־

מאסע איז מיט איהם איינשטימיג. א סימן, אז די פּארטיי־שטימונג האָט זיך שוין צום סוף 1907 באפעסטיגט.

פון יענעם אויפרוף ביז'ן אָקטאָבער־צוזאמענפאָהר, וועגען וועלכען איך דערצעהל איצט, איז אריבער א קנאפּער יאָהר און ס'איז פארשטענדליך, אז אין די מוחות פון אונזערע חברים האָט דאָס דאָזיגע יאָהר געשאפען נאָך מעהר קלאָרקייט. די באַשטעטיגונג פון אונזער פּראגראם דורך דעם צוזאמענפאָהר איז געווען א זיכערע זאך.

איך בין באַשטימט געוואָרען אלס רעפערענט וועגען דעם פּונקט. אין מיין רעפעראט האָב איך ארומגערעדט די הויפּט־טענות פון אונזערע געגנער און פון אונזערע וואקעלדיגע פריינד. די ערשטע טענה איז געווען אן אָפּקלאנג פון דער אסימילאטאָרישער תורה. מען פלעגט זאגען, אז די גאַנצע אידישע „אָפּגע־זונדערטקייט" עקזיסטירט נאָר א דאנק די גזירות מצד דער צארישער רעגירונג. מען האָט צונויפגעשפּארט די אידען אין אן ענגען „תחום", מען לאָזט זיי נישט צו צום רוסישען לעבען, — בלייבען זיי ביי דער אידישקייט. אָבער זאָל נאָר דער "תחום" אָפּגעשאפט ווערען, זאָל מען נאָר אראפּנעהמען די ראגאטקעס, און די אידען וועלען זיך פונאנדערשיטען ווי שטויב איבער גאנץ רוסלאנד און דערטרונקען ווערען אין דער גרויסער רוסישער מאסע. איז נישטאָ וואס צו ריידען וועגען א אידישער קולטור און נישטאָ וואָס צו ריידען וועגען אַ אידישער אויטאָנאָמיע. א צווייטע טענה איז געווען פון די, וואָס פלעגען אפילו ניט זאָגען קיין נביאות וועגען דער צוקונפט פון די אידען, נאָר וואס די פאָרם גופא פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פלעגט זיי ניט געפעלען.

האָב איך זיך באמיהט צו צוקלאפּען דיביידע טענות, די צווייטע — מיט לאָגישע באווייזען; די ערשטע — מיט ציפער־רען און פאקטען: די אידען האָבען ניט קיין טבע פאנאנדערצו־לויפען זיך, פאנאנדערצושיטען זיך, ווי א הייפעל טרוקענע ארבעס, וואָס מען שיט אויס פון א זאק. אפילו דאָרטען, וואו עס איז נישטאָ קיין אויסערליכער צוואנג, בלייבען די גרויסע אידישע מאסען וואוינען צוזאמען, און דאָס אָפּשאפען פון רוסישען „תחום" וועט ניט מאכען קיין סוף צו דער עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק. איבריגעס גערענק איך ניט געגוי דעם גאנצען רעפעראט,

און די אַלע דעבאַטעו. איך ווייס, אַז דעבאַטען זיינען יאָ געווען, אַז אַ פּאָר חברים זיינען נאָך אַלץ געווען געגען דער אויטאָנאָ־מיע, — זיי זיינען אָבער געבליבען אין אַ קליינער מינדערהייט. אַנדערע האָבען געזעדט וועגען דעם, ווי אַזוי די אויטאָנאָמיע זאָל אויסזעהן. עס איז געווען אַ מיינונג, אַז די אויטאָנאָמיע זאָל זיין ברייטער, ווי מיר האָבען זיך פאָרגעשטעלט, — דאָס איז געווען די מיינונג פון אַבראַמאָוויטש'ען. עס איז געווען אַ פּאָר־קעהרטע מיינונג: די אויטאָנאָמיע דאַרף ארומנעהמען בלויז די שוהלען, און מעהר קיין זאַך ניט; און אויב אַזוי פאַרדינט זי אַפילו ניט דעם קלינגענדיגען נאָמען „אויטאָנאָמיע", ס'איז ניט מעהר ווי אַ שול־פאַרבאַנד. דאָס איז געווען די מיינונג פון יעווגעני, אָבער די גרויסע מעהרהייט איז געבליבען ביי דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, ווי מיר האָבען זי פאָר־געלעגט, און די רעזאָלוציע פון צוזאַמענפאָהר האָט באַשטעטיגט זיין באַשלוס פון 1901, אויסדריקענדיג איהם גלייכצייטיג אין אַ נייער, מעהר קלאָרער און מעהר גענויער פאָרם.

עס זיינען געווען נאָך אַ פּאָר פּונקטען, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אַזוי, למשל, דער סכסוך וועגען אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבען אין יענער צייט אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג („קאָנסטיטואַנטע"), וואָס זאָל אויסגע־וועהלט ווערען פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און באַשליסען וועגען דער פּאָליטישער צוקונפט פון לאַנד. אַ טייל פון די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען — ווי די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) און דאַכט זיך אויך די ליטווישע — האָבען פאַרלאַנגט, אַז גלייכצייטיג מיט דער רוסישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין פּעטערסבורג זאָל צונויפגערופען ווערען אַ גאַנץ באַזונדערע און זעלבסטשטענדיגע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פאַר זייער מדינה — אַ פּוילישע קאָנסטיטואַנטע אין וואַרשאַ, אָדער אַ ליטווישע — אין ווילנא. די דאָזיגע אָרטיגע קאָנסטיטואַנטע זאָל זיין אין גאַנצען אומאָפּהענגיג פון דער פּעטערבורגער און באַשליסען אַלע פראַגען זעלבסטשטענדיג אָדער לויט אַ פאַרשטענדיגונג מיט פּעטערבורג.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען זיינען געווען געגען דעם און אויך אונזער צוזאַמענפאָהר האָט זיך אַרויסגעזאָגט געי־

גען דעם פּלאַן. די פאַרווירקליכונג פון דעם פאַרלאַנג וואָלט צו־בראָכען דעם רעוואָלוציאָנערען פראָנט און צושפּליטערט די כחות. מען דאַרף פריהער מיט פאַראייניגטע קרעפטען דערשלאָגען זיך צום מאַקסימום דעמאָקראַטיזם אין דער אַל־רוסישער קאָנסטיטו־אַנטע און ערשט דאַן, ווען די גרונד־יסודות פאַר'ן גאַנצען לאַנד וועלען ווערען פעסטגעשטעלט ,וועט מען דאַרפען צונויפרופען לאָ־קאַלע גרינדונגס־פאַרזאַמלונגען, וועלכע וועלען אויסאַרבייטען די געזעצען פאַר די איינצעלנע געגענדען אין די ראַהמען, וואָס די אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע פאַרטרעטונג פון דער מדינה האָט זיי געשטעלט. אייגענטליך איז דער גאַנצער סכסוך געווען אַן אָפּקלאַנג פון אַ צווייטער שטרייט־פראַגע: צו דאַרפען זיך די ראַנד־געבי־טען אין גאַנצען אָפּרייסען פון רוסלאַנד און ווערען זעלבסטשטענ־דיגע מלוכות אָדער זיי קענען זיך באַנוגענען מיט אַן אויטאָנאָמיע. דער פאַרלאַנג פון אַ באַזונדערער קאָנסטיטואַנטע איז געווען איי־גענטליך אַ באַהאַלטענער וואונש פון אָפּרייסען זיך, אָבער אַזוי, ווי דער לאָזונג פון „אונאָפּהענגיקייט“ איז אין די שטורמישע חדשים פון אַן אַל־רוסישער רעוואָלוציע זעהר אָפּגעשוואַכט גע־וואָרען (אפילו אין פּוילען) האָט מען זיך באַנוגענט מיט דעם פאַר־שלייערטען וואונש.

מיר האָבען טאַקע אַרומגערעדט אויך די פראַגע וועגען אַ לאָקאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די ראַנד־געביטען, און נאָך אַזעלכע פראַגען.

מיר זיינען אָבער געזעסען ווי אויף נאָדלען. די ידיעות וואָס פלעגען אָנקומען פון רוסלאַנד, פלעגען אונז אויפרודערען אַלץ מעהר און מעהר. און פּלוצלינג האָבען מיר געלייענט די ערשטע טעלעגראַמע וועגען די פּאָגראָמען, נאָך דער ערשטער איז געקומען אַ צווייטע, אַ דריטע און עס איז געווען, ווי עס האָט זיך אַלאַז געטאָן אַ בלוטיגער טייך, און אויפגעברויזט ביז איבער די ברעגען און פאַרפלייצט די ערד מיט אַ שרעקליכען מבול פון צושטערונג. די רעוואָלוציע האָט זיך באַגעגענט מיט דער קאָנטר־רעוואָלוציע אין איהר שרעקליכסטער, שוידערליכסטער פאָרם.

פאַר מאַנכע, סאָציאַליסטיש־געשטימטע אידען איז עס געווען אַזאַ קלאַפּ, וואָס האָט איהם אין גאַנצען אַראָפּגעשליידערט פון וועג. און עס איז פאַרשטענדליך. יאָהרען לאַנג געוואַרט אויף

דעם גרויסען יום טוב און ווען דער יום טוב איז געקומען, ווערט ער באגאסען מיט טייכען פון אידישען בלוט, פון אומשולדיגען אידישען בלוט... מענשען אהן א פעסטען גלויבען זיינען אריינגע־פאלען אין א יאוש. דעמאלט האט זיך דאס גענומען פרוכפערען א פארטיי „ציוניסטען־סאציאליסטען" — („ס. ס."), וועלכע איז געווען דער ארגאניזירטער אויסדרוק פון יאוש, פון ענטטוישונג און פארצווייפלונג. אין משך פון א פאר יאהר איז זי אויסגעוואק־סען ביז צו א גאנץ באדייטענדער גרויס, כדי דערנאך צו פלאצען ווי א זייפען־בלאז און ארפגעהן אין גאנצען פון דער סצענע. איצ־טער איז זי מעהר ניטא, א באוועגונג קען מען ניט בויען אויפ'ן פונדאמענט פון יאוש, מען בויט זי נאר אויפ'ן ג ל ו י ב ע ן.

אין אונזערע רייהען איז קיין יאוש ניט געווען, אבער סיי די פאגראמען, סיי דער גאנג פון די פאליטישע געשעהנישען האט אונז קלאהר געוויזען, אז וועגען אן ענטשיידענעם זיג פון דער רעוואלוציע קען מען דערוויילע ניט רעדען. די רעוואלוציע האט ארויסגעריסען פון דער רעגירונג הנחות און צוזאגען. אבער די פאקטישע מאכט איז נאך אין די אלטע הענד. עס שטעהען פאר ביטערע קאמפען. דאס האבען מיר אלע פארשטאנען, און די דא־זיגע געמיינזאמע שטימונג אונזערע האב איך אויסגעדריקט אין א רעדע, וואס איך האב געהאלטען אויף א באנקעט נאכ'ן שלום פון צוזאמענפאהר. אונזער באוועגונג — האב איך געזאגט — קען געגליכען ווערען מיט אן ארויפגאנג אויף א הויכען, ווילדען בארג. מען קריכט טריט ביי טריט איבער די שטיינער און פעל־זען, אליץ העבער און העבער, און אט קומט ענדליך דער מאמענט ווען עס דאכט זיך: מיר זיינען שוין אויפ'ן שפיץ בארג און ווען מיר וועלען דערגרייכען דעם דאזיגען שפיץ, דאן וועט זיך ענדליך עפענען פאר אונזערע אויגען דאס געבענשטע לאנד, וואס ליגט אויף יענער זייט, און עס וועט זיך אנהויבען א גלייכער און גרינגער וועג אין די פרוכטבארע גרינע טאלען. דער מאמענט איז געקומען און מיר זיינען אויפ'ן שפיץ. ווען מיר האבען אבער געמאכט דעם לעצטען טריט, און מיט אומגעדולד געווארפען אונזער בליק אויפ'ן בילד, וואס ענטפלעקט זיך פאר אונז, אויף יענער זייט שטיינערנע פעלזען, זיינען מיר געוואהר געווארען, אז דאס איז נאך ניט דער לעצטער שפיץ. עס איז ערשט דער ערשטער בארג, און הינטער

איהם הויבען זיך אויף די גרויזאמע מאסען פון נייע בערג, וואס זייד נען נאך העכער, נאך שווערער בייצוקומען. דאס, וואס מיר האד בען דורכגעמאכט, איז בלויז דער ערשטער שטאפעל. דער וועג פיהרט ווייטער, מיר דארפען געהן מיט'ן שווערען וועג, ווי מיר זיינען געגאנגען ביז איצט.

איין האפנונג האבען מיר אבער אלע געהאט: דאס אלטע וועט זיך שוין ניט אומקעהרען צוריק. עס הויבט זיך אן א נייע תקופה מיט נייע מעגליכקייטען און נייע פערספעקטיווען. דאס פאליטישע לעבען ווערט פילפארביגער, רייכער, קאכעדיגער, די רעד וואלוציע געהט ווייטער.

באלד נאך די אקטאבער־טעג האט זיך א כוואליע פון רוד סישע עמיגראנטען אלאז געטאן אין רוסלאנד. מען האט מיך געד פרעגט: ווילט איהר פאהרען? מיין ענטפער איז געווען: אויב איהר דארפט מיך האבען, בין איך יעדע מינוט גרייט.

אין די שטילע אקטאבער־אווענדען, נאך די זיצונגען פון צוד זאמענפאהר, פלעגען מיר מיט אבראמאוויטש'ן ארומבלאנדזשען איבער די ציריכער גאסען און מאכען פלענער. נייע מעגליכקייד טען, א נייע ארבייט! א ברייטע, אן אפענע! אט הויבען שוין אן אין פעטערבורג ארויסצוגעהן רוסישע סאציאליסטישע צייטונגען. ניט שוין־זשע וועלען מיר בלייבען הינטערשטעליג? און איך האב מיט בענקשאפט גע'חלום'ט וועגען א שטענדיגער ארבייט אין א גרויסער טעגליכער צייטונג...

מיר פלעגען קומען צו דעם וואקזאל. עס איז געווען דארטען א הויכע אייזערנע בריק, פון איין גאס צו דער צווייטער, איבער דער באהן־ליניע. מיר פלעגען ארויפגעהן אויף דער בריק. אונטער אונז זיינען געגאנגען די צוגען, איינער נאכ'ן צווייטען; מאנכע אין דעם ווייטען אויסלאנד, צום צפון, צו דער רוסישער גרעניץ. איך האב געטראכט: ווער ווייס, אפשר וועל איך אין עטליכע וואכען ארום זיצען אין אזא צוג, אויפ'ן וועג אהיים, נאכ'ן לאנגען, פיר יאהריגען גלות?

און אזוי איז טאקע געווען.

דערווייל אבער בין איך געפאהרען צוריק אין זשענעוו, דארד טען האב איך געדארפטווארטען אויף א טעלעגראמע פון רוסד לאנד, און דערווייל, צוזאמען מיט קאסאווסקי'ן באארבייטען די

פראטאָקאָלען פון צוזאַמענפאָהר. אויפ'ן וועג קיין זשענעווו האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ טאָג אין בערן. דאָרטען איז גראדע פאָרגעקומען אין דער קאָלאָניע אַ גרויסער מיטינג וועגען די לעצ־טע געשעהענישען, און איך האָב געדארפט רעדען.

אין מיין רעדע האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף די פּאָגראָ־מען. איך האָב געזעהן, ווי שרעקליך דער עולם ווערט נידערגע־שלאָגען אונטער דעם איינדרוק פון די בלוטיגע געשעהנישען, עס איז שווער צו געפינען אין אַזעלכע פאַלען ווערטער פון טרייסט, און עס איז ניט געווען מיין אויפגאַבע, איך האָב בלויז געוואָלט אוועקשטעלען די זאַך אין אַ ריכטיגער באַלויכטונג, און כ'האָב געזאָגט: עס גיסט זיך בלוט, עס איז שרעקליך, אָבער מען דאַרף האָבען אין זינען (די וויטערדיגע ווערטער געדענק איך בוכשטעב־ליך): „דאָס בלוט איז יענער בוים־אויל, אָהן וועלכען עס רוקט זיך ניט פאראויס דער רייט־וואָגען פון דער „געשיכטע". דאכט זיך, אַ גאַנץ כשר'ער, פּשוט אַ אלף־בית־געדאַנק. צוליב די דאָזי־גע ווערטער האָט זיך אָבער פארקאָכט אַ גאַנצע קאַשע. עס האָט זיך געפונען צווישען די צוהערער עפּעס אַ ציוניסטעל (איך ווייס ניט, צו ער איז געווען אַ נאַר, אָדער אַ בייזוויליגער שווינדלער) וואָס האָט אָנגעשריבען אין אַ אידישער צייטונג אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגען דעם דאָזיגען מיטינג. און ער האָט מיר אריינגעלעגט אין מויל גאר אנדערע ווערטער. לויט זיין באריכט האָב איך כלומרשט געזאגט אַז דאָס אידישע בלוט איז בוימאויל פאר דער רוסישער רעוואָלוציע. און סע האָט זיך אָנגעהויבען אַ געשריי. די ציוניסטען האָבען אונטערגעכאַפּט די דאָזיגע אויס־געטראַכטע ווערטער, און יאָהרען־לאַנג האָבען זיי מיר געשטאָכען מיט זיי די אויגען. מיט עטליכע וואָכען שפּעטער, ווי נאָר איך בין געקומען קיין רוסלאַנד, האָב איך אָפּגעדרוקט אין „פריינד" אַ אָפּלייקנונג, און האָב ערקלערט, אַז דאָס, וואָס דער קאָרעס־פּאָנדענט האָט וועגען מיר געשריבען איז אַ ליגען, און איך האָב געבראַכט די ווערטער, וואָס איך האָב באמת געזאָגט. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען, די פיינע לייט האָבען זיך געמאַכט ניט ווי־סענדיג. דאָס האָט זיי בעסער געפּאַסט פאר'ן טומעל. און יאָה־אויס, יאָהר איין פלעגט מען מיר פּאָרוואַרפען די ווערטער, וואָס איך האָב קיין מאָל ניט געזאָגט. עס איז געוואָרען פּשוט אַ גע־

וואוינהייט. אין דער ציוניסטישער פּרעסע איז געווען אַן אמת׳ע טראַדיציע; ווי נאָר מען דערמאָהנט מיין נאָמען, פּלעגט מען צו־געבען: דאָ איז דער אייגענער מענש, וועלכער האָט געזאָגט, אַז דאָס אידישע בלוט איז אַ בוים־אויל פאַר דער רוסישער רעוואָ־לוציע. און נאָך ביז היינטיגען טאָג, מיט 16 יאָהר שפּעטער, בלאָנדזשעט נאָך דאָס ווערטעל אין די ציוניסטישע געסלאַך. גע־גען ליגנער איז מען באמת מאַכטלאָז.

66.

# פאר'ן אָפּפאָהרען

איך האָב זיך אומגעקעהרט קיין זשענעוו און זיך גענומען גרייטען צו דעם וויטען וועג. אייגענטליך רעדט זיך נאָר אזוי: גרייטען זיך. קיין אויסערליכע צוגרייטונגען האָב איך ניט געדארפט מאכען, קיין שום פּערזענליכע געשעפטען האָב איך ניט געהאט, אויף איינצופּאקען דאָס ביסעל זאכען וואָס איך האָב פארמאָגט, וואָלט א האלבע שעה געווען צו פיל. דאָס איינציגע האָב און גוטס וואס איך האָב יאָ געהאט, איז געווען א גאנצער פּאק מיט אַלטע בריף, האָב איך פון זיי אויסגעטיילט א קליין פּעקעלע, פאר'חתמ'עט און איבערגעלאָזט אויף דער „קארוזשקע", און דעם רעשט האָב איך פארברענט. עס איז אַלע מאָל א טרויעריגע זאך צו פארברענען בריף. עס איז גלייך ווי מען וואָלט פארברענט א שטיק פון אייגענעם לעבען. ווערט מען דערביי אביסעל מעלאנכאָליש, איך געדענק דאָס צימער, אין וועלכען איך האָב דעמאָלט געוואוינט (איבעריגענס געדענק איך אַלע צימערען מיינע); גרארע געווען גאנץ שעהן; דאָס שעהנסטע פון אַלע שווייצארישע צימערען, אין וועלכע איך האָב געוואוינט ביז יענער צייט. אַז איך דערמאָן זיך אָבער אָן דעם צימער, ווערט דאָס אין מיין זכרון פארבונדען מיט א שטילער, גרינגער טרויעריגקייט, ווי ניט איך האָב דעמאָלט ליקווידירט א גאנצע תקופה אין מיין לעבען.

גאנצע פיר יאָהר האָב איך פארבראכט אין אויסלאנד, א סך איבערגעלעבט, א סך געזעהן, א סך זאכען אויסגעלערנט זיך, געהאט נישט וויניג פרייד, געהאט נישט וויניג ליידען.

דאָס זיינען געווען אינהאלטסרייכע פילפארביגע יאָהרען. שוין צוליב דעם אליין, וואָס איך בין א סך ארומגעפאָהרען, געווען אין לאָנדאָן און אין בריסעל, אין פאריז, אין אמסטערדאם, אין בער־

לין, אין מינכען, אין קארלסרוהע, אין היידעלבערג, אויסגעפאָהרען כמעט די גאַנצע שווייץ, געהאַט אַ מאַסע איינדריקען אויפ'ן געזעל־שאַפטליכען געביט. געהאַט אַ סך פערזענליכע איבערלעבונגען.

אין די לעצטע קאַפּיטלען פון מיינע זכרונות האָב איך וועניג דערמאָנט וועגען מיין פערזענליכען לעבען. איך דערצעהל דאָס רוב פון געזעלשאַפטליכע זאַכען. עס איז אָבער געווען אַ סך פערזענליכעס אין די שעהנע בערג, ביי די שעהנע שווייצארישע אָזערעס איז געבליבען אַ היבשער טייל פון מיין נשמה. בפרט ביי די אָזערעס, שיעור ניט יעדע באַדייטענדע איבערלעבונג פון יענע יאָהרען איז ביי מיר פאַרבונדען מיט איינער פון די אָזערעס. און איך בין צו זיי צוגעבונדען געוואָרען: עס איז ניט געווען סתם אַ באַציהונג פון אַ צופעליגען טוריסט, וואָס קוויקט זיך מיט דער אויסערליכער שעהנקייט. די איינצעלנע שווייצארישע געגענדען זיינען פאַר מיר געווען ווי אַ מין לעבעדיגע באַשעפענישען, ווי גוטע אַלטע פריינד, וואָס יעדער פון זיי האָט אַ באַשטימטען פערזענליכען פנים, און וואָס מען האָט ליב דוקא פאַר דעם דאָזיגען פערזענליכען חן.

אויפ'ן ערשטען אָרט איז ביי מיר שטענדיג געווען די זשענעווער אָזערע. מיט איהר פיינער אריסטאָקראַטישער באַשיידענקייט. איך בין אָבער געווען צוגעבונדען אויך צו דער פירוואַלדזשעטער אָזערא, מיט איהר בונטער, פילפאַרביגער שעהנקייט; מיט איהרע פאַרשידענאַרטיגע ברעגען וואָס בייטען זיך פון אָרט צו אָרט, ווי אַ מין טעאַטער־דעקאָראַציעס, מיט'ן שטילען זומער־אָרט ווענגוס, וואָס האָט זיך אויסגעצויגען ביים ברעג און קוקט אויף אַ לאַנגען נידריגען באַרג אויף דער צווייטער זייט, וואָס זעהט אויס, ווי אַן אמת'ער דראַקאָן מיט אַ לאַנג אויסגעצויגענעם האַלז: — אָט אָט וועט זיך עפענען זיין מויל און פאַרשלינגען די פאַרבייפאָהרענדע שיפלאַך.

איך האָב ליב געהאַט די גרינע ברעגען פון דער טהונער אָזערע מיט דעם וואונדער־שעהנעם וועג, לענג אויס דעם ברעג; אַ פּאָר הויכע סאָסנעס — זעלטענע געוויקסען אין דער שווייץ — דערמאָהנען וועגען דער ווייטער היים; דורך זיינע קרומע צווייגען שימערירט דאָס גרינע, טיפע וואַסער, און פון דער ווייטענס הויבען זיך אויף די אייביג ווייסע שפּיצען פון די בערג־גיגאַנטען.

די גאָלדענע הערבסט־פלאַטאַנען אין זשענעוואַ, און די וואונ־דערבאַרע קאָלירען פון א זון־אונטערגאַנג און דאָס ליכטיג־בלויע הימעל, וואָס קוקט דורך און דורך די ווייסע, מיט שניי־באַדעקטע בוימער פון א בערגער וואַלד, און נאָך, און נאָך אַזעלכעס, אַלץ לעבעדיגע זאכען, אַלץ שטיקער נשמה, אַלץ שטיקער לעבען, פאַר־בונדען מיט וועהטאָגען און פריידען.

און דאן — די זאכען, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען פון דער מענשליכער האַנט. די מוזעאומס פון מינכען, די טעאַטערען פון דעם זעלבען מינכען און פון פּאַריז און פון בערלין און פון בריסעל, די וואונדערבאַרע מוזיק, און די ביכער — נייע ענט־פּלעקונגען פון א נייער קונסט. וויפיל נייע שרייבער האָב איך קענען געלערענט אין די דאָזיגע יאָהרען און ליב באַקומען. מיט אָפענע אויגען און מיט אָפענע אויערען פלעג איך אריינזאַפּען אין זיך דאָס נייע און דאָס שעהנע. אין קונסט־זאכען בין איך קיין מאָל ניט געווען קיין דאָקטרין־מענש, קיין פּעדאַנט: אַט אזא אָדער אזא דאַרף זיין די קונסט. דוקא רעאַליסטיש, אָדער דוקא אידעאַליסטיש, אָדער דוקא טענדענציעז. א פראַנצויז האָט אמאָל געזאָגט: יעדער אַרט פון קונסט איז גוט חוץ די לאַנגווייליגע. און איך פלעג שעפּען פון אַלע קוואַלען און פון די פאַרשידענסטע אַרטען. עס זיינען געווען קונסט־ווערק, גלייך ווי הערליך אויפגעבליטע בלומען מיט בונטע פּרעכטיגע קאָלירען, דורכגעגליט מיט הייסע שטראָמען בלוט; כ'האָב זיי ליב גע־האַט; אַלץ איינס, צי דאָס זיינען געווען ביכער, אָדער מוזיקאַ־לישע קאָמפּאָזיציעס, אָדער בילדער — ד'אַנונציאָ, דעהמיל, אין דער ליטעראַטור; וואַגנער און בעטהאָווען אין דער מוזיק; בעקלין אין דער מאַהלעריי. עס זיינען געווען זאכען, צונויפ־געפלאָכטען פון די פיינסטע פעדים, געמאָלט מיט די פיינסטע שטריכען, פול מיט דער אינטימסטער, טיפסטער שעהנקייט. דער היפוך פון יענע אנדערע; זיי זיינען אָבער פּאָרט געווען שעהן און איך האָב זיי ליב געהאַט: דעם ערשטען אָרט צווישען זיי האָט פאַרנומען פעטער אַלטענבערג. עס זיינען געווען ווערק פון א פשוט'ער, שטילער מענשליכער נשמה; מאַנכע רוסישע דיכטער און מוזיקער: טשעכאָוו, טשאַיקאָווסקי, אָרענסקי; א פּאָר דייטשע שרייבער; זיי זיינען מיר געווען נאָהענט און

טייער. און ווען עס איז געקומען די ידיעה, אז טשעכאָוו איז געשטאָרבען, איז עס געווען גלייך ווי אַ נאָהענטער פערזענליכער פריינד וואָלט פארלאָרען געוואָרען. א סך, א סך נאָך זיינען דאָ געווען. די קונסט איז ניט געווען פאר מיר א שפּילכעל, א צייט פארטרייב. איך האָב זי גענומען טיף און ערנסט, ווי א לעבענס־זאך. און די גאנצע לעבענס־באַציהונג איז ביי מיר דורכגעדרונגען געוואָרען מיט אַ געוויסען קינסטלערישען עלע־מענט, וואָס נעמט אריין אפילו די פּיין און דאָס ליידען מיט א ליכטיגען שיין פון שעהנקייט...

און חוץ די ביכער, א חוץ די בילדער, און חוץ דער מוזיק, דאָס וויכטיגסטע: מענשען, לעבעדיגע מענשליכע נשמות, וואָס האָבען זיך געעפענט פאר מיר, און געלעבט מיט מיר און צוזאמען געשעפּט פון די גרויסע אוצרות...

דאָס זיינען געווען רייכע יאָהרען, און מיט א שטילער טרויעריגקייט האָב איך זיך גזעגענט מיט זיי. ס'איז אָבער געווען צייט צו געזעגענען זיך. ניט נאָר אויסערליך, צוליב די געשעהענישען אין רוסלאנד, נאָר אויך אינערליך. די לעצטע צייט האָט זיך מיר געלעבט ניט גוט. געווען א סך שווערע פּערזענליכע זאכען. געקומען א גרויסע מידקייט. די פיר־יאָהריגע תקופה האָט זיך געענדיגט אין דער ליקווידאציע. און איך האָב געגארט נאָך אן ענדערונג. איך האָב געוואוסט, אז דאָס לעבען, וואָס וואַרט אויף מיר אין רוסלאנד, וועט זיין שווער און פינסטער. אָבער ס'איז געווען נויטיג. איך האָב געמוזט זיך ווארפען אין א נייעם שטראָם, און מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף דעם רוף „פון דאָרטען".

איך האָב ניט געדארפט לאנג וואַרטען. אין אַ פּאָר וואָכען ארום איז געקומען א טעלעגראמע פון רוסלאנד: וולאדימיר קאסאוווסקי און איך זאָלען תיכף קומען. און מיר זיינען גע־פאהרען.

67

# צוריק אין רוסלאַנד

ס'איז געווען אין דער ערשטער העלפט פון נאָוועמבער. דער גרויסער אָקטאָבער־סטרייק האָט זיך געענדיגט. ס'איז שוין אריבער אויך דער צווייטער סטרייק וואָס מען האָט ערקלערט צוליב דער איינפיהרונג פון קריגס־צושטאַנד אין פוילען. די לאַגע איז געווען אַן אומבאַשטימטע. די רעאַקציאָנערע כוחות זיינען נאָך ניט אין גאַנצען געקומען צו זיך, אָבער די אַטאַקעס פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע האָבען זיך שוין אָנגעהויבען. נאָך דער גרויסער כוואַליע פון פּאָגראָמען האָט זיך ווידער אָנגעהויבען צו פּרוכפּערען אַ געוואַלדיגע כוליגאַנסטווא, ס'איז געווען אַ בין־השמשות'דיגע צייט. מיר האָבען באַשלאָסען צו פאָהרען אומלעגאַל. ס'איז פארט מעהר זיכער. ווער ווייסט אויף ווי ווייט מען היט אָפּ די נאָר וואָס געגעבענע אמנעסטיע! ביי אונז אין זשענעווא איז נאָך געווען אַ היבשער זאַפּאַס פּאַספּאָרטען. האָב איך גענומען אַ פּאַס אויף אַ נאָמען פון איינעם סאָבאָל; אונטער וועלכען נאָמען ס'איז געפאהרען קאַסאָווסקי, געדענק איך ניט, אָבער ס'איז אויך געווען אַ פרעמדער פּאַס. אַ חוץ דעם האָט יעדער פון אונז גענומען אַ רעוואָלווער, אַ בראַונינג. צו לערנען זיך שיסען האָבען מיר ניט געהאַט קיין צייט; איבריגענס, האָב איך אַמאָל, אין מיינע יונגע יאָהרען, זייענדיג ביי מיין ברודער אין מיליטער־לאַגער, יאָ געשאָסען. קאַסאָווסקי האָט אבער קיינמאָל ניט געהאַלטען אין האַנד קיין געוועהר. מיר האָבען אָנגענומען נאָך אַ פאַרזיכטסמיטעל: ס'איז געווען אַ סברא, אַז די שפּיאָנען וואָס פלעגען שווימלען און גריבלען אין זשענעווא, קענען נאָכפאָהרען דירעקט; מיר האָבען זיך אריינגעכאַפּט פון זשענעווא אין קלאַראַן, וואו עס האָט

דאמאָלסט געלעבט אונזער חבר דזשאהן; פון דאָרטען זיינען מיר אוועק קיין בערלין; אין בערלין פארבראכט עטליכע טעג, זיך געקויפט „אַנשטענדיגע" קליידער (און קודם כל, הארטע היטעלעך, כדי צו האָבען א „בורזשואזען אויסזעהן). און ענדליך, אין א שעהנעם פריהמאָרגען, דאכט זיך, אז דאָס איז געווען דעם 14טען נאָוועמבער (לויט'ן רוסישען סטיל) האָבען מיר זיך אַריינגעזעצט אין א „שנעל־צוג", וואס איז געגאנגען צו דער רוסישער גרענעץ.

שפּעט ביינאכט זיינען מיר אָנגעקומען אין ווערזשבאָלאָווא. מיר געהען אַרוים אויף דער פּלאַטפאָרם. ס'איז פינסטערליך. ס'איז שטיל. ווייניג מענשען. אין דער אומרוהיגער צייט פלע־גען זיך געצעהלטע מענשען אומקעהרען פון אויסלאַנד. פאַר־קעהרט, עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען דאָס גרויסע אנטלויפען. א רוסישער „נאַסילשטשיק" אין א ווייסען פארטוך נעהמט אונ־זערע זאכען. א הויכער זשאַנדארם פארלאנגט אונזערע פּאַס־פּאָרטען. די רעוויזיע ווערט געמאַכט גיך און אָהן שוועריג־קייטען. מיר געהען אריין אין בופעט און ווארטען אויפ'ן וויטערדיגען צוג. אין בופעט איז שטיל. לעבען מיר, ביי א טיש, זיצט עפּעס א אידעל און באַמיהט זיך מיט א גע'הרג'עטען רוסיש צו באַשטעלען א גלאָז טיי. מיר ווילט זיך קריגען עפּעס אַן עכט רוסיישען מאכל. אזוי פיל יאָהרען געבענקט נאָך דעם! רוף איך דעם קעלנער און בעט ביי איהם... א פלעשעל קוואַס. דער קעלנער שמייכעלט: „מיר האָבען דאָס נאָר אין זומער, איצט איז שוין צו־קאַלט". נעהם איך מיר אויך א גלעזעלע טיי. דאַן קומט אָן דער צוג, און מיר זעצען זיך אריין. ס'איז א „קוריער", א דירעקטער צוג, וואס געהט פון ווערזשבאָלאָוואַ קיין פּעטערבורג. בלויז וואַגאָנען פון ערשטען און צווייטען קלאַס. מיר האָבען פאר זיך א גאַנצע אָפּטיילונג. אָבער, ווי נעבעכדיג דאָס זעהט אויס! וואס פאר א פארגלייך מיט דעם דריטען קלאַס אין דעם דייטשען „דעצוג"! דאָרט איז געווען ריין, ציכטיג, פארגאָסען מיט עלעקטרי — דאָ, אין דעם צווייטען קלאַס פון רוסישען „קוריער", ברענט עפּעס אַן אָרימע סטעאָרינ־ליכט, און ס'איז פינסטער, און דער צוג קריכט לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, און עס ווערט אומעטיג אויפ'ן הארצען. פון א דער־

בייאיגער אפּטיילונג הערען זיך שטימען. עס פאָהרט עפּעס אַן אַפּיצער מיט נאָך איינעם. איך הער זיך צו, וועגען וואָס זיי ריידען. און די ערשטע ווערטער, וואָס איך הער, זיינען „אידען" — „זשידי". עס ווערט נאָך אומעטיגער. איך לעג זיך אוועק און באַמיה זיך צו שלאָפען, אָבער אפילו דורכ'ן שלאָף הערט זיך פון יענער זייט אפּטיילונג די בייזע, אויפגערעגטע שטים, און שטענדיג קעהרט זיך אום דאָס בייזע שיפּען פון דעם בייזען וואָרט: „זשידי", „זשידי", „זשידי"...

די נאַכט פאַרגעהט. אין דער פריה קומען מיר אָן אין דווינסק. דאָס איז דער ציל פון אונזער נסיעה. אין דווינסק געפינט זיך דאָס הויפּט-קוואַרטיר פון אונזער צענטראַלען קאָמיטעט. אין די לאַנגע יאָהרען פון אונזער פּאַרטיי עקזיסטענץ פלעגט מען עטליכע מאָל בייטען דעם אָרט פון דער דאָזיגער הויפּט-קוואַרטיר, צוליב קאָנספּיראַציע. געווען אמאָל אין מינסק, געווען אין ביאַליסטאָק, דאַכט זיך, אין וואַרשא אויך; איצט איז עס געווען אין דווינסק. דאָ האָבען מיר אונזער „יאַווקע". צוליב דער זעלבער קאָנספּיראַציע געהט מען ניט דירעקט אויפ'ן אמת'ען אדרעס. מען געהט אויף א דירה, מען זאָגט דאָרטען א באַשטימטע פּאָר ווערטער — א סימן, אז דאָס זיינען אייגענע מענשען, און דאַמאָלסט קריגט מען ערשט דעם ריכטיגען אדרעס. אין יענעם יאָהר האָט דער אָנגעקומענער אורח געדאַרפט זאָגען: „גם זו", דער בעל הבית האָט געדאַרפט ענטפערען „לטובה". אלץ איז געווען אין אָרדנונג.

מיר זיינען אַרויס פון וואַגאָן. ס'איז שוין ליכטיג. א זייגער זעקס אין דער פריה. איבער'ן פּלאַטפאָרם געהט עפּעס א יונגער מאַן. ער גיט אויף מיר א קוק. און פּלוצלונג שטעלט ער אוים א פּאָר אויגען, וואַרפט זיך צו מיר אַן אויפגערעגטער, א פרעהליכער: „ענטשולדיגט, צי זייט איהר ניט מעדעם?" „ניין — ענטפער איך — איהר האָט א טעות". דער יונגער מאַן ווערט צומישט. ער קוקט זיך איין אין מיר, ענטשולדיגט זיך נאָך א מאָל און געהט אוועק. עס ווערט מיר אָבער שווער אויפ'ן הארצען. איך האָב דערקענט דעם מענשען. אַן אלטער חבר. מיט פינף יאָהר צוריק האָב איך מיט איהם צוזאַמען געאַרבייט אין מינסק; צוזאַמען געזעסען אין טורמע, טאַקע אין

איין קאמער. איך האָב אָבער געמוזט ענטפערען מיט א „ניין". איך בין דאָך אונלעגאל, איך האָב א פרעמדען פאס; און איך האָב וועגען דעם מענשען אין די לעצטע יאָהרען ניט גע־הערט; איך ווייס ניט וואו ער איז היינט. „קאָנספיראציע"!

מיר לאָזען זיך אין שטאָדט אריין. מיר זיינען קיינמאָל ניט געוועזן אין דווינסק. די שטאָדט מאכט א טרויעריגען איינ־דרוק. אָרעם, שמוציג, גרוי, נעבעכדיג. מיט פיר און צוואנציג שעה צוריק זיינען מיר נאָך געוועזן אין דעם גרויסען, גלאנציגען, קאָכעדיגען בערלין. וואָס פאר א געוואלדיגער אונטערשיד! גאָר אן אנדער וועלט! מיר געהען איבער די גאסען. מיר דארפען אויפזוכען די דירה, די „יאוקע". פרעגען מיר ביי א אידען: „וואו איז די און די גאס?" דער איד שטעלט זיך אוועק, גיט א קוק: „די און די גאס? און וועמען דארפט איהר דאַרטען האָבען?" אן אמת קליינשטעדטעלדיגע פראגע. סוף כל סוף ווערען מיר פטור פון דעם נייגעריגען אידעל. מיר בלאָנ־דזשען נאָך א ביסעל, און אין א האלבער שעה ארום זיינען מיר ענדליך אויפ'ן אָרט. און מיר זיצען ביי א גלעזעל טיי מיט אונזערע גוטע אלטע פריינד פון צענטראלען קאָמיטעט.

דערנאָך זיינען מיר אוועק אין א האָטעל. דער האָטעל איז אפילו געוועזן פון די בעסטע, — דאכט זיך גאָר דער בעס־טער אין שטאָדט, אָבער ווי טרויעריג איז אזא צימער אין א פראָ־ווינציעלען רוסישען האָטעל. די פארצייטיגע לייזעכער („טונ־קעל־ווייס", ווי עס פלעגט זאָגען איינער א פריינד מיינער), די ברודיגע וואש־שיסעל אויף אן אייזערנעם געשטעלכעל, א פאר־שטויבטער שפיגעל, א פארשלאָפענער קעלנער, וואָס ברייננט אין דערפריה דעם סאמאָוואר, דאָס געשריי פון א שכור'ן אָפי־ציער אין א דערבייאיגען צימער. די טרויעריגע, אָרימע רוסישע פראָווינץ...

איך געה ארום אויף דער גאס און שפרייז איבער דער שטאָדט. קליינע, גרויע הייזער, פארשלאָפענע מענשען. ס'איז אומעטיג. ערגעץ לעבען א פארקאַן האָבען זיך צונויפגעקליבען א פאָר צענדליג קינדער, — אידישע אינגעלאָך — און שפילען זיך. אין וואָס שפילט מען זיך בעת א רעוואָלוציע? אין מאכען א דעמאָנסט־ראציע. שטעלען זיי זיך אוים אין די רייהען און הויבען אָן צו

מארשירען, דאן לויפט מען און מען שרייט „הורא״! פארטיג. איך געה ווייטער און איך טרעף ערוואקסענע מענשען, וואס פאר־נעמען זיך אויך מיט שפילעריי: מען ווייזט מיר א גאס — דאס איז די „בירזשע״ פון די „ס. ס.״. יונגעלייט און יונגע מיידלאך דרעהען זיך ארום און רעדען האסטיג, אויפגערעגט, מאכענדיג מיט די הענט: „פראלעטאריזאציע״, „עמיגראציע״, „קאלאניזאציע״... דער חבר וואס געהט מיט מיר שאקעלט מיט׳ן קאפ: נארישע אינגלאך. אבער זיי טומלען זיך, און נישט אהן אן ערפאלג. א מין מגפה! מיר געהען ווייטער. היינטיגען אבענד קומט דוקא פאר א רעפעראט פון א „ס. ס.׳שען גאסט. מיר כאפען זיך אריין א קוק צו טאן. דער עולם איז צום גרויסען טייל א בונדישער. עטליכע מענשען קענען מיר. מען הויבט אן צו שושקען זיך. מען מאכט באקאנט אז עס וועט זיין א דיסקוסיע. דער רעדנער הויבט אן. און ער רעדט, און ער רעדט. די ערשטע שעה הער איך זיך צו, די צווייטע ווערט מיר שוין נמאס; ס׳איז נודנע, און די לעצטע נאכט האב איך פארבראכט אין וואגאן; עס ווילט זיך שלאפען; די אויגען קלעפען זיך, דער רעדנער רעדט. ס׳איז שוין 12 אזייגער, ערקלערט ער א קורצע הפסקה. ער האט געענדיגט דעם ער־שטען טייל פון זיין רעפעראט; נאך דער הפסקה וועט ער ריידען ווייטער. איך שטעה אויף און געה אוועק. ס׳איז גענוג. איך קען מעהר ניט אויסהאלטען.

אויף דער גאס איז פינסטער און פוסט. איך טאפ אן מיין רעוואלווער אין קעשענע. מען טראכט כסדר וועגען פאגראמען און אנפאלען; דאס דאזיגע געשפענסט טראגט זיך שטענדיג ארום אין דער לופט. אבער קיינער טשעפעט מיך נישט. איך קום צוריק אין האטעל. קאסאווסקי שלאפט נאך נישט. מיר טוען זיך אויס, לייגען זיך אין די בעטען; אויף די נאכט־טישלאך ליגען אונזערע רעוואלווערן. קאסאווסקי קוקט אויף זיי מיט א קרומען בליק און בורטשעט האלב ערנסט, האלב אין שפאס: „געהערט א מעשה! לייגען זיך שלאפען מיט געווער אין האנט! וואס זיינען מיר עפעס העלדען פון אלטערטום ? !״

ווייטערדיגע טעג אין דווינסק. ווייטער גרוי און אומעטיג. קיין באשעפטיגונג האב איך נישט. מיר דארפעןווארטען ביז וואַ־נען דער צ. ק. וועט באשליסען ווער און וואס וועט טאן. דערווייילע

דארף מען נאָך וואַרטען ביז וואַנען מען וועט קומען צו פאָרען. וואָרים די מיטגלידער פון צ. ק. האַלטען אין איין ארומפאָרען, און דאָ אויפ'ן אָרט זיינען געבליבען בלויז א פּאָר מענשען. מען פילט זיך ווי אויף אַן אינזעל. עס קומט גראָד פּאָר דער גרויסער פּאָסט־סטרייק. קיין בריף קומען ניט אָן. מען איז אבגעשניטען פון דער גאַנצער וועלט. בלויז א צייטונג קען מען נאָך קריגען. דארף מען קומען אין אָבענד אויפ'ן וואָקזאַל צו דעם פּעטערבורגער צוג און כאַפּען די פרישע נייעס. געהען מיר טאָקע און לייענען די ידיעות, און זיי זיינען ניט קיין גוטע. און עס פילט זיך, אז עס רוקט זיך אָן א גרויסער, שווערער, שווארצער וואָלקען...

מיר וואַרטען עטליכע טעג. ענדליך ווערט באַשלאָסען: דווינסק איז ניט קיין אָרט, נישט פאַר אונז, און נישט פאַר'ן צ. ק.; און מען דארף זיין אין א גרעסערען, לעבעדיגערען צענטער; מען פאָרט קיין ווילנא.

און אָט בין איך אין ווילנא. און נאָך דעם שטילען גרויען דווינסק האָב איך דעם איינדרוק ווי איך וואָלט אריינגעפאַלען אין א מין פּאַריז. ס'איז לעבעדיג, ס'איז רעש'יג. די גאַסען זיינען פול מיט מענשען און אויף יעדען טריט און שריט פיהלט זיך די רע־וואָלוציע, און עס פיהלט זיך דער „בונד".

די רעוואָלוציע פיהלט זיך. ס'איז א מין וואָפענשטילשטאַנד. ס'איז שוין דאָ סימנים פון א געגען־אפענסיווע, פון א קאָנטר־אַטאַקע, אָבער דערווייליגע נאָך שוואַך. דער שונא ווייזט נאָך ניט ארויס די צייהן. ס'איז קענטיג, אז ער גרייט זיך שטילערהייט; אָבער מיר לעבען נאָך אין דעם גרויסען אָקטאָבער־זכות; מיר זיינען נאָך די יחסנים. דער „בונד" — די גאַנצע שטאָדט איז פול מיט אידען. איך געה איבער דער לאַנגער גאַס. אָט איז א פּאַר־טיי ביוראָ (אָפּיס). צעהנדליגע מענשען געהען אריין און ארויס, טומלען זיך אין די צימערן. יולי (לענסקי) זיצט און פארשרייבט מיטגלידער און גיט ארויס קאַרטען און ערליידיגט פאַרשידענע ענינים; פאַרנומען ביז איבער'ן האַלז. קוים וואָס ער האָט צייט אָפּצוגעבען מיר א שלום־עליכם. דרעווניאַנסקי (א. וויטער) קומט אריין. ער איז דער פּאָפּולערסטער מענש אין ווילנא. יעדער איי־נער קען איהם. מען רופט איהם צום שפּאַס: אונזער פּאָליצמיי־סטער. ער איז דער שעף פון דער זעלבסט־שוץ, און זיין דעה איז

טאקע באלד אזוי גרויס ווי די דעה פון דעם אמת'ן פאליצמייי־סטער. אט ווייזט מען מיר אויף דער גאס א יונגען בחור; א הויי־כער, מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ, מיט אן ענערגישען פנים, געהט ער פארביי און הער עולם שושקעט זיך: דאס איז אונזער לאסאל, — דער יונגער, גלענצענדער מאסען־רעדנער, דער שפּע־טערדיגער וולאדעק. אט זעה איך א פאר אלטע באקאנטע פנים'ער. מיין אלטער פריינד איליושקא ווילענקין, וואס האט זיך נאר וואס אומגעקערט פון סיביר, און זיין אינגערער ברודער, און נאך איינער, אן אלטער חבר. איך פיהל זיך היימיש. איך פיל זיך אין א וואַ־רימער סביבה פון ליבע, אייגענע מענשען.

אין אבענד פיהרט מען מיר אין דעם „אינטעליגענטען־קלוב". א גרויסע שעהנע דירה אויף דער גרעסטער שעהנסטער גאס. דאס איז אונזער הויפּט־קווארטיר. דא זיינען מיר די אמת'ע בעלי בתים. דא טרעפען זיך אלע אונזערע מענשען, דא מאכט מען א בעראטונג, דא באשטעלט מען זיך איינער מיט'ן צווייטען, דא פארברייגנט מען א פאר שעה גלאט אזוי. דא כאפּט מען זיך אריין אין א פארוואלטונגס־צימער, כדי אנצושרייבען אויף גיך א פראקלאמאציע. ס'איז פול מיט מענשען, ס'איז ליכטיג, ס'איז פרעהליך, ס'איז א לעבען.

דער אבענד פארגעהט אין א היימישען שמועס. „חברה — זאג איך, — איך דארף דאך האבען עפּעס א שטיקעל דירה; ס'איז שוין צוועלף אזייגער אין דער נאכט; איך מוז דאך ערגעץ שלאַ־פען". — „זארגט זיך נישט — ענטפערט מען מיר. — עס וועט זיין אלעס אין ארדנונג. דאס איז אונזער ווילנא". מיר שמועסען ווייטער. איינס אזייגער, צוויי אזייגער. מיר הויבען זיך אויף. מען פירט מיך אין א שעהנע בעל־הבית'ישע דירה, צו א באוואוסטען ווילנער אדוואקאט. „סטייטש, — טענה איך — ווי קען מען דאס אריינפאלען אין מיטען נאכט צו א ווילד־פרעמדען מענשען, אפילו נים פרעגענדיג ביי איהם?" — זארגט זיך נים — הער איך ווידער די תשובה — דאס איז שוין אונזער דאגה" און מיר געהען. מ'קלינגט. דער דיענער עפענט אונז. דער בעל הבית איז נאך ניטא אין דערהיים. דער חבר וואס פירט מיך, קומט אריין צו־זאמען מיט מיר אין א שעהנעם סאלאן. „דער דאזיגער הער וועט

דאָ נעכטיגען" — זאָגט ער צום דינער. און אַליין געהט ער אַוועק, ער האָט נאָך עפּעס צו טאָן. און איך בלייב אַליין.

איך זיץ און וואַרט. אַרום דריי אַזייגער עפענט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַן אונבאַקאַנטער מענש. דאָס איז דער בעל הבית פון דער דירה. ער קוקט אויף מיר, איך קוק אויף איהם. „ענטשולדיגט מיר — זאָג איך — וואָס איך בין אַריינגעפאַלען צו אייך אין מיטען נאַכט. מיין חברה האָט מיר געהייסען". — פון „בונד"? — פרעגט ער. — פון „בונד". — זייט איהר וויל־קאָמען". און ער גיט מיר אַ האַנט, און מיר געהען אַוועק שלאָ־פען. און איך בין ניט טאַקע ניט דער איינציגער. שפּעטער קומט לענסקי. ער איז דאָ אַ שטענדיגער גאַסט.

אין דער פריה געהען מיר צוזאַמען אַרוים. ס'איז זונטאַג. מיטאָג־צייט דאַרף פאָרקומען אַ גרויסער מאַסמיטינג אין צירק. „קומט, איהר וועט רעדען".

מיר געהען. די גרויסע הילצערנע געביידע איז פול געפּאַקט מיט טויזענדער מענשען. ניטאָ קיין שפּור פון פּאָליציי. עס ריי־דען עטליכע חברים, נאָך זיי — איך. מיין ערשטע עפענטליכע רעדע אין רוסלאַנד. איך הויב זי אָן מיט די ווערטער: חברים, בירגער, האַלט זיך גרייט!" און אין די דאָזיגע ווערטער דריקט זיך אוים דער גאַנצער תמצית פון דער רעדע. מיר שטעהען ערב גרויסע געשעהנישען. מיר שטעהען ערב אַ שטורעם, און פון דעם ווי אַזוי מיר וועלען בייקומען דעם שטורעם ווענדעט זיך די צוקונפט פון דער רעוואָלוציע: אַ זיגרייכער סוף אָדער אַ מפּלה. דער פיינד גרייט זיך צו דער גרויסער אַטאַקע. „חברים, בירגער, זייט אויף דער וואַך"...

אין אָבענד געהען מיר אין טעאַטער. מען שפּילט גאָרקי'ס „קינדער פון דער זון". אָבער איידער די פאָרשטעלונג הויבט זיך אָן, פאַרלאַנגט מען פון אָרקעסטער „די מאַרסעליעזע"! און עס געהט אָן די מאַרסיליעזע, און אַלע שטעהען אויף. אַלע, אפילו די באַאַמטע און אָפיצירען אין פּאַרטער. אַלע הויבען זיך אויף און הערען אוים דעם רעוואָלוציאָנערען הימן. און ווען ער איז גע־ענדיגט, פאַרלאַנגט מען איהם אַ צווייטען מאָל און אַ דריטען מאָל... די רעוואָלוציע לעבט.

.68

# דעצעמבער־טעג.

און אַזוי געהט אַריבער נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג. אָבער די וואָלקענס ווערען אַלץ געדיכטער און געדיכטער. דעם צווייטען זונטאָג קען שוין אַ מיטינג אין צירק ניט מעהר פאָרקומען. די פּאָליציי האָט ארומגערינגעלט דעם בנין און לאָזט קיינעם ניט אריין. פון פּעטערבורג קומען אָן אַלץ ערגערע ידיעות. יעדער איינער פילט אַז אָט־אָט דאַרף פאָרקומען אַ נייער צוזאַמענשטויס. איך באַטייליג זיך אויף דער זיצונג פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע. מען ארבייט אויס די פּלענער פון דער צוקונפטיגער שלאַכט. מען גרייט זיך צו אַ נייעם מאַסען־סטרייק מיט גרויסע גאַסען־דעמאָנסטראַציעס. מען אָרגאַניזירט סאַניטאַרען־פּונקטען צו העלפען די פאַרוואונדעטע. מען איז זיכער, עס וועט זיך גיסען בלוט.

איך וואוין אויף דער לאַנגער גאַס ביי אַ דענטיסט. אַ בעל הבית'ישער איד, אַביסעל אַן אָנגעשראָקענער. „איהר ווייסט — זאָגט ער מיר — איך האָב ביי מיר אין קעשענע אַן אויסלענדישען פּאַס, און איך בעט אייך: אַז עס וועט שוין האַלטען ביי די נייע „געשעהענישען" זאָגט מיר אָן, וועל איך באַצייטענס זיך אָפּטראָגען אין אויסלאַנד". איך זאָג איהם צו. און עס קומט טאַקע די צייט. ס'איז אָנהויב דעצעמבער. פון פּעטערבורג קומט אָן אַ ידיעה, אַז די פיהרער פון ארבייטער ראטה זיינען ארעסטירט געוואָרען. דאָס איז אַ סיגנאַל. ווייטער וואַרטען קען מען ניט. דער גורל איז געוואָרפען. די נייע שלאַכט הויבט זיך אָן. איך זאָג דאָס מיין בעל הבית, און ער פאָרט טאַקע אַוועק.

איך פאָהר אויך. אָבער ניט אַוועק פון שלאַכטפעלד, ניט אין אויסלאַנד. דער צ. ק. שיקט מיך אין אָדעס. אונזער חברה האָט דאָרטען וועניג רעדנער. דאַרף איך זיי קומען צו הילף אין די

שטורמישע טעג. איך פאר. די נסיעה פון ווילנא אין אָדעם נעמט העכער א מעת־לעת. און פאָרענדיג האָב איך אַלץ מורא טאָמער וועט אין מיטען דערינען אויסברעכען א נייער אייזענבאהן־סטרייק און איך וועל פארבלייבען אין מיטען וועג. שפעט אין אָוונט שטעלען מיר זיך אָפּ אויף א מיטעל־גרויסער סטאנציע, — לונינִיעץ הייסט זי. דורכ׳ן פענסטער הער איך א גרויסען טומעל. איך געה ארויס אויף דער פלאטפארם: ס׳איז שווארץ פון מענשען; א גרויסער מיטינג פון די אייזענבאהן־ארבייטער. איך הער ניט וואס מען רעדט, איך הער אָבער די שטורמישע אויסגעשרייען פון דעם עולם. און איך טראַכט זיך: „אהא, דער סטרייק איז דא". אָבער ס׳איז א טעות. די גלאָק קלינגט, דער לאָקאמאָטיוו פייפט, און מיר פאָרען ווייטער. און מיר קומען בשלום אָן אין אָדעם.

איך געדענק נישט דעם נאָמען פון דער גאַס, וואו עס האָט זיך געפונען אונזער הויפּט־קווארטיר. די אָדעסער גאַסען זיינען אַזוי עהנליך איינע צו דער צווייטער: גראָד, לאַנג, ברייט, געאָמעטריש אויסגעמארקירט לויט א באשטימטען פּלאַן, ווי א מין שאך־ברעט; מען האָט דעם איינדרוק פון א ג ע מ א כ ט ע ר זאַך. גאָר אנדערש ווי די אנדערע רוסישע שטעדט; עפּעס קינסטליך, קאַלט, נישט־היימיש. אויף איינער פון די דאָזיגע גלייכע, ברייטע גאַסען איז געווען אונזער א פארטיי־רעסטאָראַן, געשאַפען אין די פרייע אָקטאָבער־טעג. און דאָס איז געווען דאָס הויפּט־קווארטיר, וואו איך האָב געדארפט געפינען אונזער עולם. איך בין געקומען אהין שפּעטלאך, פארנאכט. מען האָט שוין גע־האַלטען ביים פארמאכען. געטראָפען זיך מיט וועמען מען דארף, דורכגערעדט זיך מיט א פּאָר מענשען, איבערגעגעבען וועגען דעם צוועק פון מיין נסיעה. זיי האַלטען ביי א סטרייק. אָבער אומ־זיסט זוך איך ביי זיי די גרויסע באַגייסטערונג, די שטורם־שטי־מונג ערב א גרויסען קאַמף. עס הענגט עפּעס א כמארע איבער דער שטאָדט. צו פריש זיינען נאָך די עראיגנרונגען אָן דעם פּאָגראָם. די פליגלען זיינען געבראָכען. ס׳איז אומעטיג אין אָדעם.

עס געהט אריבער א טאָג און א צווייטער. מען ערקלערט דעם סטרייק. אָבער דער איינציגער אויסערליכער, בולט׳ער סימן פון סטרייק איז אָן אָפּטיילונג קאַזאַקען, וואָס פאָהרען ארום אין דער געגענד פון אונזער הויפּט־קווארטיר. דאַן קומט די פּאָליציי

און פאַרמאַכט אונזער רעסטאָראַן. איך קלייב זיך צו געהן רעדען אויף אַ פאַרזאַמלונג. אָבער איידער איך באַוויז עס צו טאָן, גיט מען צו וויסען, אַז די פאַרזאַמלונג וועט ניט פאָרקומען. די פּאָליציי לאָזט נישט. עס ווערט ערקלערט אַ קריגס־צושטאַנד. אַ טייל פון די אידישע אַרבייטער סטרייקט, אַ צווייטער טייל געהט סיי ווי סיי אַרום אָהן אַרבייט. וואָס הערט זיך אָבער דאָרטען, אין דער פאָרשטאָדט, וואו עס שטעהען די גרויסע פאַבריקען? ווער ווייס? איך קום צו געהן אויף אַ זיצונג פון אַרבייטער־ראַט. דער אַרבייטער ראַט אַלס גאַנצעס עקזיסטירט אין גאַנצען ניט; ס׳איז פאַראַן בלויז אַן עקזעקוטיוו קאָמיטעט. אַ מנין מענשען. מען רעדט וועגען דעם סטרייק. אַ יונגער אידישער סטודענט, אַ באָלשעוויק, רעדט אַ פייערדיגע אַגיטאַציאָנס־רעדע פאַר זיין מנין מענשען. אַן אַנדערער — אויך אַ איד — פאַרזיכערט אונז, אַז די רוסישע אַרבייטער וועלען באַשטעהן זייער שטעדטעל. מיר געהען זיך פאַנאַנדער. און ס׳איז ווייטער טויטלאַך, און די קאַזאַקען באַהערשען די שטאָדט.

פון מאָסקווא קומען אָן ידיעות וועגען דעם גרויסען אויפשטאַנד. ידיעות צושוואומענע, ידיעות מטושטוש׳ע, אָבער יעדער האָט דאָס געפיהל: עס קומט פאָר די ענטשיידענע שלאַכט. דאָ אין אָדעס איז אָבער אַלץ רוהיג, שטיל, אַנידערגעדריקט, אָהנמעכטיג.

אַ צווייטען מאָל קלייבט זיך צונויף דער עקזעקוטיוו פון אַרבייטער־ראַט. מען האָט אַ פּלאַן: צו מאַכען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע אין סאַמע מיטען שטאָדט; אַ באַוואָפענטע דעמאָנסטראַציע. מען וועט שטעלען אַ ווידערשטאַנד די קאַזאַקען. אַביסעל געוועהר איז דאָ פאַראַן — און עס איז דאָ פאַראַן — אַזוי זאָגט מען — עטליכע באָמבעס. די אידישע יונגע לייט פאַרזיכערען נאָך אַמאָל, אַז די רוסישע אַרבייטער וועלען קומען מאַסענווייז. מען באַשליסט; מען געהט זיך פאַנאַנדער. און ס׳איז גאָרנישט מיט גאָרנישט.

און אַזוי געהט אַריבער אַ טאָג נאָך אַ טאָג. איך געה אַרום פוסט־און־פּאַס אָהן אַ ברעקעל אַרבייט. קיין איין פאַרזאַמלונג, קיין איין מיטינג! דער סטרייק וועפּט זיך אויס פון זיך אַליין, אָבער די אַרבייטסלאָזיגקייט בלייבט. און מען טרעפט אַלץ מעהר

און מעהר אין די ארבייטער־קוואַרטאַלען די אויסגעמוטשעטע פנים׳ער פון הונגעריגע מענשען. ס׳איז ווינטער. די הונגעריגע מענשען כאַפּען זיך אריין אין אַ קאַפע־הויז; דער באַלעבאָס לאָזט זיי וואַרימען זיך. זיי זיצען אין די ווינקלען און קוקען מיט הונגעריגע אויגען אויף די שפּייז...

דאַן קומט די ידיעה: דער מאָסקווער אויפשטאַנד איז פאַר־שפּילט. דער פּאָסט־סטרייק איז שוין פריהער פאַרענדיגט גע־וואָרען. די באַהנען געהען, אַלץ איז „אין אָרדנונג". אָדעם איז ווידער פאַרבונדען מיט דער אויסערער וועלט. און מיר ווייסען: דער צווייטער אַקט פון דער גרויסער דראַמע איז פאַרענדיגט. מיר האָבען געליטען אַ מפּלה.

איך קעהר זיך אום צוריק אין ווילנא. ס׳איז בלויז אַ פּאָר וואָכען זינט דעם טאָג, ווען איך בין אָפּגעפאָהרען פון דער שטאָדט, „ערב די גרויסע געשעהעגישען"; אָבער איך דערקען ניט ווילנא. אַן אַנדער שטאָדט געוואָרען. יאָ, געוויס. די גאַסען זיינען גע־בליבען די זעלבע און די הייזער די אייגענע. אָבער מיט צוויי וואָ־כען צוריק איז עס געווען „אונזער" ווילנא, און איצט איז עס פּלוצלונג געוואָרען אַ פרעמדע שטאָדט. מיט צוויי וואָכען צוריק זיינען מיר נאָך געווען אויפ׳ן פערד. מיר זיינען דאָס געווען די באַפרייער, און די פאַרטיידיגער, און די דעה־זאָגער. און מיר זיינען געווען ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט אַ וואַרימער אַט־מאָספערע. איצט זיינען מיר געוואָרען אויס מחותנים. די חברה האָט דערשמעקט, אַז די רעוואָלוציע האָט באַקומען אַ שווערען קלאַפּ, — דער באַלעבאַטישער עולם האָט אַ גאַנץ־פּיינעם חוש אין אַזעלכע פאַלען. און מיר זיינען פּלוצלונג אַראָפּ אין אַ לאַגע פון געפאַלענע גבירים. די נעכטיגע נאָכשפּרינגער דערקענען אייך ניט אויף דער גאַס. עס האָט זיך געשאַפען אַ קאַלטקייט ארום אונז. איך האָב דאָס שטאַרק געפיהלט; ווען איך בין ווידער אַמאָל אַריין אין דעם אייגענעם אינטעליגענטען־קלוב, וואו מיר זיינען מיט עטליכע וואָכען צוריק געווען די בכבוד׳סטע געסט, מעהר ווי געסט, — אמת׳ע בעלי־בתים. איצט פלעגען מיר שוין אפילו ניט געהן אַהין. ס׳איז געוואָרען אַ פרעמדער פּלאַץ.

געוויס זיינען די ארבייטער געבליבען ביי אונז און מיט אונז; וועגען דעם איז אָפּגערעדט. געוויס זיינען נאָך געבליבען

א היבש ביסעל אָנהענגער און סימפּאַטייזער צווישען די אינטע־ליגענץ אויך, — דאָס אמת'ע אנטלויפען האָט זיך אָנגעהויבען ערשט מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער; — אָבער די באַציהונג פון דער שטאָדט, פון דער גרויסער אומפּאַרטייאישער מאַסע, האָט זיך געביטען, און איך רעכען, אַז אַזוי איז עס געווען ניט נאָר אין ווילנא אַליין. אין איין אָרט שטאַרקער, אין אַ צווייטען — שוואַכער, עס איז געווען אַן אַלגעמיינע ערשיינונג. דאָס איז גע־ווען דער סך הכל פון דעם פּאַרשפּילטען דעצעמבער־קאַמף. דער לבנה־חודש פון דער רעוואָלוציע איז ליקווידירט געוואָרען.

דעם 28טען דעצעמבער, 1905, האָט אָנגעהויבען צו ער־שיינען אין ווילנא די ערשטע לעגאַלע, די ערשטע טעגליכע צייטונג פון „בונד", מיט'ן נאָמען „דער וועקער". ס'איז געווען אביסעל ניט פאַרשטענדליך, פאַרוואָס איז די צייטונג אַרויס אַזוי שפּעט. אין פּעטערבורג, למשל, האָבען די רוסישע סאָציאַליסטישע בלע־טער אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן תיכף נאָך די אָקטאָבער־געשעהע־נישען; און מיר, דער פּראַקטישער, דער אַם בעסטען אָרגאַניזיר־טער „בונד", האָבען געוואַרט גאַנצע צוויי חדשים! ווי קומט דאָס? די מעשה איז אָבער, אַז דוקא ביי אַ גרויסער און שטאַר־קער אָרגאַניזאַציע נעהמט אַמאָל מעהר צייט דאָס צופּאַסען זיך צו די נייע באַדינגונגען. פון אַלע רוסלענדער רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָט דער „בונד" טאַקע פאַרמאָגט דעם בעסטען אָרגאַניזאַציאָנס־אַפּאַראַט (נאָר די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי האָט זיך געקענט מיט אונז גלייכען); די גרעסטע מעלה פון דער אָרגאַניזאַציע איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי איז געווען מערקווירדיג גוט צוגעפּאַסט צו די אַרומיגע לעבענס־באַ־דינגונגען און זעלטען טיף און ברייט איינגעפונדעוועט. אַזאַ גרוי־סער און ברייטער אָרגאַניזאַציאָנס־אַפּאַראַט האָט זיין לאָגיק, האָט זיין גאַנג, און עס מוז נעמען צייט ביז וואַנען ער ווערט איבער־געשטעלט אויף אַנדערע רעלסען. חוץ דעם זיינען מיר ניט געווען אין אַזאַ גליקליכע לאַגע ווי די רוסישע חברים. זיי האָבען גע־דאַרפט אַרויסגעבען רוסישע צייטונגען, און אין פּעטערבורג. מיר זיינען געווען אין דער פּראָווינץ, און די צייטונג האָט געדאַרפט זיין אַ אידישע, האָבען זיי קיין שום פאָרמאַלע מניעות ניט געהאַט. מיר האָבען דאָס אָבער יאָ געהאַט.

דערפאר אָבער האָט אונזער פרעסע געהאַט אַ זעלטענעם מזל. באוויזען זיך שפעט, אָבער געלעבט אויסערגעוויינליך לאַנג. בייר־טענדיג די נעמען, האָט זי זיך געהאַלטען גאַנצע צוויי יאָהר — כמעט ביז'ן סוף 1907. די רוסישע צייטונגען, די פעטערבורגער סאָציאַליסטישע פרעסע, איז שוין לאַנג דערשטיקט און צושמעטערט געוואָרען, און מיר האָבען זיך אַלץ געהאַלטען, און ביז'ן שפעטען הערבסט פונ'ם יאָהר 1907 האָט אונז די זשאַנדאַרמעריע ניט גע־טשעפעט. ווי אַזוי איז עס געשעהן? פאַרוואָס? ווייס איך ניט, אָבער אַזוי איז עס געווען.

אָבער אין דעצעמבער 1905, ווען מען איז צוגעטראָטען צום ארויסגעבען דעם „וועקער", האָבען מיר נאָך נישט געוואוסט, אַז די זשאַנדאַרמען וועלען אונז לאָזען צו־רוה ביז'ן יאָהר 1907. פאַר־קערט, עס האָט זיך געלעגט אויפ'ן שכל, אַז זיי וועלען אונז באַ־גליקען מיט זייער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. נאָך דער דעצעמ־בער־מפלה האָבען זיך די רעפּרעסיעס צוריק אָנגעהויבען ווי אין די גוטע אַלטע צייטען. דער „בונד" איז ווידער געוואָרען אונלעגאַל און טריף. אַ טייל פון די אָנגעזעהנסטע ווילנער טוער זיינען אַנ־טלאָפען — און מען האָט זיי געזוכט. און אָט אין אַזאַ צייט געהט ארויס אַ צייטונג, וואָס רופט זיך ניט אָן בפירוש פאַר דעם צענ־טראַלען אָרגאַן פון „בונד", אָבער וואָס האָט אונטער איהר נאָמען אַ גאַנץ קלאָרע אויפשריפט: „דאָס פּראָגראַם פון אונזער צייטונג, איז דאָס פּראָגראַם פון „בונד"! איז דאָך כמעט ווי זיכער, אַז מען דאַרף זיך ריכטען אויף אָפטע וויזיטען פון די „בלויע".

און דעריבער האָט מען באַשלאָסען צו זיין פּאָרזיכטיג און נישט צו ארבייטען אין דעם לאָקאַל פון דער רעדאַקציע. אָן אָפּי־ציעלע רעדאַקציאָנס־דירה איז, פאַרשטעהט זיך, געווען, (אויף מי־ליאָנע גאַס; שפּעטער איז מען אריבער אויף זאַוואַלנע), אָבער דאָר־טען זיינען געשטאַנען בלויז טישען און שטוהלען; דער גאַנצער רעדאַקציאָנס־שטאַב פלעגט זיך צונויפקומען און אַרבייטען ערגעץ־וואו אַנדערש. אַלע טאָג פלעגט מען זיך צונויפקומען אין איינע פון די בעלי הבית'ישע דירות, וואָס מיר פלעגען באַקומען פון די מיטהעלפענדע אינטעליגענטען: היינט אין אַ קאַבינעט פון אַ דאָקטאָר, מאָרגען אין אַ סאַלאָן פון אַן אַדוואָקאַט, — אַלע טאָג אויף אַן אַנדער אָרט. ס'איז געווען אַ משונה'דיגע זאַך:

א לעגאלע טעגליכע צייטונג, וואָס ווערט ארויסגעגעבען פון אונ־טער דער ערד. אָבער דאָס איז געווען די משונה'דיגקייט פון דער פּאָליטישער לאגע, און אין די שפּעטערדיגע יאָרען האָבען מיר געהאַט ניט איין מאָל אַזעלכע קאָמישע קאָמבינאַציעס. דאָס מאָל האָט מען אָבער לאַנג ניט אויסגעהאַלטען. יעדער איינער וואָס האָט דעם קלענסטען באַגריף איבער דער זשורנאַליסטישער אר־בייט, פאַרשטעהט, ווי גוואַלדיג אומבאַקוועם עס איז די ארבייט פון אזא היימלאָזער רעדאַקציע. איז אריבער א טאָג און נאָך א טאָג און נאָך עטליכע טעג, — אַלץ איז רוהיג, די זשאַנדאַרמען קומען ניט, — האָט מען לסוף דערלאַנגט א מאַך מיט דער האַנד און ארי־בערגעקליבען זיך טאַקע באמת אויף מיליאָנע גאַס, און די ארבייט איז אָנגעגאַנגען בעסער.

מיר האָבען געהאַט א גאַנץ גרויסען רעדאַקציאָנס־שטאַב. אָבער ס'איז ניט געווען כמעט קיין איינער וואָס זאָל זיין באַקאַנט מיט דער זשורנאַליסטישער טעכניק. דער איינציגער וואָס האָט יאָ געהאַט א שטיקעל זשורנאַליסטישע פּראַקטיק, איז געווען יודין (אייזענשטאַט). איז ער טאַקע געווען די צענטראַלע פיגור אין דער רעדאַקציע. שפּעטער אביסעל איז ער ארעסטירט געוואָרען, און זיין אָרט האָט פאַרנומען קאָסאָווסקי.

א צווייטער זייל פון דער צייטונג איז געווען פּאַוועל ראָזענטאַל (זיין פּסעוודאָנים איז געווען „אנמאַן"). ער איז געווען א ניצ־ליכער צייטונגס־מענש. געשריבען האָט ער אָהן א באַזונדערען ליטעראַרישען גלאַנץ. אָבער ער האָט געהאַט די טייערע פעהיג־קייט צו ארבייטען גיך און ארבייטען א סך — איינע פון די וויכ־טיגסטע מעלות אין א רעדאַקציע.

די דאָזיגע דריי שרייבער האָבען מיט זיך פאַרגעשטעלט די שווערע ארטילעריע. „שווער"—ווייל זיי פלעגען שרייבען די לייט־ארטיקלען, און דאָס באַדייט דעם מעהר סאָלידען טייל פון דער צייטונג, און חוץ דעם האָט קיינער פון זיי ניט געקענט שרייבען אי־דיש. פלעגען זיי שרייבען רוסיש און מען האָט זיי געדאַרפט אי־בערזעצען; אין דער רעדאַקציע זיינען שטענדיג געזעסען א פּאָר ספּעציעלע איבערזעצער.

דעם ליטעראַרישען גלאַנץ האָבען צוגעגעבען די אמת אידישע שרייבער. דאָס איז געווען קודם כל ליטוואַק מיט זיין שאַרפער,

ליידענשאפטליכער, גאליגער פּען. אָלגין האָט אויך שטאַרק אויס־געגומען ביים עולם מיט זיינע שטימונגס־זאַכען; ווייטער האָבען מיר געהאַט צביונ׳ען מיט זיין לייכטען, אמת זשורנאַליסטישען מין שרייבען, און נאָך אַ פּאָר פעליעטאָניסטען, אין אַ שפּעטערדי־גער צייט האָבען אין דער רעדאַקציע געארבייט אויך אסתר (מ. פרומקין) און זאסלאַווסקי.

איך בין געווען איינער פון די, וועמעס ארטיקלען מען האָט געדאַרפט איבערזעצען פון רוסיש. איך האָב אָבער אונזערע איבער־זעצער ניט פאַרשאַפט קיין סך ארבייט: פאַר די גאַנצע פינף אָדער זעקס וואָכען, וואָס דער „וועקער" פלעגט ערשיינען, האָב איך כמעט קיין זאַך ניט געשריבען.

איך האָב זיך עפּעס ניט געקענט איינאָרדנען — ניט אויסער־ליך און ניט אינערליך. אויסערליך איז מיר געווען גאָר שווער זיך צוצופּאַסען צוריק צו די רוסישע באַדינגונגען. 4 יאָהר לעבען אין אויסלאַנד איז ניט קיין שפּאַס. מען באַקומט אַנדערע גע־וואוינהייטען און ס׳איז ניט אַזוי גרינג פּטור צו ווערען פון זיי. בפרט איז עס גאַנץ שווער זיך צוצוגעוואוינען צו אַן אונלעגאַלען לע־בען. ווי איך האָב שוין פריהער דערמאָנט בין איך געפאָרען אויף אַ פרעמדען פּאַס. איך האָב אימער געהאַט בדעה ביי דער ער־שטער מעגליכקייט אריינצוכאַפּען זיך אין מיין געבורטס־שטאָדט, אין מינסק, און דורכפירען די נויטיגע פאָרמאַליטעטען, כדי זיך צו לעגאַליזירען. איך האָב דאָס געוואָלט טאָן באַלד ווי איך האָב זיך אומגעקערט פון אָדעס אין ווילנא. עס זיינען אָבער אָנגעקו־מען פון מינסק גאָרניט קיין פרעהליכע גרוסען. צווישען די שטעדט, וואו די רעאַקציע איז אין גיכסטען געקומען צו זיך, האָט מינסק פאַרנומען איינעם פון די ערשטע ערטער. אונטער די פליגלען פון דעם באַריהמטען שוואַרץ־מאה׳ניק קורלאָוו האָבען זיך דאָרטען איינגעשטעלט אַזעלכע פּאָליציי־אישע באַדינגונגען, וואָס זיינען גע־ווען כמעט די זעלבע, ווי פאַר דער רעוואָלוציע. גראָד ווען איך האָב זיך געקליבען צו פאָהרען קיין מינסק, האָב איך באַקומען ידיעות וועגען גרויסע אַרעסטען — צווישען אַנדערע איז אַרעס־טירט געוואָרען אויך מיין שוואָגער זשאַבאַ, וועלכער איז גע־ווען אַן אָנפיהרער פון דעם אייזענבאַהן־סטרייק. מען האָט מיר געוואָרענט, אַז ווען איך זאָל קומען, וועט מען מיך זיכער אריינ־

זעצען. מילא, ס'איז בעסער צו זיין אונלעגאל און פריי, איידער זיצען לעגאל אין טורמע. בין איך געבליבען דערווייל אונלעגאל.

מילא, אנדערע חכמים האבען געלעבט יאהרענלאנג אונלעגאל און האבען זיך געפיהלט ווי פיש אין וואסער, מיט מיר איז אבער געווען אן אנדער צרה: צופיעל מענשען האבען מיך געקענט. אין משך פון די פיער יאהר, וואס איך האב פארבראכט אין אויסלאנד, האב איך גערעדט אויף צעהנדליגער און צעהנדליגער פארזאמלונגען אין די פארשיידענע „קאלאניעס" פון דער שווייץ, דייטשלאנד, פראנקרייך און בעלגיען; גערעדט האב איך מיט קליינע אויסנאהמען, אונטער מיין אייגענעם נאמען, און טויזענדער מענשען האבען מיך געקענט. די דאזיגע מענשען זיינען מאסענווייז געקומען צוריק אין רוסלאנד, און עס האט מיט זיי געשווירבעלט און געגריבעלט אויך אין אונזערע שטעדט און שטעטלאך. און איך פלעג זיי טרעפען אויף יעדען שריט און טריט. אט בין איך געקומען אין אדעס. באלד דעם צווייטען טאג שטעלט מיך אפ אויף דער גאס א יונגער מאן, רוקט מיך אריין א ברייטען שלום-עליכם. איך קוק אויף איהם. „איהר דערקענט מיך ניט, חבר מעדעם?" — „ניין!" „א, איך האב אייך געהערט ריידענדיג אין צוריך מיט צוויי יאהר צוריק". מילא, ס'איז ניט קיין געניגענדער טעם, אז איך זאל איהם קענען. אבער ער מיך יא. און אזעלכע זיינען פאראן אין די טויזענדער. איך געה איבער א ווילנער גאס. פלוצלונג הער איך מיין נאמען: א בחור יאגט זיך נאך מיר און שרייט פון דער ווייטענס: „מעדעם, מעדעם, וואס מאכט איהר?" און אזוי כסדר. געה, זיי אונלעגאל ביי אזעלכע באדינגונגען! האב איך זיך געמוזט היטען, האב איך זיך געמוזט וואס ווייניגער טרעפען מיט מענשען, האב איך געמוזט בלייבען אהן א ברייטערע סביבה. און דאס ווירקט זעהר שלעכט.

און נאך א זאך. א גלייכווערטעל פלעגט זאגען, אז אין רוסלאנד באשטעהט א מענש פון דריי חלקים: א גוף, א נשמה און א פאס. לעגאל אדער אונלעגאל, אבער א פאס דארף מען דאך האבען. און אונלעגאלע פעסער פלעגען ביי אונז זיין פון צוויי פארשיידענע מינים. דער ערשטער מין איז געווען — א פרעמדער פאס. א ריכטיגער אמת'ער פאס פון א מענשען, וואס איז געשטארבען אדער איז אוועקגעפאהרען, למשל, אין אמע-

ריקא. מיט אזא פּאַס קאָן מען לעבען יאָהרען לאַנג, מען קען מיט איהם אפילו ארעסטירט ווערען און באפרייען זיך. איז גראַד אזא פּאַס, וואָס זאָל טויגען פאר מיר, ניט געווען אונטער דער האַנט. האָב איך זיך געמוזט באַנוגענען מיט א צווייטען מין. דאָס איז א פּאַפּירעל, וואָס מען פלעגט רופען „בעלעטעריסטיק". מען נעהמט א לעדיגען בלאַנק פון א פּאַס מיט א שטעמפּעל, (אזעלכע בלאַנקען האָבען מיר אלע מאָל געהאַט אין א גרויסער צאָהל), און מען שרייבט אריין עפּעס אן אויסגעטראַכטען נאָמען. אזא פּאַס איז ניט קיין ראַיעלע זאַך. זאָל זיך טרעפען עפּעס א סיבה און מען פאַלט אריין אין די הענד פון דער פּאָליציי, שטעלט זיך באַלד ארויס, אז דער פּאַס איז א פאַבריצירטער, און מען האָט א מיאוס'ען פּסק. האָב איך זיך געמאַכט אזא פּאַס, און איך האָב איהם געהאַלטען אין קעשענע, אָבער איך האָב אויסגעמידען צו באַנוצען זיך מיט איהם. האָב איך ניט גענומען קיין אייגענע דירה. עס האָט געלעבט אין ווילנע מיינע א מוהמע — מיין פאָטער'ס א שוועסטער — אן עלטערע פרוי, מיט א טאָכטער, האָב איך זיך באַזעצט ביי איהר. זי האָט געוואוינט אין א קליין הילצערן הייזעל אויף באַקשט־גאַס; דער „דוואָרניק" איז געווען א גוטער גוי און האָט ניט פאַרלאַנגט, אז איך זאָל זיך איינמעלדען; איז אלץ געווען אין אָרדנונג. ס'איז מיר אפילו געווען זעהר אנגענעהם צו וואוינען ביי איהר, מיר זיינען געווען זעהר גוטע פריינד, און איך האָב זיך געפיהלט באמת היימיש, אָבער די דירה איז געווען זעהר א קליינע, איך האָב ניט געהאַט קיין אייגענעם צימער און ס'איז ניט געווען קיין אָרט וואו צו ארבייטען.

דאָס זיינען אלץ אויסערליכע זאַכען. חוץ דעם אָבער האָב איך זיך ניט געקענט אזוי גיך צופּאַסען צו דער רעדאַקציאָנס־ארבייט. קיין באַזונדערע, באַשטימטע ארבייט אין דער רעדאַקציע האָב איך ניט געהאַט. גלאַט שרייבען פון ציים צו צייט ארטיקלען, איז עס עפּעס ניט געגאַנגען. איך ווייס אליין ניט פאַרוואָס. עס טרעפט זיך אַמאָל אזוי: עס געהט ניט, כאָטש ישריי חי וקים.

אַזוי אַרום זיינען אַריבער די עטליכע וואָכען. דאַן איז געקומען דער ערשטער קלאַפּ. מען האָט פאַרמאַכט דעם „וועקער". איידער מען האָט באַקומען אן ערלויבניש אויף א צווייטע צייטונג,

איז אריבער ווייטער א פאר וואכען צייט. האב איך אויסגענוצט די הפסקה, און זיך אריבערגעכאפט מיט א וויזיט אין מאסקווע. דארטען האבען דעמאלט געוואוינט מיינע צוויי עלטסטע ברידער און מיין שוועסטער; איך האב זיי ניט געזעהן יאהרען לאנג; האב איך זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט און געפאהרען פארברענגען מיט זיי א קורצע צייט.

געקומען קיין מאסקווע. גאר אן אנדער וועלט. אן אמת'ע רוסישע שטאדט, מיט אמת'ע רוסישע מענשען, מיט אן אמת'ער רוסישער שפראך. ווי זעלטען שעהן קלינגט דארטען די דאזיגע שפראך! וואס פאר א פארגלייך מיט'ן געקריפעלטען, נעבעכדיגען רוסיש וואס מען רעדט ביי אונז אין דער „צפון־מערב־געגענד". עס האט זיך מיר, אגב, געווארפען אין די אויגען נאך א זאך: די מענשען האבען דארטען גאר אנדערע שטימען — בפרט אין פארגלייך מיט די אידען. נייניציג פראצענט פון אונזערע אידען האבען שלעכטע שטימען: צובראכענע, שוואכע, אהן גלאנץ און אהן קלאנג. די רוסישע שטים איז אבער הילכיג, פריי, מיט א פולען טאן. אלע מאל ווען איך פלעג קומען צופאהרען קיין מאסקווע אדער פעטראגראד, פלעג איך האבען דעם דאזיגען בפירוש'ן איינדרוק. איך מוז זיך אבער מודה זיין, אז נאכדעם, ווי איך האב פארבראכט דארטען א פאר וואכען אין דער רוסישער סביבה, האב איך געפיהלט א שטילע בענקשאפט נאך די קרומע שמוציגע ווילנער געסלעך און נאך די ארימע, שמוציגע ווילנער אידען; עס האט געצויגען אהיים.

מאסקווע איז נאך געווען פול מיט זכרונות פון די רעוואלוציאנערע טעג, פול מיט שפורען פון דעם דעצעמבער־אויפשטאנד. מען האט נאך געזעהן די צושאסענע הייזער, עס זיינען נאך געשטאנען אויף די ראגעס פון די גאסען פאליציאנטען מיט ביקסען אין די הענד. מיינע קרובים האבען געהאט אויסצושטעהן א היבש ביסעל שרעק. קיין אקטיווע אנטיילנעהמער אין די געשעהענישען זיינען זיי ניט געווען; דער איינציגער, וואס האט זיך יא געריסען צו באטייליגען זיך, איז געווען מיין קליינער פלימעניק ,מיין שוועסטער'ס א זוהן — סעריאזשא. א מערקווירדיגער אינגעל, באמת א קינד פון א רעוואלוציאנערער צייט. א אינגעל פון עלף יאהר האט ער זיך שוין מורא'דיג אינטערעסירט מיט פאליטיק, גע־

ליִיענט די צייטונגען — און דוקא צוויי מאָל א טאָג, פאַרנאַכט האָט ער ניט אַנדערש געמוזט קויפען אַן אָוונט־בלאַט; זיך אָריענ־טירט אין פּאָליטישע ריכטונגען: „אין אַלגעמיינע פראַגען — האָט ער מיר געזאָגט — בין איך אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, נור אין דער אגראַר־פראַגע בין איך מסכים מיט די ס. ר.'ען!" און ווען עס האָט זיך אָנגעהייבען דער אויפשטאַנד, האָט ער ניט אַנדערש געוואָלט ווי גערן אויף די באַריקאַדען. קוים האָט מען איהם אָפּגעהיט.

עס איז געווען אַן אמת'ער פאַרגעניגען צו פאַרברענגען די פּאָר וואָכען אין אַ וואַרימער היימישער סביבה, אין אַ פיינעם הויז, אין דער וואונדער־שעהנער שטאָדט. איך האָב געשפּרייזט איבער די גאַסען, געגאַנגען אין די אַלטע שעהנע קלויסטערס אין קרעמל. אין די בילדער־גאַלעריע, אין די טעאַטערען און קאָנצער־טען. געווען אויך אויף אַ פּאָר פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען. עס איז געווען גראַדע די צייט פון די וואַהלען צו דער ערשטער דומע, און עס פלעגען פאָרקומען מאַסען־מיטינגען. מיין ברודער איז געווען אַ מיטגלידער פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי, און איך בין גע־גאַנגען מיט איהם אויף אַ קאַדעטישען מיטינג און געהערט ווי דער ליבעראַלער פיהרער פּראָפעסאָר קיזעוועטער האָט זיך געלעגט אין דער לענג און דער בּרייט באַווייזענדיג, אַז אַ מאָנאַרכיסטישע אָרד־נונג איז ניט קיין מניעה פאַר אַ דעמאָקראַטישער ענטוויקלונג. דער־נאָך איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויך אויף אַן אַרבייטער פאַר־זאַמלונג. ווי באַוואוסט האָבען די סאָציאַל דעמאָקראַטען — סיי די באָלשעוויקעס, סיי די מענשעוויקעס — באָיקאָטירט די וואַהלען צו דער ערשטער דומע, און די פאַרזאַמלונג איז צונויפגערופען גע־וואָרען כדי אויסצוהערען באַריכטען פון די פאַבריקען וועגען דעם גאַנג פון באָיקאָט. פאָרגעקומען איז דער מיטינג אין אַ גרויסען זאַל אונטער דער אָנפיהרונג פון דעם באַוואוסטען באָלשעוויסטי־שען טהוער, דעם היסטאָריקער ראָזשקאָוו. איך בין צום ערשטען מאָל געווען אַנוועזענד אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון רוסישע אַרבייטער, און איך האָב באַקומען דעם בעסטען און שעהנסטען איינדרוק. דער עולם איז באַשטאַנען פון דערוואַקסענע, ערנסטע מענשען. די רעדנער האָבען ניט געשאָטען מיט פראַזען, נאָר פשוט זאַכליך דערצעהלט וואָס עס טהוט זיך אויף זייערע פאַבריקען, אין אַ פּאָלקס־טימליכער שפּראַך, אמאָל מיט אַ קערענדיגען פאָלקס־

טימליכען וויץ. עס האָט געהערשט אַן אמת'ער פּראָלעטאַרישער גייסט און רי בעסטע אָרדנונג. און ווען עס קומט מיר אויס צו לייענען אַ באַשרייבונג פון דעם אָדער יענעם גאַסט, וואָס האָט זיך אין די לעצטע יאָהרען אַריינגעכאַפּט אין סאָוויעטען רוסלאַנד און איז נתפּעל געוואָרען פון דעם, ווי שעהן עס פיהרט זיך אַ פאַרזאַמלונג פון „פּראָסטע אַרבייטער". דערמאָהן איך זיך אָן יענעם מיטינג — איינעם פון די פילע — וואָס איך האָב געזעהן מיט 15 יאָהר צוריק, אונטער ניקאָלאַי ראָמאַנאָוו'ס ממשלה: די געשיכטע האָט זיך נישט אָנגעהויבען אין יאָהר 1917...

ווי דער שטייגער איז האָט זיך אויך די פאַרזאַמלונג נישט געקענט באַגעהן אָהן אַ אידישען סטודענטעל, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען אויף דער סצענע און האָט זיך גענומען דעקלאַמירען מיט אַ טעאַטראַלישען פּאַפאָס גאָרקי'ס „ליעד פון'ם שטורם־פויגעל". עס האָט געשניטען די אויערען, ס'איז געווען אַזוי נישט צוגעפּאַסט צו דעם ערנסטען, זאַכליכען כאַראַקטער פון דעם אַרבייטער־מיטינג. דער עולם האָט איהם אָבער אויסגעהערט מיט אַ געלאַסענער טאָלעראַנץ און ווייטער אָנגעגאַנגען מיט די געשעפטספראַגען.

אויף דעם מיטינג האָב איך זיך געטראָפען מיט איינעם אַן אנגעזעהנעם טוער פון דער רוסישער באַוועגונג. איך האָב זיך דערוואוסט פון איהם, אַז עס דאַרף אין גיכען פאָרקומען אַ צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. עס וועט זיין אַ „פאַראייניגונגס־צוזאַמענפאָר". די צושפּאַלטונג צווישען די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס איז אין משך פון די לעצטע פּאָר יאָהר געוואָרען אַ גאַנץ ברייטע און טיפע, כמעט אומעטום אויף די ערטער האָבען עקזיסטירט פּאַראַלעלע אָרגאַניזאַציעס פוןביידע ריכטונגען. קיין געמיינזאַמע צוזאַמענפאָהרען, זיינען זינט דעם יאָהר 1903 נישט געווען; פאַרקעהרט, ביידע ריכטונגען האָבען זיך צענטראַליזירט יעדע פאַר זיך, אין אָנהויב 1905 איז געווען אַ באַזונדערער צוזאַמענפאָהר פון באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס און אַ קאָנפערענץ פון די מענשעוויקעס. די אָקטאָבער־געשעהנישען האָבען אָבער געגעבען אַ שטאַרקען שטויס צו אַ פאַראייניגונג. מען האָט אָנגעהויבען צו באַשאַפען אויף די ערטער „פעדעראַטיווע קאָמיטעטען" פון ביידע ריכטונגען און אין

פריהלינג 1906 האָט געזאָלט פאָרקומען אַ גרויסער פאַראייניגונגס־צוזאַמענפאָר פון דער גאַנצער פּאַרטיי. עס איז אויך געווען אַ פראַגע וועגען פאַראייניגען זיך מיט די „נאַציאָנאַלע" אָרגאַני־זאַציעס: די פּאָליאַקען, די לעטען; און דער חבר מיט וועלכען איך האָב גערעדט, האָט מיך געפרעגט, ווי עס האַלט מיט'ן „בונד", צי ער איז נאָך אַלץ געבליבען ביי זיינע פאַרלאַנגען פון 1903. איך האָב איהם געענטפערט, אַז דער „בונד" האָט זיין שטעלונג ניט געביטען. „אויב אַזוי — האָט זיך אַבגערופען יענער — איז ניטאָ וואָס צו ריידען וועגען אַ פאַראייניגונג". מילא, איז נישט.

ווען איך האָב זיך אָבער אומגעקערט אין ווילנא, בין איך גע־וואהר געוואָרען, אַז די פראַגע וועגען פאַראייניגונג ווערט יאָ דיס־קוטירט, — און גאַנץ לעבעדיג דיסקוטירט. מען האָט שוין באַ־קומען די ידיעה וועגען דעם „פאַראייניגונגס־צוזאַמענפאָר" און מען האָט באַשלאָסען, אַז פאַר דעם דאָזיגען צוזאַמענפאָר דאַרף פאָר־קומען אַ בונדיסטישע קאָנפערענץ, וועלכע וועט זיך פאַרנעמען סיי מיט לויפענדע פּאָליטישע פראַגען, סיי מיט דער פראַגע וועגען אונזער באַציהונג צו דער רוסלענדער פּאַרטיי.

און עס האָט מיך זעהר געוואונדערט, ווען איך האָב גע־הערט, — אַפילו אין די נאָהענטסטע פּאַרטיי־קרייזען שטימען, וואָס האָבען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר גרויסע וויכטיגע הנחות. דער גרעסטער אפּיקורוס איז געווען דר. ראָזענטאַל. ער איז אַפילו גע־ווען אַן אַלטער בונדיסטישער טוער, אָבער גראַדע יענע יאָהרען, ווען מיר האָבען געפיהרט דעם שאַרפסטען קאַמף מיט דער „איסק־רא" און עס האָט זיך קריסטאַליזירט דער „בונדישער פּאַטריאָטיזם" האָט ער פאַרבראַכט אין סיביר, ווייט פון דער בונדישער סביבה. האָט ער זיך נישט אַזוי גוט פאַנאַנדערגעקליבען אין די זאַכען און בכלל איז ער עפּעס געווען „פאַר'גוי'אישט". די ספּעציעלע אידישע ענינים זיינען פאַר איהם געווען פרעמד און אַפילו אונ־פאַרשטענדליך. איך געדענק אַ כאַראַקטעריסטישען שמועס, וואָס מיר האָבען אַמאָל געהאַט מיט איהם אין דער רעדאַקציע. איך האָב אָנגעשריבען אַ קליינעם אַרטיקעל וועגען די ס. ס.; ס'איז געווען אַ פּאָלעמיק געגען זייער „נישט פּראָלעטאַריזאַציע". איך מוז זיך מודה זיין, אַז דער אַרטיקעל איז געווען ניט קיין געלונגענער, און ער איז טאַקע ניט אַבגעדרוקט געוואָרען, אָבער ניט דאָס איז

וויכטיג. זאָגט מיר ראָזענטאַל: „אייערע באַווייזען זיינען ניט קיין באַווייזע". זאָג איך איהם: „ס'איז מעגליך. עס וואָלט אָבער געווען אינטערעסאַנט פאַר מיר צו וויסען, ווי אַזוי וועט א י ה ר דערווייזען די פאַלשקייט פון די ס. ס.'שע טענות". ענטפערט ער מיר: „איך דאַרף דאָס גאָרנישט". וואָס הייסט? איך שטעה אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט". אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט שטעהען מיר אַלע. אָבער מיר דאַרפען נאָך פונדעסטוועגען וויסען, צו עס וועט עקזיסטירען אַ אידישער פּראָלעטאַריאַט אָדער נישט. „ניין, די פראַגע עקזיסטירט פאַר מיר נישט, איך שטעה אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט".

מילא, ראָזענטהאַל איז געווען אין דעם הינזיכט אַן אויסנאַם. זיין „גוי'אישע" שטימונג איז אַבסאָלוט ניט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע, אַלע איבריגע חברים זיינען געווען גאַנץ גוטע בונדיסטען. אָבער עס האָט זיך ביי מאַנכע געפילט אַ מידקייט פון זיין אַליין, עס האָט זיך געפילט אַ שטאַרקער דראַנג צו פאַראייניגען זיך צוריק מיט די רוסישע חברים. און די פראַגע איז געשטאַנען גאַנץ ערנסט.

עס איז געווען באַשלאָסען, אַז אונזער קאָנפערענץ וועט פאָרקומען אין אָנהויב אַפּריל אין דער שווייץ — אין בערן. און אין די לעצטע טעג פון מערץ בין איך ווידער געפאָרען אין אויסלאַנד.

70.

# ווידער אַמאָל אין אויסלאַנד.

ווער ס'איז אַמאָל געפאָהרען פונ'ם צאַר'ם מלוכה אין אויס־לאַנד, געדענקט געווים דאָס אייגענאַרטיגע געפיהל פון באַפריי־אונג, וואס מען האָט אריבערפאָהרענדיג די רוסישע גרענעץ. דעם לעצטען גרוס קריגט מען פון דעם רוסישען זשאַנדאַרם, וועלכער גיט אייך אָפּ אייער פּאַס. נאָך אַ פּאָר מינוטען, און מען איז אין איידקוהנען, אין דער דייטשער גרענעץ־סטאַנציע. און פּלוצ־לינג פיהלט איהר זיך זיכער. איהר געהט אַרום אויף דער פּלאַט־פאָרם און איהר זייט אַ פרייער מענש. און איהר קוקט זיך צו צו די דייטשע פּנים'ער און צו די יוניפאָרמען פון די דייטשע באַאמטע, און צו דער דייטשער אָרדנונג און ציכטיגקייט, און צו דעם שעהנעם, ציכטיגען, ריינעם צוג, וואָס שטעהט און וואַרט אויף אייך. די באַהן־באַאמטע געהען אָן מיט זייער אַרבייט פלינק און ריהרעוודיג. ניטאָ קיין שפּור פון דער רוסישער פאַר־שלאָפענקייט, אָפּגעלאָזענקייט, גרויקייט; דער קאָנדוקטאָר קומט אַריין אין וואַגאָן און זאָגט אייך אַ העפליכען „גוטען־אבענד". דאָס קופּע איז ליכטיג און גלאַנציג. איהר זייט אין אייראָפּאַ. איהר האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צו דער ציוויליזאַציע. אויף יעדען שריט און טריט זאָרגט מען פאַר אייער באַקוועמליכקייט. אומעטום זעהט איהר אויפשריפטען, וואָס ווייזען אייך, וואו און וואָס צו געפינען. איבער'ן פּלאַטפאָרם שפּרייזט אַ הויכער באַהן־באַאמטער, ריין און ציכטיג אָנגעטאָן, מיט פאַרדרעהטע פּרייסישע וואָנצעס, און פיהרט מיט זיך אַ וועגעלע מיט קישענס און קאָלד־רעס צו פאַרדינגען אויפ'ן וועג ביז בערלין.

„רררייזע־קיסען, רררייזע־דעקען" — הילכט זיין שטים אי־בער דער סטאַנציע. איהר צאָהלט איהם אַ מאַרק און מאַכט זיך

באקוועם. אמת, פאר'ן רוב רייזענדע, וואס זיינען געקומען פון רוסלאנד, איז עס אן איבעריגע זאך. מען פיהרט נאך מיט זיך, לויט'ן רוסישען שטייגער, גאנצע פעק בעט-געוואנד, און די ער־שטע נאכט, וואס איהר פאהרט פון דער גרענעץ ביז בערלין, איז דער וואגאן נאך פול מיט די רוסישע—אדער אידישע—משפחות, וואס פארשטאפען יעדען פרייען ארט מיט זייערע גרויסע אומ־געלומפערטע פעק. אין דערפריה איז מען אבער אין בערלין. די לאנדסלייט פארשווינדען. איהר גערט אריין אין שטאט און איהר זייט שוין ענדגילטיג אין אויסלאנד.

איך האב געקענט בערלין פון פריהער; איך בין שוין גע־ווען דארטען עטליכע מאל. איך האב קיינמאל ניט געהאט בא־זונדערס ליב די דאזיגע שטאדט. זי האט עפעס אין זיך א פריי־סישע טרוקענקייט. מען פיהלט זיך אין איהר פרעמד. ס'איז דא אנדערע שטעט אין אייראפא, וואס האבען א סך מעהר חן. ווען איך בין שפעטער אמאל געקומען אין וויען, האב איך זיך באלד די צווייטע וואך געפיהלט ווי אין דערהיים. עהנליך איז עס אויך אין פאריז, אדער אין מינכען. בערלין איז אבער קאלט און ניט היימיש. אבער ווען מען קומט צופאהרען פון אן ארימע ליטווישע שטאט האט מען פון דעסטוועגען גוואלדיג הנאה פון דער גרויסער קאכעדיגקייט, פון דעם גרויסען געלאף, פון דער גרויסער, מעכטיגער קולטור, פון דעם פיל טויזענד־קעפיגען עולם, וואס פארפלייצט די ברוויזענדע גאסען, פון דעם פולען ליכט, פון דער גרויסער ריינקייט, פון דער מערקווירדיגער ארדנונג... ווער רעדט שוין וועגען די אונפארגלייכליכע קולטור־אוצרות, וועגען וועל־כען מען קען נאר חלום'ען אין א ווילנא, למשל, און וועלכע זיינען דא אויסגעשפרייט פאר אייערע אויגען. דאס אונפארגלייכליך רייכע מוזיקאלישע לעבען, די טעאטערען, די אפערא, די מוזעען, די אויסשטעלונגען. אין די לעצטע יאהרען פאר דער מלחמה איז בערלין געווען א שטאט, וואס פלעגט וואקסען ניט נאר אויסער־ליך, נאר אויך אינערליך, ממש פון טאג צו טאג. עס האט זיך געפיהלט אין איהר אלץ שטארקער א שטראם פון אן אונגעהויערער לעבענס־קראפט און לעבענס־פולקייט. ס'איז געווען א שטאט פון ארבייט, פון שאפען; א צענטער פון א געזונטער, שטארקער נאציע, וואס איז אפילו געבונדען און איינגעפרעסט אין דעם מי־

ליטערישען מונדיר, אָבער אפילו דער דאָזיגער מונדיר איז ניט בכח אויפצוהאַלטען דאָס מעכטיגע פאַנאַנדערבליהען זיך פון אַ פריי־שען, מעכטיגען אָרגאַניזם.

איך האָב פאַרבראַכט אין בערלין בלויז עטליכע טעג. אין די שפעטערדיגע וואָכען בין איך דאָרטען געווען נאָך צוויי מאָל. און אַלע מאָל פלעג איך זיך ווארפען ווי אַ הונגעריגער אויף די גרויסע קולטור־רייכטימער, און געהאַט פון זיי אַ גרויסען און טיפען גע־נוס. איך האָב געוואוסט, אז דאָס פאַרברענגען דאָרטען איז פאַר מיר נאָר אַ קורצער עפּיזאָד, און איך האָב זיך געהיילט אריינצור־זויגען אין זיך וואָס מעהר איינדרוקען, צו מאַכען אַ רייכען זאַ־פּאַס, פון וועלכען איך וואָלט געקענט לעבען שפעטער אין דער אומעטיגער, גרויער ווילנא.

דערווייליגע בין איך אָבער געפאָהרען אין בערן. אַ קנאַפּער מעת־לעת פאָהרען — און מיר זיינען אויפ'ן אָרט. ס'איז מיר גע־ווען עפּעס מאָדנע ווידער אַמאָל צו געהן איבער די אַלט-באַקאַנ־טע בערנ'ער גאַסען. ווען איך בין אוועקגעפאָהרען פון דער שווייץ, מיט קנאַפּע דריי חדשים פריהער, האָב איך זיך ניט פאַרגעשטעלט, אז עס וועט מיר אויסקומען אין גיכען צו באַזוכען דאָס דאָזיגע לאַנד. איך בין געפאָהרען מיט יענעם געפיהל, וואָס מען האָט, שפרינגענדיג אין אַ פינסטערען תהום אריין. איך בין געפאָה־רען אין דעם ווייטען רוסלאַנד, ווארפען זיך אין דער רעוואָלו־ציאָנערער קעסעל־גרוב, און ווער ווייס וואָס עס האָט מיר ער־וואַרטעט אין דער צוקונפט: — גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעה־נישען, פאַגראָמען, געפאַהרען. איך האָב זיך געזעגענט מיט דעם ביסעל נאָהענטע פריינד, וואָס זיינען פאַרבליבען אין דער שווייץ, אזוי ווי מען געזעגענט זיך ווען מען צושיידט זיך אויף לאַנגע, לאַנ־גע יאָהרען, אפשר אויף אייביג. און דאָ בין איך שוין ווידער צוריק, און קיין שום אונגעוועהנליכע זאַכען זיינען ניט געשעהן; און איך שפּריין איבער די שטילע בערנ'ער גאַסען, ווי מיט יאָהרען צוריק. — און די גאַסען זיינען די אייגענע, און איך אַליין האָב זיך ניט געביטען.

נאָר מיט די פריינד פון דער „קאָלאָניע" האָב איך זיך ניט געקאָנט דערווייל טרעפען. דער עולם האָט ניט גענארפט ווי־סען, אז אין שטאָט קומט פאָר אונזער קאָנפערענץ, — האָבען מיר

ניט געטאָרט באַווייזען זיך אין די רוסישע קוואַרטאַלען. איבער־ריגענס האָבען מיר שוין ניט געהאַט קיין צייט דערצו.

די קאָנפערענץ איז געווען אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע און אַ לעבעדיגע. מען האָט אַרומגערעדט און אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגען דעם פּאָליטישען מאָמענט, וועגען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייַנען, וועגען דער רוסלענדער פּאַרטיי. איך געדענק ניט גענוי דעם טעקסט פון דער לעצטער רעזאָלוציע; דאַכט זיך, אַז מען האָט אַביסעל געביטען די פאָרמולירונג פון געוויסע פּרטים — אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס איז געווען אין 1903; אָבער דער עצם־אינהאַלט איז פאַרבליבען. מען איז גרייט צו פאַראייניגען זיך מיט דער רוסלענדער פּאַרטיי. נאָר בתנאי, אַז דאָס זאָל ניט באַדייטען די ליקווידירונג פון „בונד". מען האָט באַשטימט אַ דעלעגאַציע פון דריי חברים, וועלכע זאָלען פאָהרען אין שטאָקהאָלם צו דעם „פאַראייניגונגס־צוזאַמענפאָהר", פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט דער רוסישער פּאַרטיי. איינער פון די דריי דעלעגאַטען בין איך געווען. עס האָט זיך מיר זעהר ניט געוואָלט פאָהרען. צוליב געוויסע פּערזענליכע זאַכען איז מיר דאַמאָלט געווען נויטיג צו פאַרבלייבען אין דער שווייץ נאָך עטליכע וואָכען. ס'איז געווען ניט גלאַט אַזוי אַ קאַפּריז אָדער אַ שטימונג, נאָר ס'איז טאַקע געווען גוואַלדיג וויכטיג. דער פאַראייניגונגס־צוזאַמענפאָהר האָט אָבער געדאַרפט פאָרקומען אין שוועדען, אין שטאָקהאָלם, און מען האָט געדאַרפט אַרויספאָהרען אַהין שוין, באַלד, און פון דאָרטען וואָלט איך שוין מוזען פאָהרען צוריק דירעקט אין רוסלאַנד. איז עס געווען זעהר ביטער. איך האָב געפּרופט טענה'ן מיט אונזערע מענשען, אָנווייזען זיי מעהר פּאַסיגע קאַנדידאַטען אויף צו פאָהרען. עס העלפט ניט — דער צענטראַלער קאָמיטעט האָט זיך פאַר'עקשנ'ט; איך מוז פאָהרען, פאַרפאַלען! אַז דער צענטראַלער קאָמיטעט הייסט, איז דאָך ניטאָ קיין ברירה. וועגען ניט פאָלגען אַ באַשלוס איז קיין רייד ניט געווען; אַזעלכעס וואָלט מיר קיינמאָל אין קאָפּ ניט געקענט אַריינפאַלען. אָבער ס'איז געווען ביטער, זעהר ביטער אויפ'ן האַרצען...

צום סוף האָט זיך פונדעסטוועגען עפּעס געטראָפען אַזעלכעס — איך געדענק שוין ניט וואָס — אַז מען האָט יאָ איבערגעקוקט די פריהערדיגע באַשליסען וועגען די פאַרשידענע אויפטראַגען וואָס

פאַרשידענע מענשען האָבען באַקומען, און עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז אויף מיין אָרט אין דער דעלעגאַציע האָט מען יאָ באַשטימט אַן אַנדערען. און איך בין געבליבען אויף אַ קורצע צייט אין זשע-נעווו צו ברענגען אין אָרדנונג די פּראָטאָקאָלען פון דער קאָנפערענץ.

די דעלעגאַציע — דאָס זיינען געווען אַבראַמאָוויטש, ליבער און יונה — איז געפאָהרען אין שטאָקהאָלם. אין אַ צייט אַרום קריג איך פון זיי אַ טעלעגראַמע פון בערלין: זיי האָבען שוין פאַרענ-דיגט זייער נסיעה. איצט פאָהרען זיי צוריק קיין רוסלאַנד, און פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל קומען צו זיין אין בערלין אויף אַ פּאָר טעג דורכריידען זיך וועגען דעם, וואָס זיי האָבען אויפגעטאָן.

בין איך ווידער געפאָהרען אין בערלין. דער איינדרוק, וואָס אונזערע דעלעגאַטען האָבען געהאַט פון דעם צוזאַמענפאָהר, איז געווען ניט פון די גאָר פרעהליכע. אין דעם עצם זאַך האָט זיך די באַציהונג פון די רוסישע חברים צום „בונד" גאָר ניט געבי-טען. די זעלבע פאַראורטיילע, די זעלבע פיינדשאַפט, די זעלבע בלינדשאַפט. נאָר געגאַנגען אויף הנחות איז מען פון דעסט-וועגען. און דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון פּראַקציאָנעלען שפּיל צווישען די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס.

אין פלוג גערעדט האָט מען געקענט מיינען, אַז אויב שוין אימיצער וועט געהן אויף הנחות, וועלען דאָס זיכער זיין די מענ-שעוויקעס. ניט אומזיסט האָט מען זיי גערופען אין יענע יאָהרען „די ווייכע"; די באָלשעוויקעס, פאַרקעהרט, האָבען געהאַט דעם נאָמען פון דעם שאַרפען „שטיינהאַרטען". — איז דאָך געווען צו ערוואַרטען, אַז זיי וועלען שטעהן שטאָל און אייזען ביי זייער פריהערדיגער מיינונג. טרעפט זיך אָבער אַ נס, און ס'איז פונקט קאַפּויר. די מענשעוויקעס ווילען פון אונז ניט הערען, די באָל-שעוויקעס וואַרפען אונז חנ'דלאַך. וואָס איז די מעשה?

ווי געזאָגט: פּראַקציאָנעלע פּאָליטיק. ווי דער שטייגער איז, זיינען ביידע פּראַקציעס געגאַנגען צום „פאַראייניגונגס-צוזאַמענ-פאָהר" מיט דער כונה און דעם וואונש צו זיין אַ הערשענדע ריכ-טונג אין דער פּאַרטיי. די מענשעוויקעס זיינען געווען שטאַרקער. האָט לענין געזוכט שותפים. ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען שטימען און מאַנדאַטען — מעשה אַריפמעטיקע — איז ער אַלע מאָל געווען אַ „פּראַקטישער פּאָליטיקער", און ער האָט געוואָרפען

אַן אויג אויפ׳ן „בונד״. לויט דער פּאָליטישער ליניע זיינער איז דער „בונד״ דעמאָלט געווען גראַד נעהענטער צו די באָלשעוויקעס. די וויכטיגסטע שטרייט־פראַגע איז דעמאָלט געווען די באַציהונג צו דער „דומע״. די באָלשעוויקעס זיינען געווען פאַר׳ן באָיקאָט; די מענשעוויקעס זיינען אפילו אויך געקומען צו דעם זעלבען באַשלוס, אָבער מיט געוויסע וואַקלונגען; דער „בונד״ איז אָבער געווען געשטימט ענטשידען באָיקאָטיסטיש. האָט לענין געהאָפט, אַז אין די פראַקציאָנעלע קעמפע וועט דער בונד געהן מיט איהם, און אַן „אָרגאַניזאַציע איז דאָס אַ גרויסע, שטימען וועט ער האָבען אַ סך: וועט מען האָבען אַן אַנטי־מענשעוויסטישע מעהרהייט. און דאָס איז דאָך דאָס וויכטיגסטע. אַי, וואָס דער „בונד״ איז „נאַציאָנאַליסטיש״ און „סעפּאַראַטיסטיש״ און „שאָוויניסטיש״ — מילא דאָ איז דאָך ניט אַזוי ערנסט געמיינט; מען רוקט אַרויס די טענות ווען מען דאַרף, און מען באַהאַלט זיי אונטער׳ן טיש־טוך ווען מען דאַרף זיי ניט. זיינען די באָלשעוויקעס געווען דערפאַר, אַז מען זאָל גרינגער מאַכען פאַר׳ן „בונד״ דאָס אַריינטרעטען אין דער פּאַרטיי.

און זיי האָבען טאַקע דורכגעפיהרט געוויסע הנחות. דאָס זיינען געווען ניט די אַלע גאַראַנטיעס, וואָס מיר האָבען פאַרלאַנגט. אָבער ס׳איז געווען אַ וויכטיגער טריט פאָראויס. און פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַוועקגעשטעלט די גרויסע און ערנסטע פראַגע: יאָ אַנצונעהמען אָדער ניט אָנצונעהמען די פאָרגעלייגטע באַדינגונגען. די דיסקוסיע איבער דער דאָזיגער פראַגע האָט אויסגעפילט דעם גאַנצען זומער.

.71

## „נאַשע סלאָוואָ"

אין אָנהויב זומער 1906 בין איך געקומען צוריק אין ווילנא. דאָס מאָל בין איך שוין געפאָרען צו פאַרנעהמען אַ באַשטימטען אָרט און פיהרען אַ באַשטימטע ארבייט. ס'איז געווען באַשלאָסען צוצוטרעטען צו אַ נייער ליטעראַרישער אונטערנעהמונג: דאָס האָט געדאַרפט זיין אַן ערנסטער, וויסענשאַפטליכער זשורנאַל אין דער רוסישער שפּראַך, דער נאָמען פון זשורנאַל איז געווען: „נאַשע סלאָוואָ" („אונזער וואָרט") און איך בין באַשטימט געוואָרען אַלס איינער פון די מיטגלידער פון דער רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע. און מיר זיינען תיכף צוגעטראָטען צו דער ארבייט.

עס האָט זיך געאַרבייט גוט. זעלטען־ווען איז מיר אויסגעקומען צו ארבייטען מיט אַזאַ פאַרגעניגען ווי דעמאָלט. זעלטען ווען איך האָב זיך געפיהלט אַזוי גוט אין אַ רעדאַקציע. דער צוזאַמענשטעל פון דער דאָזיגער רעדאַקציע איז טאַקע געווען זעהר אַ געלונגענער. דער פאַקטישער אָנפיהרער איז געווען אבראַמאָוויטש. פאָרמעל האָבען מיר אפילו געהאַט אַלע גלייכע רעכט; און פון ריין ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט האָט ער געשאַפען ווענינער ווי די אַנדערע; ער פלעגט כמעט קיין זאַך ניט שרייבען. אָבער מען דאַרף ניט זיין קיין פאָרמעלער „דיקטאַטאָר" און אפילו קיין ליטעראַט, כדי צו זיין אַמאָל די נשמה פון אַ רעדאַקציע; און דאָס איז ער געווען. חוץ איהם זיינען אָבער געווען אין דער רעדאַקציע דריי יונגע טאַלאַנטירטע שרייבער. דאָס זיינען געווען: ד. זאַסלאַווסקי, מ. הייליקמאַן און א. זאָלאָטאַריעוו. אַלע דריי, אינטעליגענטע יונגעלייט, — געוועזענע קיעווער סטודענטען. אַלע דריי מיט באַדייטענדע זשורנאַליסטישע פעהיגקייטען. זאַסלאַווסקי איז געווען אונזער הומאָריסט און סאַטיריקער — אַ מענש מיט אַ

זעלטענעם וויץ. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען איז ער געוואָרען איינער פון די אָנגעזעהענסטע רוסישע פעליעטאָניסטען. זאָלאָטאַריעוו פלעגט שרייבען (אונטער'ן פּסעוודאָנים ס. אלעקסאַנדראָוו) פּאָליטישע ארטיקלען; הייליקמאַן פלעגט זיך פארנעהמען מיט אידישע פראַגען. ביידע האָבען געשריבען ניט נאָר אינהאַלטסרייך און אינטערעסאַנט, נאָר מיט א ליטעראַרישען גלאַנץ און געטאָקטער, „ניי־מאָדישער" שפּראַך. א גאַנץ „מאָדערנעם" כאַראַקטער האָבען געהאַט אויך די פּאָר ליטעראַרישע ארטיקלען, וואָס מיר האָבען באַקומען פון ס. דובנאָווא (די טאָכטער פון דעם באַוואוסטען אידישען היסטאָריקער), און אזוי ארום האָט דער גאַנצער זשורנאַל געטראָגען א שטעמפּעל פון גוטען געשמאַק, ליטעראַרישען גלאַנץ און סאָציאַליסטישער ערנסטקייט.

ווי געזאָגט, איז עס געווען א מחיה צו ארבייטען מיט אזא חברה. מיר זיינען אלע געווען יונג, פריש, לעבעדיג. געארבייט חבר'יש, געארבייט בשותפות. מאַנכע ארטיקלען פלעגט מען אי־בערלייענען צוזאַמען און איבערמאַכען און נאָך אמאָל איבערמאַכען, — און קיינער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין פאריבעל, עס איז ניט געווען קיין פראַגע וועגען ברוגז ווערען, וועגען פערזענליכע אמביציעס; מען פלעגט אלעמאָל דורכקומען צווישען זיך אויפ'ן נאַטירליכען, פריינדליכען אופן. איך געדענק אפילו ניט, אז עס זאָל אמאָל קומען צו א אָפּשטימונג. עס האָט זיך געמאַכט און פאַרטיג.

די רעדאַקציע איז געווען אין א קליינער דירה אויף שאָפּען'ס גאַס. אייגענטליך איז עס נישט געווען קיין אמת'ע „זעלבסטשטענדיגע" דירה, נאָר מיר האָבען אָפּגעדונגען צוויי קליינע מעבלירטע צימערען אין א פרעמדער וואהנונג. די „מעבעל" איז באַשטאַנען פון צוויי אָדער דריי טישען און א האַלב טוץ שטולען; מעהר איז דאָרטען קיין זאַך ניט געווען. דערפאַר איז עס געווען שטיל און רוהיג; די בעלי־בתים פון דער וואָהנונג פלעגען מיר קיין מאָל ניט זעהן. דאַכט זיך, אז זיי זיינען געווען ערגעץ אין א זומער־פּלאַץ.

איך אליין האָב געוואוינט ווי פריהער, ביי דער מוהמע אויף באַקשט, און אלע טאָג בין איך געגאַנגען אין רעדאַקציע צוויי מאָל — אין דער פריה און נאָכמיטאָג (וואָרים עסען פלעג איך אין דער

היים). אָט דאָס געהן אין מיטען הייסען זומער דורך די ווילנער אידישע גאַסען פלעגט ניט זיין פון די גרעסטע פאַרגעניגענס. די רודניצקי גאַס אליין, — וואָס איך האָב זי געמוזט אַלע מאָל דורכגעהן פון איין עק ביז׳ן צווייטען, איז געווען מסוגל צו פאַר׳סם׳ען דאָס לעבען. מיט קיין קאַנאַליזאַציע איז ווילנא נאָך ניט געבענשט געוואָרען — ביז׳ן היינטיגען טאָג האָט זי נאָך אַלץ ניט די דאָזיגע „ניי־מאָדישע" אויסטראַכטעניש, ציהט זיך לענגאויס די גאַס א ליבער, סימפּאַטישער, אַלט־פרענקישער רינשטאָק, א שטיל וואַסערעל פון בלויליך מילכיגער פאַרב. דאַכט זיך ניט אַנזעהענדיג. אָבער ווי דאָס שמעקט! איך האָב געהאַט — דוקא אין ווילנא א חבר, וואָס האָט צוליב א קרענק אָדער איך ווייס ניט פאַר וואָס, איינגאַנצען אַנגעוואָרען זיין חוש הריח. אָי, ווי שטאַרק מקנא בין איך געווען דעם דאָזיגען חבר אַלע מאָל, ווען מען פלעגט דורכגעהן די רודניצקי גאַס מיט איהר רינשטאָק. ווילט זיך דאָך דורכגעהן דעם פאַרפומירטען שטח וואָס גיכער. אָבער עס הויבט זיך ניט אָן. די גאַנצע ברייט פון׳ם טראָטואַר איז אַזאַ, אַז עס קאָנען זיך קוים אויסמיידען צוויי מענשען, און מענשען איז דאָ אויף א ווילנער אידישער גאַס א היבש ביסעל, און אונזערע אידעלאַך האָבען נאָך א טבע: מען שטעלט זיך אַוועק אין מיטען גאַס און מען רעדט, אָדער עס געהט א אידענע מיט א קאָשיקעל — און קיין מאָל געהט זי נישט גלייך; ווייל מען איהר אַריבעריאָגען פון דער רעכטער זייט, — פאַרקירעוועט זי זיך אויף רעכטס, ווייל מען איהר אַריבעריאָגען פון לינקס, — פאַרקירעוועט זי זיך אויף דער לינקער זייט. ווייל מען אַראָפּשפּרינגען אויפ׳ן ברוק, — זיצט א צווייטע אידענע אויפ׳ן ברעג פון׳ם טראָטואַר און שעפּט אויס פון רינשטאָק די יאַגאָדעס וואָס האָבען זיך פאַרשאָטען פון א קויש — טאַקע אין רינשטאָק אריין, און אַז מען איז שוין מיט מזל אַרויף אויפ׳ן ברוק, פּראָוואו זיך, לויף איבער די קרומע און שפּיציגע שטיינער; א וועהטאָג פאַר די פיס און א סכנה פאַר די שיך...

אָבער ווען מען קומט ענדליך אין רעדאַקציע און מען זעצט זיך אַוועק ביים טישעל, פאַרגעסט מען אָן דער רודניצקי גאַס מיט איהר רינשטאָק און מיט איהרע יאַגאָדעס, מיט די אידענעס און מיט די קוישען און די בשמים. מען זיצט און מען אַרבייט, און די אַרבייט איז א מחיה, די מעהרסטע רעדאַקציאָנעלע אַרביי־

בייטען פלעגען מיר אויספיהרען זאלבע־צווייט מיט אבראמאָ־וויטש׳ן — מיר פלעגען זיין גאנצע טעג אין רעדאקציע און איבער־קוקען און רעדאגירען די אַרטיקלען, און מאכען די קאָרעקטורען און פארנאכט געהן אין דרוקעריי אכטונג געבען, אַז דער נומער זאָל ארויסגעהן ווי געהעריג איז.

עס איז געווען אַן אינטערעסאנטע און לעבעדיגע צייט. עס האָט זיך צונויפגעקליבען די ערשטע דומע, דערנאָך האָט מען זי פאנאנדערגעטריבען. די פאָליטישע סיטואציע איז געווען שפּאַ־נענד און ערנסט; עס פלעגען אויפשווימען וויכטיגע טאַקטישע פראַ־גען: עס איז געווען וואָס צו טראַכטען און צו שרייבען, ביי אונז אין „בונד" איז חוץ דעם אַלעמען אָנגעגאנגען א הייסער ויכוח וועגען דער פאַראייניגונג מיט דער רוסלענדער פאַרטיי. די חברים האָבען זיך צוטיילט אויף צוויי לאַגערען: איינער איז גע־ווען דערפאַר, אַז מען זאָל יאָ אָננעהעמען די באַדינגונגען וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אויפ׳ן „פאַראייניגונגס־צוזאַמענפאָהר", א צווייטער טייל איז געווען שטאַל און אייזען געגען דעם. די וואָרט־פיהרער פון די „ניין־זאָגער" זיינען געווען א. ליטוואַק, סלאַוועק גראָסער, א. ווייטער און אנדערע. אָן דער שפּיץ פון די „יאָ־זאָ־גער" זיינען געשטאַנען ליבער און אבראמאָוויטש. איך בין נאָך א לאַנגען ישוב הדעת צוגעשטאַנען צו די „יאָ־זאָגער" און אָנגעשרי־בען אין „נאַשע סלאָוואָ" א גרויסע סעריע פון אַרטיקלען וועגען דער פראַגע. אין די אַרטיקלען האָב איך פאָרמולירט די גרונד־יסודות פון אונזער אָרגאַניזאַציאָנס־פּרינציפּ, אָנגעוויזען, אַז דער שטאָקהאָלמער סטאַטוט קען אונז ניט באַפרידיגען, אָבער צום סוף געקומען דאָך צו דעם אויספיהר, אַז ווי שלעכט דער סטאַטוט זאָל ניט זיין, אָבער אָננעהמען דאַרף מען איהם פאָרט, ווארים דער דראַנג צו פאַראייניגען זיך איז צו שטאַרק און וואַרטען ביז וואַ־נען די רוסישע חברים וועלען זיך אין גאַנצען שטעלען אויף אונזער שטאַנדפּונקט, הייסט דאָס אָפּלעגען די פאַראייניגונג ביז משיח׳ס צייטען. איז שוין גלייכער אריינצוטרעטען אין דער פאַרטיי און פיהרען דעם ווייטערדיגען קאַמף פון אינווייניג. מען וואָלט דאָס ניט געקענט טאָן, ווען די רוסישע פאַרטיי וואָלט געבליבען פאַר׳־עקשנ׳ט ביי איהר שטעלונג פון 1903, דעמאָלט וואָלט דאָס גע־הייסען אין גאנצען צו מאכען א תל פון דעם „בונד" — דארויף

טאָרען מיר אויף קיין אופן ניט איינגעהן. אָבער איצט שטעהט די פראגע ניט אזוי שארף. דער נייער סטאטוס, ווי שלעכט ער זאָל ניט זיין, גיט אונז די וויכטיגסטע, די הויפט הנחה: דער „בונד" ווערט פאַקטיש אַנערקענט אַלס די אָרגאַניזאַציע פון אידישען פּראָלעטאַריאַט און כל זמן דאָס איז אַזוי, איז שוין די סכנה ניט אזוי גרויס, און מען קען אַריינטרעטען אין דער פּאַרטיי.

א חוץ דער שטענדיגער רעדאַקציאָנס ארבייט פלעג איך פון צייט צו צייט קומען אויף די זיצונגען פון צענטראַלען קאָמיטעט. קיין מיטגליד פון צענטראַלען קאָמיטעט בין איך דאַמאָלט נאָך ניט געווען. מען פלעגט מיר אָבער איינלאַדען מיט באַראַטונגס־שטים אויף אַלע וויכטיגערע זיצונגען. די הויפּט־קוואַרטיר פון צ. ק. איז געווען אין „זווערינעץ". „זווערינעץ"—דאָס איז געווען א זומער אָרט, א מין פאַרשטאָט פון ווילנא. א קליינער וועלדע־לע הינטער'ן טייך ווילִיע, א פּאָר מינוטען גאַנג פון שטאָט, וואו עס זיינען געשטאַנען צוואָוואָרפען צווישען די ביימער קליינע היל־צערנע הייזער. דאַרטען פלעגען א טייל ווילנער מענשען אַרוים־פאָהרען אויף א „דאַטשע". דער צענטראַלער קאָמיטעט אונזערער האָט געדונגען איינע פון די הייזער. די בעל הבית'טע איז געווען ליבער'ס פרוי. עס פלעגען זיך דאָרטען אָפּשטעלען אויך די איינ־צעלנע מיטגלידער פון צ. ק., בעת זיי פלעגען קומען אין ווילנא פון זייערע נסיעות (געוועהנליך פלעגען כמעט אַלע אַרומפאָהרען איבער'ן גאַנצען ראַיאָן), די דירה איז געווען איינגעאָרדענט גאַנץ באַלעבאַטיש — באַשיידען אָבער באַקוועם. עס איז געווען א דינסט-מיידעל — אויך א חבר'טע, — וואָס פלעגט קאָכען פאַר־שידענע אידישע מאכלים, און בעת א „סעסיע" פלעגען מיר געוועהנ־ליך עסען אַלע צוזאַמען א מיטאָג אָדער א וועטשערע. עס פלעגט הערשען א היימישע, סימפּאַטישע אַטמאָספערע; א היבש ביסעל מיטגלידער זיינען שוין געווען נישט קיין יונגע מענשען, אָבער מען פלעגט פונדעסטוועגען גאַנץ געשמאַק שטיפען און פאַרברענגען. דער רוהיגער געלאַסענער נח מיט זיין באַהאַלטענעם ליטווישען הו־מאָר פלעגט אמאָל געבען דעם סיגנאַל. אין מיטען דער זיצונג פלעגט זיך הערען זיין שטים: „וואָס הערט זיך מיט בערעלען?" און א צווייטער פלעגט זיך אונטערכאַפּען. „יא, וואָס הערט זיך טאַקע מיט בערעלען?" און אַלע אין איין קול פלעגען אָנהויבען

אויסצווזינגען: „בערעלע, בערעלע!” דאָס איז געווען דער נאָ־מען, וואָס מען האָט ביי אונז געגעבען דעם סאַמאָוואַר. און די דינסט־מיידעל פלעגט ברענגען „בערעלען” און ביי אַ גלעזעל טיי פלעגען מיר ווייטער אָנגעהן מיט אונזערע געשעפטען.

עס איז אָבער געווען אויך גענוג צרות. די שטימונג אין שטאָט פלעגט צייטענווייז ווערען גאָר ניט קיין פרעהליכע. עס איז געווען נאָכ'ן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, און אויך אין ווילנא איז מען געווען אומרוהיג. עס האָבען געבלאָנדזשעט אין די פאָר־שטעט פאַרדעכטיגטע, כוליגאַנישע עלעמענטען, און מען האָט זיך כסדר געריכט אויף נייע טרויעריגע געשעהענישען. באַזונדערס אָנ־געשטרענגט איז געווען די לאַגע אין אָנהויב זומער בעת אַ קאַ־טוילישער יום טוב, ווען עס האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ גרויסע רעליגיעזע פּראָצעסיע. אין ווילנא זיינען די קאַטוילישע פּראָ־צעסיעס געווען פאַרווערט אין משך פון צעהנדליגער יאָהרען, דאַכט זיך, זינט דעם פּוילישען אויפשטאַנד פון 1863. איצט אָבער, נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער רעליגיעזער פרייהייט איז די פּראָצע־סיע צום ערשטען מאָל ווידער ערלויבט געוואָרען. און מיר האָ־בען שטאַרק מורא געהאַט, אַז די שוואַרץ־מאה'ניקעס וועלען זי אויסניצען, כדי אָנצומאַכען צרות. עס איז געווען גענוג, אַז עס זאָל בעת דער פּראָצעסיע דערלאַנגט ווערען אַ שאָס אָדער עס זאָל געוואָרפען ווערען אַ פּראָוואָקאַטאָרשע באָמבע, — און דער פּאָגראָם איז דאָ.

איך געדענק דעם דאָזיגען טאָג, דעם גאַנצען פריהמאָרגען האָב איך פאַרבראַכט אויף דער גאַס. עס האָבען זיך צונויפגע־גאַנגען און צונויפגעפאָהרען טויזענדער פּויערים פון די ארומיגע דערפער, טויזענדער מענשען מיט רעליגיעזע פאָהנען האָבען זיך געצויגען צו די פאַרשידענע קלויסטערם. די איינצעלנע מחנות האָבען זיך געדאַרפט צונויפקומען אויף דער לאַנגער גאַס און מאַר־שירען צו דעם גרויסען קאַטעדראַלען קלויסטער. איך בין גע־שטאַנען אויף דער דאָזיגער גאַס צווישען דעם עולם צושויער און געקוקט אויפ'ן פאַראַד. עס איז געווען מיטאָג־צייט, אַ הייסער טאָג. די זון האָט געברענט. די פּראָצעסיע האָט אָנגעהויבען צו באַוועגען זיך. די שטימונג איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע, אַזוי האָב איך ווענינגסטענס געפיהלט און אַזוי האָבען געפיהלט

יענע אידען, וואָס האָבען זיך געפונען אויף דער גאַס. עס באַווייזען זיך די פאָהנען און די גלחים. דער עולם רוקט זיך, עס ווערט שטיל. איך שטעה און וואַרט. און פּלוצלינג הער איך אַ שטאַרקען הילכיגען שאָס און איך ווער פאַרציטערט. דאָס, וואָס מען האָט ערוואַרטעט איז געשעהן. קענטיג, אַז עס איז געוואָרפען געוואָרען פון אַ פּראָוואָקאַטאָרישער האַנד אַ באָמבע. אָט־אָט וועט זיך אָנהויבען אַ מהומה. און איך טאַפּ אָן אין מיין קעשענע דעם רעוואָלווער, און איך וואַרט... אָבער אַ מאָד־נע זאַך: דער עולם בלייבט שטיל, און עס איז נישטאָ קיין מהומה, און די פּראָצעסיע געהט רוהיג ווייטער, און קיין פּאָגראָם איז ניטאָ. פּלוצלינג הויב איך אָליין אָן צו לאַכען; איך האָב אין גאַנצען פאַר־געסען, אַז אַלע טאָג, צוועלף אַזייגער, דערלאַנגט מען אַ שאָס פון אַ האַרמאַט, וואָס שטעהט אויבען אויף'ן שלאָס־באַרג אין מיטען שטאָדט. דאָס איז געוועזן יענער שאָס, וואָס האָט מיך אַזוי אָנ־געשראָקען. דער טאָג איז אַריבער רוהיג און בשלום.

.72

## דער לעמבערגער צוזאַמענפאָהר.

די דיסקוסיע וועגען דער פאַראייניגונג מיט דער רוסלענ־דער פּאַרטיי האָט געהאַלטען ביים פאַרענדיגען זיך. עס איז באַ־שלאָסען געוואָרען, אַז אין מיטען אויגוסט וועט פאָרקומען אַ צו־זאַמענפאָהר — דער זיבעטער — פון „בונד", וואָס וועט באַשליסען סיי די דאָזיגע פראַגע, סיי די אַנדערע וויכטיגע פראַגען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן טאָג־אָרדנונג. צווישען זיי — די וויכטיגסטע פּאָ־ליטישע פראַגע: אונזער באַציהונג צו דער נייער דומאַ. דער צ. ק. איז געווען פאַרנומען מיט דער צוגרייטונג צום צוזאַמענפאָהר. אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען האָט מען גערעדט — געדענק איך — וועגען דעם צוקינפטיגען צוזאַמענשטעל פון צ. ק. גופא, אמת, דער צ. ק. האָט גע־דאַרפט אויסגעקליבען ווערען פון דעם צוזאַמענ־פאָהר גופא, אָבער מען דאַרף זיך נאָך צונויפרעדען אין פאָראויס סיי וועגען די צאָל מיטגלידער, סיי וועגען די נעמען פון די קאַנ־דידאַטען. מען באַשליסט, אַז צוליב דער גרויסער, ברייט־פּאַרצוויי־גטער ארבייט דאַרף מען פאַרגרעסערען די צאָל מיטגלידער; דער צ. ק. זאָל באַשטעהן פון 9 מאַן. מען רעדט וועגען די קאַנדי־דאַטען. מען בעט מיך אויף אַ ווייַלע ארויסצוגעהן אין אַ צווייטען צימער, און נאָך אַפּאָר מינוטען מעלדעט מען מיר, אַז צווישען אַנדערע בין איך אויך אָנגעמערקט, איך שטעל ארוים אַפּאָר אויגען. „חברה, וואָס איז מיט אייך! ווי קום איך צו זיין אַ מיטגליד פון צ. ק.? איך בין נאָך צו יונג, און ניט רייף גענוג, און איך האָב ניט קיין גענוגענדע ערפאַהרונג!" עס איז ניט געווען קיין „קאָקעטסטווע" פון מיין זייט. איך האָב דאָס געמיינט גאַנץ אויפ־ריכטיג. איך האָב זיך באַצויגען גוואַלדיג ערנסט צו דער גרויסער פאַראַנטוואָרטליכקייט פון אַזאַ אמט. איך האָב געהאַלטען אַז איך

בין נאָך ניט גרייט צו פאַרנעמען אַזאַ אָרט צווישען די אָפיציעלע פאַרטיי פיהרער, אָבער דער עולם האָט נאָר געלאַכט פון מיינע רייד און איך האָב זיך געמוזט אונטערגעבען.

דער צוזאַמענפאָר האָט געדאַרפט פאָרקומען אין גאַליציען, אין לעמבערג. אין דער ערשטער העלפט פון אויגוסט חודש זיינען מיר אַרויסגעפאָרען פון ווילנא, איך בין געפאָהרען צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדער׳ן. קיין אויסלענדישע פעסער האָבען מיר ניט גע-האַט, האָבען מיר געדאַרפט אויפ׳ן וועג קיין אויסלאַנד זיך אָפּ-שטעלען אויף אַ טאָג צייט אין וואַרשאַ. דאָרטען איז געווען געננג איינצומעלדען זיך אין אַ האָטעל און אין משך פון דעם טאָג האָט מען געקענט באַקומען אַ פּאַס.

מיר זיינען אָנגעקומען אין וואַרשאַ אין דער פריה, און מיר האָבען געפונען די שטאָדט אין אַ צושטאַנד פון שרעק און צו-רודערונג. עס איז געווען גראַדע אַ טאָג נאָך דעם באַריהמטען „רויטען מיטוואָך”. אין יענעם „רויטען מיטוואָך” פון יאָהר 1906 האָט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי געמאַכט אַ שחיטה פון די וואַרשאָווער פּאָליציי-לייט. אין די פאַרשיידענסטע טיילען פון דער שטאָט האָט מען אין משך פון דעם איינעם טאָג געמאַכט צענדליגע אָנפאַלען אויף די פּאָליציי-לייט, צעהנדליגער מענשען זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען, און די שטאָט האָט זיך פאַרוואַנ-דעלט אין אַ מיליטערישען לאַגער. מיר נעהמען אַ „דראָזשקע” און פאָהרען פון דער סטאַנציע אין דער שטאָדט אריין. אויף יע-דען שריט און טריט — מיליטערישע פּאַטרולען. אויף אַלע ראָגעס, ביי יעדען פּאָליציאַנט שטעהען צו עטליכע זעלנער, מיט ביקסען אין די הענט, גרייט צו שיסען. דער עולם איז אָנגעשראָקען. די גאַסען זיינען טויט, און בלויז די קליינע וואַרשעווער ציימונגס-פאַרקויפער, די פלינקע, ריהרעוודיגע שקצים׳לאַך לויפען אַרום, דרעהען זיך צווישען די זעלנער, שפּרינגען אַרויף אויף די „דראָזש-קעס” און פאַרקויפען... דעם „ראַבאָטניק”, די אונלעגאַלע צייטונג פון דער זעלבער פּוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי!

מיר פאָהרען אריין אין׳אַ האָטעל; מיר גיבען אונזערע „פּע-סער” (אַלעקסאַנדער האָט געהאַט אַן „אמת׳ען”, כאָטש אַ פרעמ-דען פּאַס; איך בין נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען מיט מיין „בעלעט-ריסטיק”) דעם שווייצאַר פון האָטעל, ער זאָל אונז איינמעלדען

און ארויסגעבען א קוויטעל אויף צו באקומען אן אויסלענדישען פאס. וויל ער ניט. עס זיינען ארוים נייע תקנות. מען דארף האבען עפעס א באשטעטיגונג פון יענעם ארט, פון וואנען דער פאס שטאמט. א שעהנער עסק. געה קריג א באשטעטיגונג. איך בין דאך אליין דער מחבר פון מיין פאס! פארלאזען מיר דעם האטעל. מען מוז זוכען אנדערע מיטלען און וועגען. איך געה אריין צו א ווארשעווער חבר. ער וואהנט אויף גזשיבאווסקי גאס. א איידישער געגענד, באגליקט מיט א באזונדערער אויפמערקזאמקייט פון דער פאליציי. די גאס איז טויטליך. מיר זיצען ביים חבר. ס'איז דא א באלקאן, וואס געהט ארוים אויף דער גאס. אין מיטען שמועסען כאפ איך זיך ארויף אויפ'ן באלקאן שעפען אביסעל פרישע לופט, האלט מיך ווער פאר די פאלעס: „משוגע זיינט איהר?" — „וואס איז?" — מען טאר ניט ארויסגעהן אויפ'ן באלקאן. מען קען קריגען א קויל אין קאפ. זיץ איך ווייטער אין שטוב. מען באשליסט אריינצוכאפען זיך אין א צווייטען האטעל. מיר נעהמען ווייטער א דראזשקע און פאהרען ערגעץ אין א שמאלער גאס. טרעפען מיר זיך מיט א פאסט־וואגען. דער וואגען איז באוואכט פון א גרויסער אפטיילונג זעלנער, — רייטער מיט ביקסען אין האנד. עס טרעפט זיך גראד, אז דער וועג איז מיט עפעס פארשטעלט. די דראזשקע איז אריינגעפאהרען אין מיטען און מען קען זיך ניט אויסמיידען. דער פאסט־וואגען קען זיך אויך ניט ריהרען. די זעלנער זיינען ברוגז. עס הערען זיך געשרייען. זיי זיינען חושד, אז עס גרייט זיך עפעס אן אנפאל. און זיי הויבען שוין די ביקסען, — אט־אט וועלען זיי אנהויבען שיסען. אבער עס ענדיגט זיך בשלום. מיר פאהרען ווייטער.

דער טאג געהט אריבער. עס שטעלט זיך ענדגילטיג אויס, אז קיין פעסער וועלען מיר ניט קענען קריגען. דארף מען זיך געבען אן אנדער עיצה. זיצען און ווארטען דא אין ווארשא איז קיין עסק. וועלען מיר פאהרען צו דער גרעניץ אין סאסנאוויץ. דארטען וועלען אונז די ארטיגע חברים שוין ווי ניט איז אריבערפעקלען דעם גרעניץ. איך צושייד זיך מיט אלעקסאנדער'ן, — ער דארף דא נאך עפעס ערלעדיגען — און איך פאהר צוזאמען מיט יענעם חבר פון גזשיבאווסקי גאס. דער צוג געהט אזוועק ארום מיטען־נאכט. מיר פאהרען צום וויענער וואקזאל. ס'איז פינס-

טער, ס'איז לעדיג. זעלנער, פּאַטרולען, פּאָליציי־לייט! די פּריי־וואַטע מענשען האָבען זיך אַלע פאַרבאַהאַלטען אין די הייזער. און נאָר פון צייט צו צייט זעהט מען אויף די פּוסטע טראָטואַרען אַ פּרויען־געשטאַלט: די פּראָסטיטוטקעס זיינען די איינציגע, וואָס געהען אַן מיט זייער „אַרבייט". אַ שרעקליכער איינדרוק!... מיר זעצען זיך אַריין אין צוג און פאָהרען קיין סאָסנאָוויץ.

דער צוג איז געוועזן אַ „קוריער"; מיר זיינען געפאָהרען צווייטע קלאַס. געכאַפּט אַ דרעמעל, פאַרטאָג אויפגעשטאַנען און אַרויס אין קאָרידאָר. שטעהען מיר אין קאָרידאָר זאַלבעצווייט, קיין אַנדערע פּאַסאַזשירען זעהט מען ניט — געהט אַדורך דער קאָנדוקטאָר, שטעלט זיך אָפּ און פאַרפיהרט אַ שמועס. נעבטען — מאַכט ער — האָט מען אין בענדין (דאָס איז די לעצטע סטאַנציע פאַר סאָסנאָוויץ) געוואָרפען אַ באָמבע; שווער פאַרוואונדעט אַ סטראַזשניק; מען פיהרט איהם אין אויסלאַנד — אין קאַטאָוויץ — צו מאַכען אַן אָפּעראַציע, אָט טאַקע מיט'ן איינענעם צוג, וואָס מיר פאָהרען.

און אַז מיר קומען אין בענדין, זעהען מיר טאַקע דורכ'ן פענס־טער די גאַנצע פּראָצעסיע. מען טראָגט אַריין דעם קראַנקען. דער צוג רוקט זיך ווייטער. ביז סאָסנאָוויץ בלייבט עטליכע מי־נוטען. געהט ווייטער פאַרביי דער קאָנדוקטאָר. שטעלט זיך ווידער אָפּ נעבען אונז און ראַמט אונז איין שטיל אין אויער אַריין: „איהר זאָלט וויסען זיין, אַז אין סאָסנאָוויץ איז דער וואָקזאַל פול מיט קאָזאַקען, און מען באַזוכט יעדען איינעם, ווער עס געהט אַרויס פון צוג". פון וואַנען האָט דער מענש געוואוסט, אַז אונז דאַרף דאָס אינטערעסירען, קען איך ניט פאַרשטעהן. פאַרשטעהט זיך, אַז מיר האָבען זיך געמאַכט ניט וויסענדיג. זאָלען אונז די קאָזאַקען באַזוכען, וואָס אַרט דאָס אונז? אָבער אין תוך אַריין האָט דאָס אונז יאָ געאַרט; קיין אונלעגאַלע זאַכען האָבען מיר אפילו ניט געהאַט ביי זיך. אָבער מיר זיינען דאָך אַליין געוועזן אונלעגאַלע זאַכען. ס'איז אָבער אַריבער בשלום. קאָזאַקען זיינען טאַקע געוועזן אויף דער סטאַנציע, אָבער אונז האָבען זיי ניט געטשעפּעט.

מיר זיינען אַוועק אין שטאָדט אַריין, צו די חברים, וואָס האָבען אונז געדאַרפט אַריבערפּעקלען איבער דער גרענעץ. גע־

פונען די דירה, געטראָפען די חברה לייט, און עס האָט זיך אָנגע־הויבען א לענגערער ישוב הדעת: ווי אַזוי זאָל מען האַנדלען. עס זיינען געווען צוויי בחורים — איינער א קיילעכדיגער, א רויט־ליכער און א פרעהליכער: דער אָפּטימיסט, ווי איך האָב איהם באַלד אָנגערופען; דער צווייטער איז אָבער געווען א בלאַסער און א דאַרער און א מורא׳דיגער פּעסימיסט. האָט ער געציטערט פאַר מיין גורל. דער אָפּטימיסט טענה׳ט: „איך האָב א פיינעם „פּול־פּאַסיק" (א צייטווייליגע צייגניש אויף אריבערצוגעהן די גרעניץ, אַזעלכע צייגנישען פלעגט מען ארויסגעבען די איינוואוי־נער פון גרענעץ שטעדט); וועט איהר מיט דעם פּאַפּירעל ארי־בערפאָהרען גלאַטיג, גרינג, ווי אין קעז אריין". — זאָגט דער פּע־סימיסט: „חלילה וחס! איהר זאָלט גאָר ניט טראַכטען וועגען אַזעלכע זאַכען. לאָזען מעדעמ׳ען פאָהרען מיט א „פּול־פּאַסיק". ס׳איז דאָך א משוגעת. מען וועט דאָך באַלד נאָך זיין פּנים דער־קענען, אַז ער איז ניט קיין היגער, און ער וועט אריינפאַלען. מען קען ניט ריזיקירען."

רייסען זיי זיך אַזוי איינער מיט׳ן צווייטען. צום סוף פרעג איך דעם פּעסימיסט: וואָס טויגען מיר אייערע טענות, — האָט איהר אַן אַנדער ברירה? — דערווייל נישט, מאַכט ער, מען דאַרף אַביסעל צוזאַווארטען. — איז נישטאָ וועגען וואָס צו רעדען. מאָר־גען מוז איך זיין אין לעמבערג. הייסט דאָס, אַז איך פאָהר היינט. גיט אַהער א „פּול־פּאַסיק".

דער צוג האָט געדאַרפט אַוועקגעהן באַלד נאָכמיטאָג. ס׳איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז דער אָפּטימיסט וועט צופאָהרען מיט אונז ביז קאַטאָוויץ, וועט ער שוין ערליידיגען די אַלע גרענעץ־פאָרמאַ־ליטעטען: ער איז דאָך א היגער, און פאָהרט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. דער פּעסימיסט אָבער קען זיך אַלץ נישט באַרוהיגען. דאַכט זיך, מיר האָבען זיך שוין געזעגענט מיט איהם, און מיר געהען שוין צו דער באַהן — אין מיטען וועג באַווייזט זיך אָבער פון עפּעס א זייטען־געסעל מיין פּעסימיסט: ער איז געלאָפען אַרום און אַרום צו פאַרשטעלען מיר דעם וועג און נאָך אַמאָל צו בעטען זיך ביי מיר: פאָהרט ניט!

אָנגעקומען אויפ׳ן וואָקזאַל. מען דאַרף אָפּגעבען די פּעסער, מען וועט זיי אומקעהרען אין וואַגאָן גופא, ווען דער צוג וועט שוין

זיין אין וועג. מיר געהען אריין אין קופּע און זעצען זיך אוועק. מיר ווארטען. און וואָס לענגער מיר ווארטען, אַלץ מעהר פאַרענדערט זיך מיין אָפּטימיסם. ביסלאכווייז ווערט ער גרין און געל, און ווערט אָן זיין גוטען מוט, און הויבט אָן צו ווערען אַזוי אונרוהיג, און אַזוי שרעקעדיג, און אַזוי ווארפען זיך אין אַלע זייטען, אַז איך האָב שוין חרטה, וואָס מיר האָבען גענומען דעם בחור מיט זיך: אנשטאָט אונז צו העלפען, קען ער אונז נאָך באַגראָבען.

ענדליך ריהרט זיך דער צוג, און דער זשאַנדאַרם גיט אונז אוועק אונזערע „פּול־פּאַסקעס" און מיר פאָהרען בשלום אריבער די גרענעץ פון די דריי קיסרים" (די גרענעץ פון רוסלאַנד, דייטש־לאַנד און עסטרייך) און מיר זיינען אויף יענער זייט. די מורא איז געווען אַן אומזיסטע — וועניגסטענס פאַר מיר. די סאָסנאָ־וויצער בחורים זיינען געווען וועניגער מזל'דיג. אין אַ פּאָר טעג ארום האָט מען זיי ביידע ארעסטירט ביי זיי אין דער היים.

מיר זיינען ווידער אין אויסלאַנד. אויף אַ פּאָר שעה שטעלען מיר זיך אָפּ אין קאַטאָוויץ, כאַפּען זיך אריין אין אַ גרויסען דייטשען קאַפע־הויז, כאַפּען אַ טרונק פון גוטע דייטשע ביער, געזעגענען זיך מיט אונזער באַגלייטער און פאָהרען ווייטער אין עסטרייך. מיר נעכטיגען אין קראַקאָוו, און דעם צווייטען טאָג מיטאָגצייט זיינען מיר שוין אין לעמבערג.

די קראַקאָווער חברים פון דער גאַליציאַנער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (דער גאַליציאַנער „בונד"), האָבען צוגע־גרייט פאַר אונזער צוזאַמענפאָהר אַ שעהנע, באַקוועמע דירה; ס'איז אַ זאַל פון אַ פּוילישען געזאַנג־פאַראיין, אין סאַמע מיטען שטאָדט, אַנטקעגען דעם גרויסען טעאַטער. ס'איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר האָבען אַ צוזאַמענפאָהר אין אַזאַ שעהנעם זאַל, און ס'איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר האָבען אַזאַ גרויסען, אימ־פּאָזאַנטען, אמת־„איירעפּעאישען" צוזאַמענפאָהר.

ס'איז געווען אַ צייט ווען דער „בונד" האָט זיך געפונען אויף דער שפּיץ פון זיין קראַפט און בליהונג. מיר האָבען גע־צעהלט ארום 30 טויזענט אָרגאַניזירטע מיטגלידער; אויפ'ן צו־זאַמענפאָהר זיינען געווען אנוועזענד ארום 70 דעלעגאַטען. עס זיינען געקומען געסט פון די ברידער־פּאַרטייען: צוויי דעלעגאַטען פון דער רוסלענדער פּאַרטיי, אַ דעלעגאַט פון דער לעטישער סאָ־

ציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, אַ דעלעגאַט פון די אַר־מענישע חברים, אַ דעלעגאַציע פון די גאַליציאַנער. צום ערשטען — און צום לעצטען מאָל — האָבען מיר געהאַט אויך סטענאָגראַ־פען. געבראַכט מיט זיך פון רוסלאַנד אמת'ע פּראָפעסיאָנעלע סטענאָגראַפען, און טאַקע פון פּעטערבורג גופא און דוקא פון דעם רוסישען פּאַרלאַמענט — פון דער דומא.

ווי אַלע מאָל אויף אונזערע צוזאַמענפאָהרען זיינען די דע־באַטען געווען — ביי דער גאַנצער ליידענשאַפט — זאַכליך און ערנסט. די הויפּט־שלאַכט האָט זיך געפיהרט אַרום דער פראַגע פון פאַראייניגונג מיט דער רוסלענדער פּאַרטיי. דעם 1טען טאָג איז שוין געווען קלאָר אַז די „יאָ־זאָגער" האָבען אַ מעהרהייט און דער צוזאַמענפאָהר האָט טאַקע באַשלאָסען צוריק אַריינצו־טרעטען אין דער פּאַרטיי. די „ניין־זאָגער" האָבען זיך אונטער־געגעבען. נאָר דער יונגער, היציגער סלאַוועק גראָסער האָט זיך געבונטעוועט: „נאָך דעם דאָזיגען באַשלוס — קען איך זיך ווייטער ניט באַטייליגען אין דער אַרבייט". מיר האָבען זיך באַמיהט צו איבערצייגען איהם (דאַכט זיך, אַז ס'איז געווען מיט אונז אַבראַמאָוויטש) אויף אַ שפּאַציר אין קילינסקי'ס פּאַרק — אַ שעה־נער, גרויסער גאָרטען אונטער דער שטאָדט, — און געשמועסט דעם גאַנצען אבענד. ער האָט זיך אָבער פאַר'עקשנ'ט. „איך וויל ניט צושטערען די אָרגאַניזאַציע — האָט ער געזאָגט — איך טראַכט ניט וועגען קיין שום שפּאַלטונגען, אָבער ס'איז פאַר מיר פּערזענליך פּשוט אוממעגליך צו אַרבייטען". ביי דעם איז עס דערווייל געבליבען. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ צייטווייליגע שטימונג. סלאַוועק איז געווען אַ צו־געטרייער בונדאָוועץ אום צו קענען בלייבען אַ לענגערע צייט אָן אַ זייט, און ער איז צוריק אַריין אין דער אַרבייט.

די צווייטע וויכטיגע פראַגע איז געווען — די פּאָליטישע. מען האָט זיך גערעכנט, אַז עס וועט אין דער נאָהענטער צוקונפט צוזאַמענגערופען ווערען די צווייטע דומא. איז געווען די פראַגע: צי מען דאַרף זי אויך באָיקאָטירען, ווי מען האָט דאָס געמאַכט מיט דער ערשטער, אָדער מען זאָל זיך באַטייליגען אין די וואַה־לען. מיר דאַכט זיך, אַז וועגען דער פראַגע האָבען מיר ניט גע־האַט קיין גרויסע חלוקי־דעות. די באָיקאָט־טאַקטיק האָט געהאַט

זעהר ווייניג אָנהענגער. מען האָט באָיקאָטירט די ערשטע דומא, ווייל מען האָט גערעכענט, אַז דער גרויסער שטראָם פון דער רעוואָלוציע וועט שוין באַלד זיך אויפהויבען אויף דאָס ניי און געהן מיט זיין אייגענעם, דירעקטען וועג, פאַרביי דער דומא. עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, אַז די לאַגע איז אָפּגעשאַצט געוואָרען פאַלש. דער באָיקאָט גופא האָט זיך ניט איינגעגעבען. דער אינטערעס צו די וואַהלען איז געווען צו גרויס ביים עולם. אמת, אַ טייל פון דער אַרבייטער־באַפעלקערונג האָט זיך אָפּגעהאַלטען פון די וואַהלען, אָבער נישט אַזוי האָבען מיר דאָס געמיינט. מיר האָבען גערעדט וועגען אַ ק ט י ו ו ע ן באָיקאָט, וועגען אראָפּרייסען וואַהלען, א. ד. גל. פון דעם האָט זיך אויסגעלאָזט אַ גאָרנישט מיט גאָרנישט. און ווען די דומע האָט זיך צונויפגעקומען, איז פאַר אַלעמען געוואָרען קלאָר, אַז צי מיר ווילען, צי מיר ווילען ניט — איז זי פאַקטיש דער צענטער פון דער אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט, דער צענטער פון פּאָליטישען לעבען, דער שטראָם פון די געשעהענישען איז געגאַנגען ניט פאַרביי, נאָר ד ו ר ך די דומא. און אויב אַזוי, האָט אונזער שטעלונג געדאַרפט ווערען אַן אַנדערע. מען דאַרף געהן אַהין און אויסנוצען דעם נייעם צענטער פאַר די אינטערעסען פון דער רעוואָלוציע. דאָס איז געווען די שטימונג פון דער גרעסטער מעהרהייט פון אונז, און אַזוי איז אויך געווען דער באַשלוס פון צוזאַמענפאָהר.

מען האָט ארומגערעדט נאָך אַ פּאָר פראַגען, צווישען אַנדערע אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגען אויטאָנאָמיע פאַר פּוילען. דאָס איז אייגענטליך ניט געווען קיין נייער באַשלוס. דער זעקסטער צוזאַמענפאָהר (פון 1905) האָט שוין אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגען טעריטאָריעלע זעלבסט־פאַרוואַלטונג. די דאָזיגע רעזאָלוציע האָט אָבער גערעדט אין אַן אַלגעמיינער פאָרם וועגען פארשידענע ראַנד־געביטען בכלל, ניט אָנרופענדיג ספּעציעל פּוילען. איצט זיינען אָבער די חברים, וואָס האָבען געאַרבייט אין פּוילען, געקומען אויפ'ן צוזאַמענפאָהר מיט'ן פאַרלאַנג, מען זאָל אויסטייטשען יענע רעזאָלוציע בפירוש אין דעם זין, אַז עס ווערט געמיינט אויך די אויטאָנאָמיע פאַר פּוילען. די דאָזיגע פראַגע שטעהט אין פּוילען זעהר שאַרף און מען דאַרף האָבען אַ קלאָרע תשובה. דער צוזאַמענפאָהר האָט ערפילט דעם דאָזיגען פאַרלאַנג.

א היבש ביסעל צייט האָט פארנומען דער אָרגאניזאציאָנס־סטאטוט. ביז יענער צייט האָט דער „בונד" נאָך ניט געהאט קיין געשריבענע קאָנסטיטוציע; ס'איז געווען בלויז, אזוי צו זאָגען, א תורה שבעל פה. האָט מען ענדליך געדארפט שאפען אויך אַן אָרגאניזאציאָנעלע תורה שבכתב. דער ספּעציאליסט אונזערער אין אזעלכע פראגען איז געווען יונה; איז ער געווען דער באריכט־אָפּגעבער וועגען דעם פונקט פון טאָג־אָרדנונג. ס'איז געווען אפילו אביסעל נודנע, דערפאר זיינען זעהר צופרידען געווען די סטענאָגראפען: „חבר יונה — האָבען זיי געלאכט — איז דער בע־סטער רעדנער פון אַלע דעלעגאטען". פארוואָס? „ווייל ער רעדט לאנגזאם". זיי פלעגען זיך טאַקע קלאָגען, אז אויף אונזער צו־זאמענפאָהר איז זייער ארבייט געווען א סך שווערער, ווי אין דער רוסישער דומא: די אידען האָבען א טבע צו רעדען מורא'דיג גיך...

צום סוף האָט מען אויסגעקליבען א נייעם צ. ק.; ווי ס'איז געווען צו ערווארטען איז אָהן קיין שום אָפּאָזיציע דורכגעגאנגען דער צעטעל, וואָס מען האָט אין פאָראויס צוגעגרייט. די ניין מיטגלידער פון צ. ק. זיינען געווען, אויב איך געדענק ריכטיג, פאָלגענדע: נח, יודין, רחמיאל, קאָסאָווסקי, ליבער, אבראמאָ־וויטש, עזרא און איך. די ערשטע זיבען זיינען געווען שוין פריהער אין צ. ק. דאן האָט מען געמאכט א באנקעט מיט א סך וויצען און מיט א הארציגער פרעהליכקייט, און דער עולם איז געפאָהרען אהיים. איך האָב זיך נאָך ארייגעכאפּט אויף א פאָר טעג אין בערלין צוליב פערזענליכע זאכען און דאן בין איך געקומען צו פאָהרען אין ווילנא.

אום צו פאָהרען צוריק איבער דעם גרענעץ, האָב איך שוין באקומען א „גוטען" פאס. אויך דאָס מאָל האָב איך אין ווערזשבאָ־לאָווא ניט געהאט קיין שום שוועריגקייטען. דער גרענעץ־באַ־אמטער האָט א קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט: „איהר זייט אזוי בלאס, מסתמא זייט איהר געפאָהרען קיין אויסלאנד קו־רירען זיך!" „יאָ, האָב איך אָפּגעענטפערט, — אָבער עס האָט מיר ווייניג געהאָלפען". דער באאמטער האָט מיט מיטלייד גע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און מיט דעם האָט זיך געענדיגט די צע־רעמאָניע.

.73

# אין דרום און אין צפון.

ווען מיר זיינען אוועקגעפאָהרען אין לעמבערג אויפ'ן צוזאַמענפאָהר, האָט זיך „נאַשע סלאָוואָ" אָפּגעשטעלט. נאָכ'ן אומקעהרען זיך האָבען מיר געהאט בדעה ווידער ארויסצוגעבען דעם זשורנאַל. אָבער עס האָט זיך ניט געלאָזט. צוליב וואָס איז דאָס געווען אזוי, — קען איך זיך נישט דערמאָנען, אָבער עס איז סוף כל סוף באַשלאָסען געוואָרען אביסעל צו וואַרטען. דערוויילע בין איך געפאָהרען אין עטליכע שטעדט מיט אַ רעפעראַט וועגען דער פּאָליטישער לאַגע און אונזערע נאָהענטסטע אויפגאַבען.

די ערשטע שטאָדט, וואו איך בין געקומען צו פאָהרען מיט דער דאָזיגער פּאַרלעזונג, איז געווען מיין גוטער אַלטער באַקאַנטער קיעוו. צום לעצטען מאָל האָב איך פאַרלאָזען קיעוו מיט זיבען יאָהר פריהער. צו באַזוכען אַ שטאָדט, וואָס מען האָט אַמאָל ליב געהאט און וואָס מען האָט ניט געזעהן אַ היבש ביסעל יאָהרען, איז אַ פאַרגעניגען און אַ וועהטאָג. מיט זיבען יאָהר צוריק האָב איך דאָרטען פאַרלאָזט די ליבע, היימישע משפּחה פון מיין פעטער. איצט האָב איך געטראָפען די משפּחה אַ צושאָטענע. די מוהמע איז געשטאָרבען. דער פעטער איז געוואָרען אַלט און גרוי. דער זוהן, וואָס איז געווען אַ גימנאַזיסט, ווען איך האָב איהם געזעהן דאָס לעצטע מאָל, איז געוואָרען אַ סאָלידער העהר מיט אַ היבשען פּליך. די עלטערע טאָכטער איז אוועק אין שפּיטאָל אַלס בארעמהערציגע שוועסטער. יעדער האָט געוואוינט באַזונדער; ס'איז געווען טרויעריג. אַ באַזונדער שווערען איינדרוק האָב איך געהאט פון דער באַגעגעניש מיט זייער אינגסטער טאָכטער, אַ שוועסטער-קינד, אַ יונגע מיידעל, מיט וועלכער מיר זיינען אַמאָל געווען גאָר גוטע פריינד. דעמאָלט, ווען איך האָב נאָך געוואוינט

זיין קיעוו איז זי געווען נאָך א קינד פון א יאָהר 14; איצט איז זי געוואָרען א דערוואקסענע מיידעל. איך בין געגאנגען מיט'ן פעטער איבער'ן קרעשטשאטיק, — די הויפּט־גאס פון שטאָדט, — און געטראָפען דאָס מיידעל. זי האָט ניט געוואוסט, אז איך בין דאָ. שטעלען מיר זיך אָפּ און איך גיב איהר אָפּ א שלום־עליכם. קוקט זי אויף מיר און ווייסט נישט וואס צו זאָגען. „דו דערקענסט מיך נישט?" „ניין". „קוק זיך גוט אריין אין מיין פנים. ניט שוין זשע דערמאָנט דאָס דיר קיין זאך ניט?" „ניין, איך האָב אייך קיינמאָל נישט געזעהן". און ערשט ווען איך האָב איהר אָנגערופען מיט'ן נאָמען, האָט זי זיך הארציג באגריסט מיט מיר; מיר האָבען באנייט די אלטע פריינדשאפט. ס'איז אָבער געווען טרויעריג צו וויסען, אז איך האָב זיך אזוי שטארק געביטען. אמת, איך האָב דעמאָלט געהאט א באָרד — אפילו א קליינע און נעבעכדיגע, אָבער פאָרט א באָרד; און דאָס בייט זעהר שטארק דעם אויסזעהן.

איך האָב פארבראכט אין קיעוו עטליכע טעג. עס זיינען געווען שעהנע זוניגע הערבסט־טעג. איך האָב געשפּרייזט איבער דער שטאָדט און געזוכט די אַלע ליבע ערטער. איך האָב געהאט מיין רעפעראט אין פּאָליטעכניקום, אין דער גרעסטער אודיטאָריום, און דער זאַל איז געווען געפּאַקט. איך האָב באזוכט א פּאָר זיצונגען פון אונזער קאָמיטעט, און געפאָהרען ווייטער אין זשיטאָמיר.

מען האָט מיר געזאָגט, אז עס געהען פון קיעוו אין זשיטאָמיר אויטאָמאָביל־אָמניבוסען, און איך האָב באשלאָסען צו פאָהרען מיט אן אָמניבוס. די סטאנציע פון אויטאָמאָביל איז געווען ערגעץ וואו אויף א ווייטען פּלאץ צום סוף פון ביקאָווסקי בולוואר. בין איך געגאנגען אהין, באקוקט די מאשין און באשטעלט זיך אַ בילעט, דער אָמניבוס האָט אָבער געהאט א מאָדנע טבע: גראד דעמאָלט ווען מען דארף פאָהרען, ווערט ער קאַליע און קען ניט געהן. האָב איך געוואַרט א טאָג, און א צווייטען — אַלץ קאַליע. מוז מען פאָהרען מיט א געוועהנליכען צוג.

איבריגענס איז דער דאָזיגער צוג אויך נישט אינגאנצען קיין געוועהנליכער. ביז בערדיטשעוו פאָהרט מען נאָך ליידליך. אין בערדיטשעוו דארף מען אָבער בייטען דעם צוג און נעהמען די

זשיטאָמירער צווייג־באַהן. איז דאָס איינמאָל אַ באַהן. אַזוי זיינען מסתמא געגאַנגען די צוגען אין דער ערשטער העלפט פון 19־טען יאָהרהונדערט. עס קלאַפּט און עס שאָקעלט און עס טרייסעלט און עס קריכט אַזוי פּאַמעלאַך, אַז ווען מען דאַרף זיך צואיילען, איז שוין גלייכער צו געהן צופוס.

איך בין געפאָהרען צו איינעם אַ חבר אונזערען, אַן אָנגע־שטעלטען פון אַ באַנק. איך האָב איהם געקענט פון די אַמאָליגע יאָהרען אין מינסק. דער רעפּעראַט, — אַן אונלעגאַלער, — האָט געדאַרפט פאָרקומען אין דער אייגענער דירה. אין אָוועגד האָט זיך צוזאַמענגעקליבען דער עולם — מסתמא אַ מאַן 60 אָדער 70. דער זאַל איז ניט געווען גרויס גענוג, האָט דער עולם פאַרנומען אויך אַ דערבייאיגען צימער און איך אַליין האָב זיך אוועקגעשטעלט אויף אַ שטוהל אין דער טיר צווישען דיביידע צימערען און אָנגעהויבען צו ריידען. קוים אָבער האָב איך אָפּגערעדט אַ פּאָר מינוטען קומט אריין דער בעל־הבית און ערקלערט: מען דאַרף זיך פאַנאַנדערגעהן, מיר האָבען באַקומען אַ ידיעה, אַז עס קומט די פּאָליציי, זי איז שוין אויפ׳ן וועג אַהער.

בין איך אַנטשוויגען געוואָרען. קיין פּאַניק האָט זיך ניט געמאַכט. אין יענע צייטען זיינען די מענשען געווען צוגעוואוינט צו אַזעלכע סורפּרייזען. קודם כל האָט מען מיר געהייסען זיך אָפּטראָגען פון דאָרטען; אַן אונלעגאַלער מענש, אַן אורח, מוז פריהער פאַר אַלעמען מאַכען פיס. בין איך אַרויס אויף דער גאַס און אוועק אין שטאָדט אַריין. אַ חבר באַגלייט מיך. מיר געהען איבער די גאַסען, ס׳איז שוין געוואָרען שפּעט, אַ זייגער עלף אין אָוועגד. קיין צוג אויף אוועקצופאָהרען איז ניטאָ. וואָס הערט זיך מכח אַן אָרט אויף איבערצונעכטיגען? מיין חבר פאַרטראַכט זיך: ס׳איז טאַקע אַ שווערער עסק. די נאָהענטע חברים זיינען נאָך אַלע אויפ׳ן רעפּעראַט, און ווער ווייס צו זיי האָבען באַוויזען זיך פאַנאַנדערצוגעהן איידער די פּאָליציי איז געקומען. און בכלל איז דאָס ניט כשר גענוג. מילא ,מיר וועלען אַריין צו אַ ווייטערען מענשען. לאָמיר געהן צום דאָקטאָר דעם־און־דעם. „אַזוי אָהן קונצען אַריינפאַלען אין מיטען נאַכט צו אַ פרעמדען מענשען?״ „עס מאַכט ניט אויס, ער וועט אַריינלאָזען״. און ער האָט אונז טאַקע אַריינגעלאָזען און דוקא אויפגענומען זעהר פריינדליך, און

איך האָב געהאַט אַ גוטע און רוהיגע נאַכט. דעם צווייטען טאָג האָב איך זיך ווידער אַריינגעזעצט אין דעם שאָקעלדיגען און קלאַ־פּעדיגען וואַגאָן, און פאַרלאָזען זשיטאָמיר. די פּאָליציי איז טאַקע דעמאָלט געקומען, און דער באַלעבאָס האָט געהאַט אַביסעל צרות, אָבער אין אַלגעמיין איז אַלץ אַריבער בשלום.

פון זשיטאָמיר בין איך געפאָהרען אין אָדעס. ס'איז געווען די צייט, ווען עס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צו פּרוכפּערען די שוואַרצע באַנדעס פונ'ם „פאַרבאַנד פון רוסישען פאָלק". עס האָ־בען זיך שוין געעפענט די באַריהמטע שוואַרץ־מאה'דיגע טהע־הייזער — די נעסטען פון כוליגאַניש־פּאַטריאָטישע באַנדיטען — און פון די דאָזיגע טהע־הייזער פלעגען די כשר'ע חברה־לייט, באַ־וואָפענט מיט די „עכט רוסישע" גומענע שטעקענס, מאַכען אָנ־פאַלען אויף אידען און אינטעליגענטען. די שטאָדט איז געווען טעראָריזירט. אָבער אין מיטען פון דעם שוואַרץ־מאה'דיגען הוליען איז דאָ נאָך פאַרבליבען אַ רויטער אינזעל, און דאָס איז געווען דער אוניווערזיטעט. עס האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטען ביים לעבען די סטודענטישע אויטאָנאָמיע. דער אוניווערזיטעט איז געווען אַ שטאָדט פאַר זיך, און די סטודענטען זיינען דאָרט געווען די גאַנצע באַלעבאַטים. אין די פיער ווענט פון דער אוניווערזיטעטס־געביידע האָבען זיי געהאַט אַ מין איבערהייליגקייט. מען פלעגט מאַכען פראַנק און פריי פאַרזאַמלונגען, די פאַרשיידענע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען פראַקציעס האָבען דאָרטען גאַנץ אָפען געפיהרט זייער אַרבייט, געהאַט זייערע באַזונדערע צימערען, אויסגעהאַנגען זייערע אָפיציעלע מודעות, און קיינער פלעגט זיי נישט שטערען. עס זיינען אפילו געווען די לעצטע חדשים פון דער דאָזיגער פרייהייט, און באַלד נאָך מיין אָפּפאָהרען פון אָדעס איז טאַקע געקומען דער סוף. אָבער דערווייליע האָט מען זי אויסגענוצט. און אַזוי איז אויך מיין לעקציע פאָרגעקומען אין דער גרעסטער אוניווערזיטעט־אודיטאָריע, פראַנק און פריי, אָהן קיין שום מניעות. די איינציגע שטערונג, וואָס איז יאָ געווען, איז באַשטאַנען אין דער... פינסטערניש. די „נאַטשאַלסטוואָ" האָט פאַרמאַכט די עלעקטרי. האָט מען געבראַכט אַ פּאָר ליכטלאָך און אַוועקגע־שטעלט זיי אויף אַ טיש נעבען מיר. דאָס אויסזעהן איז געווען גאַנץ ראָמאַנטיש. די ליכטלאָך האָבען געקאָנט באַלייכטען נאָר

די נאָהענטסטע פּנים׳ער פון די ערשטע רייהען, און דער גאַנצער גרויסער זאַל, וואָס האָט געהאַלטען אַן עולם פון אַ טויזענד מאַן, איז געווען דערטרונקען אין שוואַרצקייט. אַ צווייטע לעקציע האָב איך געהאַט אויף די פרויען־קורסען. דאָרטען איז שוין יאָ געווען ליכטיג, דערפאַר אָבער איז עס געווען אַזוי ענג, אַז מען האָט זיך קוים געקענט ריהרען. קענטיג אַז דער עולם האָט דעמאָלט געהאַט אַ גרויסען גייסטיגען הונגער, און מען פלעגט שטורמעווען די פאָרלעזונגען.

אַ דריטע פאָרלעזונג האָב איך געהאַט גאָר אין אַן אַנדער סביבה — פאַר די אַרבייטער. די אַרבייטער־גאַס האָט זיך געפונען אויסער די גרעניצען פון דעם פּריוויִלעגיום־אינזעל. דאָרטען איז די פּאַרטיי אַרבייט געווען שטרענג אומלעגאַל און שטאַרק פאַרפאָלגט. וועגען אַ גרעסערער מאַסענפאַרזאַמלונג איז ניט געווען קיין רייד. האָט מען צונויפגעקליבען בלויז עטליכע צוואַנציג נאָהענטע חברים . געווען איז דאָס אין אידישען קוואַרטאַל, אויף „מאַלדאַוואַנקאַ״. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אָוועגד, אין אַ פּוסטער דירה. די וואָהנונג איז געווען אינגאַנצען לעדיג, אָהן איינוואָהנער, אָהן מעבעל, און מען האָט עפּעס געמאַכט אַ קאָמבינאַציע מיט׳ן „דוואָרניק״, ער זאָל אונז דאָרטען לאָזען צונויפקומען זיך. מען האָט זיך אָבער געדאַרפט זעהר שטאַרק היטען, און כדי נישט אַרויסצורופען קיין חשד פון זייטיגע מענשען האָט מען ניט געטאָרט אָנצינדען קיין ליכט. האָט מען זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פּוסטען, פינסטערען צימער (ווער עס האָט ניט געוואָלט שטעהן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע) און אַזוי איז מען אָפּגעשטאַנען — ניט זעהענדיג איינער דעם צווייטען — די אַנדערהאַלבען שעה, וואָס עס האָט געדויערט די פאָרלעזונג.

נאָך אָדעם האָב איך אָבער פּלוצלינג אַ שפּרונג געטאָן גאָר אין אַן אַנדער וועלט : פון דעם ווייטען דרום אין דעם ווייטען צפון — אין פינלאַנד. די מעשה איז געווען אַזאַ. איך האָב זיך אומגעקערט קיין ווילנא, און דאָרטען האָט מען מיר געזאָגט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום הויבט זיך אָן אַ צוזאַמענפאָהר פון דער רוסישער „פאָלקס־פאַרטיי״ („טרודאָוויקעס״). די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי שיקט אַהין איהרע אַ דעלעגאַציע

(אלס געסט), און אזוי ווי מיר, דער „בונד", זיינען שוין א טהייל פון די רוסלענדער פארטיי, דארף אין דער דעלעגאציע זיין אויך א פארשטעהער פון דעם בונדישען צ. ק.; האט מען באשלאסען, אז איך זאל פאהרען.

דער צוזאמענפאהר איז פארגעקומען אין אימאטרא — דעם ארט, וואס איז באריהמט מיט זיין גרויסען וואסער־פאל. ווי דער שטיינער איז, בין איך געפאהרען אהין איבער פעטערבורג. דארטען האט זיך מיט א פאר וואכען פריהער באזעצט אלעקסאנדער: נאכדעם ווי דער „בונד" איז אריין אין דער רוסלענדער פארטיי איז אלעקסאנדער באשטימט געווארען אלס איינער פון אונזערע צוויי פארשטעהער אין דעם אלגעמיינעם צ. ק., האט ער געמוזט וואהנען אין פעטערבורג. דער צווייטער פארשטעהער אונזערער איז דעמאלט געווען אבראמאוויטש. איך האב זיך אריינגעכאפט צו אלעקסאנדער'ן, באקומען פון איהם דעם אדרעס און די אנ־ווייזונגען צו ווענדען זיך, און דעם זעלבען טאג ארויס־געפאהרען ווייטער, אין פינלאנד אריין.

די פינישע אייזענבאהן, מיט וועלכער איך בין געפאהרען פון פעטערבורג, האט מיך שטארק דערמאנט יענע קליינשטעטלדיגע באהן, וואס איך האב דא נישט לאנג באנוצט אויפ'ן וועג פון קיעוו אין זשיטאמיר. ווידער האט זיך אנגעהויבען דאס אייגענע גע־קלאפער און גערודער — דאכט זיך, אט־אט וועט זיך דער וואגאן צופאלען אין שטיקלאך. דער וואגאן איז קליין, שמאל; אין מיטען שטעהט אן אייזערנער אויוועז. אין דרויסען איז פינסטער און פוסט. איינע נאך דער צווייטער געהען פארביי קליינינקע סטאנציעס מיט מאדנע פינישע נעמען: טעריאקי, קאלאמיאקי, מוסטאמיאקי, קואקאלא.

קליינינקע, הילצערנע געביידעלאך, קוים באלויכטען פון א נאכט־לעמפעל, מיט א פאר שווייגענדיגע מענשען אויפ'ן פלאט־פארם. און צווישען איין סטאנציע און דער צווייטער — געדיכטע, שווארצע נאכט, פינסטערניש און פוסטקייט. און וואס ווייטער מען פאהרט — און עס ווערט אלץ שפעטער, און אלץ שטילער (און אז מען הערט פון צייט צו צייט א ווארט, איז עס א ווילד־פרעמדער שפראך, ניט עהנליך צו קיין אנדערע, צו קיין באקאנטען לשון; מען קען ניט כאפען קיין איין ווארט), און די פינסטערניש ווערט

אַלץ ברייטער, און מען האָט דעם איינדרוק, אַז מען פאָהרט אריין ערגעץ אין אַ וויסטען, שוואַרצען מדבר, פאַרוואָגעלט, פאַרלאָזען, אַליין ביים עק וועלט.

איך בין געקומען קיין אימאַטראַ. איך האָב דאָרטען ניט גע־פונען קיין שטאָדט, נאָר בלויז אַן אייזענבאַהן־סטאַנציע, און אין דער אַרומיגער פּוסטקייט אַ פּאָר האָטעלען. אין איינעם פון די דאָזיגע האָטעלען בין איך פאַרפאָהרען. ס'איז געוואָרען טאָג, און איך האָב זיך אַרומגעזעהן אין דעם נייעם אָרט. טאַקע גאָר אַן אַנדער וועלט: וואָס פאַר אַ פאַרגלייך מיט'ן דרום'דיגען אָדעס, למשל, פון וועלכען איך בין נאָר וואָס געקומען. נישט נאָר די מענשען זיינען אַנדערע, און נישט נאָר די הייזער זיינען אַנדערע, און דאָס עסען איז נישט גאָר ניי און אַנדערש. שטיינערדיגע ערד, ווייסע מאָגערע בעריאָזקעלאַך און אַ בלאַסער, צאַרטער הימעל. נישטאָ קיין שפּור פון דער שרייענדיגער, דרום'דיגער אַלטקייט. האַלבע פאַרבען, מילדע קאָלירען, רוהיגקייט און שטילקייט, אַן אָפּ־רוה פאַר'ן אויג און אַן אָפּרוה פאַר'ן אויער. באַשיידענער, צאַרטער פון דער גרויסער צפון'דיגער שעהנקייט.

איך האָב גענומען אין מיין האָטעל אַ פּריהשטיק: ריין, ציכטיג און געשמאַק; באַזונדערס איז מיר געפעלען געוואָרען דאָס „שוועדישע" ברויט, וואָס מען גיט דאָרטען: אַ מין מצה, אָבער געמאַכט פון שוואַרצען מעהל. און דאַן בין איך אַוועק אין צווייטען האָטעל, וואו ס'איז פאָרגעקומען די קאָנפערענץ.

עס האָבען זיך צונויפגעקליבען עטליכע צעהנדליג דעלעגאַטען — די „טרודאָוויקישע" פראַקציע פון דער ערשטער, ניט לאַנג פאַר־נאַנדערגעטריבענער דומאַ. צום ערשטען מאָל האָב איך געזעהן אַ ריין „גוי'שע", רוסישע קאָנפערענץ. די גאַנצע פראַקציע האָט פאַרמאָגט נאָר איין און איינציגען אידען, דאָס איז געווען דער אַדוואָקאַט בראַמסאָן, און ער איז טאַקע געווען דער איינציגער, וואָס האָט אַרויסגעוויזען אויף דער קאָנפערענץ אַ שטיקעל פּראַק־טישען שכל. דער רעשט איז געווען צום גרעסטען טייל דאָרף־אינטעליגענטען — זעהר פיינע, אידעאַליסטישע מענשען, אָבער מלמדים. מען האָט גערעדט און גערעדט, אַהין און אַהער, און — גאָרנישט. איך האָב די גאַנצע צייט געוואַרט, ווען וועט מען ענדליך אָננעהמען עפּעס אַ שטיקעל רעזאָלוציע. נאָר עס הויבט

זיך נישט אָן. דער פאָרזיצענדער, אַ שעהנער אַלטער מענש מיט אַ גרויסען גרויען באָרד פיהרט אונטער דעם סך־הכל פון די דע־באַטען — און דאָס איז איגגאַנצען. עס זיינען געווען אויך עט־ליכע געסט, פאָרשטעהער פון אנדערע פאַרטייען — מענשען מיט אַ גרעסערער פאָליטישער ערציהונג. עס איז געווען פון די „ס. ר.'ען" דער אַלטער מארק נאַטאַנסאָן, פון די „פאָלקס־סאָציאַ־ליסטען" דער באַקאַנטער פובליציסט אַנענסקי, פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיינען געקומען דאַן און באָגדאַנאָוו. באָג־דאַנאָוו האָט טאַקע אַמבעסטען געפּאַסט פאַר דער קאָנפערענץ, וואָרים ער האָט זיך אויך געהאַלטען ווי אַן אמת'ער מלמד. די אנדערע געסט האָבען גענומען דאָס וואָרט, ווען עס האָט זיך גע־האַנדעלט וועגען די ליופענדע פאָליטישע פראַגען — וועגען די וואַהלען צו דער צווייטער דומאַ; האָבען זיי גערעדט וועגען טאַק־טיק, וועגען די באַשלוסען פון זייערע אייגענע פאַרטייען, וועגען דער מעגליכקייט אָדער אונמעגליכקייט צו געהן צוזאַמען, א. ד. גל. וואָס זשע טהוט אָבער באָגדאַנאָוו, נאָכדעם ווי מען האָט שוין פאַרענדיגט מיט די פאָליטישע פראַגען און די קאָנפערענץ איז אריבער צו אַ ריין אינערליכען ענין, צו דער פראַגע ווי אַזוי צו אָרגאַניזירען זיך אַליין — צי דאַרף מען שאַפען אַ פאַרטיי אָדער אַ פאַרבאַנד, און ווי אַזוי און אין וועלכע פאָרמען, — נעהמט ער דאָס וואָרט און לעגט אַוועק אַ דרשה און טענה'ט, אַז זיי, די טרודאָוויקעס, זיינען פאָרשטעהער פון דער קליין־בורזשואַזיע, און אַז די קליין־בורזשואַזיע איז בטבע אינדיווידואַליסטיש און איז ניט פעהיג צו אָרגאַניזירען זיך, און דעריבער וועט פון זייערע באַ־מיהונגען קיין זאַך ניט אַרויסקומען. דאָס אַלץ איז אפשר געווען אין עצם ריכטיג, און עס וואָלט געווען אַ גאַנץ פּאַסיגע טעמאַ פאַר אַן ארבייטער פאַרזאַמלונג, אָדער פּראָפּאַגאַנדע־קרייזעל, אָבער אויף דער קאָנפערענץ האָט דאָס געמאַכט אַן איינדרוק פון בטלנות.

נאָך דעם, ווי מען האָט געענדיגט מיט פּאָליטישע פראַגען און מען איז אריבערגעגאַנגען צו די אָרגאַניזאַציאָנעלע קליייניג־קייטען, האָבען די געסט אָנגעהויבען צו קלייבען זיך אין וועג אריין.

פאַר'ן אוועקפאָהרען האָב איך זיך אריבערגעכאַפּט צו דעם וואַסער־פאַל. ס'איז איינער פון די גרעסטע אין איירופּא און ער

איז באמת שעהן. די מענשען האבען איהם נאך ניט איבערגע-פיהרט דורך אלערליי „פארשעהנערונגען", און ער איז פארבליבען, אזוי ווי ער איז, אין זיין ווילדער, איינזאמער פראסטקייט. פאר־שטעהט זיך, אביסעל מענשליכע שפורען זיינען יא דא: עס שטעהט ביים ברעג א קליינינטשקער הילצערנער באלקאן, און אויף יעדען פרייען ארט זיינען דא אויסגעקריצטע אדער אנגעשריבענע ווער־טער און נעמען. אהן דעם קען זיך נישט באגעהן קיין אינטערע־סאנטער פלאץ אויף דער וועלט. צווישען די פיעלע נארישע, אדער סתם נישטיגע ווערטער האב איך דארטען געפונען איין אויפשריפט, וואס איז מיר יא געפעלען געווארען: א קינד, א קליין מיידעל, גיט איבער איהר איינדרוק פון דעם גרויסען ברויזען און דונערן: „די מאמעשע זינגט הויך אינ'ם קול, און מען הערט גארנישט"...

צוריקוועגס האב איך פארבראכט א פאר טעג אין פעטערבורג. אריינגעגאנגען צו מיין ברודער (דעם פעטערבורגער מוזיקאנט), איך האב איהם נישט געזעהן פינף יאהר, און ווי דער שטייגער איז, האט ער אין ערשטען מאמענט מיך נישט דערקאנט. „איך זעה עפעס א באקאנטען פנים — האט ער מיר שפעטער געזאגט — אבער עס האט זיך מיר געדאכט, אז דאס איז איינער פון די יונגע מאהלער, רעריק אדער רוסטשיץ."

דער צוג, מיט וועלכען איך בין געפאהרען פון פעטערבורג אין ווילנא, האט געהאט א ספעציעלע מיליטערישע וואך. ס'איז געווען אן אונרוהיגע צייט. מיט עטליכע טעג בעפאר איז פאר־געקומען אין פעטערבורג א גרויסער באמבען־אויפרייס. עס האט זיך פאנאנדערגעגאסען איבער גאנץ רוסלאנד די גרויסע כוואליע פון עקספראפריאציעס און אנפאלען. די רעוואלוציע האט אנגע־הויבען צו בייטען איהר גרויסען מאסען-אוצר אויף א בלוטיגען קליינגעלד. דער גרויסער פויערים אויפשטאנד, וואס לענין האט צוגעזאגט, אז ער וועט געווים פארקומען אין הערבסט, באלד נאכ'ן שניט — איז נישט פארגעקומען. די מאטראסען־אויפשטענדע זיינען דערשטיקט געווארען. עס האבען שוין אנגעהויבען צו אר־בייטען די פעלד־געריכטען. צעהנדליגער, אויב נישט הונדערטער תליות זיינען אויפגעשטעלט געווארען איבער'ן גאנצען לאנד. סטאליפין האט זיך גענומען „איינצושטילען" רוסלאנד.

74.

# קאָוונאַ.

אין אָנהויב ווינטער 1906 איז באַשלאָסען געוואָרען צו באַגייען אונזער רוסישען וואָכענבלאַט. ס'איז אָבער ניט געווען דאָס פריהעריגע „נאַשע סלאָוואָ“, ס'איז געווען אַן אַנדער זאַך, סײַ לויט'ן נאָמען, סײַ לויט דער פאָרם, סײַ לויט'ן אינהאַלט. אַן אַנדער נאָמען האָט מען געמוזט געבען, ווייל „נאַשע סלאָוואָ“ איז געווען פאַרמאַכט פון דער רעגירונג. די פאָרם איז געוואָרען אַ ווייניגער אָנזעהענדיגע, צוליב עקאָנאָמיע: די פינאַנציעלע מיטלען אונזערע זיינען צו יענער צייט געוואָרען אַ ביסעל קנאַפּ; מען איז דעמאָלט געווען געצוואונגען צו שיקען ליבערן קיין אַמעריקאַ, ער זאָל צונויפקלייבען אַ ביסעל דאָלאַרס. און דער גאַנצער כאַראַקטער פון דער אויסגאַבע האָט זיך אויך געביטען: מען האָט געהאַלטען ערב די וואַהלען צו דער צווייטער דומאַ, און די פאַרטיי האָט זיך גענויטיגט אין אַ רוסישער קאַמפּס־צייטונג מיט מעהר אַקטועלען, גרינגען און לעבעדיגען מאַטעריאַל. און נאָך אַן ענדערונג האָט מען געמוזט מאַכען: מען האָט געמוזט בייטען דעם זיץ־אָרט פון דער פּראַקציע. אָפיציעל פלעגט דאָס נייע בלאַט אַרויסגעהן, ווי פריהער, אין ווילנאַ; דאָרטען איז געווען די אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג און דאָרטען האָט מען זי געדרוקט; אָבער דער צוזאַמענשטעל פון דער רעדאַקציע איז געווען אַזאַ, אַז דאָס רוב מיטגלידער האָט נישט געקאָנט וואוינען אין ווילנאַ: די פּאָליציי האָט זיי געזוכט. האָט מען באַשלאָסען אַריבערטראָגען די הויפּט־קוואַרטיר פון דער רעדאַקציע אין אַן אַנדער שטאָדט.

אין חודש נאָוועמבער האָב איך זיך אַריבערגעקליבען קיין קאָוונאַ. די דירה, וואָס מען האָט פאַר אונז געדונגען, האָט זיך געפונען אויף אַ גאַס, וואָס איהר אָפיציעלער נאָמען איז געווען

„פאַזשעסקאַיאַ״, אין שטאָדט איז זי אָבער געווען באַקאַנט אונטער׳ן נאָמען „קאַטש׳ס זאַאוּלאָק״. דער דאָזיגער נאָמען האָט זיך גענו־מען פון דעם, וואָס דאָס גרעסטע הויז אין דער דאָזיגער געסעל האָט געהערט צו איינער אַ פּרוי קאַטש. און אין דעם דאָזיגען הויז האָ־בען מיר טאַקע געוואוינט. ס׳איז געווען אַ גרויסע, בעל־הבית׳ישע דירה פון 6 אָדער 7 גרויסע, גאָר גרויסע צימערען. די דירה איז געשטאַנען אין גאַנצען אַ ליידיגע — פּוסט, פינסטער און קאַלט. האָט אונז די בעל־הבית׳טע פאַרדונגען פון דער דאָזיגער פּוסטער דירה די צוויי ערשטע צימערען. אין ערשטען צימער האָט מען אוועקגעשטעלט צוויי בעטען, אַ גרויסען טיש און אַ פּאָר שטולען; אין דעם צווייטען צימער איז געשטאַנען אַ טיש, און דאָס איז געווען אַלעס. איבער׳ן גרויסען טיש איז געהאַנגען אַן אַלטער לאַמפּ. דער לאָמפּ האָט שוין זיכער געזעהן בעסערע יאהרען; איצט איז ער אָבער געוואָרען אַלט און שוואַך: פלעגט פון איהם שטענ־דיג רינען נאַפט —— אַ טראָפּען נאָך אַ טראָפּען און באַשפּריצען אונזער טיש. האָבען מיר געפונען ערגעץ אַ לעהמענעם טעפּעל און צוגעבונדען עס מיט שטריקלאַך אונטער׳ן לאָמפּ; פלעגט די נאַפט רינען אין טעפּעל אריין, און אַלץ איז געוואָרען אין אָרדנונג. די ערשטע צימערען האָט מען געהייצט. עס פלעגט קומען אין דער פריה דער בעל־הבית׳טעס אַ דינסטמיידעל, אַן אַלטע קאַטוילישע מויד פון די אַזוי גערופענע „דעוואָטקעס״, וואָס פלעגען יעדע פרייע מינוט פאַרברענגען אין אַ קלויסטער. אַ זעלטענע מיאוס־קייט. דערצו איז זי געווען האַלב טויב און ניט פאַרשטאַנען קיין רוסיש. פלעגט זי הייצען דעם אויווען און ברענגען אונז דעם סאַמאָוואַר. די איבעריגע צימערען זיינען געבליבען פּוסט, פינסטער און קאַלט.

אָט אין דער מערקווירדיגער וואוינונג איז געווען אונזער רעדאַקציע, און דאָרטען האָבען מיר געוואוינט זאַלבעצווייט — זאַסלאַווסקי און איך. דער דריטער מיטגליד פון דער רעדאַקציע — יודין (אייזענשטאַט), האָט זיך באַזעצט ערגעץ וואו אַנדערש אין שטאָדט.

ווי מען זעהט, איז די וואוינונג געווען ניט פון די גאָר היימ־ליכע, און אַ קבלת פּנים האָבען מיר באַקומען גאָר ניט קיין אנ־גענעמען. די מעשה איז געווען אַזוי: דעם ערשטען טאָג, ווען

מיר האָבען זיך אהין אריינגעקליבען, זיינען מיר געזעסען ביז שפּעט ביינאַכט. ארום איינס אזייגער הערען מיר פּלוצלונג: מען קלאַפּט אין טיר. אין די אמאָליגע רוסישע צייטען איז אזא קלאַפּען געווען זעהר א שלעכטער סימן. זיצען מיר און קוקען איינער אויפ'ן צווייטען. „מען קלאַפּט", — זאָגט זאסלאַווסקי. „מען קלאַפּט", — רוף איך זיך אָפּ. „ס'איז ביטער" — מאכט ער. „ס'איז פּאַס־קודנע", — ענטפער איך. „מען דארף אָבער עפענען". — „אודאי דארף מען". געה איך ארויס אין פאָרצימער. „ווער איז דאָר־טען?" — „דער נאַכט־וועכטער". „וואָס ווילט איהר?" — „עפענט אקאָרשט". עפען איך. אין דער טיר באווייזט זיך א פיגור אין א שעפּסענעם פּוטער און... א פּאָליציאַנט. איך קוק אויף זיי, זיי קוקען אויף מיר, און ביידע צדדים פיהלען זיך עפּעס ניט היימיש. „וואָס ווילט איהר?" — פרעג איך די חברה־לייט. „און וואָס טוט איהר דאָ?" — פרעגען זיי ביי מיר. „איך וואוין דאָ", — זאָג איך. „איהר וואוינט דאָ? אזוי? פון ווען אָן?" — „פון היינט אָן". „אזוי גאָר?" — „יאָ". „נו, אויב אזוי, איז אלץ אין אָרדנונג". „וואָס זשע דען?" — „זייט מיר מוחל, — זאָגט דער וועכטער, — איך האָב געהאַט א טעות. איך האָב געזעהן אז ס'איז ליכטיג אין פענסטער, און איך האָב דאָך געוואוסט, אז די דירה איז א ליידיגע, איז מיר געווען קשה. איך האָב זיך געטראַכט: טאָמער האָבען זיך אריינגעכאַפּט גנבים; האָב איך גערופען א פּאָליציאַנט. א גוטע נאַכט". — „א גוטע נאַכט". און מיר זיינען אלע געגאַנגען שלאָפען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען די ארבייט. צו וואוינען צוזאַמען מיט זאסלאַווסקי'ן און צו ארבייטען מיט איהם, איז געווען אַן אמת'ע מחיה. א פרעהליכער, לעבעדיגער בחור איז ער געווען, גע־שאָטען מיט וויצען, געשטיפט אָהן א שיעור, און די פּיער ווענט פון אונעזר מקום מקלט פלעגען כסדר הילכען פון געלעכטער. ס'איז געגאַנגען דער וואהל־קאַמפּיין, און די צייטונג אונזערע האָט גע־נומען א פרישען, בייסענדיגען קאַמפּס־טאָן. אלע מאָל, ווען מען פלעגט מוזען צוגרייטען א נומער, פלעגט זיך זאסלאַווסקי אוועק־זעצען ביים טיש, פאַרקאַטשען די ארבעל און פרעגען מיט א פרעה־ליכען שמייכעל: „נו, וועמען דארף מען היינט קלאַפּען?" און ער פלעגט טאַקע קלאַפּען גאָר געשמאַק. שונאים האָבען מיר גע־

האַט פון אַלע זייטען. און דאָס קלאַפּען איז געגאַנגען אַזוי, אַז פונקען פלעגען פליהען. היינט האָט מען געדאַרפט געבען אַ פּאַטש די אידישע ליבעראַלען, און מאָרגען די ציוניסטען, און איבער־מאָרגען די ס. ס. (וואָס האָבען גראָד אין קאָונא אַרויסגעשטעלט איינעם פון זייערע וויכטיגסטע קאַנדידאַטען). מיר האָבען דעמאָלט גראָד באַקומען פון אַמעריקא אַ אידישע צייטונג מיט אַ פאָטאָ־גראַפיע פון איינעם אַ באַוואוסטען ס. ס.'ישען טוער, וואָס איז דעמאָלט גראָד געפאָהרען איבער'ן ים — אַ יונגערמאַן מיט אַ שפּי־ציגען בערדעל און לאַנגע צושויבערטע האָר. אונטער דער פאָטאָ־גראַפיע איז געווען אַן עכט אַמעריקאַנישע רעקלאַמע־אויפשריפט: „אַ פּנים פון יעזוס'ען, אַ טעמפּעראַמענט פון אַ וואולקאַן". זאַ־סלאַווסקי האָט גענומען די דאָזיגע צייטונג, אויסגעשניטען דעם פּאָרטרעט מיט דעם אונטערשריפט און אויפגעקלעפּט אויף דער וואַנט אין אונזער צימער. און אַלע מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט עפּעס שרייבען וועגען די ס. ס., פלעגט ער צוגעהן צו דער פאָטאָ־גראַפיע, אַ קוק טאָן אויף איהר און באַקומען פון דעם אַן אינספּי־ראַציע פאַר אַ פּאָר בייסענדיגע וויצען.

דעם נומער פלעגען מיר צוגרייטען אין משך פון דעם לעצטען טאָג, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, אין דער לעצטער נאַכט, ווען ער האָט געדאַרפט געהן צום דרוק. עס האָט זיך דערביי אויסגעאַרבייט אַ באַשטימטער צערעמאָניאַל. יודין פלעגט קומען צו אונז אין אָווענט, אָפּעסען מיט אונז וועטשערע, און דאַן פלעגען מיר זיך באַוואָפענען מיט די נויטיגע כלי־זין. דאָס איז געווען: ערשטענס, אַ סאַמאָוואַר; צווייטענס, אַ פּאָר סיפאָנען סאָדאַ־וואַסער און אַ פּעקעלע קליינינטשקע קיילעכדיגע צוקערלעך, וואָס מיר פלעגען נוצען אַנשטאָט פּאַפּיראָסען. באַוואָפענט מיט די דאָזיגע הילפס־מיטלען, פלעגען מיר זיך אַוועקזעצען ביי די צוויי טישען, און די אַרבייט איז אָנגעגאַנגען. יודין פלעגט שרייבען אַ גרויסען פּאָלי־טישען אַרטיקעל — זעהר לאַנג, אַ ביסעל שווערליך, אָבער דער עולם האָט דאָס ליב געהאַט. איך פלעג אַרומריידען פאַרשידענע טאָק־טישע פראַגען, און זאַסלאַווסקי פלעגט מאַכען זיינע גלענצענדע קאַוואַלעריע־אַטאַקען. דאַן פלעגען מיר לייענען די אַלע אַרטיקלען, אויסבעסערען זיי, צופּוצען, און אַרום 2 אָדער 3 אַזייגער ביינאַכט פלעגט די אַרבייט זיין געענדיגט. יודין פלעגט זיך אַוועקלעגען

אין דעם צווייטען צימער אויפ'ן גרויסען טיש און כאפּען א דרעמעל. איך פלעג זיך אויך צולעגען — בלויז אויף א פּאָר שעה; וואָרים 5 אזייגער פאַרטאָג איז געגאַנגען דער צוג אין ווילנא, און איך האָב געדאַרפט פאָהרען אין ווילנא אוועקפיהרען צום דרוק דעם מאַטעריאַל פאַר'ן נומער. ס'איז געווען גאַנץ ווייט צו פאָהרען ביז'ן וואָקזאַל. אויך פלעג איך פאַראויס באַשטעלען אַן „איזוואָשטשיק"; צווישען 4 און 5 פלעגט ער קומען און אָנקלאַפּען אין פענסטער. א מידער, א ניט־אויסגעשלאָפענער פלעג איך מיך אויפהויבען פון דעם וואַרימען בעט און זיך אַריינזעצען אינ'ם שליטען. ס'איז געווען זעהר א האַרבער ווינטער. עס פלעגען זיין ביטערע פרעסט, און ניט איין מאָל האָב איך זיך אָפּגעפרוירען די פיס; איך האָב זעהר שטאַרק געליטען פון דער קעלט. אין דער פריה פלעג איך אָנקומען קיין ווילנא, פאַרבלייבען דאָרטען א פּאָר טעג ביז וואַנען דער נומער איז געווען פאַרטיג — מאַכען קאָרעקציאָנען, אכטונג געבען אין דער דרוקעריי, און דאַן פלעג איך פאָהרען צוריק אין קאָוונא, און די אַרבייט איז געגאַנגען ווייטער.

אין אונזערע פרייע טעג פלעגען מיר זיך בעטייליגען אין דער וואהל־קאַמפּאַניע. אין קאָוונאָ איז געווען אַרויסגעשטעלט אונ־זער וויכטיגסטער קאַנדידאַט, אבראַמאָוויטש, און די אַרבייט איז געגאַנגען פריש און לעבעדיג. מען פלעגט רעדען אין די בתי מדרשים, מען פלעגט מאַכען גרויסע פאַרזאַמלונגען אין דעם זאַל פון דער שטאָדט־דומא. די אויסערליכע באַדינגונגען אין קאָוונא זיינען געווען גאַנץ גוטע. די פּאָליציי פלעגט אונז ניט טשעפּען, און אז עס פלעגט אפילו קומען א פּאָליצאַנט אויף א פאַרזאַמלונג פלעגען מיר איהם געבען א פּאָר רובעל, אָדער אַריינגעהמען איהם אין א דערבייאיגען צימערעל און איהם מכבד זיין מיט א פלע־שעלע שנאַפּס — פלעגט ער ניט שטערען.

איך געדענק דעם ערשטען גרויסען מיטינג. אבראַמאָוויטש האָט געהאַלטען א גרויסע, זאַכליכע רעדע. נאָכדעם ווי ער האָט אַרומגערעדט די לויפענדע פּאָליטישע פראַגען און ערקלערט דעם עולם, פאַר וואָס מען דאַרף שטימען פאַר די קאַנדידאַטען פון „בונד", טרעט אַרויס א יונגער ס. ס.'אָ'ועץ — א בחור'ל פון א יאָהר זיבעצען־אַכטצעהן, טאַקע זעהר א שעהנער רעדנער (איך

מיין לויט דער פאָרם נאָך) און הויבט אָן צו האַקען אַ טשייניק. הויבט ער אָן צו דערצעהלען מעשיות וועגען דעם, למשל, אז דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד" האָט געשיקט אַ מעמאָראַנדום וועגען עמיגראַציע צו דעם קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל און אַנדערע אַזעלכע זאַכען. דער עולם, דאָס רוב געוועהנליכע, גרויע מענשען, אידען פון אַ גאַנץ יאָהר, זיצען און קוקען און הויבען ניט אָן צו פאַרשטעהן, וואס ער וויל פון זיי האָבען, וואס פאַר אַ שייכות עס האָבען די אַלע געשיכטעס צו דער רוסישער דומאַ און צו די וואַהלען. עס איז געווען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר די אמת ס. ס.'שע בטלנות. פאַרשטעהט זיך, אז דער יונגער מאַן האָט באַקומען אַ געהעריגען גאָב. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען איז ער געוואָרען אַ סך ערנסטער און, ווי דער שטייגער איז, האָט ער זיך געזעגענט מיט זיין מלמדישער פּאַרטיי. איבּריגענס זי עקזיסטירט שוין בכלל ניט.

אז מען רעדט שוין וועגען די ס. ס., דאַרף איך דערצעהלען נאָך אַ געשיכטע מיט זייער קאַוונער קאַנדידאַט. דאָס איז געווען די זעלבע קאָמישע פיגור, וועגען וועלכער ס'איז מיר שוין איינמאָל אויסגעקומען צו רעדען — נ. סירקין, דער איצטיגער פועל ציוניסט. דעמאָלט איז ער גראָד געווען אַן ס. ס. (מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער איז ער פון די ס. ס. אַוועק, באַגיסענדיג זיי צום געזעגענען זיך מיט אַ פּאָר עמער שמוץ.) ס'איז געווען דעמאָלט אין קאָוונאַ — ווי אויך אין אַנדערע שטעדט — אַ „אידישער וואַהל־קאָמיטעט", אַ כלל־ישראל קאָמיטעט פון די אָרטיגע פּני, וואס האָבען געפיהרט אַ קאָמפּאַניע פאַר די בעלי־בתישע קאַנדידאַטען. האָט דער קאָמיטעט צונויפגערופען אַ מיטינג פון די פאַרשטעהער פון דער „גאַנצער" אידישער באַפעלקערונג ארומצורעדען די פראַגע וועגען די קאַנדידאַטען, און אויפ'ן מיטינג האָט ער איינגעלאַדען די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען, זיי זאָלען פאַרשטעלען זייער פּלאַטפאָרם. ווי אַזוי מען פאַבריצירט אַזאַ פאַרטרעטערשאַפט פון „כלל ישראל" איז אַ באַקאַנטע זאַך. מען קלייבט פאַרשטעהער אין די בתי מדרשים. זיינען געקומען די כל'ערליי גבאים און שמשים — עטליכע צעהנדליגע גרויע, געוועהנליכע אידעלאַך, און אַ פּאָר קאָכלעפעלס פון די אינטעליגענטע טוערס. מען האָט אויך אריינגעלאָזט אַ פּאָר פאַרשטעהער

פון די פּאַרטייען, און אַזוי אַרום בין איך געגאַנגען אַהין אַ קוק צו טאָן אויף די אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונג.

עס זיינען געקומען אויך די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען. אַבראַמאָוויטש האָט גענומען אַ וואָרט, געהאַלטען אַ קורצע רעדע און ערקלערט זיין שטאַנדפּונקט. זעלבסטפאַרשטענדליך, האָט ער גערעדט אויף אידיש — ווער וועט עס איינפאַלען צו רע־דען פאַר אַזאַ עולם אויף אַן אַנדער שפּראַך? דאַן באַקומט דאָס וואָרט סירקין. ער שטעלט זיך אַוועק — אין אַ לאַנגען שוואַר־צען „דאָקטאָר'שען ראָק", שפּרייט אויס זיין גרויסע, ברייטע באָרד און לעגט אַוועק אַ דרשה — אויף דייטש. איך זיץ און הער זיך צו און פרעג זיך אַליין, צי איך חלום, צי ניט. אפשר איז עס אַ טעות? ניין, ער רעדט און קנאַקט אַ ריינעם, אמת־ליטעראַרישען דייטש, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט ניט פאַר די קאָוונער בעלי בתים, נאָר אויף אַ פאַרזאַמלונג פון בערלינער יהודים. פון צייט צו צייט האַקט ער אַריין אַ העברעאישען פּסוק און דרשנ'ט אויף „האָך־דייטש". קען ער ניט קיין אידיש? אודאי קען ער. נאָר וואָס? קענטיג, אַז ער האָט געוואָלט אימ־פּאָנירען דעם עולם: אַ דאָקטאָר, קען דייטש און קען העברע־איש — ווי זשע ערוועהלט מען ניט אַזאַ חכם? דער עולם איז פונדעסטוועגען געווען קליגער פאַר'ן רעדנער, און די דייטשע רעדע האָט ניט געמאַכט דעם געוואַלדיגען איינדרוק, אויף וועל־כען דער געלערנטער דאָקטאָר האָט גערעכענט.

ס'איז מיר דעמאָלט אויסגעקומען צו באַטייליגען זיך אין עטליכע וואהל־מיטינגען אויסער קאָוונאַ. איך האָב גערעדט אין ווילנאַ. איך בין געפאָהרען אין פּאָניעוועזש; דאָרטען איז דער מיטינג פאָרגעקומען אין דער גרויסער שול; ס'איז געווען אַזוי פול געפּאַקט מיט מענשען, און די לופט איז געווען אַזוי געדיכט, אַז די לאָמפּען האָבען געצאַנקט און שיער ניט אויס־געגאַנגען. די געגנער האָבען דערשמעקט ווער איך בין (הגם איך האָב געמוזט דאָרטען, ווי אומעטום, רעדען אונטער אַ פרעמדען נאָמען) און האָבען מיר געוואָלט אונטערשטעלען אַ פיסעל. ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבען צו רעדען — און גערעדט האָב איך אין רוסיש, ווייל אידיש האָב איך נאָך ניט געקענט — האָבען זיי אָנגעהויבען צו שרייען: „אידיש! אידיש!" מען האָט זיי

אָבער איינגעשטילט. דאָס קאָמישע דערביי איז געווען, וואָס זייער אייגענער קאַנדידאַט, דער אַדוואָקאַט פרידמאַן, האָט אויך גערעדט רוסיש.

אַ מאָדנע פּאַסירונג האָב איך געהאַט אין גראָדנאָ. דאָרטען איז געווען אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון אונזער חבר גאַזשאַנסקי, און איך בין געפאָהרען אַהין רעדען אויף אַ וואַהל־פאַרזאַמלונג. ביים סאַמע רעדנער טיש איז געזעסען אַ פּאָליציי־פּריסטאַוו און האָט געשלונגען יעדעס וואָרט. אין דער פּאָלעמיק מיט די אַנדערע פּאַרטייען האָב איך גענומען אַ הו־מאָריסטישען טאָן, און דער עולם האָט שטאַרק געלאַכט. דער פּריסטאַוו האָט זיך געקייקעלט פון געלעכטער. נאָכדעם ווי איך האָב געענדיגט מיין רעדע, זאָגען מיר אונזערע חברה לייט: „עס וועט זיין געזינטער, ווען איהר וועט אַרויסגעהן דורך אַ הינטער טיר: לאַכען לאַכט דער פּריסטאַוו, אָבער ביים אַרויסגעהן קען ער אייך פונדעסטוועגען אַרעסטירען". וויל איך טאַקע אַרויס־געהן דורך דער הינטער טיר. אָבער עס לאָזט זיך אויס, אַז זי איז פאַרמאַכט און קיין שליסעל איז ניטאָ. אונזערע בחורים מאַכען אָבער ניט קיין סך צערעמאָניעס. אַ דריק, אַ קלאַפּ, אַ ציה — די טיר ווערט צובראָכען — עס מאַכט זיך אַ שטי־קעל טומעל, אָבער מיר זיינען שוין אַרויס און אַוועק.

אויפ'ן צווייטען טאָג דערצעהלט מען מיר, וואָס דער פּריס־טאַוו האָט געזאָגט צו די איינאָרדערנער פון מיטינג. „אַ שעה־נער רעדנער איז דאָס געווען דער בונדיסט! אָבער צוליב וואָס האָט מען געדאַרפט ברעכען די טיר? איהר מיינט אודאי, אַז איך וואָלט איהם אַרעסטירען? חלילה! איך וויים, ווער עס איז. זיין נאָמען איז מעדעם. איך האָב נאָך געקענט זיין פאָטער אין מינסק. איך וואָלט איהם ניט געטשעפּעט." האָט מען אַזוי אַרום אומזיסט קאַליע געמאַכט אַ טיר. אָבער ווי זאָגען די דייטשען — „זיכער איז זיכער". וואָרים דער זשאַנדאַר וואָס האָט מיר אַרעסטירט מיט יאָהרען פריהער אין מינסק, האָט צו מיר אויך גע'טענה'ט, אַז ער האָט געקענט מיין פאָטער. אָבער געזעסען בין איך דאָך.

.75

# דער לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר.

די וואַהל־קאַמפּיין האָט זיך געענדיגט, און באַלד נאָכדעם זיי־נען מיר געוועזען געצוואונגען אָפּצושטעלען אונזער וואָכענבלאַט. די סיבה איז געוועזען זעהר א פּראָזאאישע: געלד־מאַנגעל. דאָס אידישע טאַגעבלאַט, די „פאָלקס־צייטונג", האָט אויך געהאַט א היבשען דעפיציט, און די קנאַפּע געלד מיטלען פון צענטראַ־לען קאָמיטעט האָבען אונז ניט ערלויבט דעם לוקסוס פון צוויי צייטונגען. און אַזוי ארום האָבען מיר געמוזט ליקווידירען אונ־זער רעדאַקציע. אין עטליכע טעג ארום נאָכדעם ווי מיר זיי־נען אוועקגעפאָהרען פון קאָוונאָ האָט די פּאָליציי געמאַכט אַן אָנפאַל אויף'ן הויז, וואו מיר האָבען געוואוינט. זי האָט אָבער געהאַט א קליינעם טעות, געגאַנגען מיט אַן עטאַזש העכער, און ארעסטירט א זייטיגען מענשען, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום שייכות צו דער רעדאַקציע און צום „בונד".

איך בין אוועקגעפאָהרען אויף א קורצע צייט קיין מאָסקווא. נאָך בעת'ן ארויסגעבען די צייטונג האָב איך זיך אריבערגעכאַפּט אהין אויף עטליכע טעג. איצט האָב איך געהאַט גענוג פרייע צייט צו נעהמען אַן אורלויב אויף א פּאָר וואָכען.

די דאָזיגע פּאָר וואָכען האָב איך פארבראַכט אין פּריוואַטען לעבען, אָן א זייט פון פּאָליטיק. נאָר צופעליג האָב איך זיך דארטען א פּאָר מאָל געטראָפען מיט עטליכע רוסישע חברים. א גרויסער רוסישער פארלאַג פון די ברידער גראַנאַט האָט דעמאָלט באַשלאָסען ארויסצוגעבען א גרויסע „געשיכטע פון רוסלאַנד אין 19טען יאָהרהונדערט", א קאָלעקטיווע ארבייט. די הויפּט מיט־ארבייטער זיינען געוועזען צוויי באַוואוסטע באָלשעוויסטישע שריי־בער די מאָסקווער פּריוואַט־דאָצענטען ראָזשקאָוו און פּאָקראָווסקי. דורך מיין געוועזענעם רעדאַקציאָנס־חבר הייליגמאַן, וואָס האָט

געוואוינט אין מאָסקווא, האָב איך באקומען אן איינלאַדונג צו נעהמען אויף זיך די אידישע אפטיילונג. איך האָב זיך אונ־טערגענומען דאָס צו טאָן, און מען האָט מיר געבעטען אריינצו־קומען צו פּאָקראָווסקי'ן דורכצורעדען זיך וועגען די פּרטים. איך בין געגאנגען. דאָס איז געווען א סימפּאַטישער, ערנסטער, באַ־שיידענער מענש (אויב איך האָב נישט קיין טעות, ארבייט ער איצט אין דעם רוסישען בילדונגס־קאָמיסאריאט צוזאמען מיט לו־נאַטשארסקי'ן) און מיר זיינען באלד דורכגעקומען וועגען די באַ־דינגונגען. בעת איך בין געזעסען ביי פּאָקראָווסקי'ן, זיינען צו איהם אריינגעקומען נאָך צוויי חברים, וועלכע איך האָב פריהער ניט געקענט. איינער איז געווען א בלאָנדער יונגערמאַן, נישט קיין הויכער, מיט א קיילעכדיגען בערדיל, אויסגעזעהן ווי א טיפּישער רוסישער אינטעליגענט. איך פלעג זיך שפּעטער מיט איהם טרעפען אין אויסלאַנד, און ער איז געווען איינער פון די וועניגע באָלשעוויקעס, וואס זיינען פאַר מיר געווען פּערזענליך גאַנץ סימפּאַטיש. ניט קוקענדיג אויף זיין טיפּיש רוסישען פּנים, איז ער געווען א איד. דאָס איז דער איצטיגער פּאָרזיצענדער פון דעם מאָסקווער סאָוויעט און איינער פון די וויכטיגסטע רו־סישע פיהרער — קאָמענעוו. דער צווייטער איז געווען א וועניג אינטעליגענטער אידישער בחור, אויך א באָלשעוויק און אויך א גאַנץ וויכטיגער טוער אין דער באָלשעוויסטישער פראקציע. דוקא ניט פון די אנגענעהמע פּארשוינען. איך האָב אויך געהאט צו טאָן מיט איהם שפּעטער אין אויסלאַנד, און איך פלעג הע־רען פון איהם ניט קיין שעהנע מעשות; א צייט לאַנג האָט מען אויף איהם געהאט גאָר א מיאוס'ען חשד, אָבער ס'איז געבליבען בלויז א חשד. דאָס איז געווען אן אמת'ער קליין־קעפּעל'דיגער פראקציאָנעלער באָלשעוויק מיט א כאראקטעריסטישען שמאָלען קוק פון א סעקטאַנט. בעת מיר זיינען געזעסען ביי פּאָקראָוו־סקי'ן און געשמועסט, איז אויך אויסגעקומען צו רעדען דוקא וועגען דער „געשיכטע פון רוסלאַנד", אין וועלכער איך האָב זיך געדארפט באטייליגען.

צווישען די מיטארבייטער, וועמענס נעמען זיינען געווען פאַר־עפענטליכט, זיינען געווען א רייהע אָנגענומענע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע שרייבער (צווישען זיי לענין און פּלעכאַנאָוו), אָבער אויך

עטליכע ס. ר.'ען און אומפּאַרטייאישע מענשען אויך. האָט זיך דער אידישער בחור אַ קרים געטאָן צוליב דעם, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטען — און בפרט לענין — באַטייליגען זיך אין דער זאַך. „דאָס איז אַן אמת'ע פּשרה־מאַכעריי" — האָט ער זיך אויסגע־דריקט. דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך געמיינט, אַז ער לאַכט דאָס, און איך האָב אויף איהם געקוקט מיט אַ שמייכעל. ער האָט דאָס אָבער געמיינט ערנסט. קאַמענעוו אַלס אַ מעהר אינטעליגענ־טער מענש, האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין חבר איז פאַרקראָכען אַ ביסעל צו ווייט, און האָט זיך באַמיהט צו פאַרגלעטען און אויס־צוטייטשען זיינע ווערטער. „מען קאָן גאָר ניט האָבען געגען דעם — האָט ער געזאָגט — אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שרייבער זאָלען זיך באַטייליגען אין דעם ערנסטען וויסענשאַפטליכען ווערק, נאָר מיט לענינ'ען איז די מעשה אַ ביסעל אַנדערש. זיין נאָמען האָט די באַדייטונג פון אַ פּאַרטיי־פאָהן, און צוליב דעם וואָלט ער גע־דאַרפט זיך בעסער אָפּהאַלטען". סוף כל סוף האָט זיך לענין טאַקע ניט באַטייליגט. מיין אַרבייט האָט אָבער ניט געהאַט קיין מזל. אין אַ צייט אַרום, ווען איך האָב שוין צוגעגרייט אַ טייל פון מאַ־טעריאַל, האָב איך באַקומען אין דער רעדאַקציע אַ מעלדונג, אַז די פאַרשידענע אַרטיקלען האָבען זיך זעהר שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַק־סען און דער אָרט איז געוואָרען צו קנאַפּ. און ס'איז ניטאָ קיין אָרט. וועמען וואַרפט מען אַרויס? פאַרשטעהט זיך, די אידען. מען האָט מיר אַפּילו צוגעזאָגט, אַז די אידישע אָפּטיילונג וועט אַריינגעהן אין אַ צווייטען זאַמעל־בוך: „די געשיכטע פון דעם צוואַנציגסטען יאָהר הונדערט". אָבער די דאָזיגע צווייטע זאַמלונג האָט ביז'ן היינטיגען טאָג ניט דערזעהן די ליכטיגע וועלט

נישט קוקענדיג דערויף, וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין דירעקטע שייכות צו דער אָרטיגער באַוועגונג, האָב איך פאָרט נישט געהאַט קיין רוהיגען לעבען אין מאָסקווא. אַן אומלעגאַלער מענש האָט פאָרט צרות. ווי דער שטייגער איז, בין איך ניט געוועזן איינ־געמאָלדען. איך האָב געוואוינט אין דעם הויז פון מיין ברודער. דער ברודער אַליין האָט שוין פאַרלאָזט מאָסקווא און האָט זיך אַריבערגעקליבען קיין קאָוונא. אָבער די שוועסטער איז געבליבען און איהר מאַן (מיין שוואָגער זשאַבאַ) איז אויך געוועזן דאָ. עטליכע טעג האָב איך אָפּגעוואוינט רוהיג, און קיינער האָט מיך ניט גע־

טשעפּעט. אין אַ שעהנעם אָוונד קומט פּלוצלונג צולויפען דעם שוואָגער׳ס אַ קרוב, אַ אינגעל פון אַ יאָהר 16, אַ גרויסער טויגע־ניכטס, און איז מיר מודיע, אַז ער האָט אַ באַקאַנטען, וואָס דינט... אין דער געהיים־פּאָליציי; און דער דאָזיגער באַקאַנטער האָט מיט איהם בלומר׳שט גערעדט וועגען מיר; ער ווייסט, אַז איך בין דאָ ,אין מאָסקווא, און אַז ער זוכט מיר. מילא, קיין צוטרויען האָב איך צו דעם בחור׳ל ניט געהאַט, און עס האָט זיך מיר אפילו גערוכט, אַז ס׳איז מעהר נישט אַ „בלאָפעריי" פון זיין זייט. אָבער טאָמער איז דאָס פאָרט ריכטיג? בין איך אַוועק צו אַ באַקאַנטען — טאַקע צו היילקמאַנ׳ען — און פאַרבראַכט ביי איהם אַ פּאָר טעג. דערווייַלע איז אַרום דעם הויז פון מיין ברודער אַלץ געווען רוהיג. דאָס הויז איז געשטאַנען אויף אַ קליינער, שטילער גאַס, און מען וואָלט באַמערקט יעדע פאַרדעכטיגע פּערזאָן, וואָס וואָלט זיך דאָרטען אַרומגעדרעהט. קיינער איז נישט געווען. האָב איך זיך אומגעקעהרט צוריק. ס׳איז אַריבער אַ צייט מיט טעג. אַלץ איז געווען אין דער בעסטער אָרדנונג. איך פּלעג געהן אַלע טאָג אין דער גרויסער מאָסקווער ביבליאָטעק קלייבען מאַטעריאַל פאַר מיין אידישער געשיכטע. איך זיץ אַמאָל רוהיג אין דער ביבליאָטעק און לייען אַ בוך. צופעליג הויב איך אויף דעם קאָפּ און זעה: ביים זעלבען טיש גראַד אַנטקעגען מיר זיצט מיין שוואָגער. קוק איך אויף איהם: ווי קומט ער עפּעס אַהער? מסתמא האָט זיך עפּעס געטראָפען. שרייבט ער אַ צעטעל און רוקט איהם מיר אונ־טער. איך לייען: „די פּאָליציי האָט עפּעס אויסגעפרעגט אונזער דוואָרניק: ווער וואוינט דאָס עפּעס ביי אונז." איז ווידער שלעכט. נאָך אַזאַ ידיעה האָב איך שוין נישט געקאָנט קומען אַהיים. האָב איך פאַרבראַכט עטליכע טעג ביי אַנדערע באַקאַנטע, און פון דאָרטען בין איך שוין דירעקט אַוועקגעפאָהרען אויף׳ן וואָקזאַל און פאַרלאָזען מאָסקווא.

ס׳איז געווען דער סוף פון חודש אַפּריל. אין אָנהויב מאַי האָט געדאַרפט פאָרקומען — אין קאָפּענהאַגען — דער צוזאַ־מענפאָהר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און איך בין פון מאָסקווע, ניט אומקעהרענדיג זיך אין ווילנא, דירעקט געפאָהרען צו דעם דאָזיגען צוזאַמענפאָהר.

אַן אויסלענדישען פּאַס האָב איך שוין אין פאָראויס גע־

האָט צוגעגרייט. ער איז געמאכט געוואָרען אין ווילנא, און ס׳איז גאַנץ אינטערעסאַנט, ווי אַזוי מען פלעגט דעמאָלט מאַכען אַזעלכע פּעסער. ווי איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, איז מיין „אינערליכער" פּאַס געוועזן אַ „בעלעטריסטישער", פאַבריצירט פון מיר אַליין אויף אַן אויסגעטראַכטען נאָמען. איז אָבער געוועזן אין ווילנא, ווי מסתמא אין יעדער שטאָדט פון תחום, אַ איד, וואָס מען פלעגט רופען „דער גענעראַל גובערנאַטאָר". דאָס איז געוועזן אַ „מאַכער", וואָס פלעגט זיין אַן אָפטער איינגעהער אין די „הויכע פענסטער", אין די פאַרשיידענע קאַנצעלאַריעס און אָפּ׳פּטר׳ען דאָרטען פאַרשיידענע טריפ׳ע געשעפטען. פלעגט ער נעהמען אַזאַ „פּאַלשיווקע", אריינגעהן מיט איהר אין די קאַנצעלאַריע פון גובערנאַטאָר און אויסבייטען זי אויף אַן אויסלענדישען פּאַס. די פּאַלשיווקע פלעגט בלייבען ליגען אַלס משכון ביים גובערנאַטאָר, און אָנשטאָט איהר פלעגט מען קריגען אַן אמת׳ען, כשר׳ען אויסלענדישען פּאַס — אויף אַ פאַלשען נאָמען. אָט אַזאַ פּאַס האָב איך באַקומען, און מיט איהם בין איך אַריבערגעפאָהרען די גרענעץ אַהין און צוריק.

ווען מען פאָהרט פון מאָסקווע קיין אויסלאַנד, דאַרף מען דורכפאָהרען מינסק. פינף מיט אַ האַלבען יאָהר זיינען אַריבער פון יענער הערבסט-נאַכט, ווען איך האָב פאַרלאָזען מיין היימאַט-שטאָדט, אַנטלויפענדיג אין דער שווייץ. דאָס זיינען געוועזן לאַנגע, לאַנגע יאָהרען. די פיר יאָהר, וואָס איך האָב דעמאָלט פאַרבראַכט אין אויסלאַנד, האָבען זיך מיר אויסגעדוכט, ווי אַ גאַנצע אייביגקייט. ס׳איז אַ מאָדנע זאַך: ווען איך נעהם איצט דעם גלייכען משך פון פיר יאָהר, אָבער אין אַ שפּעטערער צייט, ווען איך דערמאָן זיך, למשל, וועגען דעם יאָהר 1917 — די זעלבע צאָהל טעג, דאַכט זיך, אָבער עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז דאָס איז געוועזן ערשט גאָר נישט לאַנג. אָבער יענע ערשטע פיר יאָהר קומען מיר פאָר גאָר אונענדליך. ווען איך האָב זיך אין 1905 אומגעקעהרט קיין רוסלאַנד, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז ס׳איז עפּעס אַריבער אַ גאַנצער יאָהרהונדערט. פון יענער צייט זיינען אַריבער נאָך ווייטערע אָנדערטהאַלבען יאָהר, און דאָס אַמאָליגע לעבען אין מינסק האָט זיך אַוועקגערוקט אין אַ גאָר ווייטער, טיפער, גרויער פאַרגאַנגענהייט. עס

האָט זיך טאקע אַ סך געביטען. פון מיינע קרובים איז אין מינסק קיינער ניט געבליבען. פון מיינע אַלטע פריינד אויך קיינער, אָדער כמעט קיינער ניט. אָבער ווען דער צוג, אין וועל־כען איך בין געפאָהרען פון מאָסקווע, האָט זיך דערנענטערט צו מיין היימישער שטאָדט, האָב איך מיט הארץ־קלאַפעניש ארויס־געקוקט פון פענסטער. די אַלטע בענקשאַפט האָט אויפגעוואכט מיט דער פולער, שטעכיגער ברענעוודיגקייט· זיך אָפּשטעלען אין דער שטאָדט האָב איך ניט געטאָרט. איך בין דאָך געווען אַן אונלעגאַלער מענש, מיט אַ פרעמדען נאָמען, מיט אַ פאַלשען פּאַס, און ס׳איז נאָך פאָרט געבליבען געגוג מענשען אין מינסק, וואָס וואָלטען מיך באַלד דערקענט, וואָלט איך זיך נאָר באַוויזען אויף די גאַסען. בין איך געזעסען ביים פענסטער פון וואַגאָן און ארויסגעקוקט מיט אונגעדולד און וועהטאָג. די מאָסקווער אייזענבאַהן שניידט ניט דורך די שטאָדט גופא, זי געהט פארביי גאַנץ ווייט. מען זעהט נאָר די אומגעגענד, און גאָר פון דער ווייטענס זעהען זיך נאָר די סאַמע הויכע געביידעס. אָבער ווי נאָהענט, ווי באַקאַנט זיינען פאַר מיר די ארומיגע ערטער. אָט איז דער איבערפאָהר איבער דער באַהן־ליניע מיט׳ן שלאַגבוים און מיט׳ן וועכטער׳ס הייזעל. וויפיל מאָל בין איך פארבייגע־גאַנגען ביי זיין הייזעל, געהענדיג אין דעם „אַנטאָנאָוועד" וואַלד אריין, אין דער „דאַטשע" פון „ארכיריי", — צווישען די הויכע פעלדער און די הויכע סאָסנעס, אויפ׳ן ווייכען, ווייסען, זאַמדיגען וועג! וויפיל מאָל פלעג איך זיך אָפּשטעלען אָט ביי דעם הייזעל אויסטרינקען אַ גלעזעל קאַלטע מילך און פארבייסען מיט אַ שטיקעל שווארצע ברויט — אַ ברויט, געבאַקען אין דער היים פון דעם וועכטער׳ס פרוי, אונטערגעקלעפּט מיט דעמבענע בלע־טער אָט איז די אייזענבאַהן־בריק איבער דער סוויסלאָטש. ס׳איז געווען פארווערט צו געהן איבער דער דאָזיגער בריק. מיר פלעגען אָבער יאָ געהן, ווייל קיין אַנדער בריק איז אין יענער געגענד ניט געווען. אָט איז אַ וועלדעל ביין סאַמע באַהן, וואו מיר האָבען געהאַט מיט קנאַפּע זיבען יאָהר פריהער אַ זיצונג פון בונדיסטישען קאָמיטעט. אָט איז דער וועג צו אונזער זומער־וואוינונג הינטער דער שטאָדט. אַלץ ליבע, טייערע געגענדען, מיט וועלכע עס איז געווען פארבונדען אזוי פיל, מיט וועלכע עס

איז פארבונדען דאָס בעסטע און דאָס שעהנסטע, וואָס דער מענש האָט — די יוגענד.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַנציע. איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען און בין ארויס אויף דער פּלאַט־פאָרם. דער זעלבער אַלטער „בריסקער" וואָקזאַל. די זעלבע קליינע הילצערנע געביידע און אַ צווייטער הילצערנער בנין, וואו ס'האָט זיך געפונען דער בופעט. אויף דער פּלאַטפאָרם איז גע־ווען פוסטלאַך. צוויי מענשען זיינען ארויס פון וואָקזאַל און געגאַנגען צום צוג. צוויי באַקאַנטע פנים'ער. איינער אַ באַנק־דירעקטאָר, אַ פּוילישער איד. איך געדענק ווי מען פלעגט דער־צעהלען וועגען איהם אין מינסק, אַז ער לעבט גאָר ווי אַ גרויסער גביר. אַ ראיה: אַלע פריהמאָרגען קריגט ער פרישע ברויט אַזש פון ווארשא! אַ צווייטער איז געווען אַ פּוילישער אַדוואָקאַט. איך בין אפילו געווען באַקאַנט מיט איהם פּערזענליך, אָבער ער האָט מיך ניט דערקענט. זיי זיינען ביידע אריין אין צוג. די פּלאַטפאָרם איז געבליבען לעדיג, און איך האָב זיך ווידער אַמאָל אָפּגעזעגענט מיט מיין אַלטען, ליבען מינסק. איך האָב איהר טאַקע מעהר ניט געזעהן. אמת, אין די שפּעטערדיגע יאָהרען בין איך נאָך אַמאָל געפאָהרען איבער דעם זעלבען וועג. דע־מאָלט בין איך אָבער ניט ארויס אויף דער פּלאַטפאָרם. איך בין געזעסען הינטער די אייזערנע גראַטעס פון אַן ארעסטאַנטען־וואַ־גאָן, באוואַכט פון באוואפענטע זעלנער. מען האָט מיך געפיהרט פון אָריאָל צום משפט אין ווארשא. ס'איז געווען דאָס יאָהר ...1915

איך בין אריבער בשלום די גרעניץ און אָנגעקומען אין בער־לין. דאָרטען האָב איך זיך געטראָפען מיט ליבער'ן און מיר זיינען צוזאַמען געפאָהרען אין קאָפּענהאַגען. פאַרפאָהרען אין אַ שעהנעם, גרויסען האָטעל, זיך געטראָפען מיט אַנדערע דעלעגאַ־טען. צווישען אַנדערע איז אין דעם זעלבען האָטעל געשטאַנען אויך טראָצקי, און ער איז באַלד אריין צו אונז אין צימער. איך האָב איהם ניט געזעהן אַ פּאָר יאָהר, און פאַר דער צייט האָט ער זיך גאַנץ שטאַרק געביטען. אין משך פון די פּאָר יאָהר האָט ער אַ סך דורכגעמאַכט. אין 1905 איז ער אוועק פון דער שווייץ אין רוסלאַנד, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם פּעטערבורגער

סאָוויעט, אַרעסטירט געוואָרען, פאַרשיקט אין סיביר. איצט איז ער נאָר־וואָס אַנטלאָפען געוואָרען און צוריקגעקומען אין אויסלאַנד. ער איז נאָך געווען אויסגעמאַטערט פון וועג, אויס־געמאָגערט און בלאַס. אויך אינערליך האָט ער זיך געביטען: געוואָרען רייפער, סאָלידער. אין די אמאָליגע צייטען, ווען איך פלעג איהם טרעפען אין אויסלאַנד, האָט ער נאָך געהאַט אין זיך אַ סך אינגעלשעס. נאָכדעם ווי איך האָב מיט איהם דיסקוטירט אין קאַרלסרוהע, האָב איך זיך געטראָפען מיט איהם אין דעם זעלבען יאָהר 1903 אויף דעם צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין ברוסעל און לאָנדאָן. דער־נאָך האָבען מיר זיך צוזאַמען באַטייליגט אין אַ גרויסען רוסישען מיטינג, וואָס איז פאָרגעקומען אין זשענעווו באַלד נאָכ'ן אָנהויב פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה; איך בין געווען אין פּרעזי־דיום פון מיטינג, טראָצקי איז געווען דער הויפּט־רעדנער. איך געדענק נאָך זעהר גוט זיין רעדע און דעם מאָדנעם איינדרוק, וואָס זי האָט אויף מיר געמאַכט. ער האָט גע'טענה'ט — ניט מעהר און ניט ווייניגער, — אַז אָביעקטיוו זיינען די גרויסע מערב־אייראָפּעאישע לענדער שוין רייף פאַר דער סאָציאַלער רע־וואָלוציע אין 1904! בכלל פלעגט ער דעמאָלט מאַכען אַן איינ־דרוק פון אַ מענשען, וואָס האָט אין זיך ווייניג פאַראַנטוואָרט־ליכקייט, אַ גרויסער בעל־מליצה, וואָס יאָגט זיך נאָך שעהנע, שאַרפע פראַזען. דער וויציגער, שטעכיגער ראַזאַנאָוו האָט איהם דעמאָלט געגעבען די צונעמעניש „באַלאַלייקין". אַ צווייטע צו־נעמעניש, וואָס ער האָט איהם געגעבען צוליב זיין האַלטונג אויפ'ן צוזאַמענפאָהר, איז געווען: „לענינ'ס שטעקען" („לענינסקאיא דובינקא"). ווי געזאָגט אָבער, האָט ער זיך שטאַרק געביטען; ער איז אויסגעוואַקסען, און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז געוואָרען רוהיגער און ערנסטער. פון לענינ'ען האָט ער זיך שטאַרק דערווייטערט, מיט'ן באָלשעוויזם האָט ער איבער־געריסען. אַ מענשעוויק איז ער אפילו ניט געוואָרען, אָבער ער האָט פאַרנומען אַ מיטעלע שטעלונג, וואָס איז געווען נאָהענט צו דער פּאָליטישער שטעלונג פון „בונד". ער האָט געוואָלט שאַפען אין דער פּאַרטיי זיינע אַן אייגענע פראַקציע, און קענטיג, אַז ער האָט גערעכענט צו שטיצען זיך אויפ'ן „בונד". האָט ער אָנגע־

הויבען גאַנץ שטאַרק צו קאַקעטירען מיט'ן „בונד" און מיט די בונדאָוועצעס — און דאָס האָט אָנגעהאַלטען יאָהרען־לאַנג. מיט יאָהרען פריהער איז ער געווען אַ פאַרביסענער געגנער פון „בונד"; אויפ'ן צוזאַמענפאָהר פון 1903 האָט ער געהאַט די שאַרפסטע צונויפשטויסען מיט ליבער'ן, אָבער די לאַגע האָט זיך געביטען, און ער האָט זיך באַמיהט צו ווערען מיט אונז אַ גאַנצער מחותן.

איך פערזענליך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט אין דער אויפריכטיגקייט פון דיזער נייער פריינדשאַפט. באַלד פון ערשטען מאָמענט, ווען איך האָב דערזעהן טראָצקי'ן, איז ער מיר געוואָרען ניט סימפּאַטיש. און אויף וויפיל איך וויים, פלעגט ער זיך באַציהען צו מיר פונקט אזוי ווי איך צו איהם. דאָס האָט זיך, אגב, באַשטעטיגט באַלד אין דעם ערשטען פריהמאָרגען, ווי נאָר מיר זיינען געקומען אין קאָפּענהאַגען. די מעשה איז געווען אזוי: בעת מיר פלעגען ארויסגעבען „נאַשע סלאָוואָ" האָב איך דאָרטען אָנגעשריבען אַן ארטיקעל וועגען דער פּאָליטישער לאַגע און וועגען די סבות פארוואָס די רעוואָלוציע האָט נאָך נישט געזיגט. איך האָב דאָרטען ספּעציעל אונטערגעשטראָכען די באַדייטונג פון רוסישען פּויערטום. טראָצקי איז דעמאָלט געזעסען אין טורמע; זיצענדיג אין טורמע האָט ער זיך אויך פאַרנומען מיט ליטעראַרישער אַרבייט, און עס האָט זיך אזוי געטראָפען, אז ער פלעגט זיך ארויסזאָגען אויך אין דעם זעלבין זין. ווען ער איז אריין צו אונז אין צימער אין דעם קאָפּענהאַגענער האָטעל, האָט ער באַלד געפרעגט ביי ליבער'ן: „זאָגט נאָר, ווער איז דאָס ביי אייך וויניצקי?" (יענער ארטיקעל איז אונטערגעשריבען געווען מיט דעם דאָזיגען פּסעוודאָנים מיינעם). דער טאָן פון דער פראַגע איז געווען אַזא, אז עס איז געווען קענטיג, אז דער אַרטיקעל איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען און ער איז גרייט צו קוקען אויף דעם מחבר, ווי אויף אַ מין שותף. ענטפערט איהם ליבער: „דאָס איז מעדעם". „אזוי!", — מאַכט טראָצקי, און ווערט אנטשוויגען, און מען קען זעהן פון זיין מינע, אז די ענטפלעקונג איז איהם נישט צום הארצען.

מיר האָבען פאַרבראַכט אין קאָפּענהאַגען אַ פּאָר טעג, וואַרטענדיג אויף די איבעריגע דעלעגאַטען. פלוצים, אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, קומט אָן אַ שלעכטע ידיעה. די דענישע רעגירונג

האָט אונז געלאָזט וויסען, אַז זי קען ניט דולדען ביי זיך אַ רו־סישען סאָציאַליסטישען צוזאַמענפאָהר, און מיר זיינען אויפגע־פאָדערט געוואָרען תיכף צו פאַרלאָזען דעם „גאַסט־פריינדליכען" קאָפּענהאַגען. ס'איז געווען אַ שווערער קלאַפּ. אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, די דעלעגאַטען זיינען שוין געווען אויפ'ן אָרט — און דאָס איז געווען נישט קיין קליינע מחנה, עס זיינען געקומען ארום 300 מאַן. אָבער ס'איז נישט געווען קיין ברירה, און מען האָט באשלאָסען איבערצוטראָגען זיך אין די איין־און־איינציגע אייראָפּעאישע שטאָדט, וואו מען האָט געקענט זיין זיכער, אַז מען וועט אונז לאָזען צורוה: אין לאָנדאָן. און דאָר־טען איז טאקע פאָרגעקומען — און האָט זיך געצויגען וואָכען־לאַנג — דער גרויסער, אינטערעסאַנטער צוזאַמענפאָהר.

מערקווירדיג און אינטערעסאַנט איז געווען שוין די אויסער־ליכע זייט פון דעם דאָזיגען קאָנגרעס. אונזערע זיצונגען זיינען פאָרגעקומען אין אַ קלויסטער. אין לאָנדאָן איז דאָ פאַראַן זעהר ווייניג גרויסע עפענטליכע זאַלען, וואו מען זאָל קענען מאַכען מאַסען־פאַרזאַמלונגען; בענוצט מען זיך מיט קירכען. עס האָט זיך געפונען עפּעס אַ ליבעראַלע „ברודרשאַפט" (איך האָב פאַר־געסען איהר נאָמען), וועלכע פאַרמאָגט איהר אייגענע קירך און וועלכע האָט אונז אָפּגעטראָטען די דאָזיגע קירך. אין שטאָדט האָט מען געוואוסט, אַז עס זיינען געקומען רוסישע רעוואָלוציאָ־נערען; די צייטונגען האָבען זיך דערוואוסט וועגען אונזער „גירוש־קאָנפערענץ" און וועגען אונזער אַריבערפּעקלען זיך קיין ענגלאַנד. ביים אַריינגאַנג צום קלויסטער פלעגען שטעהען רעפּאָרטערס מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען; עס האָט זיך זיי איינגעגעבען אָפּ־צופאָטאָגראַפירען אַ פּאָר פרויען־דעלעגאַטען, און זייערע פאָר־טרעטען האָבען זיך באוויזען אין די בלעטער מיט פאַנטאַסטישע אונטערשריפטען. ביים טויער פלעגט אויך שטעהן אַ פּאָליס־מאַן — אַכטונג צו געבען אַז קיינער זאָל אונז נישט באַפאַלען. צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע איז אַ צוזאַמענפאָהר פון רוסישע רעוואָלוציאָנערען פאָרגעקומען אונטער דעם שוץ פון דער פּאָליציי.

דער קלויסטער איז נישט געווען קיין גאָר גרויסער, אָבער ס'איז געווען גענוג אָרט פאַר די דריי הונדערט דעלעגאַטען.

ס'איז אויך געווען א גאַלעריע, אויף וועלכער מען פלעגט אריינ־לאָזען אויסדערוועהלטע געסט. די דעלעגאַטען האָבען זיך אויס־געזעצט לויט די פראַקציעס. פון איין זייט זיינען געזעסען די באָלשעוויקעס, פון דער צווייטער — די מענשעוויקעס, אין דער מיט — די דריי נאַציאָנאַלע פראַקציעס: דער „בונד", די לעטען און די פּאָליאַקען. ס'איז געווען אַן אמת'ער פּאַרלאַמענט. יעדע פראַקציע איז געווען פעסט אָרגאַניזירט און אָנגעפיהרט דורך אַן אייזערנעם פראַקציאָנס־קאָמיטעט, און עס האָט געהערשט אַ גאַנץ שטרענגע דיסציפּלין. ביי דער פּוילישער פראַקציע איז, למשל, געווען אַ פּאָרמעלער באשלוס, אַז אַלע זיינען מחויב צו שטימען סאָלידאריש; ביי אונזער פראַקציע איז אזא פּאָרמעלער צוואנג נישט געווען, אָבער פאקטיש איז עס אויך כמעט ביי אַלע אָפּ־שטימונגען געווען אזוי. די באָלשעוויסטישע און די פּוילישע פראַקציעס האָבען געהאַט יעדע אַ ספּעציעלען „דיריגענט", וועל־כער פלעגט ווייזען דעם עולם, ווי אַזוי מען דאַרף שטימען. וואָ־רום ניט אַלע דעפּוטאַטען פלעגען זיך ווי געהעריג אָריענטירען אין דעם, וואָס עס קומט פאָר אויפ'ן צוזאַמענפאָהר; אַ גרויסער טייל פון די פּוילישע דעלעגאַטען האָט אפילו ניט פארשטאַנען — אָדער שלעכט פארשטאַנען — די רוסישע שפּראַך. פלעגט ביי יעדער אָפּשטימונג דער דיריגענט ארויפגעהן אויף דער טריבונע און מעלדען: אונזער פראַקציע שטימט אזוי און אזוי. האָט דער עולם געוואוסט, ווי צו הויבען די הענד. אזוי ארום האָט ניט געקענט זיין קיין רעד וועגען דעם, אַז איין צד זאָל קענען איבערציייגען דעם צווייטען. גערעדט האָט מען אפילו אָהן אַ שיעור, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען אַ פּשוט'ע אריפמעטישע רעכענונג: וויפיל שטימען האָט די פראַקציע, וויפיל שטימען די צווייטע, די דריטע א. אז. וו. דער דיריגענט פון דער באָל־שעוויסטישער פראַקציע איז געווען דער מאָסקווער היסטאָריקער ראָזשקאָוו; דער דיריגענט פון די פּאָליאַקען — מארכלעווסקי (קארסקי); די לעטען זיינען געווען אַליין צושפּאָלטען אויף צוויי העלפטען. די בונדיסטישע און די מענשעוויסטישע פראַקציעס האָבען געארבייט אָהן אַ דיריגענטען־שטעקעל.

צווישען די דעלעגאַטען זיינען געווען די גאַנצע סמעטענע פון דער באוועגונג, כמעט אַלע וויכטיגע טוער זיינען געווען

אויפ׳ן אָרט; מיט דעם אויסנאַהם בלויז פון די, וואָס זיינען גע־וועזן אין טורמע און האָבן ניט געקענט קומען. אויף די בענק פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע זיינען אויך געזעסן צוויי בכבוד׳יגע געסט, וועמעס קומען איז געווען אַ גאַנצע סענסאַציע: דאָס איז געווען מאַקסים גאָרקי און זיין פרוי אַנדרעיעווא. אין דער גאַלעריע האָט מען געקענט זעהן דעם שעהנעם גרויען קאָפּ פון דעם באַריהמטען אַלטען רעוואָלוציאָנער זונדעלעוויטש.

געעפענט דעם צוזאַמענפאָהר האָט פּלעכאַנאָוו. דערנאָך האָט מען געוועהלט אַ פּרעזידיום. ווי עס פיהרט זיך אויף די רוסישע צוזאַמענפאָהרען, האָט מען געקליבען ניט איין פאָר־זיצענדען, נאָר אַ גאַנצע קאָלעגיע. וועגען דעם צוזאַמענשטעל פון פּרעזידיום זיינען אַלע צדדים דורכגעקומען צווישען זיך אין פאָראויס. אַזוי ווי עס זיינען געווען פינף פראַקציעס, איז באַ־שלאָסען געוואָרען אַז מען וועט אויסקלייבען פינף פאָרזיצענדע, צו איינעם פון יעדער פראַקציע. דאָס זיינען געווען: פון די באָלשעוויקעס — לענין, פון די מענשעוויקעס — דאַן, פון די פּאָליאַקען — טישקאָ, פון די לעטען — אַזים, און פון „בונד״ — איך. מיר האָבן פאַרנומען די ערטער אויף דער טריבונע. די ערשטע זיצונג האָט געדאַרפט פיהרען דער יעניגער פון די פינף, וועלכער האָט באַקומען די מעהרסטע צאָהל שטימען. דאָס איז געווען אַזים. און איידער מען האָט געקענט אָנגעהן מיט דער אַרבייט, איז שוין פאָרגעקומען דער ערשטער סקאַנדאַל.

די מעשה איז געווען אַזוי. מיט אַ צייט צוריק האָט לענין אָנגעשריבען אַן אַרטיקעל, וועלכער האָט שטאַרק באַליידיגט די פּעטערבורגער מענשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע. פאַר דעם דאָזיגען אַרטיקעל האָבען איהם די מענשעוויקעס צוגעצויגען צום פּאַרטיי־געריכט. די געשיכטע האָט זיך פאַרשלעפּט, דער געריכט איז נאָך ניט פאָרגעקומען (ער איז אויך שפּעטער קיינמאָל ניט גע־קומען צו שטאַנד), אָבער די מענשעוויקעס האָבען געהאַלטען, אַז אויף לענינ׳ען ליגט אַ חשד פון אַ ניט שעהנער האַנדלונג. און איצט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער צוזאַמענפאָהר, האָבען זיי באַלד אין דער ערשטער מינוט אריינגעגעבען אַ שריפטליכען פּראָטעסט געגען דעם, וואָס אַזאַ מענש, וואָס האָט אויף זיך אַ פּאַרטיי־געריכט, איז אויסגעקליבען געוואָרען אין פּרעזידיום.

דער פּראָטעסט איז אריינגעגעבען געוואָרען אזיס'ען אין האנד. אזיס גיט אַ קוק אויפ'ן פּאַפּירעל און ווענדעט זיך צו אונז מיט דער פראַגע: וואָס טוט מען מיט דעם? מיר קוקען איינער אויפ'ן צווייטען: וואָס טוט מען מיט'ן פּראָטעסט? מען דאַרף איהם איבערלייענען. פרעגט מען ביי לעניג'ען — ער איז דאָך דירעקט פאַראינטערעסירט אין דער זאַך. זאָגט ער: „אודאי דאַרף מען דאָס איבערלייענען“. שטעלט זיך אזיס אוועק און הויבט אָן צו לייענען די מגילה אויפ'ן קול. קוים האָט אָבער דער עולם אויס־געהערט די ערשטע ווערטער און דערשמעקט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט זיך אָנגעהויבען אַ גוואַלדיגער טומעל. די באָלשעוויקעס האָבען אָנגעהויבען צו שרייען, אָבער ווי שרייען! צוערשט האָבען זיך גענומען ריהרען איינצעלנע מענשען אויף די ערשטע בענק, דערנאָך — אַלץ מעהר און מעהר, און לסוף האָט זיך עס אויסגעלאָזען מיט אַ ווילדער מהומה. אין דער ערשטער רייהע פון די באָלשעוויסטישע בענק איז געזעסען אַן אַלטער פּאַרטיי־טוער לינדאָוו (דר. לייטאייזען); איז ער אויפ־געשפּרונגען פון זיין אָרט אַ בלייכער, אַ צורודערטער, האַלב־משוגע פון כעס — און שרייט צו מיר ווייזענדיג מיט'ן פינגער אויף אזיס'ען: „רייסט ביי איהם ארויס דאָס פּאַפּירעל פון די הענד!“ טענה איך צו איהם: „קאָכט זיך ניט, אַז לענין אליין איז מסכים מען זאָל דאָס לייענען, מעגט איהר דאָך זיצען רוהיג“. אָבער גנה רעד צו דער וואַנד. די געשרייען ווערען ממש גע־פעהרליך. דער אָרימער אזיס — אַ שטילער, באַשיידענער מענ־של — ווערט צוטומעלט און אנטשוויגען. דאָס פּרעזידיום פאַר־לאָזט די עסטראַדע, און די „פּייערליכע“ ערעפנונגס־זיצונג ווערט איבערגעריסען. דער עולם געהט זיך פאַנאַנדער.

די צווייטע זיצונג איז באַשטימט געוואָרען אויפ'ן צווייטען פריהמאָרגען. ס'איז געווען קלאָר, אַז אויב מען וועט נישט אָנ־נעהמען אויסערגעוועהנליכע מיטלען, וועט דער צוזאַמענפאָהר ניט קענען ארבייטען. דער פּרעזידיום איז זיך צונויפגעקומען און מיר האָבען זיך דורכגערעדט וועגען דעם, ווי אזוי אויסצומיידען אין דער צוקונפט די ווייטערדיגע סקאַנדאַלען. מיר האָבען אויס־געאַרבייט פאַר'ן צוזאַמענפאָהר אַ ספּעציעלע קאָנסטיטוציע. צווי־שען אַנדערעס האָבען מיר אָנגענומען אַ פּונקט, וועלכער באַ־

שטימט אז די פארשיידענע ערקלעהרונגען און מעלדונגען — פערזענליכע און קאלעקטיווע — ווערען געלייענט ניט אנדערש ווי צום סוף פון יעדער זיצונג, און דאס איז נאך דעם ווי זיי וועלען דורכגעהן די צענזור פון פרעזידיום. אויב דער פרעזידיום וועט געפינען, אז די אדער יענע ערקלעהרונג קען ארויסרופען אן אויפרעגונג און א סקאנדאל, ווערט זי אין גאנצען ניט גע־לייענט.

דעם צווייטען פריהמארגען האט זיך דער עולם צונויפגע־קליבען אין געוואורט אויף די ווייטערדיגע געשעהענישען. אביי־סעל איז מען געווען אויפגעקאכט, אביסעל פארשעהמט פון דער שלים־מזל׳דיגער התחלה, און מיט אונגעדולד האט מען זיך גע־ריכט אויפ׳ן גאנג פון דער זיצונג. לויט דער רייהע האט גע־דארפט פיהרען די זיצונג טישקא. דער קלוגער און כיטרער מענש האט אבער ניט געהאט קיין חשק צו געהן אין דעם ערשטען פייער אריין. „איך בין גאר ניט באקאנט מיט אייערע (רוסישע) מנהגים, — האט ער געזאגט. — זאל אימיצער אנדערש פיהרען די היינטיגע זיצונג“. האב איך דאס געמוזט טאן. איך האב שוין געהאט א היבש ביסעל ערפאהרונג אלס פארזיצענדער. איך וויים, אז די הויפט־זאך איז נישט האבען קיין מירא פאר׳ן עולם און פאר׳ן טומעל. און איך האב טאקע ניט קיין מורא פאר דעם. האב איך געעפענט די זיצונג, גערעדט אין א רוהיגען אבער פעסטען טאן, ערקלעהרט אז דעם נעכטיגען אינצידענט באטראכטען מיר אלס ערלעדיגט און וועלען זיך צו איהם מעהר ניט אומקעהרען, געמאלדען וועגען די פונקטען וואס דאס פרע־זידיום האט אויסגעארבייט און געבעטען דעם צוזאמענפאהר, ער זאל זיי באשטעטיגען, און אזוי ארום געבען אינז די מעגליכקייט צו פיהרען די זיצונג אין ארדנונג. דער צוזאמענפאהר האט אהן דעבאטען איינשטימיג באשטעטיגט אונזער פארשלאג, און מען איז צוגעטראטען צו דער ארבייט. די זיצונג איז אדורך שטיל און רוהיג און דער עולם האט אפגעאטעמט. דער קריזים איז מיט מזל אריבער. נאך דער זיצונג זיינען א סך מענשען צוגע־גאנגען צו מיר און אויסגעדריקט זייער צופרידענהייט מיט מיין פיהרען די פארזאמלונג. די קליינע אנזשעליקא באלאבאנאווא (איצט אן אנגעזעהענע באלשעוויסטישע טוערין) האט מיר גע־

מאכט דעם גרעסטען קאָמפּלימענט: „איהר זייט דער רוסישער זינגער“, האָט זי געזאָגט. (זינגער איז געוועזן איינער פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פיהרער, דער שטענדיגער פאָר־זיצענדער אויף די דייטשע צוזאַמענפאָהרען און אויף די אינטער־נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסען).

עס האָט זיך אָנגעהויבען די אונענדליכע סדרה זיצונגען. די רוסישע צוזאַמענפאָהרען האָבען געהאַט אזא טבע, אַלעמאָל אָנצוהויבען פון דעם אלף בית. אַלס ערשטע פראַגע איז געווען אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טאָגעס־אָרדנונג דער פּונקט וועגען דעם איצטיגען פּאָליטישען מאָמענט; דערנאָך זיינען געגאַנגען אַנדערע אַלגעמיינע פראַגען, און ערשט צום סאַמע סוף, נאָכדעם ווי מען האָט זיך גע׳פּלפּול׳ט און גע׳חקרן׳ט א פּאָר וואָכען, איז מען אַריבער צו מעהר פּראַקטישע פראַגען. און די גאַנצע צייט איז אָנגעגאַנגען א פאַרביסענער, פאַר׳עקשן׳טער קאַמף צווישען די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. בלויז די בונדאָוועצעס און דער „בייטראַלער“ טראָצקי פלעגען פון צייט צו צייט אריינטראָגען נאָך א דריטע נאָטע אין דעם דאָזיגען דועט. זיי זיינען געווען דער צענטער.

פון די דריי הונדערט מענשען, וואָס זיינען געווען אויפ׳ן צוזאַמענפאָהר, פלעגען זיך באַטייליגען אין צוזאַמענפאָהר בלויז זעהר א קליינער טייל. יעדע פראַקציע האָט געהאַט עטליכע רעדנער, וועלכע פלעגען כסדר אַרויסטרעטען, דער איבעריגער עולם איז געזעסען שטיל און האָט זיך בלויז באַטייליגט אין די אָפּשטימונגען. א גרויסען אינטערעס פלעגען אַרויסרופען די מיטגלידער פון דער דומא — א נייע ערשיינונג אויף א רוסישען צוזאַמענפאָהר. די דומא־פראַקציע איז אויך געווען צושפּאָלטען אויף א מענשעוויסטישען און באָלשעוויסטישען טייל. אויסער־ליך, אין דומא, פלעגען זיי אַרויסטרעטען סאָלידאַריש, אָבער אינוועניג פלעגען פאָרקומען שטענדיגע רייסענישען, און די דאָ־זיגע רייסענישען האָבען זיך אַריבערגעטראָגען אויך אין לאָנדאָן. דער פיהרער פון מענשעוויסטישען פליגעל אין דער דומא־פראַקציע איז געווען צערעטעלי, דער באָלשעוויסטישער פיהרער איז געווען אַלעקסינסקי.

איך האָב זיי ביידע געזעהן צום ערשטען מאָל. צערעטעלי

פלעגט מאכען זעהר א גוטען איינדרוק. א יונגער בחור פון א יאָהר 26, א שעהנער, א געלאַסענער, מיט א קלוגען סימפּאַ־טישען פּנים, מיט קלוגע רייד, פלעגט ער אויסנעהמען ביי אַלע־מען. אַלעקסינסקי איז געווען גאָר אַן אַנדער מין מענש. אויך א יונגער, אָבער גאָר ניט קיין שעהנער — א קליינער, אָהן א באָרד און אָהן וואָנצעס (עס פלעגט מאכען דעם איינדרוק, אַז ניט ער גאָלט זיי, נאָר זיי וואַקסען ביי איהם נאָך ניט), מיט א ביסעל א קרומער פּלייצע, מיט א קוויטשענדיגער ווייבערשער שטים, פלעגט ער מאכען דעם איינדרוק פון א האַלבען קריפּעל, קיין נאַר איז ער ניט געווען; זיינע רעדעס אין דער דומא פלעג־גען אמאָל מאכען דעם גרעסטען רושם, אָבער ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס אָפּשטויסענדעס. איך פלעג זיך טרעפען מיט איהם אויך שפּעטער, ווען די גאַנצע פראַקציע האָט זיך נאָכ'ן צוזאַמענ־פּאָהר אומגעקעהרט קיין רוסלאַנד, איז אַרעסטירט געוואָרען און געגאַנגען אין קאַטאָרגע, און ער איז, צוליב עפּעס א מערקווירדיגען צופאַל, געבליבען אין אויסלאַנד. ער פלעגט זיך פיהרען גוואַלדיג רעוואָלוציאָנער. ס'איז געקומען שפּעטער א צייט, ווען לעניו איז פאַר איהם געוואָרען צו רעכט, — איך האָב אָבער קיינמאָל ניט געהאַט קיין צוטרוי ניט צו איהם פּערזענליך, ניט צו זיין עקסטרעמער רויטקייט, און עס האָט מיך אין גאַנצען ניט געוואונ־דערט, ווען איך האָב זיך דערוואוסט אין די מלחמה־יאָהרען, אַז דער דאָזיגער „געפעהרליכער" רעוואָלוציאָנער איז געוואָרען א שותף פון דעניקינ'ען. איבעריגענס, איז ער געווען ניט דער איינציגער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ רעוואָלוציע פון א דונ־קעל־רויטען צו א דונקעל־שוואַרצען קאָליר. איך האָב מורא, אַז ער איז ניט דער לעצטער...

אָבער א פעהיגער מענש איז ער געווען, און א גוטער רעד־נער. ריכטיגער געזאָגט, א גוטער פּאָלעמיסט. איך האָב איהם אמאָל געהערט האַלטען א סענטימענטאַלע, יום־טוב'דיגע רעדע, איז דאָס געווען אויף צרות. אָבער, אַז מען האָט גדאַרפט אָנ־זידלען אימיצען, דעמאָלט איז ער געווען אויפ'ן פערד. א שייגעץ און א חוצפה'ניק איז ער געווען, און ער האָט פאַרמאָגט א ביי־סענדען וויץ, א בייזע שטעכיגע צונג, אין אפילו זיין ווייבערשע שטים איז געווען שטעכעדיג, ווי א שאַרפער מעסער. אויפ'ן

צוזאַמענפאָהר פלעגט ער זיך כסדר שפּאַרען מיט צערעטעלי'ן, אָבער דער רוהיגער שטילער צערעטעלי פלעגט פונדעסטוועגען ניט בלייבען זיין בעל חוב. אויך מיט פלעכאַנאָוו'ען האָט ער זיך פאַרמאָסטען צו רייסען, און ניט קוקענדיג, וואָס פלעכאַנאָוו איז געווען איינער פון די וויציגסטע מענשען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פלעגט ער איך כאַפּען אַ גאַנץ שאַרפען שטאָך פון אַלעקסינסקי'ס שפּיציגען צינגעל. איך געדענק אַזאַ מין עפּיזאָד. פלעכאַנאָוו האָט געהאַט אויף די עלטערע יאָהרען אַ שלעכטע געוואוינהייט: ער פלעגט צופיל רעדען וועגען זיך. אין איינער פון זיינע רעדעס אַ יאָ'ן צוזאַמענפאָהר האָט ער געזאָגט: „ווען איך האָב זיך געקליבען צו פאָהרען אַהער האָט מיר דער דאָקטאָר געזאָגט: איהר זיינט קראַנק, איהר טאָרט ניט פאָהרען. איך האָב איהם אָבער געענטפערט: וואָלט איך אפילו געלעגען אַ שטאַרבענדער, וואָלט איך זיך דאָך אויפגעכאַפּט און געפאָהרען פאַרטיידיגען מיין פּאָליטישע ליניע". אין אַ פּאָר טעג אַרום האַלט אַלעקסינסקי אַ רעדע, און פאַלט אָן, ווי זיין שטייגער איז, אויף די מענשעוויקעס. פלעכאַנאָוו קען נישט איינזיצען רוהיג און רייסט איהם איבער מיט עפּעס אַן אויסרוף. שטעלט זיך אַלעקסינסקי אָפּ, דערלאַנגט אויף פלעכאַנאָוו'ן אַ קוק מיט זיינע קלייניטשקע שטעכיגע אויגעלאַך, פאַרקרימט זיין מויל אין אַ בייזען שמייכעל און רופט זיך אָפּ מיט זיין דינער, קוויטשעדיגער שטימע: „חבר פלעכאַנאָוו, איהר זיינט אַ קראַנקער מענש, עס קען אייך פאַרשאַדען, אויב איהר וועט זיך אויפרעגען". — חבר אַלעקסינסקי, איהר קענט מיך קיין מאָל ניט אויפרעגען!" האָט געענטפערט פלעכאַנאָוו. אַלעקסינסקי'ס אָנפאַל איז טאַקע געווען גאַנץ וויציג, אָבער ער האָט געמעגט האָבען אַביסעל מעהר דרך־ארץ צו דעם אַלטען, גרויען גרינדער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

פלעכאַנאָוו אַליין פלעגט שיטען מיט וויצען. מאַנכע פון זיי זיינען געווען אַלט, מאַנכע אָבער ניי און גלענצענד. אַ שאַרפען שטאָך האָט פון איהם באַקומען ראָזאַ לוקסעמבורג. אין אַ רעדע וועגען דער פּאָליטישער טאַקטיק, האָט אַבראַמאָוויטש זיך אויסגעדריקט אַז ראָזאַ לוקסעמבורג זיצט צווישען צוויי שטולען.

נאָכדעם האָט גערעדט פּלעכאַנאָוו. „חבר אַבראַמאָוויטש איז ניט גערעכט, — האָט ער געזאָגט, — די חבר'טע לוקסעמבירג זיצט ניט צווישען צוויי שטולען, נאָר זי טראָגט זיך ארום אין די וואָלקענס ווי ראַפאַעל'ס אַ מאַדאָנע". ווער עס האָט געזעהן לוקסעמבורג ניט קיין יונגע, ניט קיין שעהנע און אַ הינקענדיגע דערצו, האָט פאַרשטאַנען זיין בייזען שטאָך. די קלוגע פרוי האָט אָבער געלאַכט און געפּאַטשט בראַוואָ צוזאַמען מיט'ן איבעריגען עולם.

אַ גרויסער סקאַנדאַל איז פאָרגעקומען צווישען ראָזאַ לוק־סעמבורג און דער בונדישער פראַקציע. פּאָלעמיזירענדיג מיט אַ בונדישען רעדנער, האָט זי זיך ערלויבט צו זאָגען, אַז דער „בונד" האַלט זיך אין פּאָליטיק ווי אַ קרעמער, וואָס זיצט און רעכענט אויס, צי דער צוקער ווערט טייערער, צי ביליגער. דער דאָזיגער וויץ האָט געהאַט אין זיך אַ ספּעציפישען, זעהר ניט קיין געשמאַ־קען טעם. איך בין גראָד געווען אין יענעם טאָג דער פּאָרזי־צענדער, און וועלענדיג זיין אָביעקטיוו, האָב איך די רעדנערין ניט אָפּגעשטעלט. נאָך מעהר, ווען אונזער פראַקציע האָט אָנ־געהויבען צו פּראָטעסטירען, האָב איך דעם עולם איינגעשטילט, ניט דערלאָזט צו קיין טומעל. נאָך דער זיצונג האָט זיך אונזער פראַקציע צונויפגעקליבען און אָנגעשריבען אַ פּראָטעסט געגען לוקסעמבורג'ס ווערטער. דער פּראָטעסט איז געווען זעהר אַ שאַרפער. לויט דער קאָנסטיטוציע פון צוזאַמענפאָהר, האָט ער געהאַט דורכצוגעהן די צענזור פון פּרעזידיום. די מיטגלידער פון פּרעזידיום זיינען געווען גרייט צו געבען אונז די געהעריגע באַ־פרידיגונג און האָבען אונזער פּראָטעסט דורכגעלאָזען; זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז ראָזאַ לוקסעמבורג האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. דער איינציגער, וואָס וואָלט יאָ געקענט ארויפלעגען אַ וועטאָ אויף אונזער פּראָטעסט, איז געווען טישקאָ, דער פאָרשטעהער פון דער פּוילישער פראַקציע; אָבער עס האָט זיך גראָד געטראָפען אַזוי, אַז אין דער באַראַטונג פון פּרעזידיום איז ער ניט געווען אַנוועזענד. איז דער פּראָטעסט איבערגעלייענט געוואָרען פון דער טריבונע צום סוף פון דער צווייטער זיצונג. די פּוילישע חברים האָבען זיך אָנגענומען פאַר ראָזאַ לוקסעמבורג'ן און האָבען פון זייער זייט אויך ארייגגעטראָגען אַ פּראָטעסט. איך געדענק

ניט דעם נוסח פון זייער ערקלעהרונג, איך ווייס אָבער, אז זי איז געווען אַ סך שאַרפער ווי די בונדישע און האָט אין זיך ענט־האַלטען אַ גוואַלדיגע באַליידיגונג פאַר דער בונדישער פראַקציע. דאָס פּרעזידיום האָט מיט אַ מעהרהייט שטימען באַשלאָסען, אַז דער פּראָטעסט דאַרף געלייענט ווערען. דעמאָלט האָב איך ער־קלעהרט, אַז איך געה ארויס פון פּרעזידיום און צוזאַמען מיט מיר איז ארויס אויך דער מענשעוויק דאַן. דאָס האָט געווירקט. עס האָבען זיך אָנגעהויבען אונטערהאַנדלונגען, און סוף כל סוף איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז מען וועט די אַלע באַליידיגענדע ווערטער פון ביידע צדדים אַרויסוואַרפען פון פּראָטאָקאָל.

דאָס איז געווען נישט דער איינציגער צוזאַמענשטויס צווי־שען דער בונדישער און דער פּוילישער דעלעגאַציע. עס האָט זיך געטראָפען נאָך אַ צווייטע געשיכטע, ביי וועלכער מען האָט שיעור ניט געהאַלטען ביי אַ פּשוט'ען געשלעג. דאָס איז געווען די מעשה מיט די „לאָדזער מאַנדאַטען".

דאָס איז געווען אזוי: בעת מען האָט געקליבען דעלע־גאַטען צום צוזאַמענפאָהר, האָט יעדע פראַקציע, ווי עס פיהרט זיך, געוואָלט שיקען וואָס מעהר. ס'פאַרשטעהט זיך, מען האָט נישט געטאָרט קלייבען גלאַט אזוי, אין דער וועלט אריין, וויפיל עס גלוסט זיך; עס זיינען געווען געוויסע תקנות. אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט מען געדאַרפט שיקען צו איין דעלע־גאַט אויף יעדע דריי הונדערט מיטגלידער. איז דאָכט זיך אַלץ אין אָרדנונג? — נישט אין גאַנצען. ווי האָט מען די גאַראַנ־טיע, אַז אַלע צדדים וועלען ריכטיג אָנגעבען די צאָהל מיטגלידער? די אָרגאַניזאַציעס זיינען דאָך אונלעגאַל. קיין רשימות מיט נעמען, מיט אדרעסען קען מען נישט האָבען — בלייבט אַ ברייטע מעגליכקייט פאַר קליינע און גרויסע שווינדלערייען. און מען מוז זאָגען, אַז די באַציהונגען צווישען די פראַקציעס זיינען גע־ווען אַזעלכע, אַז מען האָט טאַקע חושד געווען איינער דעם צוויי־טען אין גאַנץ מיאוס'ע קונצען, און — וואָס די הויפּטזאַך איז — דער חשד איז אָפטמאָל געווען דוקא אַ באַרעכטיגטער.

דעריבער איז געווען באַשלאָסען, אַז אין יענע שטעדט, וואו עס זיינען געווען צוויי פראַקציעס — און דאָס איז געווען כמעט אומעטום — זאָלען זיי ביידע שאַפען אַ געמיינזאַמע קאָנ־

טראָל־קאָמיסיע, וואָס זאָל השגחה געבען אויף ביידע צדדים, זיי זאָלען ביי די וואהלען זיך פיהרען לייטיש.

די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע האָבען זיך ניט געקענט באריהמען מיט א גאַר שטאַרקער אָרגאַניזאַציע אָבער האָבען פּאָרט געוואָלט האָבען א גרויסע דעלעגאַציע, האָבען אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז אין דער גרויסער ארבייטער־שטאָדט לאָדז זאָל אַזאַ קאָמיסיע ניט קענען קומען צו שטאַנד. זיי האָבען זיי פּשוט צובראָכען און דורכגעפיהרט זייערע וואהלען אָהן א פּרעמדער השגחה. האָבען זיי פון דער דאָזיגער געבענשטער שטאָדט, וואו עס האָט זיי געקומט בלויז עטליכע דעלעגאַטען, ארויסגעשיקט גאַנצע דרייצעהן מאַן. די לאָדזער בונדאָווצעס האָבען זעהר גוט געוואוסט, אַז די מעשה איז זעהר טריף. אָבער זיי האָבען קיין זאַך נישט געקענט אויפטאָן. האָט מען וועגען דער זאַך גערעדט אין לאָנדאָן און דער עולם איז געווען שטאַרק אויפגערעגט איבער דעם מיאוס'ען אויפטו. איז דער אויסדרוק „לאָדזער מאַנדאַטען" געוואָרען א מין זידעל־וואָרט.

צווישען די דאָזיגע דעלעגאַטען — דוקא פון לאָדז — איז געווען דער באַוואוסטער מאַקסים, דער אייגענער מאַקסים, וועלכער האָט געשפּילט אַזאַ גוואַלדיגע ראָלע אין די אָקטאָבער־טעג, ווען ער איז געווען אַן אמת'ער דיקטאַטאָר אין ריגא. ער איז שפּעטער אַנטלאָפען פון ריגא און אין 1907 געאַרבייט אין לאָדז. צוליב קאָנספּיראַציע האָט ער געביטען זיין נאָמען, און אין לאָדז האָט מען איהם גערופען אַנדערש. א היציגער בחור איז ער געווען, און בעת עס איז געקומען אויפ'ן צוזאַמענפאָהר עפּעס צו אַן אָפּשטימונג און די באָלשעוויקעס האָבען געזיגט דוקא א דאַנק די 13 לאָדזער שטימען, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געטאָן א געשריי: „לאָדזער מאַנדאַטען!".

די פּאָליקאָען זיינען געוואָרען גוואַלדיג אויפגערעגט. קודם כל האָבען זיי גענומען שרייען: „מאַקסים! מאַקסים!" דאָס אַליין איז שוין געווען א מיאוס'קייט, ווייל דערמיט איז אַנטפּלעקט געוואָרען דער נאָמען פון א מענשען, וועמען עס האָט שטאַרק געזוכט די פּאָליציי, אָבער מיט דעם האָט זיך דער סקאַנדאַל ניט געענדיגט. די אייגענע „לאָדזער מאַנדאַטען" — דאָס רוב פּשוט'ע, האַלב־באַוואוסטזיניגע ארבייטער, וועלכע מען האָט

אריבערגעשלעפּט איבער'ן ים, זיי זאָלען דאָרטען ארבייטען אַלס שטים־הענד (פון די עצם־זאַכען, וואָס מען פלעגט ארומריידען אויפ'ן צוזאַמענפאָהר, האָבען זיי זעהר ווענינ פארשטאַנען, אָבער אויפהויבען די הענד ביי אַן אָפּשטימונג איז דאָך ניט קיין גרויסע קונץ) האָבען אָנגעהויבען צו שיטען אויפ'ן אַדרעס פון מאַקסימ'ען און פון דער אידישער פראַקציע בכלל מיט אַזעלכע זידעל־וואָרטער, וואָס מען האָט געמעגט הערען אפשר אין דער רוסישער קאַזארמע, אָבער אַלענפאַלס ניט אויף אַ סאָציאַליסטישען צוזאַמענפאָהר. מענשען וואָס האָבען זיך געפונען אין דער סאַמע געדיכטע, זאָגען, אַז עס האָט ניט געפעהלט אויך דאָס ווערטעל „זשיד". די בונדישע פראַקציע איז געזעסען לעבען די פּאָליאַקען זייט ביי זייט. זיינען ביידע צדדים אויפגעשפּרונגען פון די ערטער. מען האָט שוין געזעהן מענשען, פאָכענדיג אין דער לופטען מיט די פויסטען, און נאָך אַ מינוט — און עס וואָלט זיך אָנגעהויבען אַ גאַנץ פשוט'ער געשלעג. מיט גרויס מיה און מאַטערניש האָט מען איינגעשטילט דעם עולם.

אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען פון צוזאַמענפאָהר איז וויטער פאָרגעקומען אַ געפעהרליכער סקאַנדאַל. איך געדענק שוין ניט וועגען וואָס מ'האָט זיך דעמאָלט געריסען, אָבער געריסען האָט מען זיך גאָר ליידענשאַפטליך. ס'איז געווען זעהר אַ לאַנגע זיצונג און דעם גאַנצען נאָכמיטאָג האָט זיך לענין מיט אַן אייזערנער עקשנות בעמיהט דורכצושטופען עפּעס אַ רעזאָלוציע. די דיסקוסיע איז געווען זעהר אַ פארפלאָנטערטע. דער עולם איז געווען געוואַלדיג מיעד, געוואַלדיג אויפגערעגט און צורייצט, און צום סוף, ווען די רעזאָלוציע האָט שוין געהאַלטען ביים אָנגענומען ווערען, האָט לענין — צוליב עפּעס אַ סטראַטעגישען מאָטיוו, ערקלערט, אַז ער ציהט זיך צוריק. עס האָט זיך אַזוי אָרום אויסגעלאָזט, אַז אַ גאַנצען טאָג האָט מען גלאַט אַזוי פארלאָרען אומזיסט. דאָס האָט אריינגעגאָסען אין דעם בעכער דעם לעצטען טראָפּען. דער עולם איז אויפגעבראַכט געוואָרען. די מענשעוויקעס האָבען אָנגעהויבען אַ געוואַלדיגען טומעל; איינער פון זיי, אַ שטילער, געלאַסענער עלטערער מענש, איז אויפגעשפּרונגען אויסער זיך און האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט צונויפגעפּראַלטע פויסטען צו דער עסטראַדע; עס האָט אויסגעוויזען, ווי ער וועט זיך באַלד ווארפען שלאָגען

לעניג'ען. מען האָט איהם אָפּגעשטויסען. דער טומעל וואַקסט. אַ צווייטער מענשעוויק פאַלט אין חלשות און מען טראָגט איהם אַרויס פון זאַל. דער עולם ברויזט און בושעוועט. איך האָב גראָד געהאַט דעם „מזל" צו זיין דער פּאַרזיצענדער. איך שטעה אויבען, אויף דער עסטראַדע, וויסטע געשרייען פון אַלע זייטען. די רוהי־גערע חברים פון צענטער קומען צולויפען און זאָגען מיר: שליסט די זיצונג, עס קען דאָך ניט געהן אַזוי ווייטער. איך טהו דאָס אָבער ניט. איך ווייס, אַז טאָמער שליס איך יאָ די זיצונג, וועלען זיך ביידע צדדים טאַקע באמת וואַרפען איינער אויפ'ן צווייטען און עס וועט זיך אָנהויבען אַ שלאַכט, עס מוז פריהער ווערען שטיל. איך מוז זיי קודם כל באַרוהיגען, און דאָס גיט זיך מיר איין. איך האָב שוין באַמערקט ניט איינמאָל, אַז מען קען איינשטילען דעם שטורמדיגסטען עולם, כל זמן מען בלייבט אַליין רוהיג און פעסט. ס'איז געוואָרען שטיל. איך פיהר ווייטער די זיצונג, איך גיב דאָס וואָרט דעם ווייטערדיגען רעדנער. איך וויל ניט אָפּלאָזען די לייצעס.

עס שטעהט אָבער אויף מיין חבר גראָסער און אין אַ רוהיגען, זאַכליכען טאָן, (ער האָט גוט פאַרשטאַנען מיין טאַקטיק און האָט טאַקע גענומען דעם ריכטיגען טאָן) מאַכט ער מיר אויפמערקזאַם, אַז די לופט אין זאַל איז עפּעס אַ שרעקליך שטי־קענדיגע, און עס איז ממש שווער איינצוזיצען. עס לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז קאַליע געוואָרען די גאַז־לייטונג: ערגעץ פון אַ לאָך געהט אַרויס דער גאַז און פאַרשפּרייט זיך אין זאַל. מיט דעם האָט זיך צום טייל ערקלעהרט די גרויסע אויפרעגונג.

דעמאָלט האָט מען שוין געמוזט שליסען די זיצונג. איך האָב געמאָלדען דעם עולם, אַז איך וועל דאָס טאָן, פאַרלאַנגט פון ביידע צדדים, אַז זיי זאָלען זיך תיכף פאַנאַנדערגעהן נישט אָנהויבענדיג קיין נייע סכסוכים, געמאַכט אַ פּאָר געשעפטליכע מעלדונגען, און די זאַך איז געווען ערלעדיגט. דער עולם איז אַוועק. דאָס איז געווען דער לעצטער גרויסער שטורם.

דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך געצויגען — אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, שיעור ניט אַ גאַנצען חודש. איינער אַ מערב־אייראָפּעאישער סאָציאַליסט האָט אַמאָל געזאָגט צו פּלעכאַנאָוו'ן: ס'איז ניט קיין וואונדער, אַז אויף אייערע צוזאַ־

מענפאָהרען קריגט מען זיך אזוי שטארק; ווען מען דעבאטירט צווישען זיך וואָבען־לאַנג, מוז איינער דעם צווייטען דערעסען ווערען.

און מען האָט טאַקע גאַנץ געשמאַק ווייטער דעבאטירט. סוף כל סוף איז דאָס געווען אַן איבעריגע זאַך. ווארום באַלד אין ערשטען טאָג, ווי נאָר די פראַקציעס האָבען פערנומען זייערע ערטער, און מען האָט איבערגעצעהלט די קעפּ און די הענד, — האָט מען שוין געוואוסט: די באָלשעוויקעס צוזאַמען מיט די פּאָליאַקען (וועלכע האָבען ווי איין מאַן געשטימט צוזאַמען מיט זיי) און מיט אַ טייל פון די לעטען האָבען די מעהרהייט. און כל זמן זיי האָבען די מעהרהייט, וועלען זיי דורכפיהרען דאָס, וואָס זיי ווילען. און אַזוי איז דאָס געווען. וויפיל מען האָט ניט גערעדט און געשטריטען, אָבער אויסלאָזען פלעגט זיך אַלעמאָל מיט דעם, וואָס די באָלשעוויסטישע דעלעגאציע פלעגט קריגען איהר „געפּאַנצערטע" מעהרהייט.

איך געדענק נאָך איין באשלוס, וואָס האָט ניט געטראָגען אויף זיך אַ ספּעציעל באָלשעוויסטישען שטעמפּעל, און וואָס איז אפילו ניט געפּעלען געוואָרען אויב ניט דער גאַנצער איז יעדענ־פאַלס אַ גרויסען טייל פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע. דאָס איז געווען דער באשלוס וועגען די אזוי־גערופענע „פּאַר־טיזאַנישע ארויסטרעטונגען" — דאָס, וואָס מען רופט אין אַמע־ריקא „גאָרילאַ־קריעג".

וועגען דעם ענין „פּאַרטיזאַנישע ארויסטרעטינגען" האָב איך שוין דערמאָנט אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען. דאָס זיינען געווען באוואפענטע אונטערנעהמונגען, דורכגעפיהרט פון קליינע אָבער גוט אָרגאַניזירטע באַנדעס: אָנפאַלען אויף דער פּאָסט, אויף די בענק, אויף די אייזענבאהנען, אויף די „מאָנאָפּאָלקעס" (בראַנפען־קראָמען), — אָנפאַלען מיט'ן צוועק צו „עקספּראָפּריאירען" דאָס קאַזיאָנע געלד. די דאָזיגע עקס־פּראָפּריאַציעס אָדער „עקס'ען", ווי מען פלעגט זיי רופען, זיינען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי קיינמאָל ניט געווען אָנערקענט, אַלס אָפיציעלע קאַמפּס־מיטלען. אָבער זעהר אָפט פלעגט מען קוקען אויף זיי דורך די פינגער. און די באוואַ־פענטע קאַמפּס־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבען יאָ עקזיסטירט אין

דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, פּלעגען ניט איינמאָל זיך באַניצען מיט דעם, וואָס די פּאַרטיי פאַרמאַכט גוטמוטהיג די אויגען, און אַפּטאָן „אַ שטיקעל אַרבייט". די דאָזיגע „עקס'ען" זיינען אין די יאָהרען 1906 און 1907 געוואָרען אַן אמת'ע מגפה. אַנדערע ניט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי למשל די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָדער די רוסישע „מאַקסימאַליסטען", פּלעגען זיך מיט דעם פאַרנעהמען גאַנץ אָפיציעל. אָבער ווי געזאָגט, פּלעגען מאַנכע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אויך געשטרויכעלט ווערען און ניט געקענטביישטעהן דעם נסיון. די מגפה איז געוואָרען אַ געפעהרליכע, און זי האָט גע־פיהרט צו אַ גוואַלדיגער דעמאָראַליזאַציע. צום אָנהויב פּלעגט מען מאַכען די „עקס'ען", כדי אַזוי אַרום צו שאַפען געלד פאַר דער פּאַרטיי־קאַסע. דערנאָך פּלעגט מען פאַרהאַלטען אַן אַלץ גרעסערען טייל פון דעם גערויבטען געלד פאַר די נויטען פון דער „קאַמפּס־אָפּטיילונג" גופא — קויפען נייע געוועהר, אויס־האַלטען די מענשען און אַזוי ווייטער. סוף כל סוף פּלעגען די דאָזיגע עקספּעדיציעס זיך פאַרוואַנדלען אין אַ צוועק פאַר זיך, און עס האָט אָנגעהויבען אין גאַנצען צו פאַרשווינדען אַ גרענעץ צווישען די דאָזיגע „אידעאַישע" אונטערנעהמונגען און אַ גאַנץ פּשוט'ען פּראָפעסיאָנעלען באַנדיטיזם. אין צענטראַל־רוסלאַנד איז עס געווען נאָך ניט אַזוי געפעהרליך, אָבער אויפ'ן אוראַל, אין דער באַלטישער געגענד און אין פּוילען האָט מען בפירוש געקענט זעהן די שעדליכע רעזולטאַטען פון דעם דאָזיגען בלו־טיגען שפּיל.

אויפ'ן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר האָט דאָס רוב דעלעגאַטען פאַרשטאַנען, אַז ס'איז צייט אָנצונעהמען געגען דער דאָזיגער קרענק ענערגישע מיטלען. איך געדענק ניט, ווי ס'איז געווען די אָפיציעלע שטעלונג פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע. אין דער פראַקציע גופא האָט די „עקס'ען־מאַכעריי" געוויס געהאַט אַ היבש ביסעל פאַרטיידיגער, אָבער אין דער פראַגע זיינען די דאָזיגע עלעמענטען געווען איזאָלירט. די פּאָליאַקען, וועלכע האָבען געהאַט פאַר זייערע אויגען דעם טרויעריגען ביישפּיל פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זיינען געווען ענטשיי־דען דערפאַר, אַז מען זאָל מאַכען אַ סוף דערצו. די לעטען האָ־

בען שוין געהאט זייערע אייגענע טרויעריגע פראקטיק און זיינען שוין אויך געווען געניג אנגעלערענט. וועגען דעם „בונד" און די „מענשעוויקעס" איז אפגערעדט. און דעריבער האט דער צוזאמענפאהר מיט א גרויסער מעהרהייט באשלאסען, אז די פארטיזאנישע ארויסטרעטונגען מוזען אפגעשטעלט ווערען, און אז די „קאמפס־אפטיילונגען", אויף וויפיל זיי עקזיסטירען נאך ביי דער פארטיי, דארפען ווערען פאנאנדערגעלאזט. אויף וויפיל דער דאזיגער באשלוס איז דורכגעפיהרט געווארען אין לעבען, — דאס איז א צווייטע פראגע. וועגען דעם וועט מיר נאך אויסקומען צו רעדען שפעטער, אבער באשלאסען איז דאס געווארען.

א צווייטע זאך, וואס איז געמאכט געווארען ניט אין גאנצען אזוי ווי די באלשעוויקעס וואלטען עס געוואלט, דאס זיינען געווען די וואהלען צום צענטראלען קאמיטעט. אם ליבסטען פאר דער הערשענדער פראקציע וואלט געווען, אז אויך דער גאנצער צענטראל־קאמיטעט וואלט באשטאנען פון איהרע אייגענע מענשען. אבער דא האבען זיך ווידער אריינגעמישט די „נאציאנאלען" און מען האט אויסגעקליבען א מין „קאאליציאנס־מיניסטעריום", אין וועלכען עס זיינען געווען פארטראטען אלע פראקציעס.

די לעצטע וואך פון צוזאמענפאהר זיינען די דעלעגאטען געווען אויף צרות. ווען מען האט צוגעגרייט דעם צוזאמענפאהר, האט מען זיך ניט געריכט, אז ער וועט דויערען אזוי לאנג, און מען האט ניט געוואוסט, אז עס וועט אויסקומען אריבערצופעקלען 300 מאן פון קאפענהאגען קיין לאנדאן. זיינען די געלדמיטלען אייסגעגאנגען. עס האט ניט נאר געפעהלט אויף הוצאות צו פאהרען צוריק, נאר ס'איז שוין ניט געווען פון וואס צו לעבען אין לאנדאן. ס'איז געווען זעהר ביטער. מען האט זיך גענומען דרעהען אהין און אהער און זוכען, וואו צו מאכען א שטיקעל הלואה. אונזערע לאנדאנער פריינד האבען פארגעלעגט, אז מיר זאלען שיקען א פאר פון אונזערע מענשען צו א גרופע ענגלישע פראגרעסיווע מענשען צו פאראינטערעסירען זיי אין אונזער זאך ; אפשר וועט זיך מיט זיי עפעס לאזען מאכען. א ברירה האט מען געהאט. האט מען באשלאסען, אז עס דארפען

געהן די סאַמע גדולים: לענין און פּלעכאַנאָוו. זיי זיינען גע־גאַנגען. איך געדענק זעהר גוט דעם באַריכט, וואָס לענין האָט אויפ'ן צווייטען טאָג אָפּגעגעבען וועגען דער נסיעה: „מיר האָבען געמיינט", האָט ער דערצעהלט מיט אַ האַלב־פאַרשעהמטען שמייכעל, „אַז מיר וועלען קומען אין אַ פּריוואַטען הויז, טרעפען זיך מיט אַ פּאָר מענשען און דורכשמועסען זיך מיט זיי אויף אַ היימישען אופן. אַז מיר זיינען אָבער געקומען, האָבען מיר דער־זעהן פאַר זיך אַזאַ בילד: אַ גרויסער סאַלאָן, פול מיט מענ־שען, אויסגעשטעלטע רייהען שטולען ווי אין אַ טעאַטער, און אין מיטען זאַל אַ טריבונע. בעט מען אונז, מיר זאָלען אַרויפ־געהן אויף דער טריבונע און רעדען. פאַרפאַלען, מיר זיינען שוין געווען אין די סאַמע געדיכטע, איז פּלעכאַנאָוו אַרויף אויף דער טריבונע און האָט געהאַלטען אַ רעדע וועגען דער רוסישער רע־וואָלוציע; מען האָט איהם געדאַנקט, און די פאַרשטעלונג האָט זיך מיט דעם געענדיגט. „איך מוז זיך מודה זיין", האָט לענין געענדיגט זיין באַריכט, „אַז מיר האָבען זיך געפיהלט זעהר נאַ־ריש".

אזוי האָט זיך די ערשטע פּראָבע אויסגעלאָזט מיט גאָרנים. אָבער געלד דאַרף מען דאָך פאָרט. האָט מען אָנגעהויבען צו זוכען עפּעס אַ רייכען ראַדיקאַלען מענשען, וואָס וואָלט געוואָלט ריזיקירען מיט אַ פּאָר צעהנדליג טויזענד רובעל צוליב דעם כבוד אַרויסצוהעלפען אַ רעוואָלוציאָנערען צוזאַמענפאָהר, און מען האָט טאַקע געפונען אַזאַ ראַדיקאַל. ער האָט פון אונז פאַרלאַנגט בלויז, אַז אַלע דעלעגאַטען זאָלען איהם געבען זייערע אונטער־שריפטען, ווען דאָס זיין אַן אָנדענקען. חוץ דעם האָט אַ קלע־נערע קאָמיסיע, צו איין פאַרשטעהער פון יעדער פראַקציע, גע־געבען איהם אַן אָפיציעלע כתיבה און צוגעזאָגט, אַז ביי דער ערשטער מעגליכקייט וועט דאָס געלד צוריק אויסגעצאָהלט ווערען. די מעגליכקייט איז אָבער קיינמאָל ניט געקומען.

.76

# נאָך אַמאָל אין פינלאַנד.

איך האָב זיך זעהר ניט גוט געפיהלט אין לאָנדאָן. דער צוזאַמענפאָהר אַליין איז געווען אַ גרויסע מאַטערניש, דערצו האָב איך נאָך באַקומען זעהר שווערע פּערזענליכע ידיעות פון רוסלאַנד און עס האָט מיר געקאָסט אַ גוואַלדיגע אָנשטרענגונג פון אַלע מיינע כחות צו באַטייליגען זיך אין דער ארבייט פון צוזאַמענפאָהר. אָבער נאָך די עטליכע וואָכען פון אַזאַ אָנשטרענגונג, האָב איך געפיהלט, אַז איך מוז אָפּרוהען, ווען ניט, וועט זיין ביטער.

קוים האָב איך זיך דערוואַרט, אַז דער צוזאַמענפאָהר זאָל זיך ענדיגען. און באַלד אויפ'ן צווייטען טאָג בין איך אַוועק פון לאָנדאָן. איך בין אָבער נישט געפאָהרען דירעקט קיין רוסלאַנד (דאָס איז געווען „געזינטער" צוליב קאָנספּיראַציע), נאָר האָב זיך פאַרקירעוועט אין זשענעוו. דאָרטען, אין מיין אַלטער, ליעבער שווייץ, האָב איך פאַרבראַכט אַ פּאָר וואָכען, זיך אָפּגערוהט, אַביסעל אַרומגעשפּרייזט איבער די בערג, זיך אָפּגעפרישט, זיך דורכגעשמועסט מיט אַלטע גוטע פריינד, און — זיך אומגעקערט קיין ווילנא.

און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדר'ה לאַנגע, נודנע, ווילנער הדשים. ביז'ן סוף פון יאָהר האָב איך זיך בלויז איינמאָל אַרויסגעכאַפּט אויף אַ „קאָמאַנדיראָווקע", און דאָס איז געווען ווידער אַמאָל אין פינלאַנד, אויף אַ קאָנפערענץ, — אַ מין ציגאָב צום לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר.

באַלד נאָכ'ן ,ווי דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך געענדיגט, און דער עולם האָט זיך אומגעקערט אין רוסלאַנד, איז די צווייטע דומא פאַנאַנדערגעטריבען געוואָרען, און די סאָציאַל-

דעמאָקראַטישע פּראַקטיע האָט מען אַרעסטירט. אין עטליכע חדשים אַרום האָבען געדאַרפט פאָרקומען נייע וואַהלען צו דער דריטער דומא מיט אַ געענדערטען וואַהל־געזעץ. עס האָט זיך באַשאַפען אַזוי אַרום אַ נייע פּאָליטישע לאַגע, וואָס איז נישט געווען פאָראויסגעזעהן אין די באַשליסע פון צוזאַמענ־פאָהר. האָט מען געדאַרפט צונויפרופען אַ ספּעציעלע קאָנפער־רענץ, און מען האָט דאָס געמאַכט אין אַ קליינער פינישער שטאָט מיט'ן נאָמען קאָטקאָ. איך בין געפאָהרען אַלס איינער פון די בונדישע דעלעגאַטען.

ווידער בין איך אַריין אין פינלאַנד; ווידער די קלאַפּענ־דיגע וואַגאָנעס, ווידער די קליינע הילצערנע וואָקזאַלען און די „דאַטשעס" פון דער פּעטערבורגער אומגעגענד. אָבער דאָס מאָל בין איך געפאָהרען טיפער אין לאַנד אַריין, און עס האָבען זיך געצויגען פאַר די פענסטער פון וואַגאָן די גרויסע טונקעלע וועלדער, מיט שטיינער און פעלזען, און דאָס איז געווען שעהן און אינטערעסאַנט. אינטערעסאַנט זיינען אויך די מנהגים אין די פינישע וואָקזאַלען. עס שטעהט אַ גרויסער טיש, און אויפ'ן טיש זיינען אָנגעשטעלט פאַרשידענע מאכלים: כל'ערליי מינים פיש: געקאָכטע, געפּרעגעלטע, מאַרינירטע און געזאַלצענע, און קאַלטע פלייש, און ווייס איך וואָס נאָך. איהר צאָהלט איין פינישען מאַרק און מעגט פון די אַלע גוטע זאַכען נעהמען און עסען וויפיעל איהר ווילט, און דערצו באַקומט איהר נאָך אַ גלאָז טהעע אָדער אַ טעלער זופּ. די אָרטיגע מענשען מיסברויכען אָבער נישט מיט דעם, און עסען מיט חסד, ס'איז מעהר ניט אַן אָנבייסען און יעדער ווייס שוין אַליין די מאָס. איז אָבער צוזאַמען מיט מיר געפאָהרען אונזער רוסישע חברה. מען איז אַרויס אויף עפּעס אַ גרעסערער סטאַנציע, וואו דער צוג איז געשטאַנען אַ לענגערע צייט. האָט מען זיך געוואָרפען אויפ'ן טיש ווי הייסעריקען, און אין אַ משך פון אַ פּאָר מינוטען איז אַלץ געוואָרען אייסגערייניגט. מילא, — דער זין איז ביי זיי, אַז דער טיש דאַרף אַלע מאָל זיין פול; עס קומען דאָך נייע געסט; האָט מען געשלעפּט פון דער קיך נייע טראַנס־פּאָרטען: געקאָכטע פיש און געפּרעגעלטע פיש, סאַרדינען, און קילקעס, און הערינג. אָבער וואָס העלפט דאָס? אין איין

מינוט אַרום איז ווייטער אַלץ אָפּגעריייניגט געוואָרען. אַ גליק איז געווען, אַז דער צוג האָט שוין געהאַלטען אין אָפּפאָהרען און די הייזעריק-חברה האָט זיך געמוזט אַריינפּעקלען אין די וואַגאָנעס.

קאָטקאַ איז אַ קליינע האַפען-שטאָדט ביים ברעג פון ים. איך האָב דאָרט פאַרבראַכט צוויי אָדער דריי טעג, אָבער די שטאָדט האָב איך נישט געזעהן. עס האָט זיך מיר אפילו זעהר געוואָלט דורכצוגעהן זיך איבער די גאַסען און אַ קוק טאָן, ווי אַזוי עס זעהט אויס די פינישע שטאָדט, אָבער מען האָט אונז געמאָלדען, אַז צוליב קאָנספּיראַציע איז דאָס נישט געוואונשען; מיר טאָרען זיך נישט וואַרפען אין די אויגען. מילא, פאַרפאַלען. בין איך ניט געגאַנגען. און געזעהן האָב איך בלויז דאָס קליינע הייזקעלע, וואו מיר האָבען גענעכטיגט (צוויי זיינען געשלאָפען אויף אַ בעט, און צוויי אויף אַ מאַטראַץ, וואָס מען האָט געלעגט אויף דער פּאָדלאָגע; און אפשר זיינען דאָ געווען נאָך צוויי אין דעם זעלבען צימער אויף אַ סאָפקע? איך געדענק שוין ניט; איך געדענק אָבער יאָ, אַז ס'איז געווען אַ גרויסע מאַסע ספּעציעלע קליינינטשקע איינוואָהנער — סיי אויפ'ן בעט, סיי אויפ'ן מאַטראַץ און סיי אויף דער קאַנאַפּע, אין די גאַנצע נאַכט האָט מען געהאַלטען אין איין גוואַלדיגען קראַצען זיך). די זיצונגען פון דער קאָנפערענץ פלעגען אָבער פאָרקומען אין אַ שעהנעם אָרט — אין דעם פאָלקס-הויז. שוין דעמאָלט איז גאַנץ פינלאַנד געווען באַדעקט מיט אַ נעץ פון פאָלקס-הייזער (דאָס וואָס מען רופט אין אַמעריקא „לייבאָר-לייסעאומס"), געבויט און פאַר-וואַלטעט פון די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס מיט דער פינאַנציע-לער הילף פון שטאָדט פאַרוואַלטונג. און אַזאַ קליינע שטאָדט, ווי קאָטקאַ, האָט אויך פאַרמאָגט אַ פאָלקס-הויז (אַ שפּאָגעל-נייעס, מען האָט ערשט געהאַלטען אין פאַרענדיגען), און מיר האָבען אַלע באַוואונדערט דעם דאָזיגען שעהנעם סימן פון דער פינישער פאָלקס-קולטור און אַרבייטער-מאַכט.

די קאָנפערענץ איז דורך גיך און גלאַטיג. אינטערעסאַנט איז געווען לענין'ס רעפעראַט וועגען דער פּאָליטישער לאַגע און וועגען די וואַהלען. דאָס מאָל האָט ער זיך געוועגדעט ניט געגען די „אויסערליכע שונאים" (איך מיין — די מענשעוויקעס),

נאָר געגעז די „אינערליכע", — געגעז אַ טהייל זיינע אייגענע לייט. עס האָט זיך דעמאָלט אין דעם שוים פון דער באָלי שעוויסטישער פראַקציע באַוויזען אַ גאָר לינקע גרופע — די אזוי גערופענע „באָיקאָטיסטען". דאָס איז אייגענטליך נישט געווען קיין נייעס. פאַרקעהרט, בעת די וואַהלען צו דער ערש־טער דומא זיינען אַלע געווען באָיקאָטיסטען, אָבער צו דער צווייטער דומא האָט מען שוין יאָ געקליבען. דער באָיקאָט איז אראָפּגענומען געוואָרען. איצט אָבער, נאָכדעם ווי די צווייטע דומא איז אויך פונאַנדערגעטריבען געוואָרען, האָט אַ טייל פון די באָלשעוויקעס זיך געוואָלט ניט אַנדערש ווי נאָר אומקעהרען זיך צום באָיקאָט. מיט זיי האָט דאָס לענין זיך גענומען טענה'ן. אין זיין רעפעראַט האָט ער געבראַכט פאַרשידענע ציטאַטען פון ענגעלס'ען, און מיט דער הילף פון די דאָזיגע ציטאַטען האָט ער געוואָלט מאַכען קלאָהר פאַר זיינע חברים דעם פשוט'ען און זעלבסטפאַרשטענדליכען געדאַנק: אַז אַ טאַקטיק וואָס איז גוט אין 1906 קען זיין שלעכט אין 1907; אַז ווען די באַדינ־גונגען ענדערען זיך, מעג מען ענדערען אויך די טאַקטיק. די „באָיקאָטיסטען" האָבען קענטיג געהאַלטען, אַז מען טאָר דאָס ניט.

צום סוף, ווי עס איז געווען גרינג פאָראויסצוזאָגען, האָט מען באַשלאָסען צו באַטהייליגען זיך אין די וואַהלען.

פון די איינצעלנע עפּיזאָדען איז ביי מיר אין זכרון פאַר־בליבען אַ קליינטשקע סצענע, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער לעצטער זיצונג פון דער קאָנפערענץ.

אזוי ווי דער עולם האָט זיך געדאַרפט פאַנאַנדערפאָהרען און מען איז נאָך ניט געווען פאַרטיג מיט אַלע פראַגען, האָט מען באַשלאָסען צו מאַכען אַ נאַכט־זיצונג. פון אַ נאַכט־זיצונג ווערט מען אָבער שטאַרק אויסגעמאַטערט. און ווען מען איז אויסגעמאַטערט טרעפט זיך אַ מאָדנע זאַך: מען הויבט אָן צו לאַכען — צוליב אַ קלייניגקייט — און מען קען זיך ניט אָפּשטעלען. מיר זיינען געזעסען ביים פּרעזידיום־טיש זאַלבע־דריט: לענין, וואַרסקי (פון דער פּוילישער ס. ד.) און איך. לענין האָט געפיהרט די זיצונג און מיט אַמאָל הויבט ער אָן צו לאַכען. ער זאָגט מיר שטילערהייט עפּעס אַ באַמערקונג

וועגען א דעלעגאט, — עס איז אפילו ניט געווען קיין שום באזונדערעס לעבערליכע זאך, ביי אנדערע באדינגונגען וואלט מען אפשר א שמייכעל געטאן און פארטיג, אבער עס איז קענטיג, אז ער האט א באדערפעניש צו לאכען — און ער לאכט זיך פאנאנדער און לאכט און לאכט, און רוקט מיר אונטער דאס פאפירעל מיט דער רשימה פון די רעדנער און ווייזט מיר מיט די הענד, אז איך זאל פיהרען די זיצונג אנשטאט איהם. דאס לאכען האט אבער אן אנשטעקענדיגע קראפט, און איך הויב אויך אן צו לאכען, און איך קען אויך ניט פיהרען די זיצונג, און איך רוק ווייטער דאס פאפירעל צו ווארסקי'ן, און ווארסקי ווערט אויך אנגעשטעקט פון אונז ביידען. און דער רעדנער ווערט אנטשוויגען און די גאנצע קאנפערענץ זיצט און קוקט אויף אונז, אוןווארט, אז דאס פרעזידיום זאל ווערען פארטיג מיט'ן געלעכטער, און דאס געלעכטער נעהמט ארום דעם גאנצען עולם. אזוי האט דאס געדויערט א פאר מינוטען און ערשט נאך דעם, ווי מיר האבען זיך גענוג אנגעלאכט, זיינען מיר געווען אין שטאנד ווידער צו באנייען די זיצונג.

.77

## באַרג אַראָפּ.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַן אומעדיגע און טרויעריגע צייט. איך בין געזעסען אין ווילנא, געווען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־צייטונג", באטהייליגט זיך אין די זיצונגען פון צ. ק., געטהאָן די טאָג־טעגליכע ארבייט, אָבער די אַרבייט איז געגאַנגען שלעכט. עס איז געווען ניט מיין פערזענליכע שטימונג. עס האָט זיך אָנגעהויבען די תקופה פון דער גרויסער רעאַקציע. די רעאַקציע איז געקומען ביסלאַכ־ווייז, מען וואָלט ניט געקאָנט זאָגען גענוי, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבען, אָבער פון טאָג צו טאָג האָט זיך געשפּירט, אַז עס געהט באַרג אַראָפּ. נאָך די גרויסע ערשיטערונגען פון די יאָהרען 1905 און 1906 האָט זיך אָנגעהויבען די גרויסע מיעד־קייט. און מיר אַלע וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן צענטער פון דער באַוועגונג, האָבען דאָס געפיהלט און געזעהן פון די פאַר־שיידענסטע סימנים. די צייטונג האָט זיך פאַרשפּרייט אַלץ ערגער און ערגער; אין הערבסט פלעגט מען זי דרוקען, אויב איך האָב ניט קיין טעות, סך־הכל אין 8 טויזנד עקזעמפּלאַרען. די פינאַנסען זיינען געוואָרען גאַר מאָגער, דאָס אָרגאַניזאַציאָנס־לעבען איז געוואָרען שוואַך, די צאָהל מענשען, וואָס מיר האָבען געהאַט אין אונזער רשות, האָט גענומען פאַלען, די שטימונג איז געוואָרען אַ געדריקטע.

איך געדענק די לעצטע טעג פון סעפּטעמבער, ווען מיר האָבען געדאַרפט פייערען דעם 10־יאָהריגען יובילעאום פון „בונד". עס האָט געדאַרפט ארויסגעהן אַ יובילעאום־נומער, און מען האָט פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל אָנשרייבען אַ יום־טוב'דיגען אַרטיקעל. איך האָב אָבער ניט געקאָנט. איך געדענק,

ווי איך בין אוועק — זיך דורכלופטערען — אין דעם בערנאַדינער גאָרטען — אַ שעהנער, שטילער גאָרטען; ער ליגט אָן אַ זייט פון די גרויסע גאַסען און זעלטען ווען עס פאַרבלאָנדזשעט דאָרטען אַ מענש. עס איז געווען אַ שעהנער הערבסטטאָג, די בוימער זיינען געשטאַנען אויסגעסטראָיעט אין זייערע געלע און רויטע הערבסטליכע בגדים, די לופט איז געווען קאַלט, ריין און דורכזיכטיג, מיט אַ ליכטיגען, זילבערנעם הערבסטגלאַנץ. איך בין געזעסען אויף אַ באַנק, און האָב זיך באַמיהט צונויפצוקלייבען מיינע געדאַנקען. איך האָב אָבער געפיהלט, אַז אַ יובילעאום־אַרטיקעל קען איך ניט שרייבען. מילא, איך געהער ניט צו די, וואָס פאַלען אריין אין יאוש צוליב אַ שטימונג פון אַ מאָמענט, איך בין דעמאָלט געווען ווייט פון אָנווערען מיין גלויבען; אָבער אַ יובילעאום־אַרטיקעל האָט געדאַרפט זיין אַ יום־טוב׳דיגער, און איך האָב ניט געהאַט קיין געפיהל פון יום־טוב׳דיגקייט. און שרייבען גלאַט אַזוי, פראַזען, וואָס מ׳פיהלט נישט, דאָס איז אַ ליגען, און דערצו בין איך נישט פעהיג. בין איך געקומען אין דער רעדאַקציע און געזאָגט אונזער חברה, אַז איך וועל ניט שרייבען.

איך האָב געהאַט אַ נייע דירה. איך האָב זיך באַזעצט אין אַזוי גערופענע „מעבלירטע צימערען“. דאָס איז געווען אַ גרויסע הויז אויפ׳ן קאַטעדראַלען פּלאַץ אין אַ קריסטליכער געגענד. אין די אונטערשטע עטאַזשען זיינען געווען גאַנצע מעבלירטע וואוינונגען. אויפ׳ן אויבערשטען שטאָק האָט זיך געצויגען פון איין עק הויז ביז׳ן צווייטען אַ לאַנגער קאָרידאָר, און פון ביידע זייטען קלענערע און גרעסערע צימערען. מיין צימער איז געווען ניט שלעכט, אָבער אין אַזאַ הויז מיט מעבלירטע צימערען האָט אַלע מאָל געמוזט עפּעס זיין טרויעריגעס. עס איז אַן אָרט פאַר היימלאָזע מענשען און דאָס רוב פאַר אומגליקליכע מענשען. וויפיעל מאָל האָב איך געהערט שפּעט ביינאַכט דורך די דינע ווענט דעם שטילען האַרץ־רייסענדען געוויין פון אַ פרוי, — עפּעס אַן איינזאַמע מיידעל, וואָס האָט געוואָהנט אין דעם דערבייאיגען צימער! און אַלץ, אַלץ טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון היימלאָזיגקייט און איינזאַמקייט. דער פאַרשלאָפענער דיענער מיט לאַנגע וואָנצעס און צושויבערטע האָר, וואָס ברענגט

אין דער פריה דעם סאמאוואר און הייצט דעם אויווען; די שטים פון א שכור'ן אפיצער ערגעץ אין א צווייטען זייט פון קארידאר. פוסטע, פינסטערע ווענט, דאס ארימע לעמפעל, די טויזענדער קליינינקייטען און נישטיגקייטען, — דאס אלץ וועבט זיך צונויף אין א גרויסען גרויען וואלקען פון טרויעריגקייט און פארלאזענקייט. דאס איז געווען אן ענטשפרעכענדער צוגאב צו דער שווערער געזעלשאפטליכער שטימונג.

די „פאלקס־צייטונג" איז פארכאפט געווארען פון דער רע־גירונג. מיר האבען תיכף אנגעהויבען ארויסצוגעבען א צווייטע צייטונג מיט'ן נאמען „האפנונג". אבער דער פרעהליכער נא־מען האט זיך עפעס ניט געקלעפט צו דער לאגע. די צייטונג האט קוים געזשיפעט. דער דעפיציט איז געוואקסען און גע־וואקסען, און עס איז ניט געווען פון וואנען איהם צו דעקען. מען האט נישט געקענט צאהלען די מיטארבייטער. איך גע־דענק ווי עס פלעגט אריינקומען אין רעדאקציע דער יונגער טאלאנטפולער שרייבער אניני און זיך ממש בעטען, אז מען זאל איהם געבען כאטש איין רובעל, — ער האט צאהן־וועהטאג און דארף געהן צום דענטיסט, — און מען האט איהם ניט געקענט באצאהלען. אויף די זיצונגען פון צ. ק. האט מען זיך געבראכען דעם קאפ ווי אזוי ארויסצוקריכען פון דער שרעקלי־כער לאגע. עס איז געווען א פארשלאג, אז מיר זאלען אפ־שטעלען די צייטונג. ליבער איז געווען א שטארקער אנהענגער פון דעם דאזיגען פארשלאג. איך בין געווען געגען דעם. אויף איינע פון די זיצונגען האב איך געמאכט אן אויסרעכענונג, לויט וועלכער ס'איז אויסגעקומען, אז אפילו פון א ריין קאמערציע־לען שטאנדפונקט לוינט אויך בעסער צו מאכען נאך א פרוף און באמיהען זיך צו פיהרען די צייטונג כאטש א פאר חדשים ווייטער, און שפעטער וועט מען זעהן. ליבער האט ערקלערט, אז איך האב איהם איבערצייגט, — און אזוי איז עס באשלאסען געווארען. גלייכצייטיג איז אבער אנגענומען געווארען א צווייטער באשלוס: מען זאל בייטען דעם כאראקטער פון דער צײ־טונג. זי דארף פארוואנדעלט ווערען אין א קליינעם קאפיקענעם בלאט, וואס זאל געפיהרט ווערען העכסט פאפולער, פאלקס־טימליך. אפשר וועט זיך אויף אזא אופן איינגעבען צוצוציהען

א ברייטען קרייז לעזער. איך האָב זיך מיט'ן גאַנצען האַרצען אַנגעכאַפּט אָן דעם דאָזיגען פּלאַן. איך האָב שוין לאַנג גע־חלומ'ט וועגען אַזאַ טיפּ צייטונג, וואָס זאָל קענען אַרויסגעהן פון דעם שמאָלען קרייז „אייגענע מענשען" און דערגרייכען צו די סאַמע ברייטע מאַסען לעזער. מען האָט באַשלאָסען צו מאַכען די פּראָבע. דער צ. ק. האָט באַשטימט פאַר דער צייטונג א קליינע רעדאַקציע פון דריי מענשען. דאָס זיינען געווען: אסתר, ליטוואַק און איך. אָבער ס'איז ניט געווען באַשערט צו פאַרווירקליכען דעם פּלאַן. דעם ערשטען טאָג, ווען מיר האָבען געדאַרפט צוטרעטען צו דער אַרבייט, בין איך געקומען אויף זאַוואַלנע גאַס, וואו עס האָט זיך געפונען אונזער רעדאַקציע. אָבער אויפ'ן וועג האָט מיך אָפּגעשטעלט א חבר, וואָס איז ספּעציעל אַוועקגעשטעלט געוואָרען, כדי מיך אָפּצוהיטען. „געהט ניט אין רעדאַקציע — האָט ער מיר געזאָגט — עס זיינען דאָרטען געווען „געסט". די געסט זיינען געווען זשאַנדאַרמען. זיי זיינען געקומען אין דערפריה און צוגענומען אַלעמען, וועמען זיי האָבען דאָרט געפונען. און געפונען האָבען זיי א היבש ביסעל מענשען. עס זיינען דאָרטען געווען מיינעביידע רע־דאַקציאָנס־קאָלעגען, אסתר און ליטוואַק, צוויי מיטגלידער פון צ. ק., אַלעקסאַנדער און יונה, און נאָך עטליכע נאָהענטע חברים. מען האָט זיי אַלעמען צוגענומען און אַוועקגעפיהרט אין טורמע. מיין גליק איז געווען, וואָס איך האָב זיך צופעליג פאַרשפּע־טיגט. וואָלט איך געקומען מיט א האַלבער שעה פריהער, וואָלט איך אויך געווען אַרעסטירט.

עס האָט זיך צונויפגעקליבען דער צ. ק. און אַרומגערעדט די לאַגע. וועגען אַרויסגעבען ווייטער א טעגליכע צייטונג האָט ניט געקענט זיין קיין רייד. מען האָט באַשלאָסען איבערצוגעהן צו א וואָכענבלאַט. דאָס איז געווען „דער מאָרגענשטערן". אין די נייע רעדאַקציע געהען אַריין יודין, זאַסלאַווסקי, א. ווייטער און איך. ביים אַרומרעדען דעם צוזאַמענשטעל פון דער רע־דאַקציע, איז צום ערשטען מאָל אַרויפגעשוואומען גאָר א נייע פּראַגע. אַרויסגערוקט האָט זי ליבער. ער האָט גע'טענה'ט, אַז מיר האָבען צווישען זיך מענשען מיט פאַרשיידענע בליקען אויף די לויפענדע פראַגען פון פּאָליטישער טאַקטיק; מיר האָ־

בען אָבער אַז אָפיציעלע שטעלונג פון אונזער אָרגאַניזאַציע, און ס׳איז נויטיג, אַז די צייטונג זאָל ווערען געפיהרט אין הסכם מיט דער דאָזיגער אָפיציעלער שטעלונג. דערצו דאַר־פען מיר באַשטימען איינעם אַ שעף־רעדאַקטאָר, וועמעס פּאָ־ליטישע ליניע איז אין איינקלאַנג מיט דער ליניע פון דער מעהר־הייט. די מעשה איז, וואָס אין דער „פאָלקס־צייטונג" איז אין די לעצטע חדשים דער טאָן־געבער געווען יודין. (קאָסאָווסקי איז אין זומער 1907 אַוועקגעפאָהרען אין אויסלאַנד), און יודין האָט דעמאָלט געהאַט געוויסע באָלשעוויסטישע שטימונגען, וועלכע האָבען ניט ענטשפּראָכען דער שטעלונג פון אונזער אָר־גאַניזאַציע. מיט זיין פאָרשלאַג האָט ליבער געוואָלט אויס־מיידען, אַז די זעלבע לאַגע זאָל ניט באַשאַפען ווערען אין „מאָרגענשטערען". דער פאָרשלאַג איז געפעלען געוואָרען, און מען האָט מיך באַשטימט אַלס הויפּט רעדאַקטאָר. די נייע קאָלעגיע האָט געאַרבייט חבר׳יש, אָבער איך געדענק איין פאַל, ווען איך האָב זיך געמוזט באַנוצען מיט מיין ספּעציעלער מאַכט. עס האָט זיך געהאַנדעלט טאַקע וועגען יודינ׳ס אַן אַרטיקעל; אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָב איך זיך באַנוגענט מיט אַ רעדאַקציאָנעלער אָנמערקונג.

די רעדאַקציע האָט זיך אַריבערגעצויגען אין אַ נייער דירה— אויך אויף זאַוואַלנע גאַס. און די ערשטע טעג האָבען מיר צוליב פאַרזיכטיגקייט געהאַנדעלט פונקט אַזוי, ווי מיט קנאַפּע צוויי יאָהר צוריק, ביים אָנהויב פון אונזער לעגאַלער פּרעסע: די רעדאַקציאָנס־דירה איז געווען בלויז אַן אָרט מיט אַן אַדרעס, און מיר פלעגען זיך צונויפקלייבען ערגעץ אין אַ פּריוואַטע דירה (מעהר ניט, מיר האָבען שוין ניט געהאַט אין אונזער רשות די בעקוועמע דירות פון די פאַרשידענע דאָקטוירים און אַדוואָ־קאַטען; מיר פלעגען זיך צונויפקומען אין דעם באַשיידענעם חדר פון א. ווייטער). און פונקט ווי דעמאָלט איז דאָס אונ־זער גיך דערעסען געוואָרען און מיר האָבען זיך באַזעצט טאַקע אין דער אָפיציעלער דירה פון דער רעדאַקציע.

אָבער אויך דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט. עס זיינען אַרויס סך־הכל דריי נומערען. און דאַן זיינען ווידער געקומען די „געסט". געקומען זיינען זיי שפּעט ביינאַכט אַרום איינס

אזייגער, און עס איז ווידער געווען א מזל׳דיגער צופאל, וואס האט מיך געראטעוועט. מיר זיינען אוועק מיט א פערטעל שעה פריהער, האט מען קיינעם ניט געפונען. אבער די צייטונג איז געווארען פארמאכט. עס איז געווען קלאהר, אז מיט׳ן געדאנק פון א צייטונג דארפען מיר זיך דערווייל געזעגענען. עס איז אויך אזוי געווען א וואונדער, וואס מען האט אונזער פרעסע געדולדעט אזוי לאנג, אין פעטערבורג און אין מאסקווע איז די ארבייטער־פרעסע שוין לאנג געווען דערשטיקט. איצט איז דער „נייער קורס“ ענדליך דערגאנגען אויך ביז ווילנא. מיר האבען דאס פארשטאנען און גישט געמאכט קיין ווייטער־דיגע פראבען. נאך קנאפע צוויי יאהר עקזיסטענץ איז אונזער לעגאלע פרעסע אנטשווינגען געווארען אויף פיער מיט א האלב יאהר.

אנשטאט א צייטונג האבען מיר באשלאסען ארויסצוגעבען זאמעל־ביכלעך. איך בין ווייטער געבליבען דער רעדאקטאר. דער נאמען פון די ערשטע זאמלונגען איז געווען „די נייע צייט“, שפעטער, אין משך פון די ווייטערדיגע פיער יאהר — האבען זיך די נעמען כסדר געביטען.

דער אינהאלט פון די דאזיגע זאמעל־ביכער האט געדארפט ענטשפרעכען די נייע געזעלשאפטליכע לאגע. ס׳איז נישט גע־ווען קיין צייט פון גרויסע פאליטישע פראגען. אויפ׳ן ארט פון דער אמאליגער יום־טוב׳דיגקייט איז געקומען די וואך. איך האב געהאלטען, אז מען זאל זיך מעהר אריינטיפען אין די מעהר ניכטערע, קליינע פראגען פון טאג טעגליכען לעבען, בפרט אין די פראגען פון אידישען לעבען. א באזונדערע אויפמערק־זאמקייט איז געווען געווענדעט צו די פראגען פון דער אידישער קהלה.

שוין בעת די וואהלען צו דער צווייטער דומא, האבען מיר זיך אנגעשטויסען אויף די גרויסע מאכט וואס עס פארמאגט אין דעם אידישען לעבען די קהל׳שע רעדעל־פיהרער, — די „פני“. מיר האבען פארשטאנען — און איך פלעג וועגען דעם שרייבען אין „נאשא טריבונא“, אז כדי צו באקעמפען די דאזיגע מאכט, דארפען מיר אריינטיפען זיך אין די סאמע געדיכטע פון דעם

קהלה־לעבען און זעהן צו באקעמפען די באַלעבאַטישע פיהרער אויפ'ן געביט פון די פּראַקטישע טאָג־טעגליכע אינטערעסען פון דעם אידישען לעבען. כדי דאָס צו טהאָן, האָבען מיר געדאַרפט אַליין באקענען זיך געגוי מיט די דאָזיגע אינטערעסען און אויפ־קלערען וועגען דעם די ארבייטער־מאַסען. אין דעם „מאָרגען־שטערען" האָט מיכאַלעוויטש אָנגעשריבען אַ סעריע ארטיקלען וועגען דער אידישער קהלה. די ערשטע ארטיקלען וועגען דעם ענין, וואָס האָבען זיך בכלל באוויזען אין אונזער ליטעראַטור. די דאָזיגע ארטיקלען האָבען אָבער אָנגערירט די פראַגע בלויז אין אַלגעמיינע, פּרינציפּיעלע שטריכען. דאָס איז אָבער געווען ווייניג. מען האָט געדאַרפט באַארבייטען אויך דעם קאָנקרעטען, פאַקטישען מאַטעריאַל. דאָס איז געמאַכט געוואָרען אין די ער־שטע צוויי נומערען פון דער „נייער צייט". איך האָב נישט געהאַט קיין שטענדיגע קאָלעגיע פון מיטאַרבייטער. איך בין געווען איינער אַליין; דער איינציגער שטענדיגער געהילף מיינער איז געווען מיין אַלטער פריינד טעאומין, וועל־כער האָט געאַרבייט אַלס איבערזעצער און האָט מיר געהאָלפען צו רעדאַגירען די ארטיקלען. פלעג איך באַשטעלען פאַרשידענע ארטיקלען דאָ ביי דעם, דאָ ביי אַ צווייטען חבר, וועלכער איז געווען גראָד אונטער דער האַנד. ס'איז געווען אין ווילנא אַן אָרטיגער טוער, וועלכער האָט זיך דעמאָלט שטאַרק אינטערע־סירט אָט דוקא מיט די וואָכעדיגע פראַגען פון אידישען לעבען. איך האָב ביי איהם באַשטעלט אַ פּאָר ארטיקלען וועגען דער אידישער קהלה; ער האָט צונויפגעקליבען דעם מאַטעריאַל און אָנגעשריבען די ארטיקלען. דאָס איז געווען דער איצטיגער קאָ־מוניסט מ. ראַפעס, און זיין עלטערער ברודער, דר. ראַפּעס, האָט אָנגעשריבען אַ פּאָר ארטיקלען וועגען די ספּעציעלע אידישע שטייערען. עס זיינען אָנגעקומען נאָך עטליכע ארטיקלען פון אונזערע שרייבער, און דער געזעלשאַפטליך־פּאָליטישער טייל פון דעם זאַמעל־בוך איז געווען פאַרטיג. דאָס איז געווען ווייניג. דער זאַמעל־בוך האָט געדאַרפט האָבען אויך אַ ליטעראַרישע אָפּ־טיילונג. ווילנא איז דעמאָלט געווען אַ צענטער, וואו עס האָט געשוויבעלט און געגריבעלט מיט יונגע, טאַלענטירטע אידישע שרייבער; איך בין אָבער געווען גאַנץ ווייט פון די ליטעראַרישע

קרייזען, און איך האָב געדאַרפט האָבען אַ פאַרמיטלער, וועלכער וואָלט געקענט זאָרגען פאַר'ן ליטעראַרישען מאַטעריאַל. אַזאַ פאַרמיטלער איז געוואָרען וולאַדעק. ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט'ן ליטעראַרישען עולם. אַליין האָט ער דאַמאָלט געוואוינט מיט נאָמבערג'ן און פלעגט זיך טרעפען מיט די אַלע מענשען, פלעגט ער ביי זיי נעמען ערצעהלונגען און ליעדער און ברייננגען דאָס צו מיר. אַזוי האָב איך באַקומען באַלד פאַר'ן ערשטען נומער אַ שעה־נע ערצעהלונג פון משה זילבורג אַ פּאָר וואונדערבאַרע געדיכטען פון דוד איינהאָרן, אַ ליד פון וולאַדעק'ס אינגערען ברודער דאַניעל א. אז. וו.; דער דאָזיגער ליטעראַרישער מאַטעריאַל איז געשטאַנען אויף אַ זעהר הויכער מדרגה. איך האָב זיך דעמאָלט געווענדעט מיט אַ בריף אויך צו י. ל. פרץ אין וואַרשא, ער זאָל אונז געבען עפּעס אַ זאַך. איך האָב דעמאָלט נאָך נישט געקענט שרייבען אויף אידיש; האָב איך איהם אָנגעשריבען אַ בריף אין רוסיש און געבעטען, ער זאָל מיר מוחל זיין וואָס איך באַנוץ די דאָזיגע שפּראַך. אינגיכען האָט זיך באַקומען אַן ענטפער פון פרץ'ן. אייער רוסיש — האָט ער געשריבען — בין איך אייך מוחל. אָבער דאָס וואָס איהר שרייבט מיט אַזאַ אונקלאָרע האַנדשריפט, איז אַ פיל גרעסערע עולה... פרץ אַליין האָט געשריבען אויף אַ שרייב־מאַשין. מיין האַנדשריפט איז טאַקע ניט פון די בעסטע.

אַ ביסעל האָב איך זיך אָנגעהויבען צו טרעפען מיט די לי־טעראַטען, ווען עס האָט זיך געגרינדעט (צום סוף פון דעם יאָהר 1907) די ווילנער מוזיקאַליש דראַמאַטישע (דאַכט זיך אַזוי איז געווען דער נאָמען) געזעלשאַפט. דאָס איז געווען דער באַשיי־דענער אָנהויב פון אַ אידישער קולטור־באַוועגונג. דאָס איז גע־ווען אַן אַרבייטער געזעלשאַפט, מיט אַ גאַנץ שעהנעם אַרביי־טער־כאָר און מיט ליטעראַרישע אָוונטען, וואו די בעסטע אידישע שרייבער פלעגען לייענען זייערע ווערק. אַזוי האָט מען דאָרטען געלייענט ווייסענבערג'ס „דער טאַטע מיט די בנים" (ווייסענ־בערג אַליין איז נישט קיין דעקלעמאַטאָר. עס האָט געלייענט אַ צווייטער, נאָר ווייסענבערג איז געזעסען דערביי און האָט האַרציג געלאַכט ביי די קאָמישע שטעלען). שלום אַש איז געקומען צו פאָהרען און האָט געלייענט זיין שבתי צבי. נאָכדעם איז די גרופּע ליטעראַטען אַוועק אין דעם האָטעל קאָנטינענטאַל און גע־

מאכט א באנקעט ; איך האָב דאָרטען געהאַלטען א רעדע וועגען דער אידישער קולטער־אויפלעבונג — דעם „רענעסאנס״ .

אָבער די פּאָליטישע באוועגונג איז אַלץ געגאַנגען בארג אַראָפּ. איך האָב דאָס בפירוש געפילט. בעת עס איז מיר אויס־געקומען אַלס מיטגליד פון צענטראַלען קאָמיטעט צו פארברענגען מאנכע אָוועגדען אויף דער „יאווקע״. דאָס מיינט א דירה, וואו עס פלעגען אָנקומען פאָרשטעהער פון אונזער בונדישער פּראָ־ווינץ זיך טרעפען מיט א פאָרשטעהער פון צ. ק., דורכצורעדען זיך וועגען פארשידענע פּארטיי־ענינים. איך געדענק ניט דעם נאָמען פון דער גאס, וואו עס איז געווען די דאָזיגע יאווקע, אָבער איך געדענק דעם אָרט, וואו זי איז געווען, און איך וואָלט זי געקענט נאָך היינט צו טאָג געפינען. ס'איז געווען אין סאמע געדיכטע פון די אידישע קווארטאַלען, ניט ווייט פון רודניצקי גאס ; מען האָט געדארפט אריינגעהן אין הויף, זיך פארקירוועט אויף רעכטס אין דעם הינטערשטען ווינקעל, ארויפקריכען אויף א הויכע פינס־טערע טרעפּ און דורכגעהן דורך די שטוב פון בעל־הבית ; דאָר־טען אין א קליינעם צימערל פלעג איך זיצען און וואַרטען אויף די געסט. מיר פלעגען זיצען אזוי אין די קאַלטע ווינטער־אָוועגדען זאַל־בע־צוויט : איך און דער סעקרעטער פון צענטראַל קאָמיטעט, מיין אַלטער שול־חבר יאָשקע קאַפּלאַן, וועלכער האָט איצט געהאַט דעם קאָנספּיראַטיווען נאָמען האָראַצי. מיר פלעגען זיצען און וואַרטען — און עס איז געווען שטיל און טרויעריג. אַמאָל, נאָך מיט א יאָהר פריהער, פלעגען די מענשען פון פארשידענע שטעדט און שטעטלאך קומען אין די צעהנדליגער. מיר האָבען געהאַט א גרויסען, ברייט־פארצווייגטען אפּאראט. אין דעם רשות פון צ. ק. האָבען זיך געפונען צעהנדליגע „פּראָפעסיאָנעלען״, — דאָס הייסט מענשען, וואָס פלעגען זיך אויסשליסליך און ספּעציעל אָפּ־געבען מיט דער רעוואָלוציאָנערער ארבייט. ס'איז געווען ווי א מין מיניסטעריום, ארומגערינגעלט מיט גאנצע מחנות אגענטען. אויף יעדער זיצונג פון צ. ק. הט מען זיך געדארפט פארנעמען מיט'ן פאנאנדערברייטען איבער די פארשידענע שטעדט אונזער גרויסען מענשען־מאטעריאַל. שיעור ניט אַלע טאָג פלעגען אָנקו־מען מעלדונגען און בקשות : דער מוז אוועקפאָרען פון דער שטאָדט, ווייל מען קוקט איהם נאָך צו שטארק ; דער מוז ביי־

טען דעם נאָמען, דער קלאָגט זיך, אז ער האָט שוין צו לאַנג פאַר־בראַכט אין דעם קליינעם אומעדיגען שטעדטעל און ער בעט, מען זאָל איהם אריבערטראנספּאָרטירען אויף אַן אַנדער שטעלע אין אַ גרעסערע שטאָדט; דער קומט מיט אַ פראגע, וואָס איז אויפגע־שוואומען ביי זיין אָרגאַניזאציע און דער צ. ק. דאַרף פּסקנ׳ען די שאלה, א. ז. וו., א. ז. וו. אַ שטענדיגער טומעל, אַ שטענדיגע קאָכעניש. איצט איז אָבער געוואָרען שטיל און רוהיג. מאַנכעס מאָל פלעגט קומען אַ מענש, העכסטענס צוויי. און מאַנכעס מאָל פלעגען מיר אָפּזיצען דעם גאַנצען אָוועגד, און עס פלעגט קיינער ניט קומען. ביטערע, טרויעריגע צייטען...

און אַזוי האָט זיך דאָס געלעבט אין די דאָזיגע אומעטיגע חדשים. פּערזענליכע באַקאַנטע האָב איך געהאַט גאָר ווייניג. זיצען אין דער היים — אין דעם פרעמדען, ניט היימליכען „מעב־לירטען צימער” האָט זיך אויך ניט געוואָלט און איך פלעג פאַר־ברייגגען גאַנצע טעג אין אַ קאַפע הויז, ביי מאַריכעס׳ען.

מאַריכעס׳ס קאַפע־הויז איז געווען איינע פון די כאַראַק־טעריסטישע „אינסטיטוציעס” פון ווילנא. איך האָב איהם זעהר ליב געהאַט, און איך מוז ווענגען איהם דערצעהלען:

אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש פאַר ווילנא איז דער אופן, ווי אַזוי איך האָב אויסגעפונען דעם דאָזיגען מקום־מקלט.

דאָס איז געווען נאָך אינ׳ם יאָהר 1906. איך בין געווען אין גאַס צוזאַמען מיט זאַסלאַווסקי׳ן, דאַכט זיך, און נאָך אימיצען. דאָס איז געווען די לאַנגע גאַס. אָדער אפשר האָב איך אַ טעות און מען רופט זי די „ברייטע גאַס?” איך געדענק נישט; אויף רוסיש הייסט זי „באָלשאיא” און זי איז די צענטראַלע אָרטעריע פון ווילנער לעבען. ס׳איז געווען אַ זומער־אָווענד. מיר זיינען געגאַנגען איבער דער גאַס. און פּלוצלונג האָט זיך אָנגעהויבען אַ רעגען. אָבער ניט סתם אַ געוועהנליכער רעגען, נאָר אַ „פליוך”. עס האָט געגאָסען און געגאָסען. און ווילנא האָט אַ טבע: ווען עס הויבט אָן שטאַרק צו גיסען, ווערט דאַמאָלט אַן אמת׳ע פאַר־פלייצונג. די גאַס איז אַ שמאָלע און זי געהט אַ ביסעל באַרג אַראָפּ. נאָך אַ צענדליג מינוטען פון אַ שטאַרקען רעגען פאַרוואַנ־דעלט זיך די גאַס אין אַ טייך. ס׳איז ניט קיין שפּאַס און ניט קיין גוזמא. די גאַס ווערט אַן אמת׳ער טייך; דער ברוק און

די טראַטואַרען ווערען באַדעקט מיט וואַסער, וואָס רינט און טראָגט זיך און ברויזט. און ס'איז גאַנץ טיף. וועגען גהן ווייטער, קאָן קיין רייד ניט זיין. זיינען מיר אַריין אין דעם ערשטען בעסטען טויער. אָבער דאָס וואַסער הויבט זיך אַלץ העכער און העכער; אין דער גאַס גופא גרייכט דאָס שוין ביז די קניה, און עס דרינגט אַריין אין טויער. מען קען אויך דאָרטען ניט בלייבען. זעהען מיר אויף אַ טיר — אַט דוקא אין דעם דאָזיגען טויער — אַ שילדעל: „קאַפע־הויז". מיר גהען אַרויף אויפ'ן צווייטען עטאַזש און דאָרטען געפינט זיך טאַקע דאָס קאַפע־הויז. אַזוי האָב איך ענטדעקט מאַריכעס'ען, און אין די שפּעטערדיגע צייטען בין איך דאָרטען געוואָרען אַ טאָג־טעגליכער גאַסט.

צוויי קליינע צימערלאַך. אין איינעם געפינט זיך אַ ביליאַרד, אין דעם צווייטען איז דער בופעט. עס זיצט דאָרטען די בעל־הבית'טע, עס שטעהט אַ האַלבער טוץ טישלאַך און אַרום די טישלאַך זיצען די געסט. מען טרינקט טיי און קאַווע. די קאַווע איז דאָרטען געווען די בעסטע אין גאַנץ ווילנע. פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס האָט מען געקענט באַקומען די געשמאַקסטע קאַווע, וואָס איך האָב נאָר אַמאָל געטרונקען. אין די ווילנער קאַווע־הייזער האָב איך קיין מאָל ניט געהאַט אַזאַ הנאה פון קאַווע. און ווייזן איז דאָך געווען באַרימט מיט איהר קאַווע. ווער רעדט שוין וועגען דער וואונדער־שעהנער „באַבקע", וואָס מען פלעגט דאָרטען דערלאַנגען.

אויף די טישען ליגען צייטונגען, און צווישען אַנדערע אויך אַ דייטשע צייטונג, דער „בערלינער טאַגעבלאַט", וואָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע צוציהונגס־קראַפט. די מעהרסטע לייט אָבער, וואָס זיצען דאָרטען, האָבען אַן אַנדער באַשעפטיגונג: מען שפּילט שאַך.

דערוואַקסענע, אַלטע, גרויע אידען זיצען דאָרטען אין מיטען העלען טאָג און שפּילען שאַך. קענטיג, אַז זייערע ווייבער האָרעווען פאַר זיי. מעגען זיי שפּילען. איך אַליין פלעג זעלטען שפּילען. אָבער זיצען און קוקען און צוהערען זיך, איז געווען אַן אמת'ע מחיה. אַ איד האָט דאָך אַ באַזונדערע מאַניערע ווי צו שפּילען שאַך. אַ איד האַלט דאָך אין איין רעדען און אין איין זינגען. אימיצער זאָגט עפּעס אַ ווערטעל. דער שפּילער כאַפּט

אונטער דאָס ווערטעל און הויבט אָן דאָס איבערצו׳חזר׳ען אויף טויזענדערליי אופנים, און דוקא מיט א נגון און דוקא מיט פאַרשיידענע נגונים, און דער צווייטער שפּילער הויבט אָן פּונקט אזוי ווי דער ערשטער, פּאַרטראַכטערהייט און ניט וויסענדיג אפילו, אז ער זאָגט און זינגט עפּעס — נאָכצוזינגען דאָס ווערטעל מיט׳ן נגון. קען מען צופּלאַצט ווערען פון געלעכטער. אָבער די שפּילער אַליין זיינען נאָך ניט די איינציגע טעטיגע פּערזאָנען. ארום יעדען טישעל, ארום יעדען פּאָר שפּילער, זיצט און שטעהט א גאַנצע מחנה צושויער. זיי שטעהען און „קיבעצען״. דאָס וואָרט „קיבעצען״ האָט אַן אַנדער זין אין אַמעריקא, און אַן אַנדער זין אין אייראָפּא. אין אַמעריקא מיינט דאָס מאַכען שפּאַס. אין אייראָפּא — צוקוקען זיך צום פרעמדען שפּיל און זיך באַטייליגען אין דעם מיט וואָרט און עצה. און פון די דאָזיגע עצות קומען ארויס שטענדיגע רייסערייען. צוויי אידען שפּילען, א דריטער שטעהט איבער זייערע קעפּ און נודיעט. „ר׳ איד, איהר שפּילט ניט גוט״, — מאַכט א „קיבעצער״. „לאָזט מיך צו רוה״, רופט זיך אָפּ דער שפּילער. „אָבער פאַר וואָס זיינט איהר ניט געגאַנגען מיט׳ן פערד אָט אהער?״ „איך בעט אייך, לאָזט מיך צופרידען״, בייזערט זיך דער שפּילער. אויף א פּאָר מינוטען ווערט רוהיגער. מען מאַכט א פּאָר געננ. „פּושער איינער, געהט ניט אהין, געהט אָט אזוי״, הויבט ווידער אָן דער קיבעצער. „געהט צו אַלע שוואַרץ יאָהר, לאָזט מיך שפּילען!״ ווידער א מינוט שטילקייט, און ווייטער די זעלבע מעשה.

איין מאָל, געדענק איך, האָט איינער א קיבעצער אזוי לאַנג גענודיעט, ביז וואַנען דער שפּילער האָט פאַרלאָרען זיין געדולד און ארויסגעלאָזט א געשמאַקען, הילכיגען דרייגאָריגען „רוסישען וואָרט״. ס׳איז געוואָרען טויט־שטיל אין דעם צימער. און נאָך א פּאָר סעקונדען שווייגען רופט זיך אָפּ איינער פון די געסט: „אָ, פּאַניע ראַבינאָוויטש, רעדט איהר שעהן רוסיש!״ דער עולם לאַכט, און דער שפּילער וואָס האָט זיך שוין צוריק פאַרטראַכט אין די שאַך־קאָמבינאַציעס, ברומט אונטער׳ן נאָז מיט א אידישען נגון „אָ, פּאַניע ראַבינאָוויטש, רעדט איהר שעהן רוסיש״. און א שעה נאָכאַנאַנד האָט זיך דאָ ביי דעם, דאָ ביים

צווייטען טישעל געהערט דער אידישער נגון פון די פארטראכטע שפילערס: „אָ, פאַניע ראבינאָוויטש, רעדט איהר שעהן רוסיש“. ביז׳ן היינטיגען טאָג זעה איך נאָך פאַר מיינע אויגען דאָס דאָזיגע קליינע צימערעל מיט דער אַלטער שטילער בעל־הבית׳טע, מיט די אַלטע אידען ביי די טישלאך, און איך הער נאָך אַלץ דעם נגון וועגען דעם פאַן ראבינאָוויטש, וואָס רעדט אזוי שעהן רוסיש.

ווען איך בין געוועזן מיט אַ קורצער צייט צוריק אין ווילנע נאָך אַ הפסקה פון 12 יאָהר, איז איינע פון די ערשטע פראַגען מיינע געוועזן, צו עקזיסטירט נאָך ביי אייך דאָס קאפע־הויז פון מאריכעס׳ען? עס עקזיסטירט אָבער שוין ניט מעהר. אַ שאָד!

## 78.

# פעטערבורג.

אין אָנהויב פון יאָהר 1908 האָב איך גענומען אַן אורלויב און בין אװעקגעפאָהרען אין פעטראָגראַד. מיין פּלאַן איז איי־גענטליך געװען צו פאָהרען אין אויסלאַנד זיך אביסעל אויס־צולופטערען און אָפּצורוהען. עס האָט זיך אָבער גראָד גע־טראָפען, אַז איך האָב באקומען אַ פאָרשלאַג צו באטייליגען זיך אין אַ גרויסען רוסישען זאַמעל־בוך, וואָס איז ארויס מיט אַ יאָהר שפּעטער אונטער'ן נאָמען „די פאָרמען פון דער נאַציאָ־נאַלער באוועגונג". דער ארויסגעבער פון דעם זאַמעל־בוך איז געקומען צו מיר אין ווילנא און האָט מיך געבעטען אָנצושרייבען פאר'ן זאַמעל־בוך אַן אַרטיקעל וועגען די נאַציאָנאַלע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד. חוץ דעם האָט ער מיך שטאַרק איינגערעדט, איך זאָל קומען צו איהם אין פעטערבורג און מיטהעלפען איהם צו רעדאַגירען די איבערזעצונגען (מאַנכע אַרטיקלען זיינען געווען באַשטעלט ביי אויסלענדישע שרייבער און מען האָט זיי געדאַרפט איבערזעצען אויף רוסיש) און ביי אַנדערע טעכנישע רעדאַקציאָנס־ארבייטען. עס האָט זיך געהאַנ־דעלט וועגען עטליכע וואָכען, און איך האָב אָנגענומען דעם פאָר־שלאַג. די עטליכע וואָכען האָבען זיך אָבער סוף כל סוף פאַ־נאַנדערגעוואַקסען אין אַ פּאָר חדשים.

אַ שטאָדט איז ווי אַ לעבעדיגע באַשעפעניש, ווי אַ לע־בעדיגער מענש. זי האָט איהר אייגענעם פערזענליכען פּנים. ביים רוב פון די מענשען זיינען די פּנים'ער — אין אַלגעמיין גענומען, — עהנליך, שיער ניט גלייך. און אויך דאָס רוב שטעדט זיינען עהנליך איינע צו דער צווייטער; אַזוי איז עס אין איי־ראָפּא, אַזוי איז עס — נאָך מעהר — אין אַמעריקא. אָבער

אמאָל טרעפט מען צווישען דעם איינטאָניגען, איינפאַרביגען עולם אַ פּנים, וואָס ווייזט ארויס אַ שאַרפע פערזענליכע אייגענ־אַרטיגקייט. אַזאַ פּנים קריצט זיך איין אין זכרון, און מען קען איהם קיינמאָל ניט פאַרגעסען. און אַזוי איז עס מיט די שטעדט. עס איז דאָ פאַראַן וועניגע, געקליבענע שטעדט מיט אַ שטאַר־קער, בולט'ער פּערזענליכקייט. ניט ענהליך צו אַנדערע. אַ וועלט פאַר זיך. אַזאַ שטאָדט איז פּאַריז. אַזאַ שטאָדט איז מאָסקווע. אַזאַ שטאָדט איז געווען פּעטערבורג.

איז געווען. זי איז שוין ניטאָ. ווען איך רייד וועגען פּעטערבורג, דערמאָן איך זיך אָן די וואונדערבאַרע ווערטער פון דעם גרויסען — שיער ניט דעם גרעסטען — רוסישען שרייבער, דאָסטאָיעווסקי וועגען מערב־אייראָפּאַ. דער מערב — האָט ער געזאָגט (דורכ'ן מויל פון איינעם פון זיינע העלדען — איוואַן קאַראַמאַזאָוו) — דאָס איז אַ גרויסער בית עולם, אָבער אויפ'ן דאָזיגען בית עולם ליגען ליבע, טייערע טויטע...

אויך פּעטערבורג איז איצט געוואָרען ענהליך צו אַ בית־עולם. אַ טויטע שטאָדט. אָבער ווער עס האָט זי געקענט לע־בעדיגערהייט, וועט זי קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

פּעטערבורגער תושבים פּלעגען ברומען און קלאָגען זיך: גרויע שטאָדט, שווערע שטאָדט, קאַלטע שטאָדט, מיט נעבלען און ווינט און רעגען און בלאָטע. איך ווייס נישט. וואָלט איך געוואָרען אַ פּעטערבורגער תושב, וואָלט איך אפשר אויך גע־קלאָגט. אָבער אין די פּאָר קורצע חדשים וואָס איך האָב פאַר־בראַכט אין פּעטערבורג, אַזוי צו זאָגען אַלס גאַסט, האָט מיך ניט געאַרט די קעלט, און די גרויקייט און די נעבלען און די רעגענס. דאָס איז געווען, אָבער איך האָב דאָס ניט געזעהן און ניט געפיהלט. און יאָ געזעהן און יאָ געפיהלט האָב איך נאָר דעם וואונדערבאַרען חן פון דער וואונדערבאַרער שטאָדט.

גרוי איז זי. דאָס איז אמת. גרוי די הייזער, גרוי דער הימעל, גרוי די גרויסע, מעכטיגע נעוואַ און גרוי דער גראַניט וואָס צוימט זי ארום. אַ קאַלטקייט און אַ שטרענגקייט ליגט אויסגעשפּרייט איבער איהר אויסזעהן. זי איז ניט פון יענע שטעדט, וואָס באַצויבערען מיט זייערע בונטע, ליכטיגע קאָ־לירען, מיט אַ פילפאַרביגקייט פון אַ לייכטען, ליכטיגען לעבען.

א צפונ׳דיגע שטאָדט, א שטאָדט, גלייך צו יענע מענשען, וואָס זיינען איינגעשלאָסען אין זיך. מען דארף זיך ארייגטיפען אין זיי. מען דארף זיך איינלעבען אין זיי. מען דארף אויפדעקען זייער אינגעוועניגסטע שעהנקייט. אָבער כל זמן מען האָט דאָס ניט אויפגעדעקט, כל זמן מען האָט ניט אויפגעדעקט די זיבען שלעסער, מיט וועלכע זי איז פארשלאָסען, זעהט מען א גרויסע באהאַלטענע שעהנקייט. מ׳דארף נאָר ענטפּלעקען איהר נשמה. און דאָס איז די נשמה פון דער רוסישער אינטעליגענץ.

א שטאָדט מיט א גרויסער רייכער נשמה איז פאריז. א שטאָדט מיט א רייכען לעבען פון א קאָכיגען היינט און א שטאָדט פול מיט היסטאָרישע עראינערונגען, א שטאָדט פול מיט די שפּורען פון גרויסע רעוואָלוציעס. איהר געהט איבער די גאַסען און איהר פיהלט דאָס אויף יעדען שריט און טריט. אָט דאָ האָט זיך מיט הונדערט און דרייסיג יאָהר צוריק געטראָגען דער גרויסער ברויזענדער עולם צו ברעכען די מויערען פון דער באַס־טיליע; אָט דאָ איז געגאַנגען דאָס באוואפּענטע פאָלק פון דער רעוואָלוציאָנערער פארשטאָדט צו שטורמען דעם קעניגליכען שלאָס. — און אייך דאכט זיך, אז איהר הערט נאָך דעם דונער פון די פּויקען, וואָס האָבען באגלייט דעם רעוואָלוציאָנערען מארש; אָט דאָ האָט זיך געגאָסען דאָס ארבייטער־בלוט אין די גרויסע שלאַכטען פון 1848; אָט דאָ ליגען די געפאלענע העלדען פון דער אונשטערבליכער קאָמונע. ס׳איז נאָך אַלץ דער זעל־בער פאריז. אַן אנדערער, און פאָרט דער אייגענער. און אייך דאכט זיך, אז די לופט גופא וואָס איהר אָטעמט איין איז נאָך פול מיט די גרויסע זכרונות פון דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער געשיכטע.

פעטערבורג איז אַן אנדערער. ער האָט ניט קיין גרויסע, אַלטע רעוואָלוציאָנערע פארגאַנגענהייט. אין דעם פּרט איז ער אָרימער ווי יעדע גרויסע שטאָדט פון אייראָפּעאישען מערב. אָבער אין זיינע גרויע מויערען איז איינגעוועבט די דורות־לאַנגע געשיכטע פון דער רוסישער אינטעליגענץ, דאָס דורות־לאַנגע טראַכטען, שטרעבען, בענקען און ליידען.

איידער מען קומט אין פאריז, קען מען איהם שוין, ווען מען איז נאָר באקאַנט מיט דער געשיכטע פון די אַמאָליגע גרויסע

רעוואָלוציעס. איידער מען קומט אין פּעטערבורג, קען מען איהם שוין, ווען מען איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דעם רוסי־שען געדאַנק און פון דער רוסישער קולטור, פון דער רוסישער ליטעראַטור. איינגעמויערט אין די גרויע שטיינער פון די פּעטערבורגער הייזער ליגט דער אוצר פון אַ גרויסען גייסטיגען ברענען. אין הונדערטער ראָמאַנען און ערצעהלונגען האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט דער פּנים פון דער שטאָדט, אָנהויבענדיג פון די גאָר אַלטע גדולים, פון פּושקינ׳ען און גאָגאָל׳ען, דורכגעהענדיג אויף דאָסטאָיעווסקי׳ן, ענדיגענדיג מיט אַלעקסאַנדער בלאָק און אַנדערע פאַרטרעטער פונ׳ם יונגען דור. אַ שטאָדט, וואָס איז אָנגעפילט מיט׳ן אָנגעשטרענגטען דענקען און זוכען, מיט׳ן שטענדיגען ערנסטען, טיפען זוכען פון אַ וועלט־אָנשויאונג, מיט׳ן שטענדיגען פרעגען נאָכ׳ן זין און צוועק פון לעבען; אַ שטאָדט, וואָס איז אָנגעפילט מיט׳ן גרויסען און הערליכען קינסטלערישען שאַפען, אַ שטאָדט פון רוחניות, אַ שטאָדט פון ברענענדיגען מענשליכען גייסט. אַ שטאָדט פון דער גרויסער סטודענטישער יוגענד, אַ שטאָדט פון שרייבער, דענקער און קינסטלער, אַ שטאָדט פון אַן ענטוויקעלטער גרויסער ארבייטערשאַפט. וואו איהר געהט און וואו איהר שטעהט פיהלט איהר דעם קלאַפּען פון דעם דאָזיגען אָנגעשטרענגטען דופק. איהר זעהט פאַר זיך מאַסען אינטעליגענטע פּנימ׳ער, איהר הערט אַ שמועס וועגען די גרויסע, טיפע פראַגען פון לעבען.

אַ מערקווירדיגע שטאָדט. טיף און פאַרבאַהאַלטען, ווי די רוסישע נשמה, עפּעס אַ מיסטישער סוד ליגט אויסגעשפּרייט איבער איהר... אַ פאַנטאַסטישע שטאָדט! — האָט אַמאָל געזאָגט אָסטראָווסקי. — עס דאַכט זיך, אַז אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען וועט זי אין גאַנצען זיך אויפהויבען אין דער לופטען און צורונען ווערען ווי אַ חלום...

געבויט אויף זומפּען, פול מיט נעבלען, איינגעשמידט אין די צאַרישע קאַנצעליאַריעס, און דאָך פול מיט אַזאַ גוואַלדיגער גייסטיגער רייכקייט! איך האָב דאָרטען פאַרבראַכט בלויז אַ פּאָר חדשים, און אין די פּאָר חדשים האָב איך דאָרטען געזעהן און געהערט שיער ניט די שעהנסטע זאַכען, וואָס זיינען דאָ אין דער וועלט. אָט שפּילט מען אין דער גרויסער אָפּערא וואַגנער׳ס

„זיגפריד". איך האָב עס געהערט ניט איינמאָל אין די גרויסע שטעדט פון מערב־אייראָפּא, אָבער אין קיין איין שטאָדט האָט מען דיזע פּערל פון דייטשער קונסט ניט געשפּילט אזוי הערליך, ווי אין דעם רוסישען פּעטערבורג. אָט קומט צו פאָהרען דער גרעסטער פון די לעבעדיגע דיריגענטען ארטור ניקיש. און אין קיין איין שטאָדט פארשטעהט מען איהם ניט אזוי טיף, אין קיין איין שטאָדט נעהמט מען איהם ניט אויף מיט אזא התפּעלות, ווי אין דעם קאַלטען, גרויען פּעטערבורג. אָט קומט פאָר א קאָנצערט פון א גרויסען רוסישען זינגער: סאָבינאָוו זינגט ראכמאַנינאָוו׳ס לידער, און קיין שעהנערע זאַך קען מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען.

אָט עפענט זיך אן אויסשטעלונג פון בילדער. שפּאָגעל־נייע מאָדערנע קונסט און דוקא אין אן אלטען, אלטען הויז, — אין דעם זעלבען הויז, וואו עס האָט אמאָל, מיט 70 אָדער 80 יאָהר צוריק געלעבט פּושקין אליין. און איהר שפּירט די גרויסע גייסטיגע קראַפט פון דער רוסישער קולטור־טראַדיציע, וואָס געהט דורך ווי א רויטער פאָדים, פארבינדענדיג דאָס מאָדערנסטע זוכען מיט די ערשטע טריט פון דעם אַלטען רוסישען שאַפען. אָט געה איך אריין אין דעם רוסישען „טעאטער קלוב". ס׳איז א יובילעאום־אָוונט, געווידמעט דעם אָנדענקען פון טורגעניעוו׳ן, און עס באווייזען זיך אויף דער עסטראַדע די גדולים פון דער מאָדערנער רוסישער קונסט: דער גרויסער שרייבער אנדרעיעוו, דער גרויסער מאהלער רעפּין, דער גרויסער ארטיסט דאַלמאַטאָוו, און אין דעם פּובליקום זיצען צעהנדליגע און הונדערטע פאָרשטעהער פון די אויסדערוועהלטע קולטור־טרעגער און קולטור־שאַפער, און ערגעץ אין א ווינקעלע זעה איך די בכבוד׳יגע געשטאַלט פון דער אַלטער רעוואָלוציאָנערקע ווערא זאַסוליטש, און אין א צווייטען ווינקעל — א גרופּע סאָציאַליסטישע ארבייטער, וואָס זיינען געקומען פון ערגעץ א פאַבריק־פאָרשטאָדט צו באטייליגען זיך אין דעם יום־טוב פון דער רוסישער ליטעראַטור. אָט קומט צו פאָהרען דער מאָסקווער קינסטלער־טעאטער, דער שעהנסטער קינסטלער־טעאטער וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט. און נאָך, און נאָך...

טאָג און נאַכט דויערט דאָס גרויסע הייליגע ברענען. דאָכט

זיך, אז פעטערבורג שלאָפט קיינמאָל ניט. עלף אזייגער ביי־נאַכט, ווען אין דעם „ציוויליזירטען" מערב געהען די גלאַסענע, סאָלידע בירגער שלאָפען אונטער זייערע וואַרימע פעריגעס, קומט מען אין פעטערבורג ערשט צו־גאַסט. איינס אזייגער ביינאַכט איז דער „ניעווסקי פּראָספעקט" פול מיט א גרויסען רעש'יגען עולם...

איך האָב געוואוינט ביי דעם ארויסגעבער פון דעם זאַמעל־בוך, וועגען וועלכען איך האָב פריהער דערמאָנט. מיר פלעגען שטענדיג פאַרברענגען האַלבע נעכט אין לאַנגע שמועסען. און די גאַנצע נאַכט פלעגט זיך הערען אין דרויסען פון דער גאַס דאָס שטענדיגע קלאַפּען פון די קאָפּיטעס. איין „איזוואָזשטשיק" נאָכ'ן צווייטען, איינער נאָכ'ן צווייטען, — זיי טראָגען זיך פאַר־ביי איבער'ן אספאַלטענעם ברוק. מען הערט ניט דעם גערויש פון די רעדער, נאָר דאָס שטענדיגע קלאַפּען פון די פערדישע קאָפּיטעס. א שעה נאָך א שעה, א שטענדיגע אומרוה, ווי דאָס קלאַפּען פון א הארץ אין א שלאָפלאָזע נאַכט. און ווען מיר פלעגען זיך פאַנאַנדערגעהן און אויסלעשען די לאָמפּען — אין סאַמע מיטען נאַכט — איז אין שטוב געווען ליכטיג. דער הימעל איז געווען דורכזיכטיג. עס איז געלעגען איבער דער שטאָדט די וואונדערבאַרע ווייסע נאַכט, די באַריהמטע ווייסע נאַכט פון דעם צפונ'דיגען פעטערבורג.

איצט איז עס פאַרביי. דער אמאָליגער פעטערבורג איז שוין ניטאָ. שוין קנאַפּע פיר יאָהר ווי ער האָט אָנגעהויבען צו שטאַרבען... איך געדענק, איך האָב געלייענט דעמאָלט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די גסיסה, אן ארטיקעל אין דער ציימונג, וואָס גאָרקי האָט אין יענער צייט ארויסגעגעבען. דער מחבר האָט זיך באַנוצט מיט א בילד, גענומען פון טאָלסטאָי'ס „קריג און שלום". טאָלסטאָי האָט דאָרטען באַשריבען מאָסקווע פאַר'ן אריינמאַרש פון נאַפּאָלעאָנ'ס חילות. ער האָט דאָס פאַר־גליכען מיט א בינשטאָק, וואָס איז פאַרלאָזען געוואָרען פון די ביהנען: טויטקייט, פוסטקייט, חורבן. דאָס זעלבע איז גע־וואָרען מיט פעטערבורג. א טויטע שטאָדט. צי וועט זי אמאָל אויפשטעהן תחית המתים? ס'איז א גרויסער ספק. איך האָב מורא אז ניט. אַלענפאַלס ניט אין איהר אמאָליגער געשטאַלט.

ראכט זיך, אז עס זיינען פארווירקליכט געווארען אסטראווסקי׳ס טרויעריגע ווערטער: די שטאדט איז צורונען געווארען, ווי די נעבלען, וואס פלעגען זי ארומנעהמען.

ווען פעטער דער גרויסר האט געבויט די שטאדט אין די קאלטע וועלדער אויף די נאסע זומפען, האבען זיינע געגנער, די אפאזיציע פון יענער צייט, די אנהענגער פון „אלטען גלויבען", געזאגט א פינסטערע נבואה: „די שטאדט וועט ווערען וויסט". און עס דוכט זיך, אז די דאזיגע מיסטישע נבואה איז מקוים גע־ווארען. די שטאדט איז וויסט געווארען. און דאס איז איינער פון די גרעסטע קרבנות, וואס דאס רוסישע פאלק האט גע־בראכט אויפ׳ן מזבח פון מלחמה און פון רעוואלוציע. ס׳איז גע־בליבען א בית־עולם. ווי טייער איז אבער דער דאזיגער גרוי־סער בית־עולם פאר יעדען איינעם, וואס האט דארטען איבערגע־לאזט א שטיק פון זיין הארץ!

.79

# צוריק אין אויסלאַנד.

אין חודש מאַי בין איך אַוועקגעפאָהרען אין אויסלאַנד. אריינגעפאָהרען אויף אַ פאָר טעג אין מאָסקווע זיך זעהן מיט מיין שוועסטער, און דאַן — דורך ווילנא און בערלין אַוועק אין ושענעוו. איך האָב גערעכענט צי פאַרברענגען דאָרט אַ קורצע צייט, אפשר איין זומער. און איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז עס וועט מיר אויסקומען צו בלייבען אין אויסלאַנד גאַנצע יאָהרען, אַזוי האָט זיך אָבער געטראָפען, אַז אין מיטען זומער האָב איך באַקומען פון רוסלאַנד שלעכטע, טרויעריגע ידיעות. דער צענטראַלער קאָמיטעט האָט געהאַלטען אַזוי שמאָל, אַז ער איז ניט געווען בכוח אפילו אויסצוהאַלטען אַלע זיינע מיטגלי־דער. מיט אַן אויסנאַהם פון אַ פאָר מענשען, וואָס זיינען גע־בליבען פראָפעסיאָנאַלען, האָבען זיך אַלע אַנדערע געמוזט באַ־זעצען אין די ערטער — דער אין ווילנא, דער אין וואַרשאַ און אַננעהמען לעגאַלע שטעלעס — דאָס רויב אַלס לעהרער — צו פאַרדינען דאָס שטיקעל ברויט. איך וואָלט דאָס ניט געקענט טאָן. איך בין נאָך אַלץ געווען אַן אומלעגאַלער. מיט אַ יאָהר פריהער האָב איך אין ווילנא געמאַכט אַ פאָרזיכטיגע פּראָבע צו לעגאַליזירען זיך; עס האָט זיך ניט איינגעגעבען. פאָהרען אין רוסלאַנד און ווערען אַ לאַסט פאַר דער פאַרטיי, האָט ניט געהאַט קיין זין. פאַר אַ ברייטערע טעטיגקייט אַלס רעדנער און שרייבער איז ניט געווען קיין פעלד, און אַ מענש פון פּראַק־טישער אָרגאַניזאַציאָנעלער ארבייט בין איך ניט געווען, האָב איך געהאַלטען פאַר ריכטיג צו בלייבען אין אויסלאַנד. דאָרטען האָב איך געהאַט מעהר מעגליכקייטען עפּעס צו טאָן און אַזוי האָט זיך דאָס געצויגען גאַנצע פיר יאָהר.

איך האָב זיך באַזעצט אין זשענעווו און מאַנכע טוער פון דער רוסישער באַוועגונג זיינען צו יענער צייט אַוועק אין אויסלאַנד. אין די רוסישע צייטונגען איז ערשינען אַ מעלדונג, אַז די רעגירונג זוכט דעם „דוואָריאַנין וולאַדימיר אוליאַנאָוו" און דעם „מעשטשאַנין יולי צעדערבוים". דאָס זיינען געווען לענין און מארטאָוו. איך האָב זיי אָנגעטראָפען שוין אין אויס־לאַנד. עס האָבען אָנגעהויבען ווידער צו ערשיינען רוסישע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע בלעטער אין אויסלאַנד. אין גיכען האָ־בען מיר אויך באַשלאָסען ארויסצוגעבען אַ צייטונג פון „בונד" אין זשענעוואַ, אונטער'ן נאָמען „אָטקליקי בונדאַ". ס'איז גע־וואָרען עהנליך צו דער צייט נאָכ'ן יאָהר 1905.

באַלד ווי איך בין געקומען צו פאָהרען אין זשענעוו, איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע זיצונג פון דעם צענטראַלען קאָמיטעט פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבייטער־פּאַרטיי. דער צענטראַלער קאָמיטעט איז געווען אויסגעקליבען נאָך אויף דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר, מיט אַ יאָהר פריהער. ער האָט אייגענטליך געהאַט זיין הויפּט־קוואַרטיר אין פּעטערבורג, אָבער אין דער לעצטער צייט פלעגט ער פּאַקטיש ניט עקזיסטירען. ארעסטען, פאַרפאָלגונגען, דאָס אַוועקפאָהרען אין אויסלאַנד פון אַ רייהע אָנגעזעהנסטע טוער האָט געבראַכט די צענטראַלע אַר־בייט צום שטילשטאַנד. נאָך אַ לענגערע הפסקה האָט מען ענד־ליך געמאַכט אַ זיצונג, און מען האָט זי געדאַרפט איבערטראָגען אַזש אין די ווייטע שווייץ. זי איז פאָרגעקומען אין זשענעוו, אין דער דירה פון דעם אויסלענדישען קאָמיטעט פון „בונד" אויף „קארוזשקע".

אין דער זיצונג האָבען זיך באַטייליגט אַ מאַן צעהן אָדער עלף. דער „בונד" איז געווען פאַרטראָטען פון צוויי דעלע־גאַטען, דאָס זיינען געווען עזרא און איך. די גאַנצע זיצונג וואָס האָט געדויערט אַ פּאָר טעג, איז געווען אויסגעפילט מיט רייסענישען צווישען די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. איך געדענק צוויי הויפּט־ענינים, וועלכע האָבען ארויסגערופען די שאַרפסטע סכסוכים. די ערשטע פראַגע איז געווען וועגען די „עקספּראָפּריאַציעס".

איך האָב שוין דערמאָנט די דאָזיגע פראַגע, דערצעהלענ־

דיג וועגן דעם לאַנדאַנער צוזאַמענפאָהר. דער צוזאַמענפאָהר האָט פאַרוועהרט די „עקסען" און באַשלאָסען פאַנאַנדערצולאָזען די „קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס". איצט זיינען אָבער די מענשעוויקעס ארויס מיט טענות געגען דעם צענטראַלען קאָמיטעט (און די הויפט־דעה איז געווען ביי דער געגנערישער פראַקציע), אַז ער ערפילט ניט דעם באַשלוס. מען האָט גראַד מיט אַ קורצער צייט צוריק אַרעסטירט אין פּאַריז און אין מינכען עטליכע מענשען — באָלשעוויקעס (איינער פון זיי געהערט איצט צו די גרויסע גדולים פון דער רוסישער סאָוועטען־רעגירונג) בעת זיי האָבען געוואָלט אויסטוישען אין די בענק אַ געוויסע צאָהל רוסישע באַנקנאָטען, וועלכע מען האָט צוגערויבט ערגעץ ביי אַ עקספּראָפּריאַציע. די מענשעוויקעס האָבען גע'טענה'ט, אַז דער באָלשעוויסטישער צ. ק. איז פאַרמישט אין דער זאַך און אין אַנדערע אַזעלכע זאַכען.

ווי דער שטייגער איז האָבען זיך די באָלשעוויסטישע מיטגלידער פון צ. ק. ניט מודה געווען אין זייער שולד. נאָר וואָס? — זיי האָבען געענטפערט מיט אַ „צוריק שוץ", מיט אַ געגען־באַשולדיגונג. זיי זיינען ארויסגעטראָטען מיט זייערע אייגענע אַנטפּלעקיגגען און האָבען גע'טענה'ט, אַז אין דער צייט, ווען דער צענטראַלער קאָמיטעט איז נאָך געווען אין די מענשעוויסטישע הענד, האָט ער זיך אויך באַנוצט מיט אַזעלכע טריפה געלד. מען האָט איהם פאַר איהם געמאַכט „עקס'ען" ערגעץ אויפ'ן קאַווקאַז. פאַרשטעהט זיך האָבען דאָס די מענשעוויקעס אויך געלייקענט. עס איז אָבער פאַרט געווען צוויי גלייכע באַשולדיגונגען און סוף כל סוף האָט זיך די זאַך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

אַ צווייטע פראַגע איז געווען גאָר אַ שפּאָגעל־נייע, אַ פראַגע וועגען די אַזוי־גערופענע „ליקווידאַטאָרען". דאָס איז געווען גאָר אַ נייע ערשיינונג אין דעם רוסישען פּאַרטיי־לעבען.

די זאַך איז געווען אַזוי: די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען זיך אין די לעבעדיגע יאָהרען 1905 און 1906 גאַנץ שעהן ארויפגעארבייט און אָנגעהייבען צו פיהרען אַ ברייטע ארבייט, האָבען זיך איצט צוריקגעקעהרט צו אַ גאָר טרויעריגען צושטאַנד. די מאַסען־באַוועגונג

איז געשלאָפען. די רייסענישען צווישען די באָלשעוויקעס האָבען פארגומען דעם אויבענאָן אין דעם גאַנצען פארטיי־לעבען. מען האָט ניט געפיהרט קיין שום ברייטע ארבייט, מען האָט ניט געהאט קיין מאסען. עס זיינען געבליבען קליינע קרייזלאך פון פארבליבענע פארטיי־טוער, וואָס האָבען געהאלטען אין איין אמפערען זיך און אין איין פיהרען קליינע און קליינליכע קרייזלאך און קרייזלאך פאָליטיק. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז ביי אַ געוויסען טייל פון די מענשעוויסטישע טוער האָט זיך ענטוויקעלט אַ מין אומ'חן צו דער קליינער, אונלעגאַלער, אונטערערדישער פארטיי־אָרגאַניזאַציע. מען האָט געהאלטען, אַז פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע קאָן קיין גוטס ניט ארויסקומען און אַז עס לוינט זיך נישט אָפצוגעבען די מיה און די כחות אויף אויפצוהאלטען די דאָזיגע פארטיי. די איינציגע זאַך וואָס עס לוינט זיך יאָ צו טאָן, איז צו פארנעהמען זיך די ברייטע אָפענע ארבייטער־אָרגאַניזאַציעס אין דער געשטאלט פון פראָפעסיאָנעלע פאראיינען, קולטור־געזעלשאפטען, קאָאָפּעראַטיוועו. דאָרטען איז די אמת'ע ארבייטער־באַוועגונג. די אומלעגאַלע פארטיי־קרייזלאך דארפען אָבער אין גאַנצען „ליקווידירט" ווערען. אָט פון דעם „ליקווידירען" האָט זיך גענומען דאָס וואָרט „ליקווידאטאָרען".

עס דארף געזאָגט ווערען, אַז עס זיינען געווען נאָר געצעהלטע מענשען, וואָס האָבען זיך געהאלטען אָן דער דאָזיגער מיינונג. דאָס רוב בנין און רוב מנין פון דער מענשעוויסטישער פראַקציע זיינען מיט זיי ניט געווען איינשטימיג. אמת איז, אַז די גאַנצע מענשעוויסטישע פראַקציע האָט טאַקע געלייגט אַ סך אויפמערקזאַמקייט אויף די „אָפענע" ארבייטער־אָרגאַניזאַציעס. זי האָט טאַקע געהאלטען, אַז מען דארף זיי אויסנוצען אויף דעם ברייטסטען אופן. זי האָט אָבער גלייכצייטיג געהאלטען, אַז אַן אומלעגאַלע פּאָליטישע פארטיי־אָרגאַניזאַציע איז דורכאויס נויטווענדיג און אָהן איהר קען מען זיך בשום אופן ניט באַגעהן. די באָלשעוויקעס האָבען אָבער גוואַלדיג פאַנאַנדערגעבלאָזען די ליקווידאַטאָרישע סכנה. זיי האָבען דאָס אויסגענוצט אַלס אַ מיטעל צו קאָמפּראָמעטירען דעם גאַנצען מענשעוויזם, און זיי האָבען דעריבער געהאלטען אין איין

טענה׳ן, אז אַלע מענשעוויקעס זיינען געכאַפּט אין דער מעשה. אַזוי אַרום האָבען זיי געוואָלט פאַר׳מיאוס׳ען דעם מענשעוויזם אין די אויגען פון די אַרבייטער. און אין משך פון די וויטער־דיגע יאָהרען — ביז צו דער גרויסער מלחמה — איז דער קאַמף פון די באָלשעוויקעס געגען דעם מענשעוויזם געגאַנגען אונטער דער פירמע פון „ראַטעווען די פּאַרטיי" פון די ליקווידאַטאָרען.

אויף יענער זיצונג פון צענטראַלען קאָמיטעט, וואָס איז פאָרגעקומען אין זומער 1908 אין זשענעווו, איז געגעבען גע־וואָרען דער ערשטער סיגנאַל. מען האָט זיך באַנוצט מיט עפּעס אַ מעשה, וואָס אַ פּאָר מענשעוויסטישע טוער האָבען זיך אָנט־זאָגט צו באַטייליגען אין דער אַרבייט פון צענטראַלען קאָמיטעט (צי זיי זיינען געווען באמת „ליקווידאַטאָרען" אָדער ס׳איז גע־ווען מעהר ניט ווי אַ בלבול אויף זיי, — געדענק איך שוין ניט), און מען האָט אויפגעהויבען אַ גרויסען געשריי און אָנגעפיהרט אַ גרויסען קאַמף געגען דעם „בונד". אַזוי ווי דער „בונד" פלעגט דעמאָלט אין די פּאָליטישע פראַגען שטעהן נעהענטער צו די מענשעוויקעס, האָט מען געגען איהם אויך אַרויסגערוקט די באַשולדיגונג אַז ער איז „ליקווידאַטאָריש". און הגם די באַ־שולדיגונג איז געווען דורכאויס פאַלש, האָבען פונדעסטוועגען קיין שום פּראָטעסטען ניט געהאָלפען. כל זמן מען האָט גע־פונען אַ באַקוועמען געוועהר צו באַקעמפען אַ געגנערישע פראַק־ציע, האָט מען דאָס געוועהר ניט געוואָלט אַרויסלאָזען פון האַנד און זיך באַנוצט מיט איהם אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר.

מיט דער באַשולדיגונג געגען דעם „בונד" איז אויף יענער זיצונג אַרויסגעטראָטען לענין אַליין. איך האָב צוליב דעם געהאַט מיט איהם אַ גאַנץ שאַרפען צוזאַמענשטויס, און עס איז געווען אינטערעסאַנט, ווי דער מענש האָט זיך דערביי געפיהרט: ווי אַן אמת׳ער „קאַלטער גזלן". איך האָב אַ סך מאָל געהאַט אַ געלע־גענהייט צוצוקוקען זיך צו זיין האַלטען זיך, און קיין איין מאָל האָב איך ניט געזעהן, אַז ער זאָל אָנווערען זיין קאַלטע, עקשנות׳דיגע רוהיגקייט. בעת ער איז אַרויסגעטראָטען מיט זיין באַשולדיגונג געגען דעם „בונד" האָב איך גענומען דאָס וואָרט, אָפּ־געלייקענט די באַשולדיגונג און געגעבען איהם אַ געהעריגען ענט־פער. איך האָב דאָס געמאַכט אין אַ זעהר שאַרפען טאָן און אין

א שארפער פארם. איך האב געזאגט, אז זיינע ווערטער זיינען ליינטזיניג און אומווירדיג. האט מען געקאנט מיינען, אז אזא ארויסטרעטונג געגען א מענשען, וועלכער איז שוין דעמאלט געווען צוגעוועהנט דערצו, אז וויינינסטענס זיינע אייגענע מענשען זאלען זיך באציהען צו איהם מיט׳ן גרעסטען דרך־ארץ, זאל איהם אויפ־רעגען. עס הויבט זיך אבער ניט אן. ער האט נאר געטאן אויף מיר א גיבען, שארפען קוק מיט זיינע קליינע, טונקעלע אויגלעך און האט געשוויגען, גלייך ווי עס וואלט זיך ניט געהאנדעלט וועגען איהם. און אזוי פלעגט ער זיך האלטען אלע מאל.

די זיצונג פון צ. ק. האט ניט געבראכט צו קיין ממשות׳דיגע רעזולטאטען, און די קליינטשיגע פארטיי־רייסעניש זיינען אנ־געגאנגען אלץ ווייטער, פארשטארקענדיג זיך פון טאג צו טאג. אין א האלבען יאהר ארום איז פארגעקומען נאך א פלענארע זיצונג פון צענטראלען קאמיטעט — מיט׳ן אייגענעם רעזולטאט. ס׳איז בלויז געשאפען געווארען אן אויסלענדישע ביורא פון צ. ק.; די רוסישע ראשי תבות פון דעם ביורא זיינען געווען „ז. ב. צ. ק.״ (זאגרא־ניטשנאיע ביורא צענטראלנאווא קאמיטעטא) און די דאזיגע „ז. ב. צ. ק.״ איז אריין אין דער געשיכטע פון דער רוסלענדער פארטיי אלס אן ארט פון אונענדליכע רייסערייען און סכסוכים. קיין פאָ־זיטיווע נוצליכע ארבייט איז ניט געטאן געווארען. דער „בונד״ האט זיך די גאנצע צייט באמיהט צו שפילען די ראליע פון א רודף־שלום׳ניק, און האט איינגעלעגט וועלטען, כדי צונויפצוברענגען דיביידע פראקציעס. מען האט אויף דעם אוועקגעלעגט א סך מיה און ארבייט, אבער די אלע אנשטרענגונגען זיינען געגאנגען לאיבוד. אנשטאט א פאראייניגונג איז אנגעגאנגען א ווייטערדיגע צוברעק־לונג. די באלשעוויקעס גופא האבען זיך צושפאלטען אויף צוויי פראקציעס. די אפיציעלע באלשעוויקעס מיט לעניג׳ען בראש און די „באיקאטיסטען״, אדער ווי מען האט זיי גערופען „די אפרופער״, מיט אלעקסינסקי׳ן און באגדאנאוו׳ען. דער נאמען „אפרופער״ האט זיך גענומען פון דעם, וואס זיי האבען געהאלטען, אז מען דארף „אפרופען״ די סאציאל־דעמאקראטישע דעפוטאטען פון דער דומע: זיי האבען ניט וואס צו טאן אין דער דומע, און מען דארף זיי צוריקציהען. ביי די מענשעוויקעס ווידער האט זיך אויך גע־בילדעט א ספעציעלע פראקציע, אנגעפיהרט פון פלעכאנאוו׳ען.

פּלעכאַנאָוו האָט ערנסט גענומען די באָלשעוויסטישע באַשולדיגונ־גען געגען די „ליקווידאַטאָרען", און געגרינדעט אַ ספּעציעלע פראַק־ציע פון מענשעוויקעס צו באַקעמפען די „ליקווידאַטאָרען". שפּע־טער איז ביי אַ טייל פון די באָלשעוויקעס אויפגעקומען אַ שטימונג לטובת דער פאַראייניגונג. אויסגעלאָזט האָט זיך מיט דעם, אַז אָנשטאָט אַ פאַראייניגונג האָבען זיך די דאָזיגע מענשען אויסגע־טיילט ווייטער אין אַ באַזונדערע פראַקציע. און עס האָט זיך גע־בילדעט נאָך אַ זעקסטע גרופּע: טראָצקי האָט געשאַפען — אויך אין נאָמען פון פאַראייניגונג — אַ באַזונדער גרופּע, און אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אין וויען זיינע אַן אייגענע צייטונג. עס איז געווען אַ טיפּישע ערשיינונג פון צופאַלונג און צופוילונג. פראַקציעס און גרופּעס זיינען געוואַקסען ווי שוועמלאַך נאָך אַ רעגען. און ס'איז געווען געקערעכט דער מענשעוויסטישער טוער דאַן וועלכער האָט אַמאָל געזאָגט אויף אַ פאַרזאַמלונג, אַז דאָס וואָס קומט פאָר אין דער פּאַרטיי, איז שוין ניט סתם אַ צושפּאַלטונג, נאָר פּשוט אַ צוברעק־לונג אויף קליינינטשקע שטיקלאַך. דאָרטען וואו עס איז ניטאָ קיין מאַסען באַוועגונג, דאָרטען פּרוכפּערען זיך די קרייזלאַך און גרופּ־קעלאַך; אָהן דעם קאָנטראָל פון די ברייטע אַרבייטער מאַסען ווערט יעדער עקשן אַ בעל־הבית פאַר זיך.

אין די באַמיהונגען, וואָס דער „בונד" פלעגט מאַכען אויף צו ברענגען צו אַ שלום צווישען די קעמפּענדע פראַקציעס, פלעג איך זיך ניט באַטייליגען. אונזערע חברים, וואָס זיינען שפּעטער גע־קומען אין אויסלאַנד, ווי צ. ב. ש. יונה און ליבער, פלעגען זיך זעהר שטאַרק מיט דעם אָפּגעבען. איך האָב אָבער פון דעם ניט גע־האַלטען. פּערזענליך האָב איך געהאַט אַ געפיהל פון אַן אמת'ען עקעל צו די אַלע רייסעענישען. פּאָליטיש בין איך געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז ס'וועט צו קיין זאַך ניט ברייננען. די ריי־סענישען צווישען די פראַקציעס — האָב איך געמיינט — זיינען אַן אויסדרוק פון אַ טיפער קרענק, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די רוסי־שע באַוועגונג. דאָס איז אַן אינערליכע ספּעציעלע קרענק פון די רוסישע אָרגאַניזאַציעס, און מען קען די דאָזיגע קרענק ניט אויס־היילען פון דרויסען. נאָר די ענטוויקלונג פון אַ מאַסען־באַוועגונג קען מאַכען אַ סוף צו די אַלע מיאוס'ע און טרויעריגע זאַכען, און אַזאַ באַוועגונג קען ניט באַשאַפען ווערען פון דיפּלאָמאַטישע באַ־

מיהונגען אין דעם אויסלענדישען ביורא פון צענטראלען קאמי־טעט. דעריבער פלעג איך די גאנצע צייט שטעהן אן א זייט און זיך אפגעבען כמעט אויסשליסליך מיט אונזער בונדישע ארבייט. איך בין תיכף אריין אין דעם אויסלענדישען קאמיטעט פון „בונד“, האב זיך באטייליגט אין זיינע אויסגאבען, פלעג ארומפאהרען מיט רעפעראטען, האב געארבייט אין די זאמעל־ביכער, וואס פלעגען ארויסגעהן אין רוסלאנד, נאר צונויפגעשטעלט ווערען אין אויס־לאנד (דאס רעדאגירען פון די זאמעל־ביכער איז איבערגעגעבען גע־ווארען דעם אויסלענדישען קאמיטעט).

די צווייטע העלפט זומער פונ'ם יאהר 1908 האב איך פאר־בראכט אין די בערג. נאך א לאנגער הפסקה פון דריי יאהר, האב איך ענדליך באקומען די מעגליכקייט צו ערפילען דאס, נאך וואס איך האב אזוי שטארק געבענקט אין ווילנא, — צו פארברייננגען א פאר חדשים אין דער טיפעניש פון דער שווייצער נאטור; באזוכט א פאר נייע, אומבאקאנטע ערטער, ענטדעקט נייע, אומבאקאנטע שעהנקייטען.

דאס שעהנסטע איז אבער געווען אין הערבסט. דעמאלט בין איך ארויסגעפאהרען אויף א קורצע צייט אין יענעם טייל פון דער שווייץ, וועלכער איז פריהער געווען פאר מיר כמעט ווי פרעמד, — אין יענעם קליינעם ווינקעלע, וואס טראגט דעם נאמען פון דער איטאליענישער שווייץ, ביי דער אזערא לאגא מאדזשיארע.

איך האב שוין אמאל, מיט א פאר יאהר פריהער, באזוכט די דאזיגע געגענד. דאס איז אבער געווען א גאנץ קורצער באזוך — אויף א פאר טעג. איצטער האב איך זיך דארטען אפגעשטעלט אויף גאנצע דריי וואכען.

וואס פאר א וואונדערבארע צייט און וואס פאר א וואונדער־בארע געגענד ס'איז געווען דארטען ארום דעם קליינעם דערפעל אסקאנא, ביים ברעג פון דעם לאגא מאדזשיארע, ניט ווייט פון דער שטאדט לאקארנא. די אייגענע שווייץ, און דאך אן אנדערע: א שטיקעל איטאליען! די אייגענע מדינה, און דאך א נייע וועלט. הערליכע הערבסט־טעג. דריי וואכען פול מיט זונען־שיין. א מיל־דע, רוהיגע, הערבסטליכע זון; א מילדע, דורכזיכטיגע הערבסט־ליכע לופט. וויינגערטנער ארום און ארום. און אין די וויינגערטנער — שווערע, שווארצע, צייטיגע טרויבען. די

גאַנצע לופט איז פול מיט זייער אַראָמאַט. און אין דער דופטי־
גער לופט טראָגט זיך אַרום די מוזיק פון דער שעהנער, קלינגענדי־
גער איטאַליענישער שפּראַך און פון דעם שעהנעם איטאַליענישען
געזאַנג. פרוכטען אויף יעדען שריט און טריט. חוץ די זיסע
טרויבען, — פרישע ווייכע פייגען. טונקעל־בלוי פון דרויסען,
פון אַ ליכטיגען ראָזאַ־קאָליר אינוועניג, מיט זייער זיסען, ווייַ־
כען, זאַפטיגען פלייש. אַ קליינע איטאַליענישע אכסניא, וואו
איך פלעג עסען אַלע טאָג מיטאָג. אַ קליינער הויף, אַרומגערינ־
געלט מיט אַ הויכען שטיינערנעם מויער, מיט שווערע, שטיינער־
נע טישען און שטיינערנע בענק. דער טונקעל־רויטער איטאַ־
ליענישער וויין; אַ פּאָר מערקווירדיגע מענשליכע געשטאַלטען:
דייטשע קינסטלער, „נאַטור־מענשען", וואָס פלעגען אַרומגעהן
אין ליינענע בגדים, ניט שערען די האָר, ניט טראָגען קיין זאָ־
קען, ניט עסען קיין פלייש. אַ שיפעל אויף דער אָזערע, מיט די
צוויי לאַנגע רודערען — מען רודערט, ניט זיצענדיג, ווי ביי
אונז, נאָר שטעהענדיגערהייד. אַ קליין אינגעל פאָהרט אין
זיין שיפעל, אַרבייט שטיל און לאַנגזאַם מיט די רודערען און
זינגט מיט אַ שטילער, ווייכער שטים אַ איטאַליעניש פאָלקס־ליד.
אַ שטילער וועג הויך אין די בערג, איבער דער אָזערע. פון
אויבען גלאַנצט די גרויסע, רויטע לבנה, אונטען ליגט דאָס
גרויע רוהיגע וואַסער, און אין אַ שטילער נאַכט געהט מען פאַר־
ביי דעם קליינעם אַלטען איטאַליענישען בית־עולם, אַרומגעצוימט
מיט אַ נייעם מויער, מיט קליינע ווייסע פאַר'חלומ'טע מצבות
צווישען די שוואַרצע, הויכע דרומ'דיגע ביימער... אָדער מען
פאָהרט אַרוים אויף אַ שיף טיף אין אָזערע אַריין, צו די וואונ־
דער־שעהנע אינזלען. ווי די שעהנע איטאַליענישע מוזיק קלינגען
די נעמען גופא פון די אינזלאַך: „איזאָלאַ בעללאַ" — די
„שעהנע אינזעל", „איזאָלאַ מאַדרע" — די „מוטער־אינזעל".
איהר געהט אַרויף. עס איז ווי אַ חלום: וואונדערבאַרע גערט־
נער מיט די אויסטערלישע ביימער און בלומען פון דעם ווייַ־
טעסטען, הייסעסטען דרום. און איבער די שטופּען פון אַן
אַלטען איטאַליענישען פּאַלאַץ, אין דעם גלאַנץ פון דער איטאַ־
ליענישער זון, געהען אַרום לאַנגזאַם און שטאָלץ די פאַנטאַס־
טישע געשטאַלטען פון ליכטיגע ווייסע פּאַוועס, פּאַנאַנדער־

שפּרייטענדיג זייערע שניי־ווייסע פעדערען... און מען קעהרט זיך אום אין אווענט צוריק אַהיים, און מען זעצט זיך אַוועק ביי דעם שטיינערנעם טיש פון דער קליינער אכסניא — דער הויף איז באַלויכטען פון אַן אַלטער אייזערנער לאַמטערן, — און איהר עסט די איטאַליענישע מאכלים און טרינקט דעם טונקעל־רויטען וויין. ס'איז ווי אַ חלום...

דריי וואָכען האָבען מיר פאַרבראַכט אין דער שעהנער געגענד (צוזאַמען מיט מיר איז געווען מיין איצטיגע פרוי). דריי וואָכען נאָכאַנאַנד האָט געשיינט די זון. קיין איין טאָג מיט וואָלקענס, קיין איין טאָג מיט רעגען און נעפּעל. שטענדיג די שעהנע ווילדע ליכטיגקייט פון דעם וואַרימען דרום. אַ שטיקעל איטאַליען. און ווען מיר האָבען זיך געמוזט אומקעהרען אין זשענעוו, איז עס געווען, ווי מען פאָהרט אַוועק פון אַ ליכטיגען חלום־לאַנד אין די גרויע „קאַלטע ווירקליכקייט". ס'איז געווען קאַלט, און דער ברוק פון די זשענעווער גאַסען איז געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטער נאַסקייט. עס האָט גערעגענט. ס'איז געווען דער אמת'ער, טרויעריגער הערבסט. אָבער אין מיינע אויערען האָט נאָך אַלץ געקלונגען דאָס שטילע, שעהנע לידעל פון דעם איטאַליענישען אינגעל אויפ'ן ליכטיגען בלויען וואַסער פון לאַגאָ מאַדזשיאָרע.

איך האָב פאַרבראַכט אין זשענעוו קנאַפּע פיר יאָהר. דאָס מיינט ניט, אַז איך בין געזעסען די גאַנצע צייט אויפ'ן אָרט. ווי אין די ערשטע פיר יאָהר, וואָס איך האָב געלעבט אין דער שווייץ, פּונקט אַזוי פלעג איך אויך איצט אַ סך אַרומפאָהרען. יעדען ווינטער פלעג איך מאַכען אַ גרעסערען רעפעראַטען־טור. די טהעמאַס פון מיינע רעפעראַטען זיינען געווען: „די געזעלשאַפטליכע ריכטונגען אין אידישען לעבען", „די מאָדערנע קונסט און די מאַרקסיסטישע קריטיק", „דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם", „דער נאַציאָנאַליזם", „די נאַציאָנאַלע פראַגע אין רוסלאַנד". גלייכצייטיג פלעג איך זיך באַטייליגען אין די פאַרשידענסטע ליטעראַרישע אויפגאַבען. די בונדישע פּאַרטיי־ליטעראַטור איז אין יענער צייט געווען אַ גאַנץ מאַגערע. פון צייט צו צייט — אַ אידישער זאַמעלבוך, אַ רוסישער זשורנאַל אין אויסלאַנד און אַ פּאָר נומערען פון אַן אומלעגאַלער צײ־

טונג אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען וועניג. האָב איך געמוזט זוכען אַן אָרט אויך אין פאַרשידענע אומפאַרטייאישע אויס־גאַבען. איך פלעג שרייבען אין דעם רוסיש־אידישען זשורנאַל „יעווריעיסקי מיר“ („די אידישע וועלט“), אין „וועסטניק יעוו־ראָפּי“, אַביסעל אין „פריינד“ (אַ פּאָלעמיק מיט א. ווייטער און שפּעטער מיט ק. צ. נאָמבערג), אַ פּאָר אַרטיקלען מיינע זיינען ערשינען אויך אין דער דייטשער „נייער צייט“, אונטער קאַוט־סקי׳ס רעדאַקציע.

איך האָב ניט בדעה צו דערצעהלען וועגען מיין זשענעווער לעבען כסדר, אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר. די דאָזיגע יאָהרען זיינען געגנוג עהנליך איינער צו דעם צווייטען. איך וויל נאָר ארויס־נעהמען עטליכע איינצעלנע עפּיזאָדען.

.80

# מעשה קאַפּלינסקי.

אין׳ם יאָהר 1908 האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה אנט־פלעקונגען פון פּראָוואָקאַטאָרען. די דאָזיגע אנטפלעקונגען זיינען געווען פארבונדען מיט׳ן נאָמען פון וו. בורצעוו. ער איז געזעסען אין פאַריז און פאַרבראַכט מיט אַ באַאַמטען פון דער רוסישער אָכראַנע, באַקאַי, און האָט מיט זיין הילף „באַארבייט“ די געהיימע מאַטעריאַלען. יעדע פּאַרטיי האָט באַקומען איהרע „מתנות“. די גרעסטע סענסאַציע איז געווען מעשה אזעף, וואָס האָט שיער ניט צובראָכען די גאַנצע פּאַרטיי פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. אַ רייהע קלענערע פּראָוואָקאַטאָרען זיינען ענטדעקט געוואָרען ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. באַזונדערס פּראָדוקטיוו איז בורצעוו געוואָרען דעמאָלט, ווען עס איז געקומען אין פאַריז אַ צווייטער — אַ העכערער באַאַמטער פון דער רוסישער פּאָליטישער פּאָליציי — מענשטשיקאָוו, וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך אַ גאַנצע מאַסע געהיימע דאָקומענטען, וועלכע ער האָט אַרויסגע׳גנב׳עט פון זיין רוסישען פּאָליציי־דעפּאַרטמענט. דאָס איז געווען אין יאָהר 1909, און דעמאָלט איז אויך ענטדעקט געוואָרען דער בונדישער „גענעראַל־פּראָוואָקאַטאָר“ ישראל מיכעל קאַפּלינסקי („לאַנגזאַם“).

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען קום איך צו געהן אויף „קאַרוזשקע“, אין די הויפּט־קוואַרטיר פון אונזער אויסלענדישען קאָמיטעט: די פּאָר מיטגלידער פון קאָמיטעט, וואָס זיינען דאָרט, זיינען אין גרויס אויפרעגונג. ס׳איז געקומען אַ בריף פון בורצעוו׳ן. בורצעוו שרייבט, אַז ער האָט ידיעות וועגען דעם, אַז אין „בונד“ געפינט זיך איינער זעהר אַ וויכטיגער פּראָוואָקאַטאָר, אַ צענטראַלע פיגור אין דער אָרגאַניזאַציע. דעם נאָמען זיינעם

וויס ער אָבער ניט; ער ווייסט בלויז, אַז דער דאָזיגער נאָ־מען האָט עפּעס אַ שייכות צו אַן... אַפּטייק. און, צווייטענס, ווייסט ער, אַז דער דאָזיגער פּראָוואָקאַטאָר האָט זיך באַטייליגט אין אַ בונדישער באַראַטונג, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרען אין וואַרשאַ אין יאָהר 1906. דאָס איז אַלעס.

מיר זיינען געוואַלדיג צוטומעלט געוואָרען. מיר האָבען געוואוסט דעם גאַנצען צוזאַמענשטעל פון יענער וואַרשעווער באַראַטונג. עס האָבען זיך אין איהר באַטייליגט לויטער אַלטע אויסגעפּרובירטע חברים; מיר האָבען זיי אַלעמען געקענט פון לאַנג אָן, און יעדען איינעם האָבען מיר געטרויט, ווי זיך אַליין. יעדער איינער פון זיי איז געשטאַנען העכער פון חשד. מיר רע־דען וועגען די דאָזיגע מענשען, דערמאָנען איין נאָמען נאָכ'ן צווייטען, איין נאָמען נאָכ'ן צווייטען — צי קען ער דען זיין אַ פּראָוואָקאַטאָר? אויסגעשלאָסען! אָדער אפשר דער? לע־כערליך! דער גאָר? אַ משוגעת. און דערצו נאָך עפּעס די געהיימניספולע שייכות צו אַן אַפּטייק! וואָס קען דאָס היי־סען? וואָס זאָל דאָ באַדייטען אַן אַפּטייק? מען קען גאָר ניט פאַרשטעהן. אָבער צוריק רעדענדיג ווייסען מיר, אַז בור־צעוו'ס ידיעות זיינען גוטע. די ביז־איצטיגע ענטפּלעקונגען זיי־נע זיינען געווען ריכטיג. עפּעס מוז דאָך זיין. וואָס טוט מען?

מיר האָבען באַשלאָסען דערווייל ניט צו שרייבען וועגען דעם ענין קיין רוסלאַנד און פאַרלאַנגען פון בורצעוו'ן, ער זאָל זעהן צו באַקומען גענויערע אינפאָרמאַציעס. מיר האָבען איהם אָנגעשריבען אַ בריף און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

איך געדענק ניט, ווי לאַנג האָבען מיר געמוזט וואַרטען. אפשר אַ פּאָר טעג, און אפשר אַ פּאָר וואָכען. מיר האָבען גע־וואַרט מיט שרעקליכער אומגעדולד. ניט שוין זשע האָבען מיר אין „בונד“ אונזערען אַן אַזעף? און ענדליך קומט אַ נייער בריף, און דאָס מאָל ווייסט שוין בורצעוו אויך דעם נאָמען. און דאָס איז ישראל קאַפּלינסקי.

די ידיעה האָט אונז געוואַלדיג דערשיטערט, אָבער גלייכ־צייטיג האָבען מיר אַ ביסעל פרייער אָפּגעאָטעמט. קאַפּלינסקי איז אפילו געווען זעהר אַ נאָהענטער מענש, ער פלעגט זיין פאַרנומען מיט די סאַמע קאָנספּיראַטיווע זאַכען. זיין „פּאַך“

איז געווען דאָס איינאָרדנען פון אונזערע אומלעגאַלע דרוקערייען, ער האָט געוואוסט זעהר אַ סך און האָט געקענט ברענגען אַ געוואַלדיגען שאדען, אָבער איין טרייסט איז נאָך געווען ביי דער זאַך: ער איז ניט געווען קיין מיטגליד פון צענטראַלען קאָמיטעט, — אונזער העכסטע פּאַרטיי־אינסטאַנץ איז געבליבען ריין, און דאָס האָט אונז בארוהיגט.

ערשט איצט האָט זיך אויך ארויסגעוויזען, וואָס איז געווען די מעשה מיט דער אַפּטייק. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם וואָרט „טראַפּענס". טראַפּענס פאַרקויפט מען דאָך אין אַן אַפּטייק, און טראַפּענס איז אויף רוסיש „קאַפּלי". האָט דער נאָמען קאַפּלינסקי טאַקע געהאַט אַ שייכות צו אַן אַפּטייק. אָבער ווען וואָלט דאָס געקענט אריינפאַלען אין קאָפּ אַזאַ קאָמבינאַציע איידער מען האָט באַקומען פון בורצעוו'ען די נייע אינפאָרמאַציע.

אָבער די זאַך איז פאָרט ניט געווען קלאָר גענוג. וואָרים, ווי געזאָגט, האָט קאַפּלינסקי געוואוסט כמעט אַלע קאָנספּיראַטיווע זאַכען. ער האָט כסדר זיך געדרעהט אַרום דעם צענטראַלען קאָמיטעט, ער האָט געוואוסט אַלע מיטגלידער און אַלע וויכטיגע בריף, ווי זיינע פינף פינגער. איך געדענק, ווי מיר האָבען אין ווילנא געהאַט אַמאָל אַ זיצונג פון צ. ק. ביי איהם אין וואוינונג אויף דער סטעפּאַנאָווער גאַס. ווי קומט זשע דאָס, וואָס מען האָט ניט אַרעסטירט אַלעמען?

וועגען דעם, וואָס קאַפּלינסקי האָט יאָ אויפגעטאָן, האָט אונז בורצעוו געגעבען בלויז אַ פּאָר קלאָרע ידיעות: ער האָט אַרויסגעגעבען אַ דרוקעריי פון דער רוסלענדער פּאַרטיי אין קישינעוו פון דעם יאָהר 1902. דעם דורכפאַל האָבען מיר טאַקע געדענקט; ס'איז דעמאָלט אַרעסטירט געוואָרען לעאָן גאָלדמאַן (ליבער'ס ברודער) מיט זיין פרוי. פון יענער צייט זיינען אָבער אַריבער גאַנצע זעקס יאָהר. וואָס־זשע האָט ער געטאָן פאַר דער גאַנצער צייט? אין בורצעוו'ס בריף האָבען מיר נישט געפונען קיין ענטפער. און די זאַך איז געבליבען אַן אומפאַרשטענדליכע.

מען האָט דעריבער באַשלאָסען, אַז איטיצער פון אונז זאָל תיכף אַריבערפאָהרען קיין פּאַריז, זיך דורכרעדען מיט בורצעוו'ן.

טאָמער וועט מען קענען דערגעהן ביי איהם וועגען ווייטערדיגע פּרטים.

איך בין געפאָהרען קיין פּאריז און זיך געזעהן מיט בור־צעוו'ן. ער האָט מיר אָבער ניט געקענט געבען קיין ווייטערדיגע פּרטים. „אַלץ וואָס איך האָב געוואוסט — האָט ער מיר געזאָגט — האָב איך אייך געשריבען". אויף דעם מקור פון זיינע ידיעות האָט ער ניט געוואָלט אָנווייזען. אין יענער צייט האָט ער זיך געפיהרט זעהר געהיימניספּול. אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָט מען אין יענער צייט וועגען מענשטשיקאָוו'ן קיין זאַך ניט געוואוסט; ער איז שוין אפילו געווען אין פּאריז. אָבער בורצעוו האָט איהם „פּארקאָנספּירירט" און קיינעם צו איהם ניט צוגעלאָזען. די איינציגע זאַך, וואָס בורצעוו האָט מיך פּארזיכערט איז געווען, אַז זיינע ידיעות זיינען — אבסאָלוט ריכטיג. מיט דעם בין איך אַוועקגעפאָהרען.

מיר האָבען געגעבען צו וויסען וועגען דער גאַנצער מעשה אונזער צענטראַלען קאָמיטעט. דער ווייטערדיגער גאַנג פון דער געשיכטע איז באַוואוסט פון דער געשיכטע, וואָס א. וויינשטיין האָט ניט לאַנג באַשריבען אין דעם מינסקער „וועקער", און אַ טייל פון דער דאָזיגער באַשרייבונג איז איבערגעדרוקט געוואָרען אין „פאָרווערטס". מען האָט זיך געטראָפען מיט קאַפּלינ־סקי'ן, געמאָלדען איהם, אַז מען ווייסט ווער ער איז. ער האָט, פאַרשטעהט זיך, אָפּגעלייקענט שטיין און ביין און צוגעזאָגט, אַז ער וועט ארויספאָהרען אין אויסלאַנד צו אַ פּאַרטיי־געריכט. ער איז אָבער ניט געפאָהרען צום געריכט, נאָר פּלוצלונג נעלם געוואָרען. שפּעטער האָט מען איהם געזעהן אין טיף רוסלאַנד. נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען איהם אַדעסטירט. פאַר־אַ־יאָהרען האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז דערשאָסען געוואָרען לויט'ן באַפעהל פון דער סאָוועטען־רעגירונג.

אַ געהיימניספּולע פיגור איז ער געבליבען. עס איז אַפילו ניט קיין צווייפעל, אַז ער האָט יאָ געארבייט אין דער אָכראַנע, אָבער ס'איז אויך קלאָר, אַז ער האָט ניט ארויסגעגעבען אַפילו אַ צעהנט־חלק פון דעם, וואָס ער וואָלט געקענט ארויסגעבען. וואָרים, אויב ער וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט ער געקענט ארויס־געבען שיער ניט דעם גאַנצען „בונד"; אַלענפאַלס וואָלט ער

געקענט „פארשיטען" דעם גאנצען צענטראלען קאָמיטעט און אלע בונדישע טיפּאָגראַפיעס. און אַ פאַקט איז, אַז נאָכ'ן ערשטען דורכפאל פון 1898 איז קיין אידישע טיפּאָגראַפיע ניט ענטדעקט געוואָרען. קענטיג, אַז ער האָט געפיהרט אַ טאָפּעלען שפּיל.

ער איז געווען ארעסטירט בעת'ן ערשטען גרויסען בונדישען „דורכפאל" אין יאָהר 1898. מסתמא האָט איהם דעמאָלט זובאטאָוו גוט צוגעדריקט צום וואַנט און ארויסגעפּרעסט פון איהם אַ צוזאָג צו ארבייטען פאר דער אָכראַנע. מיט דעם תנאי האָט ער איהם באפרייט, און אין משך פון קנאַפּע צעהן יאָהר האָט זיך קאפּלינסקי באטייליגט אין דער באוועגונג מיט דער שטענדיגער פליכט, וואָס איז געלעגען אויף איהם, צו געבען „אינפאָרמאציעס" דער פּאָליטישער פּאָליציי. ער פלעגט דאָס מאַכען זעהר פאָרזיכטיג. אַ קלוגער, אַ קאַלט-בלוטיגער, אַ געלאסענער מענש איז ער געווען. ווען ניט, וואָלט ער זיך ניט געקענט האַלטען אזוי לאַנג. אינטערעסאנט איז, אַז ער פלעגט מיט אַ מעהר ברייטער האַנט ארויסגעבען די ידיעות, וואָס ער האָט געהאַט וועגען די נישט-בונדישע טוער און זאַכען. מיט'ן „בונד" גופא איז ער אָבער געווען אויסערסט שפּאָרעוודיג. פאַרוואָס איז דאָס געווען אַזוי? אַנדערע זאָגען, אַז דאָס איז געווען פון זיין זייט סתם אַ קלוגע אויסרעכענונג: אויב ער וואָלט יאָ ארויסגעגעבען די אלע בונדישע סודות, וואָס ער האָט געוואוסט, וואָלט מען זיך גיך געכאַפּט און ער וואָלט שוין לאַנג ענטפּלעקט געווען. אַנדערע ווידער מיינען, אַז אין דער שווארצער נשמה פון דעם פּראָוואָקאַטאָר איז פאָרט געווען פארבאהאַלטען עפּעס אַ שטיקעל איבערגעבענקייט צו אונזער פּארטיי; ניט האָבענדיג קיין מוט איבערצורייסען מיט די זשאַנדאַרען האָט ער פאָרט געוואָלט ברענגען וואָס וועניגער שאַדען יענער באוועגונג, מיט וועלכער ער איז געווען יאָהרענלאַנג פאַרבונדען. דעם דאָזיגען סוד האָט ער אוועקגעטראָגען מיט זיך אין קבר.

איבריגענס איז דאָס אַ פראַגע וואָס האָט אַ ריין פּסיכאָלאָגישען אינטערעס. דער נאָמען פון קאַפּלינסקי בלייבט פארשריבען אויפ'ן שווארצען ברעט פון דער בונדישער געשיכטע. ס'איז אַ נאָמען פון אַ פאַררעטער און פאַרברעכער.

.81

## צוויי צוזאַמענפאָהרען.

נאָך אַ לאַנגער הפסקה פון פיער יאָהר האָט מען צונויפ־גערופען אין הערבסט 1910 אַ קאָנפערענץ פון „בונד“. די ערגסטע צייט פון דער געזעלשאַפטליכער רעאַקציע און אָפּ־הענדיגקייט איז שוין געווען אריבער. אין די יאָהרען 1908 און 1909 איז מען דערגאַנגען צו דער נידעריגסטער מדרגה. מאַ־סען מענשען זיינען אוועק פון דער באַוועגונג. אַ מאַסע אַר־בייטער זיינען אוועק אין אַמעריקאַ. די אינטעליגענץ איז כמעט אינגאַנצען אנטלאָפען פון דער באַוועגונג. מאַנכע אָר־גאַניזאַציעס האָבען זיך געמוזט באַגעהן אינגאַנצען אָהן אינטע־ליגענטע כחות. אָבער דער „בונד“ אַלס גאַנצעס האָט אויף איין מינוט ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירען און צו אַרבייטען. די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס פון די וויכטיגערע שטעדט האָבען אויף אַ מינוט ניט אָפּגעשטעלט זייער אַרבייט, און דער צענטראַלער קאָמיטעט, אפילו אין פאַרקלענערטען צוזאַמענשטעל, איז די גאַנצע צייט געבליבען אויפ׳ן אָרט און ערפילט זיינע אויפגאַבען. אין דער הינזיכט איז דער „בונד“ געווען די איינציגע אַרביי־טער־אָרגאַניזאַציע אויף דער אידישער אַרבייטער גאַס, וואָס איז געווען בכח אריבערצוטראָגען מיט ערפאָלג זיין לאַנגען און שווערען קריזיס. פון די אַנדערע פאַרטייען זיינען געבליבען נאָר צעוואָרפענע, דעזאָרגאַניזירטע הייפעלאַך און אַ פּאָר אויס־לענדישע טוער. אין 1910 האָט זיך געפיהלט, אַז דער וועג פיהרט ווידער באַרג אַרויף. מען איז ווידער געקומען צו זיך, עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַן אויפלעבונג, און די קאָנפערענץ האָט געדאַרפט אָנהויבען אַ נייע תקופה פון אַרבייט.

אָבער עס איז נאָך געבליבען אַ גאַנץ שטאַרקע ירושה

פון די שווערע רעאַקציע־יאָהרען. דאָס ערגסטע איז געווען די אינערליכע סכסוכים. עס האָבען זיך אינווענינ אין „בונד" אָנגעצייכענט גאַנץ וויכטיגע חלוקי־דעות, און די רייסענישען האָבען אָנגענומען אַ גאַנץ שאַרפע פאָרם — שאַרפער, ווי ווען עס איז פריהער.

עס איז געשטאַנען ביי אונז די זעלבע פראַגע, אַרום וועל־כער עס האָט זיך געפיהרט אַ קאַמף צווישען די באָלשעוויקעס, די מענשעוויקעס און די ליקווידאַטאָרען: די פראַגע וועגען די אַזוי גערופענע „לעגאַלע מעגליכקייטען".

די רעוואָלוציאָנערע יאָהרען 1905 און 1906 האָבען אי־בערגעלאָזט בירושה אַ געוויסע ענדערונג אין דער יורידישער לאַגע פון דער ארבייטער באַוועגונג: געוויסע פאָרמען פון דער באַוועגונג זיינען געוואָרען לעגאַליזירט. אמת, די פּאָלי־טישע אָרגאַניזאַציעס פון די ארבייטער האָבען געמוזט בליי־בען פונקט אַזוי אונלעגאַל, אונטערערדיש, ווי ביז'ן יאָהר 1905, מען פלעגט זיי פאַרפאָלגען, און מען פלעגט פאַר זיי באַשטראָ־פען אפילו נאָך שטאַרקער ווי פריהער. אָבער אַנדערע פאָרמען פון דער באַוועגונג זיינען יאָ ערלויבט געוואָרען. מען האָט שוין געמעגט שאַפען אָפענע, לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס), קאָאָפּעראַטיווען און קולטור־געזעלשאַפטען. אמת, דאָס דאָזיגע „מעגען" פלעגט אָפטמאָל בלייבען אויפ'ן פּאַפּיר. די רעגירונג פלעגט שטעלען טויזענדערליי שטערונגען, וואָס פלעגען אָפט מאַכען צו נישט די גאַנצע זאַך. אָבער עס האָבען זיך פאָרט באַשאַפען געוויסע „לעגאַלע מעגליכקייטען", און ס'איז געשטאַנען די פראַגע, ווי אַזוי מען דאַרף זיך צו זיי באַציהען.

קיין „ליקווידאַטאָרישע" ריכטונג, אין רוסישען זין פון וואָרט, איז אין „בונד" ניט געווען. עס איז אָבער געווען אויך ביי אונז אַ מיינונג, אַז דער שווער־פּונקט פון דער אַרבייט דאַרף אַריבערגעטראָגען ווערען אין די אָפענע, לעגאַלע אָר־גאַניזאַציעס. דאָרטען קען און מוז געפיהרט ווערען אַ ברייטע מאַסען־טהעטיגקייט. די אונלעגאַלע אָרגאַניזאַציע קען אַריינ־נעהמען אין זיך נאָר אַ באַגרענעצטע צאָהל פון נאָהענטערע חברים, אין וועמעס הענט דאַרף זיך געפינען די אָנפיהרונג

און דאָס פּאַראייניגען פון דער לעגאַלער אַרבייט. די שאַרפסטע פּאַרטיידיגער פון דער דאָזיגער ריכטונג זיינען געווען ליבער און אַבראַמאָוויטש. און נח און רחמיאל זיינען געווען אין דעם דאָזיגען לאַגער. אַ צווייטער טייל פון די חברים האָבען זיך באַצויגען צו די לעגאַלע מעגליכקייטען מיט אַן אונצוטרוי און אַן אונגלויבען, און פלעגען אויף'ן שאַרפסטען אופן באַטאָנען די וויכטיגקייט פון דער אונלעגאַלער אַרבייט; זיי האָבען געמיינט, אַז אפילו אין יענע צייטען און ביי יענע באַדינגונגען האָט די מאַסען־באַוועגונג געקאָנט אַריינגעגאָסען ווערען אין די אַמאָליגע ראַמען פון אַ שטרענג אונלעגאַלער „אונטער־ערדישער" אָרגאַניזאַציע. דער פאַרטרעטער פון דער דאָזיגער ריכטונג אין צענטראַלען קאָמיטעט איז געווען יודין; דער ליטעראַרישער וואָרט־פיהרער פון דעם דאָזיגען פליגעל איז גע־ווען ליטוואַק. די ויכוחים האָבען אָנגענומען זעהר אַ שאַרפען און ליידענשאַפטליכען כאַראַקטער. ווען מען איז געקומען אויף דער קאָנפערענץ — דאָס איז געווען אין לעמבערג — זיינען די באַציהונגען צווישען ביידע צדדים געווען זעהר אָנגעשטרענג־טע, און עס זיינען אפילו פאָרגעקומען גאַנץ שטורמישע צו־זאַמענשטויסען. אָבער די בונדישע טראַדיציע האָט פונדעסט־וועגען גובר געווען. נאָך אַ לעבעדיגער דיסקוסיע האָט מען אויסגעפונען, אַז די זאַך איז ניט אַזוי געפעהרליך. אַ גוטער ווילען איז געווען ביי ביידע צדדים. מען האָט געזוכט אַ פאַר־שטענדניס, — און ווען מען זוכט עהרליך און אויפריכטיג, דעמאָלט געפינט מען. איך געדענק שוין ניט גענוי דעם טעקסט פון דער אָנגענומענער רעזאָלוציע. איך ווייס אָבער, אַז זי האָט אָפּגעגעבען דעם געהעריגען אָרט פאַר ביידע פאָר־מען פון דער אַרבייט; זי איז געווען סיי פּרינציפּיעל אויס־געהאַלטען, סיי פּראַקטיש צוועקמעסיג, און דאָס אינטערעסאַנט־סטע איז געווען, וואָס נאָך די שאַרפע, ליידענשאַפטליכע ויכוחים, איז די רעזאָלוציע אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג. די דעלעגאַטען האָבען געפיהלט, אַז אין אַ צייט, ווען מען הויבט אָן — ביי די שווערסטע באַדינגונגען — צוריק אויפ־צובויען די פּאַרטיי־אַרבייט, מוז געמאַכט ווערען אַ סוף צו די רייסערייען; מען דאַרף דורכקומען צווישען זיך. און מען

האָט דאָס געטאָן, און די פראַגע איז איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַראָפּ פון טאָג־אָרדנונג.

אַזוי האָט מען געהאַנדעלט אויך ביי אַלע אַנדערע פראַגען. עס זיינען געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדנונג פון דער קאָנ־פערענץ אַ רייהע פונקטען, וואָס זיינען געווען נוגע ספּעציעל דאָס אידישע לעבען. דאָס זיינען געווען די פראַגען וועגען דער קהלה, וועגען שבת און זונטאָג־רוה, וועגען די רעכט פון דער אידישער שפּראַך. אין די אַלע פראַגען זיינען דאָ געווען גרעסערע און קלענערע מיינונגס־פאַרשיידענהייטען, און אַלע מאָל איז דער רעזולטאַט געווען דער זעלבער. מען האָט אויס־געפונען יענע ליניע, אויף וועלכע אַלע זיינען געווען מסכים, מען האָט באַזייטיגט די חלוקי־דעות, און אַלע רעזאָלוציעס זיי־נען געווען אָנגענומען איינשטימיג.

אומקעהרענדיג זיך צו דער ערשטער רעזאָלוציע, איז אינ־טערעסאַנט צו באַמערקען, אַז זי האָט אַגב אורחא געלייזט אויך אַ וויכטיגע און אָנגעוועהטאָגטע פראַגע וועגען די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס). ווען מען האָט — אין יאָהר 1905 — צום ערשטען מאָל אויסגעטיילט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין אַ זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציע, האָט מען זיך געהאַלטען אָן דעם פּרינציפּ, אַז די דאָזיגע פאַראיינען דאַרפען זיין פּאַרטייאיש. מען האָט געשאַפען „בונדישע“ פאַר־איינען, — „בונדישע“ ניט בלויז לויט’ן גייסט און צוזאַמענ־שטעל, נאָר אויך פאָרמעל — לויט’ן נאָמען און לויט דער קאָנסטיטוציע. די פּאָליטישע פּאַרטיי פלעגט אַריינשיקען אַהין איהרע פאָרשטעהער, און אין געוויסע פאַלען פלעגען דיזע פאָר־שטעהער אפילו האָבען דאָס רעכט אַרויפצולייגען זייער וועטאָ אויף די באַשליסען פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. אין משך פון די ווייטערדיגע יאָהרען האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַזאַ מין אָרדנונג טויג ניט. מען איז געקומען צום אויספיהר, אַז אַ פאָרמאַלע ממשלה פון דער פּאָליטישער פּאַרטיי איבער די יוניאָנס שטערט די אַרבייט, און מען איז איבערצייגט געוואָרען, אַז די יוניאָנס דאַרפען זיין אַ גלייכבאַרעכטיגטער גליעד אין דער אַרבייטער־משפחה. מען דאַרף זעהן, אַז זיי זאָלען ווערען דורכגעדרונגען מיט’ן סאָציאַליסטישען גייסט,

אָבער עס דאַרף ניט געמאַכט ווערען מיט די מיטלען פון אַ מעכאַנישען דעה־זאָגען. די רעזאָלוציע פון דער לעמבערגער קאָנפערענץ האָט אויסגעדריקט און פאַרפעסטיגט די דאָזיגע נייע טאַקטיק.

אַ צווייטער צוזאַמענפאַהר, אין וועלכען איך האָב זיך באַ־טייליגט אין יענעם יאָהר, איז געווען דער קאָפּענהאַגענער קאָנג־רעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אונזער דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון פיער מאַן: מ. נאַכימסאָן (איצט אַ קאָמוניסט), אָלגין, אַננאַ ליפּשיץ (אין 1905, בעת דער מעשה פּאָטיאָמקין אין אָדעס, איז זי באַריהמט געוואָרען אַלס רעדנערין; מען פלעגט זי דעמאָלט רופען „די גאַפּאָנשע“), און איך. להיפוך צו דעם אַמסטערדאַמער קאָנג־רעס, האָבען מיר איצטער ניט געדאַרפט ראַנגלען זיך וועגען אונזער שטים־רעכט. די קאָנסטיטוציע פון דעם אינטערנאַציאָ־נאַל איז פאַר דער צייט געביטען געוואָרען. אַנשטאָט דעם פריהערדיגען כלל, אַז יעדעס לאַנד האָט בלויז צוויי שטימען, האָט מען געגעבען פאַרשידענע לענדער אַ פאַרשידענע צאָהל שטימען, לויט דער גרויס פון לאַנד און לויט דער באַדייטונג פון דער ארבייטער־באַוועגונג. רוסלאַנד האָט געהאַט צוואַנציג שטימען. אַ העלפט פון זיי האָט באַקומען די סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע פּאַרטיי, און די דאָזיגע צעהן שטימען זיינען שוין אין פאָראויס צוטיילט געווען צווישען די פאַרשידענע טיילען פון דער פּאַרטיי. דער „בונד“ האָט געהאַט צוויי שטימען. אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען ביוראָ איז נאָך די פאַרטרעטערשאַפט געבליבען די אַלטע — צו צוויי מאַן פון אַ לאַנד, — אָבער באַלד נאָכ׳ן אַמסטערדאַמער קאָנגרעס האָט די ביוראָ צוגעלאָזען אַ ספּעציעלען פאַרטרעטער פון „בונד“ מיט אַ באַראַטהונגס־שטים, און אַזוי איז עס געבליבען ביז׳ן סוף. אין קאָפּענהאַגען בין איך געווען דער דאָזיגער פאַרטרעטער.

די אַרבייט פון קאָנגרעס איז ניט געווען אַזוי אינהאַלטס־רייך און אינטערעסאַנט, ווי אין אַמסטערדאַם. ס׳איז אָבער געווען איין פראַגע, וואָס האָט מיך דאָך זעהר פאַראינטערע־סירט. דאָס איז געווען די געשיכטע מיט די טשעכישע פּראָ־

פעסיאָנעלע פאַראייניגען. אין יענער צייט איז אין דער עסט־רייכישער ארבייטער באַוועגונג פאָרגעקומען אַ גרויסער קאָנ־פליקט צווישען די טשעכען און די דייטשען. די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז געווען געבויט אויף פעּ־דעראַטיווע יסודות. זי איז באַשטאַנען פון זעקס באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס — אַ דייטשע, אַ טשעכישע, אַ פּוי־לישע, אַן אוקראַינישע, אַ איטאַליענישע און אַ יוגאָ־סלאַווישע, און אַלע צוזאַמען זיינען געווען פאַראייניגט אין איין געמיינ־זאַמע עסטרייכישע פּאַרטיי. די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אָבער איז געווען אַן איינהייטליכע, אַ צענטראַליזירטע, אָהן אַ צוטיי־לונג לויט די פאַרשידענע פעלקער. אין דער דאָזיגער גע־מיינזאַמער יוניאָן־אָרגאַניזאַציע האָט זיך דעמאָלט פאַנאַנדער־געפּלאַקערט זעהר שאַרפע סכסוכים: די טשעכען האָבען גע־טענה'ט אַז זיי ווערען באַ'עולה'ט פון דער דייטשער — הער־שענדער — נאַציע, אַז די דייטשען ציהען פון דער אַלגעמיי־נער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אַ ספּעציעלע חיונה פאַר זייער דייטשער פּאַרטיי און פאַרנאַכלעסיגען די באַדערפעניששען פון דער טשעכישער באַוועגונג. אין אָנהויב האָבען זיי פאַרלאַנגט בלויז געוויסע הנחות פאַר זיך און האָבען ניט געוואָלט ברעכען די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס, אָבער די דייטשען האָבען זיך פאַר'עקשן'ט, און דאָס האָט פאַרשטאַרקט דעם ווידערשטאַנד און פאַר'סמ'ט די לופט. צום סוף האָבען זיך די אַפּעטיטען פון די טשעכען אַזוי פאַנאַנדערגעפּלאַקערט, אַז זיי האָבען זיך שוין ניט באַנוגענט מיט איינצעלנע הנחות; זיי האָבען שוין פאַרלאַנגט, אַז עס זאָל באַשאַפען ווערען פאַר זיי אַ גאַנץ זעלבסטשטענדיגע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע. דער דאָזיגער פּלאַן וועגען צוטיילען די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג לויט דער נאַציאָנאַלער ליניע, איז געווען בטבע אַ פאַלשער, און די דייטשען האָבען דערויף ניט געקאָנט איינגעהן, האָבען זיי זיך באַקלאָגט ביים אינטערנאַציאָנאַל, ער זאָל זעהן איינצושטילען די צובונטעוועטע טשעכען.

ווי דער שטייגער איז, האָט די פראַגע געדאַרפט באַטראַכט ווערען אין אַ ספּעציעלער קאָמיסיע. די רוסישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע דעלעגאַציע האָט געדאַרפט שיקען אין דער קאָמיסיע

צוויי פאַרשטעהער. איך האָב זיך זעהר שטאַרק אינטערעסירט מיט דער פראַגע און געווען גרייט אַריינצוגעהן אין דער קאָמיסיע. ס'איז אָבער געווען אַ סך בעלנים. דער ערשטער איז געווען פּלעכאַנאָוו. פאַרשטעהט זיך, אַז מ'האָט איהם אויסגעקליבען. איז געבליבען די פראַגע וועגען דעם צווייטען. ווען עס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען מיין קאַנדידאַטור, האָט זיך די באָלשעוויסטישע מעהרהייט פון דער דעלעגאַציע שטאַרק פאַרקרימט: די חברה לייט זיינען חושד געווען, אַז איך סימפּאַטיזיר מיט די טשעכישע פאַרלאַנגען. אין דער אמת'ען איז ניט געווען אַזוי; איך האָב אפילו געהאַלטען, אַז די דייטשען זיינען געווען אין אַ געוויסער מאָס שולדיג, וואָס די פראַגע איז געוואָרען אַזוי פאַרשאַרפט. איך בין אָבער געשטאַנען אויפ'ן דאָזיגען שטאַנדפּונקט, און דער „בונד" איז אַלע מאָל געווען פאַר אַ געמיינזאַמער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. די דעלעגאַציע האָט דאָס געדאַרפט וויסען, האָבען זיי אָבער געוואָלט מאַכען פאַר מיר עפּעס אַ ספּעציעלען עקזאַמען וועגען דער פראַגע; איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דעם, און מיין קאַנדידאַטור איז טאַקע דורכגעפאַלען; אָנשטאָט מיר, האָט מען געשיקט עפּעס אַ לעט אָדער אַן עסטאָניער, וועלכער פלעגט אפילו ניט אַלע מאָל קומען אויף די זיצונגען פון דער קאָמיסיע, און אַז ער פלעגט שוין יאָ קומען, פלעגט ער קיינמאָל ניט אַרויסריידען אַ וואָרט. איך און אַ רוסישער חבר, אַ דעלעגאַט פון די רוסישע יוניאָנס, זיינען אויסגעקליבען געוואָרען אַלס קאַנדידאַטען.

איך פלעג קומען אויף אַלע זיצונגען פון דער קאָמיסיע. אַלע רעדנער געגען מיר זיינען געווען די טשעכען. איך האָב געהאַלטען פונדעסטוועגען, אַז ווי פאַלש עס זאָלען ניט זיין זייערע פאַרלאַנגען, איז דאָך פאַראַן אַ ריכטיגער קערענדעל אין זייערע טענות. מען דאַרף טאַקע ניט האָבען קיין באַזונדערע טשעכישע יוניאָנס, אָבער די געמיינזאַמע יוניאָנס זיינען דאָך ניט מחויב צו באַפרידיגען זייערע באַדערפנישען; דאָס איז דער איינציגער וועג ווי צו באַזייטיגען דעם קאָנפליקט; ווען מען טוט דאָס ניט, וועט עס קומען צו אַ שפּאַלטונג. ניט זייענדיג קיין מיטגליד פון דער קאָמיסיע, האָב איך ניט געקענט נעהמען אַ וואָרט, איך האָב אָבער אויסגעדריקט מיין געדאַנק אין אַ פאָרם פון אַ

צוגאָב צו דער רעזאָלוציע און איך בין געגאַנגען צו פלעכאַנאָוו'ן בעטען איהם, ער זאָל דאָס פאָרלעגען. פלעכאַנאָוו האָט דערצו ניט געהאַט קיין חשק, האָט געזוכט פארשיידענע תירוצים, און זיך סוף כל סוף ארויסגעדרעהט. דערפאַר האָט זיך מיט מיין רעזאָלוציע פאראינטערעסירט איינער פון די פוילישע דעלעגאַטען, דער פאָרשטעהער וואַלעצקי. ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהם געבען מיין רעזאָלוציע, האָט זיך וועגען דעם דורכגערעדט נאָך מיט אַ פאָר מענשען, געביטען אַ ביסעל איהר פאָרם און אַריינגעטראָגען אין דער קאָמיסיע. די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרען. דער סכסוך צווישען די טשעכען און די דייטשען איז אָבער שוין געווען אין פולען ברען און דער קאָנגרעס האָט ניט געקענט אויף זיי ווירקען. אין גיכען איז פארגעקומען די ענטגילטיגע שפאַלטונג. און די שפאַלטונג אין דער פראָפעסיאָנעלער באוועגונג האָט צעריסען אויף שטיקער אויך די פאָליטישע פאַרטיי.

מען מוז זאָגען, אז דער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך גאַנץ שוואַך אָריענטירט אין דער פראגע. כאַראַקטעריסטיש איז געווען דער פאָלגענדער קליינער אינצידענט. ווען די קאָמיסיע האָט געענדיגט איהר ארבייט האָט מען פאָרגעלעגט, אז דער באַריכט־אָפגעבער פאַר'ן פלענום זאָל זיין פלעכאַנאָוו. מילא, פלעכאַנאָוו מעג זיין אַ גלענצענדער באַריכט־אָפגעבער, אָבער ניט דאָס איז וויכטיג; אינטערעסאַנט איז, מיט וואָס מען האָט באַגריינדעט זיין קאַנדידאַטור. פלעכאַנאָוו — האָט מען גע'טענה'ט — איז אַ רוס, דאָס הייסט, אַ פאָרשטעהער פון אַ סלאַווישען פאָלק; די טשעכען זיינען אויך סלאַווען. און אויב ער וועט זיין דער באַריכט־אָפגעבער, וועט דאָס בעסער ווירקען אויף די טשעכען — פאָרט די אייגענע פעלקער־משפחה! ס'איז געווען אַן אַמת בטלנישע ראיה. וואָרום דאָס סלאַווענטום האָט דאָך באמת ניט געשפילט קיין שום ראָלע אין דעם גאַנצען קאָנפליקט. ס'איז געווען אַ קאָנפליקט צווישען אַ הערשענדער נאַציע און אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט. אין דעם איז באַשטאַנען די עצם זאַך. און אויב מען האָט שוין געוואָלט אויסקלייבען אַ מענשען, צו וועלכען די טשעכען וואָלטען געדאַרפט האָבען אַ גרעסערען צוטרוי, האָט מען געדאַרפט נעהמען טאַקע אַ פארשטעהער פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט — אַ סלאַווישער אָדער ניט קיין סלאַ־

ווישער, דאָס האָט קיין שום באדייטונג ניט, — וועלכער איז פון דער אייגענער ערפאהרונג באקאנט מיט די ספּעציעלע צרות פון א מינדערהייט. אָנשטאָט דעם האָט מען גענומען גראָד א פארטרעטער פון א הערשענדען פאָלק, וואָס האָט קיין מאָל ניט געוואוסט פון קיין שום נאַציאָנאַלע עולות, און פאר וועלכען די נאַציאָנאַלע פראגע איז אין גאנצען פרעמד. פּלעכאַנאָוו האָט טאַקע אפּגעגעבען דעם באריכט, און דער קאָנגרעס האָט טאַקע ארויסגעטראָגען א רעזאָלוציע, אָבער, ווי געזאָגט, האָט דאָס אבּ־סאָלוט ניט געהאָלפען. די טשעכען האָבען ניט געוואָלט פאָלגען.

אז איך רעד שוין וועגען צוזאמענפאָהר, וויל איך נאָך דער־מאָנען א קליינע בעראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאריז (דאכט זיך, ס'איז געווען אין דעם אייגענעם יאָהר, און אפשר אין יאָהר 1911); די בעראַטונג איז געווען צונויפגערופען פון דעם „ז. ב. צ. ק.“ (אויסלענדישע ביוראָ פון צענטראַלען קאָמיטעט פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פארטיי) מיט'ן צוועק צו באטראכטען די פראגע וועגען פאראייניגען די אויסלענ־דישע גרופּען פון דער רוסלענדער פּארטיי, פון „בונד“, פון די לעטען, פון די פּאָליאקען. ס'איז געווען א קליינע בעראַטונג, אין וועלכער עס האָבען זיך באטייליגט זינאָוויעוו, פון די פּאָ־ליאקען, ווארסקי; פון „בונד“ — יונה און איך; ווער ס'איז געווען פון די לעטען, געדענק איך ניט. די בעראַטונג איז פאָר־געקומען אין דער אָפּיציעלער וואָהנונג פון דעם „ז. ב. צ. ק.“. צו קיין שום רעזולטאַטען האָט זי ניט געבראכט. דער איינדרוק איז געווען זעהר ניט קיין אנגענעהמער. זינאָוויעוו האָט זיך געפיהרט אזוי, אז ס'איז געווען ממש אן עקעל, און ווען מיר זיינען געקומען צום סוף און זיך פאנאנדערגעגאנגען, האָט זיך געטראָפען א קלייניטשקער, זעהר כאראקטעריסטישער אינצידענט. מיר גערען אוועק מיט יונה'ן, און אז מיר זיינען ארויס פון דער טיר, שטעלט זיך יונה אוועק און פארטראכטערהייט הויבט ער אן אפּצוּאוּוישען זיינע פיס. ס'איז ניט געווען קיין באוואוסטזיניגער וויץ; ער האָט געטראכט וועגען אן אנדער זאַך, אָבער ס'איז געווען גלאַט א מעכאַנישער זשעסט, אן אומבאוואוסטזיניגער אויסדרוק פון א געפיהל, אז מען איז ארויס עפּעס פון א ברודיגען אָרט און מען

דארף אפטרייסלען דעם שטויב פון די פיס. איך האָב געקוקט אויף איהם מיט פארוואונדערונג: „וואָס טוט איהר?" ער האָט זיך געכאפּט און מיר האָבען זיך הארציג פאנאנדערגעלאכט. איצט איז ער א קאמוניסט און ארבייט ביי די באָלשעוויקעס.

.82

# וויען

אין זומער 1911 האָבען מיר געהאַט אַ באַראַטונג פון אויס־לענדישען קאָמיטעט מיט אַ פּאָר פאָרשטעהער פון צ. ק., וואָס זיינען אריבערגעקומען פון רוסלאַנד. צווישען אנדערעס האָט מען ארומגערעדט אַ פּראָיעקט וועגען צוריק ארויסגעבען אַ לעגאַלע בונדישע צייטונג, אַ וואכענבלאַט. די צייטונג האָט געדאַרפט ארויסגעהן אין ווארשא. אזוי אָבער, ווי דאָס רוב שרייבער אונזערע זיינען געווען דורכאויס אומלעגאַלע מענשען, — און איינער פון זיי האָט ערשט דאָ ניט לאַנג געמוזט אנטלויפען דוקא פון ווארשא, — וואָלטען זיי ניט געקענט לאַנג האַלטען זיך, ווען זיי וואָלטען זיך באַזעצט אונטער די אויגען פון דער ווארשעווער אָכראַנקע. ס'איז דעריבער אויפגעשוואומען אַ פּלאַן, אַז די רעדאַקציע זאָל זיך געפינען ערגעץ אין אויסלאַנד, און פון דאָרטען איבערשיקען די ארטיקלען קיין ווארשא. די שווייץ איז געווען פאַר אַזאַ פּלאַן צו ווייט פון רוסלאַנד, און מען האָט דעריבער באַשלאָסען, אַז די רעדאַקציע זאָל זיך געפינען ערגעץ־וואו נעהענטער צו דער רוסישער גרעניץ — אָדער אין קראָקאָ אָדער אין וויען.

שפּעטער האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט באַשטעטיגט דעם פּלאַן; איידער מען האָט געקענט צוטרעטען צו זיין פאַרווירק־ליכונג איז אריבער נאָך אַ היבש ביסעל צייט, אבער אין פריהלינג 1912 איז שוין אַלץ געווען פאַרטיג, און די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע האָבען זיך צונויפגעקליבען אין וויען. דאָס זיינען געווען ב. גראָסער (סלאַוועק), אבראַמאָוויטש, ליטוואַק, און איך. שפּעטער איז סלאַוועק אוועקגעפאָהרען אין רוסלאַנד, און אויף זיין אָרט איז אין דער רעדאַקציע אריינגעטראָטען אָלגין.

אזוי ארום האָב איך נאָך קנאַפּע פיר יאָהר ווידער פאַרלאָזט די שווייץ.

אין די פריהערדיגע יאָהרען בין איך שוין אַ פּאָר מאָל געוועזן אין וויען, די שטאָדט איז מיר שוין דעמאָלט געפעלען געוואָרען, און איך האָב זי נאָך מעהר ליב באַקומען, ווען איך האָב זיך באַזעצט אין איהר אויף אַ לענגערער צייט.

ס'איז טאַקע געווען אַ מערקווירדיגע שטאָדט. איצט קריגט מען פון איהר טרויעריגע גרוסען. מען זאָגט, אַז זי איז גע־שטאָרבען, דעמאָלט איז זי אָבער געווען דער צענטער פון אַ גרויסער מלוכה — שעהן, לעבעדיג און היימיש. און טאַקע קודם כל — היימיש. ס'איז געווען גענוג צו פאַרברענגען דאָרטען אַ פּאָר וואָכען און מען האָט זיך דאָרטען געפיהלט ווי אַן אייגענער מענש. אַ צוגעלאָזענע שטאָדט; אין אנדערע גרויסע שטעדט דאַרף מען זיך ערשט איינלעבען, און מאנכעסמאָל דויערט דאָס יאָהרען־לאַנג ביז וואנען מ'ווערט אָן דאָס געפיהל פון פרעמדקייט. דאָ אָבער קומט אַ ווילד־פרעמדער מענש, ניט קיין עסטרייכער און ניט קיין דייטשער און נאָך אַ קורצער צייט האָט ער שוין אַ געפיהל פון אַ תושב, גלייך ווי ער וואָלט געווען ביי זיך אין דער היים. עס זיינען געווען פאַרשידענע אורזאַכען דערצו. ער־שטענס דער אָפענער, ווייכער, ליבענסווירדיגער כאַראַקטער פון וויענער פאָלק און צווייטענס, די פילפאַרביגקייט פון דער וויענער באַפעלקערונג. דאָס רוב וויענער מענשען זיינען טאַקע דייטשען, אָבער נישט אומזיסט איז וויען געווען די שטאָדט פון דעם פיל־פאַרביגען, געמישטען עסטרייך מיט זיינע פאַרשידענסטע פעלקער. אויף יעדען שריט און טריט האָט מען געקענט זעהן גאַנצע מאַסען טשעכען און פּאָליאַקען און איטאַליענער און באָסניאַקען און, פאַרשטעהט זיך, אידען — אידען אָהן אַ שיעור, און דער עולם איז געווען צוגעוואוינט צו דעם דאָזיגען נאַציאָנאַלען מישמאַש און פלעגט אויף אַלע קוקען מיט אַ ברייטער טאָלעראַנץ, ווי אויף אייגענע, היימישע מענשען. אמת איז, אַז עס האָט זיך אין די קרייזען פון די דייטשע נאַציאָנאַליסטען געפיהרט אַ שטיקעל העצע געגען די פרעמדע. עס איז געווען אַ קאַמף פאַר אָפּהיטען דעם „דייטשען כאַראַקטער" פון דער שטאָדט. עס פלעגט אַמאָל פּאָר־קומען עפּעס אַ שטיקעל סקאַנדאַל אָדער דעמאָנסטראַציע פון די

דייטשע יונגע לייט געגען א טשעכישען קאָנצערט אדער א צוזאַ־מענפֿאָהר, אָבער דאָס איז געווען — פּאָליטיק. די ברייטע באַ־פעלקערונג פלעגט בלייבען אָן א זייט פון דעם נאַציאָנאַליסטישען טומעל. דאָס זעלבע איז געווען מיט'ן אַנטיסעמיטיזם. די אַנטי־סעמיטישע פּארטיי — די קריסטליך־סאָציאַלע — איז טאַקע געווען די הערשענדע פּארטיי, און דער אנטיסעמיטיזם איז טאַקע געווען א גאַנגבארע סחורה, אָבער דאָס איז אויך געווען מעהר ניט ווי פּאָליטיק, און אין דעם טאָג־טעגליכען לעבען האָט זיך דער ראַסען־האַס געפיהלט זעהר ווייניג, און אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע פון די אֲידען אין רוסלאַנד, האָבען זיי דאָרטען געלעבט ווי ביים טאַטען אין ווייַנגאַרטען. נישט אין וויען, און נישט אין גאַליציען האָבען זיך ניט געפיהלט יענע נידערשלאָגענקייט, יענע מורא, וועלכע איז געלעגען ווי אַ שווערע לאַסט אויף די אידען אין רוסלאַנד. זיי האָבען זיך געפיהלט א סך פרייער און געהאַל־טען א סך שטייפער, מיט א געוויסען שטאָלץ און אומאָפּהענ־גיגקייט.

איך האָב זעהר ליב געהאַט וויען. אמת, וואָס איז שייך דעם קאָמפאָרט, די באַקוועמליכקייטען פון טאָג־טעגליכען לעבען, האָט זי זיך ניט געקענט גלייכען, למשל, מיט בערלין. זי איז געווען אָפּגעלאָזען אויך. און עס האָט געפעהלט אָרדנונג. איך פלעג זאָגען, צום שפּאַס, אז די שטאָדט נויטיגט זיך אין א שטאַרקער האַנט פון א פּרייסישען פעלדפעבעל; ער וואָלט געקענט מאַכען פון איהר א לייט. אָבער ביי איהר גאַנצער אָפּגעלאָזענקייט איז די שטאָדט פאָרט געווען זעהר שעהן, פרעהליך, פול מיט א רייכען ליכטיגען לעבען.

איך בין געקומען אין וויען צום סוף מערץ 1912. אין אַפּריל האָבען מיר דאָרטען אויף א באַראַטונג פון אויסלענדישען און צענטראַלען קאָמיטעט ארומגערעדט אלע פּרטים פון דער ווייטערדיגער אַרבייט, און אין מאַי האָבען מיר שוין אָנגעהויבען ארויסגעבען די נייע צייטונג.

סלאָוועק גראָסער האָט שוין פון פריהער אָן געלעבט אין וויען. אין דער שטוב, וואו ער האָט געוואוינט, האָבען מיר איינגעאָרדענט אונזער רעדאַקציע. ס'איז געווען א קליין צימע־רעל, זעהר באַשיידען און זעהר מאָגער מעבלירט. אין מיטען

צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש מיט עטליכע שטוהלען. אנשטאַט אַ ביכער־שראַנק האָבען מיר פון ערגעץ באַקומען היל־צערנע קאַסטענס און אַוועקגעשטעלט זיי ביי דער וואַנט איינע אויפ'ן צווייטען, — דאָרטען פלעגען ליגען די פאַרשידענע צייטונגען, וואָס מיר פלעגען נוצען ביי אונזער אַרבייט. אַט אין דעם קליינעם צימערל — אין אַ שטילען געגענד, ווייט, ביים עק שטאָדט — פלעגען מיר זיך צונויפקומען אַלע טאָג, אַרומריידען די טעמעס, שרייבען און רעדאַקטירען די אַרטיקלען. אין אָוועגט פלעגט מען אָפּשיקען די אַרטיקלען, און דעם צווייטען טאָג פלע־גען זיי שוין זיין אין וואַרשאַ. אין וואַרשאַ האָט זיך געפונען די אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג, און חוץ דעם איז דאָרטען געזעסען נאָך אַ ספּעציעלער פאַרטרויענס־מענש פון דער רעדאַק־ציע, וועלכער פלעגט קריגען פון אונז די אַרטיקלען און באַ־אַרבייטען דעם לויפענדען מאַטעריאַל — די כראָניק און די קאָרעספּאָנדענציעס, וועלכע ער פלעגט באַקומען דירעקט פון די ערטער. דער דאָזיגער מענש איז געווען מ. ראַפּעס — דעמאָלט אַן אָנגעזעהענער בונדישער טוער, איצט אַ קאָמוניסט און אַ פאַרברענטער שונא פון „בונד”.

דער נאָמען פון דער צייטונג איז געווען „לעבענס־פראַגען”. דער ערשטער נומער האָט אַרויסגערופען אַ שטורם פון באַגייסטע־רונג. פון אַלע זייטען, פון די פאַרשידענסטע שטעדט און שטעדטלאַך, זיינען אָנגעקומען באַגריסונגען. צי די צייטונג איז געווען גוט, צי זי איז געווען שלעכט, ווייס איך ניט; ניט דאָס איז געווען וויכטיג. וויכטיג איז געווען, אַז ס'איז געווען אַ בונדישע צייטונג. נאָך פיר מיט אַ האַלבען יאָהר שווייגען האָט זיך באַנייט אונזער פּרעסע, און דאָס איז געווען אַן אמת'ער יום טוב פאַר די אידישע אַרבייטער.

דער יום־טוב איז אָבער געווען אַ פאַרשטערטער. דער ערשטער נומער איז באַלד קאָנפיסקירט געוואָרען. מיר האָ־בען צוגעגרייט דעם צווייטען נומער. אַגב, ביים צונויפשטעלען דעם דאָזיגען צווייטען נומער האָב איך צום ערשטען מאָל גע־מאַכט אַ פּרואוו אָנצושרייבען אַן אַרטיקעל אויף אידיש. ס'איז פאַר מיר נאָך געווען צו שווער צו שרייבען מיט אידישע אותיות (הגם זייענדיג אין זשענעוואַ האָב איך זיך ווייטער גע־

לערענט לייענען און שרייבען אידיש); האָב איך איהם אָנ־געשריבען מיט לאַטיינישע אותיות. ליטוואַק האָט איהם אי־בערגעקוקט און געזאָגט, אַז די שפּראַך איז אַ גאַנץ גוטע, און ער האָט ווייניג וואָס צו פאַררירכטען. אָבער אויך דער צוויי־טער נומער איז געוואָרען קאָנפיסקירט. נאָך מעהר, מען איז געקומען און אַרעסטירט די גאַנצע אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג. עס איז אַרעסטירט געוואָרען דער אָפיציעלער רע־דאַקטאָר — פרוי רייטשיק; איהר מאַן, וועלכער האָט געאַרבייט אין דער אדמיניסטראַציע; דער אָפיציעלער ארויסגעבער גאַלאַי (שפּעטער אויך זיין פרוי) און אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג, אונזער לאַדזער חבר ל. בערגמאַן. מען האָט אונז אי־בערגעגעבען די ווערטער פון אַן אָנגעזעהענעם וואַרשאַווער זשאַנדאַרם: „מיר ווייסען, אַז דאָס איז אַ בונדישע צייטונג, און מיר וועלען זי בשום אופן ניט דולדען“. און ס'איז געווען קלאָר, אַז אין וואַרשאַ וועט די צייטונג ניט קענען ערשיינען. דעם אָנגעקליבענעם מאַטעריאַל האָט מען אַרויסגעלאָזט אין דער פאָרם פון אַ זאַמעל־בוך און מען האָט באַשלאָסען אַריבערצו־טראָגען די צייטונג אין פּעטערבורג. דאָרט זיינען די באַדינ־גונגען געווען פאָרט אַביסעל פרייער, ווי אין וואַרשאַ. עס האָט זיך ווידער צו יענער צייט באַוויזען אַ רוסישע סאָציאַליסטישע פּרעסע. מען האָט זי אפילו גע'רודפ'ט, אָבער זי האָט פאָרט געקאָנט עקזיסטירען, און מיר האָבען גערעכענט, אַז אין פּע־טערבורג וועט אויך אונזער צייטונג זיך קאָנען האַלטען. אָבער ביז וואַנען מען האָט געמאַכט די אַלע נויטיגע צוגרייטונגען, זיינען אַריבער עטליכע חדשים.

אין יענער צייט האָט מען צונויפגערופען — טאַקע אין וויען — אַ נייע, די נייַנטע, בונדישע קאָנפערענץ. מען האָט געהאַלטען ערב די וואַהלען צו דער פערטער דומא און מיר האָבען גערדאַרפט באַשליסען די פראַגע וועגען דער וואַהל־קאַמ־פּאַניע: וועלכע לאָזונג שטעלט מען אַרויס און מיט וועמען געהט מען צוזאַמען. די פראַגע וועגען צוזאַמענגעהן איז גע־ווען באַזונדערס ברענענדיג אין פּוילען. עס זיינען דאָרטען געווען צוויי פּוילישע פּאַרטייען, מיט וועלכע מען וואָלט גע־קענט בשותפות דורכפיהרען די וואַהלען: די פּוילישע סאָ־

ציאַל־דעמאָקראַטיע און די לינקע פּ. פּ. ס. אונזער וואונש און אונזער פאַרלאַנג איז געווען צו שאַפען אַ געמיינזאַמען בלאָק מיט די ביידע אָרגאַניזאַציעס. ביידע זיינען געווען אין תוך גענומען סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען; די פּ. פּ. ס. ד. זיינען געווען נאָהענטער צו די באָלשעוויקעס, די פּ. פּ. ס. האָבען געטראָגען אַ מעהר מענשעוויסטישען כאַראַקטער. פּאָליטיש זיינען מיר געווען נעהענטער צו די לעצטע, פאָרמעל זיינען מיר אָבער געווען מעהר צונויפגעבונדען מיט די פּ. פּ. ס. ד., וואָרים סיי זיי און סיי מיר זיינען דאָך געווען אַ טייל פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ווי געזאָגט, האָבען מיר זיך באַמיהט צו שאַפען אַן אַלגעמיינע פאַראייניגונג פון אַלע דריי פּאַרטייען. צום באַדויערען האָבען זיך אָבער די פּ. ס. ד. איינגעשפּאַרט און זיינען ניט איינגעגאַנגען אויף אַ בלאָק. און מיר האָבען ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו פאַרבינדען זיך מיט די לינקע פּ. פּ. ס. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז דער אָפּמאַך געשלאָסען געוואָרען און מיר האָבען דעמאָלט בשותפות דורכגעפיהרט אין וואַרשאָ דעם דעפּוטאַט יאַגעלאָ.

אַ צווייטע פראַגע — אַ פראַגע, וואָס האָט אונז אַלעמען זעהר שטאַרק אויפגערעגט, איז געווען גאָר פון אַן אַנדער מין. ס'איז געווען אַ גרויסער און שווערער סכסוך צווישען פּוילישע און אידישע אַרבייטער, — די מעשה מיט'ן אַרויסשטופּען די אידישע אַרבייטער פון די פאַבריקען.

אין יאָהר 1911 האָט זיך פאַרשפּרייט צווישען די וואַרשאָווער שוסטער־אַרבייטער אַ מגפה: די פּוילישע אַרבייטער האָבען זיך גענומען אַרויסצואוואַרפען אידען פון די מעכאַנישע פאַבריקען. ס'איז עפּעס געוואָרען ביי זיי אַ מין פּרינציפּ: ביי מעכאַנישע וואַרשטאַטען טאָרען די אידען ניט אַרבייטען, ס'איז אַ חזקה פאַר די קריסטען. און זיי האָבען דורכגעפיהרט דעם פּרינציפּ טאַקע ביד חזקה — מיט געוואַלד.

אַזעלכע סכסוכים פלעגען פאָרקומען אויך פריהער. מיט עטליכע יאָהרען פריהער איז דאָס זעלבע געווען אין ביאַליסטאָק, ביי די וועבער. דאָרטען האָבען זיך אָבער די אידישע אַרבייטער ניט געלאָזט באַ'עולה'ן, און מען איז צום סוף דורכגע־

קומען צווישען זיך; עס איז באשלאָסען געוואָרען, אַז מען וועט אַרבייטען העלפט און העלפט, און דער דאָזיגער אָפּמאַך איז אָפּגעהיט געוואָרען אין משך פון אַ צעהנדליג יאָהר, ביז צו דער צייט, ווען די שטאָדט איז אַרונטערגעפאַלען אונטער דער ממשלה פון דער נייער פּוילישער מלוכה, און דער סכסוך האָט זיך אָנגעהויבען פון דאָס ניי. אין וואַרשאָ איז אָבער די לאַגע געווען אַ סך שווערער, און די זאַך האָט זיך פאַרצויגען און פאַרשלעפּט.

וואָס האָט מען געקאָנט טאָן אַנטקעגען דער צרה? די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט איין ענטפער: מען דאַרף זיך צונויפרעדען מיט די פּוילישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס און קומען צו אַ פאַרשטענדניס. דער ענטפער איז געווען אַ גאַנץ ריכטיגער. ער האָט אָבער געהאַט איין חסרון: צו אַ פאַרשטענדניס איז נויטיג דער הסכם פון ביידע צדדים, און אַזאַ הסכם איז ניט געווען. אַן איבער־שענדליכע ראָלע האָט אין דעם פאַל געשפּילט די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אַנשטאָט צו ווירקען אויף די פּוילישע אַרבייטער און אַרויפלייגען אַ צוים אויף זייערע שאָוויניסטישע אַפּעטיטען, האָבען זיי געזאָגט מוסר... די אידישע אַרבייטער. אין דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע זיינען ערשינען אַרטיקלען פון זייער פּאַרטיי־פיהרער וואַרסקי, וועלכער האָט דערצעהלט זיינע לעזער וועגען דעם, אַז די אידען האַלטען אין איין אָפּזונדערען זיך, אַז זיי רעדען נאָך אַלץ אויף „זשאַרגאָן“, — „אַ רעשט פון פינסטערען מיטעלאַלטער“, און אַז דער ערשטער באַדינג פאַר אַ פריעדליכען צוזאַמענלעבען, איז דאָס אָפּזאָגען זיך אָט פון דעם דאָזיגען זשאַרגאָן. מען האָט אפילו געזאָגט דערביי אַ פּאָר סקאַרבאָווע ווערטער וועגען דעם, אַז מען דאַרף ניט רודפ׳ן די אידען. אָבער דער אַלגעמיינער איינדרוק פון די אַרטיקלען איז געווען: זאָלען די אידען זיך פריהער אויסמענשלען; דעמאָלט וועט מען זעהן צו מאַכען אַ טאָלק.

וועגען די רעכטע פּ. פּ. ס. איז אָפּגערעדט. די לינקע פּ. פּ. ס., ווידער, האָבען זיך געפיהרט אַביסעל אַנשטענדיגער, אָבער ס׳איז געווען קענטיג, אַז זיי האָבען אויך ניט די קראַפט און דעם מוט צו שטעלען אַ ווידערשטאַנד געגען די שטימונגען

פון דער מאַסע. און אונזערע מענשען האָבען אַלץ גע׳טענה׳ט, אַז מען מוז קומען צו אַ פאַרשטענדעניש, און האָבען זיך באַמיהט צונויפצורופען אַ געמיינזאַמע בעראַטונג, און די זאַך האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

איך האָב דעמאָלט אָנגעשריבען אַן אַרטיקעל פאַר איינעם פון אונזערע זאַמעלביכער. אין דעם דאָזיגען אַרטיקעל האָב איך דורכגעפירט אַזאַ געדאַנק. ס׳איז דאָ פאַראַן צוויי צדדים. דער איינער פאָלט אַן, דער צווייטער איז אַ קרבן. דער קרבן וויל אַ פאַרשטענדיגונג. דער אָנפאַלער ווייזט ניט אַרויס קיין חשק דערצו. דאַרף מען מאַכען אַזוי, אַז ער זאָל געצוואונגען ווערען צו וועלען. אַ פאַרשטענדיגונג קען קומען נאָר אַלס רע־זולטאַט פון אַ קאַמף. דער חשק צו אַ פאַרשטענדיגונג וועט זיך באַווייזען ערשט דעמאָלט, ווען דער צווייטער צד וועט זיך אָנשטויסען אָן אַ ווידערשטאַנד. און פאַרקערט, — אויב ער וועט ניט שטעלען קיין ווידערשטאַנד, דעמאָלט מעג מען רעדען יאָהרען־לאַנג וועגען אַ פאַרשטענדיגונג און עס וועט פון דעם גערעדעכטס קיין זאַך ניט אַרויסקומען; עס מוז אויסגעקעמפט ווערען.

דאָס איז געווען אין קורצע ווערטער דער מוסר השכל. איך האָב אַוועקגעשיקט דעם אַרטיקעל אין רוסלאַנד צום דרו־קען. דאַרטען האָט זיך אָבער אויפגעהויבען אַ גאַנצער טומעל. דער צ. ק. האָט זיך באַקענט מיט׳ן אינהאַלט און האָט געפונען, אַז דער אַרטיקעל איז אַ שעדליכער. די לעזער קענען דאָס פאַרשטעהן אַלס אַן אויפהעצונג פון די אידישע אַרבייטער קעגען די פוילישע און עס קען אַריינטראָגען אַ גרויסע צומישונג אין די מוחות. איך האָב באַקומען אַ בריעף, וואו מען בעט מיך צוריקצוציהען מיין אַרטיקעל.

איך האָב זיך ענטזאָגט דאָס צו טאָן. איך האָב געהאַלטען, אַז דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט איז ריכטיג און מוז געזאָגט ווערען. אויב מען געפינט, אַז דער אַרטיקעל קאָן ניט געדרוקט ווערען, האָט די רעדאַקציע די מעגליכקייט איהם צו פאַרבראַ־קירען; געגען דעם בין איך מאַכטלאָז, אָבער איך אַליין וועל זיך פרייוויליג ניט אָפּזאָגען פון איהם.

דער סוף איז טאַקע געווען, וואָס מען האָט מיין שרייבעכץ גע׳פסל׳ט, און דער אַרטיקל איז ניט ערשינען.

בשעת די דאָזיגע אונטערהאַנדלונגען בין איך געווען פיעל־ווייניג איינזאַם. דער צ. ק. איז געווען געגען מיר. מיינע פריינד אין אויסלאַנד זיינען געווען געגען מיר. אָבער ווען עס איז זיך צונויפגעקומען די קאָנפערענץ, האָט זיך אַרויס־געוויזען, אַז איך האָב דאָרטען אָנהענגער. נאָך אַ לענגערע דיסקוסיע איז אַרויסגעטראָגען געוואָרען אַ רעזאָלוציע, אונ־טער וועלכער איך האָב זיך געקענט אונטערשרייבען. ס׳איז אפילו ניט דורכגעפיהרט געוואָרען מיין געדאַנק אין זיין שאַר־פער און בולט׳ער פאָרם, אָבער ס׳איז געזאָגט געוואָרען, אַז צו יענע פוילישע אַרבייטער, וועלכע שטופען אַרויס די אידען און פאַרנעהמען זייערע ערטער, דאַרף מען זיך באַציהען אַזוי, ווי מען באַציהט זיך צו געוועהנליכע סטרייק־ברעכער. דאָס איז אייגענטליך געווען — אין תוך גענומען — דאָס זעלבע, וואָס איך האָב פאַרלאַנגט. אין דעם איז שוין געווען איינ־געשלאָסען דער געדאַנק פון קאַמף, און איך בין געווען באַ־פרידיגט.

אין עטליכע חדשים אַרום נאָך דער קאָנפערענץ איז באַנייט געוואָרען אונזער צייטונג. זי איז אַרויס אין פעטערבורג, און איהר נאָמען איז געווען „די צייט". דער ערשטער נומער איז אַרויס אַרום ניי־יאָהר 1913. די רעדאַקציע איז דערווייל געבליבען אין ווינען. דער צוזאַמענשטעל האָט זיך אַביסעל געביטען. סלאָוועק איז נאָך פריהער אַוועקגעפאָהרען אין רוסלאַנד, און אין דעצעמבער איז אָנגעקומען די טרויעריגע ידיעה פון זיין פריהצייטיגען טויט. זיין אָרט האָט פאַרנומען אַלגין.

די רעדאַקציאָנס־אַרבייט איז געווען זעהר אַ שווערע. דער עולם איז ניט געווען צופרידען מיט דער צייטונג. אַזוי ווייניג־סטענס זיינען געווען די שטימען פון די „העכערע פענסטער". אין יעדען בריף, וואָס מיר פלעגען באַקומען פון פעטערבורג, פלעגט מען זיך קלאָגען: „ס׳איז ניט דאָס". דאַכט זיך, אַז מיר האָבען זיך באַמיהט מיט אַלע כחות צו מאַכען די זאַך וואָס בעסער; דאַכט זיך, אַז מיר האָבען פאַרמאָגט אונזערע בעסטע פאַרטיי־שרייבער — ווי ליטוואַק און אַלגין — און מען איז פאָרט

ניט געווען צופרידען. איך ווייס ניט פאר וואס דאָס איז געווען אזוי. מעגליך, אז זייערע טענות זיינען געווען ניט קיין גערעכטע; ביי אונז אין „בונד" האָט מען זיך שטענדיג באַצויגען קריטיש צו אונזערע אייגענע שרייבער און אונזער אייגענער פּרעסע, — אַ סך שטרענגער ווי צו פרעמדע זאַכען. און אפשר זיינען די טענות יאָ געווען גערעכטע, און ס'איז געווען אַ ראיה, אַז מ'קאָן ניט רעדאַקטי־רען אַ צייטונג, זיצענדיג אין אַ ווייטער אויסלענדישער שטאָדט. ס'איז מעגליך. שפּעטער האָט מען טאַקע אַריבערגעטראָגען די רעדאַקציע אין פּעטערבורג גופא, און דער עולם האָט אויפגעהערט צו קלאָגען זיך.

דערווייל האָבען מיר אָבער געפיהרט די צייטונג, און ס'איז פארשטענדליך, אז ביי אזעלכע גרוסען פון רוסלאַנד איז אונזער שטימונג ניט געווען קיין פרייליכע.

די רעדאַקציאָנס־ארבייט פלעגט ניט צונעהמען ביי אונז די גאַנצע צייט. דערצו נאָך האָט מען געדארפט זאָרגען וועגען אַ שטיקעל פּרנסה. האָט יעדער פון אונז געפונען פאר זיך אַ פּריוואטע שטעל. אבראַמאָוויטש האָט געארבייט אין אַ פּאַטענט־ביוראָ; אָלגין האָט געשריבען קאָרעספּאָנדענצען אין „פאָר־ווערטס"; איך בין געווארען אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ רוסישער צייטונג.

אין הערבסט 1912 האָב איך באַקומען אַ ידיעה, אַז עס הויבט אָן צו ערשיינען אין פּעטערבורג אַ נייע גרויסע צייטונג מיט'ן נאָמען „דיען" (דער „טאָג"). דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג וועט זיין קוגעל — דער זעלבער קוגעל, וועלכער האָט ביז יענער צייט רעדאַגירט דאָס גרויסע קיעווער בלאַט „קיעווסקיאַ מיסלי". די קיעווער צייטונג איז געווען איינע פון די בעסטע און אַנשטענדיגסטע רוסישע צייטונגען. זי האָט געטראָגען אַ בולט'ען מאַרקסיסטישען קאָליר און צווישען איהרע מיטאַרבייטער זייען געווען אַ רייהע אָנגעזעהענע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, ווי, למשל, טראָצקי און לונאַטשארסקי. דער „דיען" האָט געדאַרפט זיין אַ צייטונג פון דעם זעלבען סאָרט (און צום גרויסען טייל מיט די זעלבע מיטאַרבייטער), און ווען מען האָט מיר פאָרגעלעגט צו ווערען אַ וויענער קאָרעספּאָנדענט, האָב איך מיט גרויס צופרידענ־הייט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג. מיין אויפגאַבע איז געווען צו

שרייבען אַלע וואָך צו עטליכע קאָרעספּאָנדענציעס און צו שיקען אַלע טאָג טעלעגראַמען וועגען די נייסטע פּאַסירונגען.

די אַרבייט איז געווען גאָר ניי פאַר מיר, זעהר אינטערעסאַנט און גאַנץ שווער. דאָס אָנשרייבען די פּאָר קאָרעספּאָנדענצען — דאָס איז ניט געווען פון די גרויסע זאַכען. איך האָב זיך סאַי ווי זעהר אינטערעסירט מיט'ן וויענער לעבען און געהאַט גענוג מאַ־טעריאַל. אָבער די טעלעגראַמען — אָט דאָס איז געווען אַ שווע־רער עסק.

אין דער ערשטער צייט האָב איך געדאַרפט שיקען גאַנץ גרוי־סע טעלעגראַמען — צו פינף־זעקס הונדערט ווערטער אַ טאָג. האָט מען געדאַרפט אַלע טאָג צונויפקלייבען דעם סאַמע פרישען, דעם סאַמע צאַפּעלדיגסטען מאַטעריאַל. דאָס מיינט, אַז מען דאַרף ווערען אַ תושב אין די... קאַפע־הייזער.

אין וויען איז דער אַרבייטס־פּלאַץ פון אַ זשורנאַליסט אין אַ קאַפע־הויז. און ניט נאָר אַן אַרבייטס־פּלאַץ, און ניט נאָר פון אַ זשורנאַליסט. דאָס קאַפע־הויז איז דאָרטען אַלץ.

דער מענש קומט אין אַ קאַפע, זעצט זיך אַוועק און באַשטעלט זיין קאַווע. אגב, מען באַשטעלט ניט סתם „קאַווע". מען וועט אויף אייך קוקען ווי אויף אַ משוגענעם, אויב איהר וועט זאָגען: „גיט מיר אַ גלאָז קאַווע". אַז איהר ווילט קאַווע — דאָס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך. אָבער די פראַגע איז, וואָס פאַר אַ מין קאַווע. ס'איז דאָ פאַראַן „מעלאַנדזש" און ס'איז דאָ פאַ־ראַן שוואַרצע קאַווע (אויך פון צוויי סאָרטען: סתם שוואַרצע קאַווע און „נוס"־קאַווע), ס'איז דאָ פאַראַן ליכטיגע קאַווע (מיט אַ סך מילך) און „ברוינע"; ס'איז דאָ פאַראַן קאַווע מיט הויט און אָהן הויט, אין אַ קליינער טאַס און אין אַ „טהע־טאַס". (טהעע־שאַלע" — ווי עס הייסט אויף וויענער דייטש). דאָס איז אַ גאַנצע קונסט, און די דאָזיגע קונסט האָט איהרען אַ באַזונדערען זשאַר־גאָן, וואָס נאָר אַ וויענער קען פאַרשטעהן. איהר זאָגט, למשל: „גיט מיר אַ טהעע־שאַלע הויט". דאָס מיינט אַ גרויסע טאַס קאַ־ווע מיט הויט, און אַזוי ווייטער. אָבער ניט דאָס בין איך אויסען. דער וויענער קומט אין קאַפע־הויז, קריגט זיין קאַווע און אַ גלאָז וואַסער דערצו, און זיצט. ער זיצט אַ שעה, און צוויי שעה, און דריי שעה. זיין קאַווע איז שוין לאַנג אויסגעטרונקען; ער באַ־

שטעלט ניט קיין נייע, און קיינער פארלאנגט דאָס ניט פון איהם. מען בייט בלויז אַלע מינוט דאָס גלאָז וואַסער — עס זאָל זיין שטענדיג פריש און קאַלט — (און וויען פאַרמאָגט טאַקע דאָס בעסטע וואַסער אין איירָאפּא). פאַרוואָס זיצט ער? קען מען ענטפערען אויף דער פראַגע מיט אַ צווייטער קשיא: פאַרוואָס זיצט אַ מענש אין דער היים? אָט דאָס קאַפּע־הויז איז טאַקע אַ היים. און אפשר נאָך מעהר ווי אַ היים. דאָרטען פאַרברענגט מען און דאָרטען רוהט מען זיך אָפּ, און דאָרטען טרעפט מען זיך מיט באַקאַנטע, און דאָרטען מאַכט מען געשעפטען, און דאָרטען ארבייט מען. דאָרטען שרייבט מען בריף און דאָרטען באַקומט מען בריף, און דאָרטען שרייבט מען ארטיקלען און דאָרטען רעדאַגירט מען ארטיקלען. און ס'איז באַקוועמער ווי אין דער היים. אַי וואָס, ס'איז אַביסעל טומעלדיג, מען געוואוינט זיך דערצו זעהר גיך. דערפאַר אָבער האָט מען אַלע באַקוועמליכקייטען. אין יעדען גרעסערען קאַפּע געפינט מען צעהנדליגער און צעהנדליגער צייטונגען און זשורנאַלען און וואָכענשריפטען און מאָנאַטשריפטען (אָפטמאָל אפילו ספּעציעלע פאַך־אויסגאַבען), און עס שטעהט ערגעץ אין אַ ווינקעל אַן ענציקלאָפּעדיע און ווערטערביכער. און ביים דריטען באַזוך ווייס שוין דער קעלנער וועלכע צייטונג איהר לייענט און וועלכע קאַווע איהר טרינקט, און ער ברענגט אייך דאָס אַלץ, ניט פרעגענדיג. און אַזוי פאַרברענגט אַן אונזער איינער אַ האַלבען טאָג און אַ האַלבע נאַכט אין זיין קאַפּע־הויז.

פונקט ווי אַלע אַנדערע, האָב איך אויך געהאַט „מיין" קאַפּע־הויז, און דאָרטען פלעג איך ארבייטען. די הויפּט־ארבייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב געמוזט איבערלייענען אַלע טאָג די גאַנצע וויענער פּרעסע און אויסקלייבען פון איהר אַלץ וואָס האָט אַ באַדייטונג און אַן אינטערעס פאַר מיין צייטונג. מיט דער צייט האָב איך זיך צוגעוואוינט צו דער מלאכה און עס פלעגט ביי מיר ניט פאַרנעהמען מעהר ווי אַ פּאָר שעה. אָבער צום אָנהויב איז עס געווען שווערליך. די צייטונגען אין וויען געהן ארוים אין משך פון גאַנצען טאָג: גאָר אין דער פריה — די מאָרגען־בלעטער, 12 בייטאָג — די מיטאָג צייטונגען, און פון 3 אזייגער ביז'ן אָווענד שיטען זיך איינע נאָך דער צווייטער פאַרשידענע אבענד־אויסגאַבען. ארום 6 אין אבענד דאַרף מען אָבער שוין זיין פאַרטיג

מיט׳ן לייענען. דעמאָלט הויבען זיך אָן די שווערסטע צוויי שעה׳ן פון דער סאַמע אָנגעשטרענגטער ארבייט. ארום 6 אזייגער קומען זיך די קאָרעספאָנדענטען צוגעהן און צופאָהרען אין דער גרויסער געביידע פון הויפט־טעלעגראַף; דאָרטען זיינען אויסגעטיילט ספּע־ציעלע עטליכע צימערען פאַר די זשורנאַליסטען. און דאָרטען געהט דאָס אָן די אָוונט־ארבייט. מען קומט און מען געהט, מען טרעפט זיך, מען שושקעט זיך, מען טעלעפאָנירט, מען קריגט דעפּעשען, מען טיילט זיך מיט ידיעות — עס איז א פאַבריק פון נייעס.

גלייכצייטיג דאַרף מען אָבער דעם גאַנצען צונויפגעקליבענעם מאַטעריאַל אריינפּרעסען אין קורצע, קלאָרע ווערטער. א טעלעג־ראַם קאָסט טייער. מען טאָר ניט פאַרנוצען קיין איין איבעריגען וואָרט. דאַרף מען זעהן צו געפינען פאַר יעדע נייעס דעם קורצעס־טען און גענויסטען אויסדריק און מען דאַרף דאָס מאַכען זעהר גיך, ביז אַכט אָדער האַלב נאָך אַכט מוז אַלץ זיין פאַרטיג; וואָרים אַנ־דערש וועט די דעפּעשע ניט אָנקומען צו דער צייט אין פּעטערבורג. שפּעטער אין דער נאַכט קען מען שיקען בלויז „דרינגליכע״ טע־לעגראַמען וועגען גאָר וויכטיגע געשעהענישען.

ס׳איז א גאַנץ שווערע ארבייט, אָבער זי איז מיר גאַנץ גוט געפעלען געוואָרען. און וואָס איז שייך דאָס טעלעגראַפירען, ברייננגט דאָס פאַר׳ן שרייבער א גרויסען נוצען. מען לערנט זיך צו באַגעהן זיך שפּאָרעוודיג מיט דער שפּראַך, אויסצומיידען אַלע איבעריגע ווערטער, דער סטיל ווערט א קלאָרער, א שאַרפער און א שטרענגער. עס וואָלט געווען זעהר גוט פאַר יעטוועדען שריי־בער, ער זאָל כאָטש א קורצע צייט זיך פאַרנעהמען מיט דער דאָ־זיגער מלאכה.

ס׳איז געווען א רעש׳יגע און אינטערעסאַנטע צייט; און אין אונזערע „זשורנאַליסטען־צימערען״ און אויפ׳ן הויפּט־טעלעג־ראַף האָבען מיר בולט און שאַרף געשפּירט דעם דופק פון די גרוי־סע פּאָליטישע געשעהניסען. ס׳איז געווען דאָס יאָהר 1912, און עס האָט זיך גראָד אָנגעהויבען די באַלקאַן־מלחמה.

עסטרייך האָט זיך ניט בעטייליגט אין יענער מלחמה, אָבער די מלחמה איז געפיהרט געוואָרען פון איהרע נאָהענטסטע שכנים, ביי די סאַמע טהירען איהרע. און אויב זי איז ניט געווען קיין

מיליטערישע אנטיילנעהמערין, איז זי אין פּאָליטישער הינזיכט געווען אַ גאַנצע מחותנת'טע.

מיט די באַלקאַנישע מלוכות האָט די עסטרייכישע רעגירונג געהאַט איהרע אַלטע חשבונות. מיט סערביען האָט זי זיך געריסען שוין יאָהרען־לאַנג. און איצט, ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די מלחמה, האָט זי געהאַט אַ גוואַלדיגען חשק זיך אריינצומישען אין דעם גרויסען טומעל און בענוצען זיך מיט דער געלעגענהייט, כדי צו ווערען אַ גאַנצער בעל הבית אויף די באַלקאַנען. און אין משך פון דעם גאַנצען יאָהר, וואָס די מלחמה איז אָנגעגאַנגען, האָט מען געפיהלט: אָט־אָט וועט מען אַ שפּרונג טאָן און וואַרפען די עסטרייכישע אַרמעע אויף יענער זייט גרענעץ. און מען האָט גע־פיהלט גלייכצייטיג: טאָמער וועט עס געשעהן, וועט רוסלאַנד ניט שווייגען, און דעמאָלט קומט די וועלט־מלחמה. די גאַנצע צייט פלעגט זיך עסטרייך טומלען און שרייען און רייצען זיך און דראָהען. און עס זיינען שוין געווען אַזעלכע טעג און נעכט, ווען מען האָט שוין געהאַלטען ערב אַ קריגס־ערקלעהרונג. די פראַגע איז געווען אויף אַ שפּיץ מעסער, אָבער אין לעצטען מאָמענט פלעגט עסטרייך אַלע מאָל באַקומען קאַלטע פיס און זיך צוריקציהען. עס איז שטענדיג געווען אַזוי ווי דאָס רוסישע גלייכווערטעל זאָגט: עס ווילט זיך און עס שטעכט זיך, און די מאַמע לאָזט נישט. אָבער געוואָלט האָט זיך גוואַלדיג שטאַרק, און דער דאָזיגער ווילען איז שפּעטער, אין יאָהר 1914, טאַקע גובר געווען. דער סיגנאַל צו דער גרויסער וועלט־מלחמה איז טאַקע געגעבען געוואָרען אין ווין.

ס'איז מיר געווען זעהר אינטערעסאַנט צוצוקוקען זיך צו דעם דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישען שפּיעל. די זשורנאַליסטישע ארבייט איז מיר אויך גאַנץ גוט געפעלען געוואָרען, הגם די סביבה פון די בירגערליכע זשורנאַליסטען, מיט וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו טרעפען זיך אַלע טאָג, איז ניט געווען קיין אנגענעהמע. מיט מיין צייטונג האָב איך אויך געהאַט גרויסע צרות. זי האָט אָנגע־הויבען איהר ארבייט זעהר ברייט, איינגעלאַדען די בעסטע שריי־בערס, צוגעזאָגט אַ גאַנץ גוטען געהאַלט, אָבער אין דער ערשטער צייט איז דאָס געשעפט געגאַנגען שלעכט האָבען זיי אויפגעהערט צו צאָהלען. אַ טייל שרייבער (צווישען זיי טראָצקי) זיינען צוליב דעם אַוועק. איך בין געבליבען (איך האָב פּשוט ניט געהאַט וואו־

היין צו געהן), אָבער דערפאַר בין איך געוואָרען אַ סטרייקער, איך האָב זיי געמאָלדען: אויב איהר וועט מיר ניט שיקען אויף הוצאות (איך קען דאָך ניט ארויסלייגען פון מיין קעשענע הונדערטער קראָנען אויף די דעפעשען — איך האָב זיי ניט!) וועל איך אויפהערען צו טעלעגראַפירען. די דראָהונג האָט ניט געהאָלפען, — און איך בין טאַקע אריין אין אַ סטרייק, אבגעסטרייקט אַ היבשע ביסעל צייט, — באַקומען געלד, ווידער אָנגעהויבען צו ארבייטען. אין אַ צייט ארום הערט מען ווידער אויף צו שיקען, — ערקלעהר איך אַ נייעם סטרייק. און אַזוי פלעגט דאָס געהן כסדר די גאַנצע צייט: אַ סטרייק נאָך אַ סטרייק.

אין אַלגעמיין איז דאָס לעבען אין וויען געווען שעהן און אינטערעסאַנט. פּלוצלינג איז אָבער ביי מיר אויפגעקומען אַ פּלאַן: זיך אומצוקעהרען אין רוסלאַנד און ניט סתם אַזוי ווי איך פלעג פאָהרען אין די אַמאָליגע יאָהרען, אונלעגאַל, נאָר דוקא פאָהרען אונטער'ן אייגענעם נאָמען און זיך לעגאַליזירען.

אין רוסלאַנד איז דעמאָלט פאָרגעקומען דער דריי הונדערט יעריגער יובילעאום פון דער צארישער דינאַסטיע, און לכבוד דעם דאָזיגען יובילעאום איז געגעבען געוואָרען אַ טיילווייזע אַמנעסטיע צו פּאָליטישע „פאַרברעכער". אין דער זעלבער צייט איז אויך ארוים אַ באַפעהל צו רוסישע קאָנסולען אין אויסלאַנד, זיי זאָלען ארויסגעבען פּאַספּאָרטען די עמיגראַנטען, וואָס ווילען זיך אומקעהרען קיין רוסלאַנד. איז מיר איינגעפאַלען אין קאָפּ, אַז איך קען זיך באַנוצען מיט דער געלעגענהייט.

דער דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט ביים רוסישען איינערן מיניסטעריום איז דאַן געווען איינער ביעלעצקי (נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז ער צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע הויכע באַאַמטע דערשאָסען געוואָרען). דער דאָזיגער ביעלעצקי האָט פריהער געהאַט אַ שטעלע אַלס אַ בעאַמטער (נישט קיין פּאָליצייאישער) אין קאָוונע; דאָרטען איז ער געווען גוט באַקאַנט מיט מיין עלטערען ברודער. איצט, ווען איך האָב געוואָלט זיך אומקעהרען אין רוסלאַנד, האָט זיך מיין ברודער דערמאָנט וועגען דער דאָזיגער אַלטער באַקאַנטשאַפט און האָט אָנגעשריבען צו ביעלעצקי'ן אַ בריעף און האָט איהם אָנגעפרעגט, ווי האַלט דאָס מיט מיר: צי עס דראָהעט מיר עפּעס, ווען איך וועל

קומען אין רוסלאַנד. ביעלעצקי׳ס ענטפער איז געווען זעהר דיפּלאָמאַטיש און זעהר ניט קלאָר. מען האָט דאָס געקענט אויסטייטשען אויף יאָ און אויף ניט. אָבער אַזוי ווי עס האָט זיך מיר זעהר שטאַרק געוואָלט פאָהרען, האָב איך דאָס אויסגעטייטשט אַזוי ווי עס האָט מיר געטויגט. אַבראַמאָוויטש פלעגט אפילו שאָקלען מיט׳ן קאָפּ און זאָגען: „נייהט זיך, פעטער, אַ גרויסען זאַק, ער וועט אייך צוניץ קומען ווען איהר וועט געהן מיט׳ן עטאַפּ״. איך האָב זיך אָבער אויסגעלאַכט פון דעם. סוף כל סוף — האָב איך גע׳טענה׳ט — וואָס איז די סכנה? וועט מען מיך אַרעסטירען? איז וואָס? וועל איך אָפּזיצען, וועט מען מיך ארויסשיקען און איך וועל זיך צוריק ארויסכאַפּען אין אויסלאַנד. פּרובען זיך קען מען דאָך.

און איך האָב זיך געפּרופּט. און מיט עטליכע חדשים שפּעטער בין איך שוין געגאַנגען מיט׳ן זאַק אויף דער פּלייצע. אַבראַמאָוויטש איז געווען גערעכט.

.83

## ווידער אַמאָל אין רוסלאַנד.

סוף יוני 1913 זיינען מיר — מיין פרוי און איך — אוועק־געפאָהרען פון וויען אין רוסלאַנד. ביז דער סטאַנציע אָדערבערג זיינען מיר געפאָהרען צוזאַמען. פון דאָרטען האָב איך זיך פאַר־קירעוועט איבער דייטשלאַנד קיין קאָוונאָ. דאָרטען האָב איך גע־רעכענט מיט דער הילף פון מיין ברודער באַלד באַקומען אַ צייט־ווייליגען פּאַס און דערנאָך פאַרפאָהרען אין מינסק און מאַכען דאָר־טען ענדגילטיג אַ טאָלק מיט מיין לעגאַליזאַציע. מיין פרוי איז געפאָהרען אין וואַרשאַ, וואו זי האָט געדאַרפט אָפּוואַרטען ביז וואַנען איך וועל אָב'פטר'ן די אַלע זאַכען.

מיין ברודער איז ארויסגעפאָהרען צו באַגעגנען מיך אין עידקוהנען. צוזאַמען מיט איהם בין איך דאַן אריבער די גרענעץ אין ווערזשבאָלאָווא. די גרענעץ־בעאַמטע זיינען געוועזען זיינע באַ־קאַנטע; מען האָט מיר נישט געמאַכט קיין שום שוועריגקייטען, און מיר זיינען בשלום אָנגעקומען אין קאָוונאָ.

ווידער אין רוסלאַנד! און ווידער אַמאָל, ווי אין 1905, בין איך דאָרטען אָנגעקומען נאָך אַ הפסקה פון לאַנגע 4 יאָהר. ס'איז אָבער נישט געווען אַזוי ווי דאַמאָלט. דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט פון אויסלאַנד, האָט זיך מיך אויסגעדוכט, אַז איך בין ניט געווען אין רוסלאַנד אַ גאַנצע אייביגקייט, און אַז פאַר דער צייט האָט זיך אַלץ גוואַלדיג געביטען; אַלץ איז געוואָרען פרעמד און מאָדנע. דאָס מאָל האָב איך שוין ניט געהאַט דעם דאָזיגען איינדרוק; איך האָב אָנגעטראָפען די זעלבע קאָוונאָ, וואָס איך האָב פאַרלאָזט מיט לאַנגע יאָהרען צוריק; און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין דאָרטען ערשט נעכטען געווען. די יאָה־רען זיינען פאַראיבער עפּעס גאָר גיך.

איך בין פארפאָהרען צום ברודער אין שטוב און האָב פאַר־בראַכט ביי איהם עטליכע פרעהליכע און שעהנע טעג. געגאַנגען צום פּאָליצמייסטער, געבעטען איהם ער זאָל מיר געבען אַ צייט־ווייליגען פּאַס. מיין ברודער האָט שוין פאַראוים גערעדט מיט איהם, און דער פּאָליצמייסטער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אין אַ פּאָר טעג ארום וועט ער מיר דעם פּאַס צושיקען. אַנשטאָט דעם פּאַס איז אָבער געקומען גאָר אַן אנדער זאַך.

ס'איז געווען, דאַכט מיר, דער פינפטער טאָג נאָך מיין אָנ־קומען אין קאָוונאָ. מיר האָבען פאַרבראַכט דעם אָוועגד ביי מיין ברודער'ס שווער. ס'איז געווען עפּעס אַ יום־טוב — אַ געבורטס־טאָג אָדער עפּעס אַזעלכעס; דער שווער איז געווען איינער פון די גרעסטע גבירים — אָדער אפשר טאַקע דער גרעסטער גביר — אין קאָוונאָ. מען האָט ביי איהם געהוליעט אַ האַלבע נאַכט, געגעסען און געטרונקען און געלעבט אַ טאָג. געקומען אַהיים, געגאַנגען צו בעט. פאַרטאָג וואַך איך אויף. מיין ברודער שטעהט לעבען מיר און וועקט מיר: די פּאָליציי איז געקומען מיט'ן באַ־פעל מיך צו אַרעסטירען. און דער באַפעהל איז אונטערגעשריבען פון דעם וואַרשעווער אונטערזוכונגס־ריכטער.

איך מוז זיך מודה זיין: ס'איז מיר געוואָרען אביסעל זויער־ליך. פאַר דעם אַרעסט גופא האָב איך זיך ניט געשראָקען. ניט צום ערשטען מאָל און ניט צום לעצטען מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיצען אין טורמע. אָבער די מעשה מיט'ן אונטערזוכונגס־ריכ־טער איז מיר זעהר ניט געפעלען געוואָרען.

אין די פריהערדיגע יאָהרען, ווען איך פלעג ווערען אַרעסטירט, פלעגט דער אַרעסט אַלע מאָל פאַרקומען אויפ'ן אַדמיניסטראַטיווען אופן. צו אַזאַ מין אַרעסט בין איך דאַמאָלסט געווען גרייט. דאָס האָט מיך נישט געשראָקען. אין די לעצטע יאָהרען פלעגט זיך אַזאַ אַרעסט ענדיגען מיט דעם, וואָס מען פלעגט פאַרשיקען אפילו ניט אין סיביר, נור אין די צפונ'דיגע גובערניעס פון אייראָפּעאישען רוסלאַנד. אָפטמאָל פלעגט זיך איינגעבען אַזאַ פאַרשיקונג צו פאַר־ביימען מיט אַן אַרויסשיקונג אין אויסלאַנד. און אַז מען פלעגט דאָס אפילו ניט פועל'ען, איז ניט געווען פון די גרויסע זאַכען צו אַנטלויפען. איז דאָס ניט געווען געפערליך. אָבער די מעשה מיט'ן אונטערזוכונגס־ריכטער שמעקט שוין גאָר מיט עפּעס אַנ־

דערש. דאָס מיינט, אַז דער אַרעסט איז ניט קיין אַדמיניסטראַטי־ווער, נאָר אַז מען וועט האָבען אַ פּראָצעס אין געריכט. און איך האָב געוואוסט, אַז אַ פּראָצעס אין וואַרשעווער געריכט שמעקט מיט קאַטאָרגע. און קאַטאָרגע — דאָס איז שוין ניט קיין שפּאַס.

ווי אַזוי קום איך אָבער צום וואַרשעווער געריכט? איך האָב דאָך קיינמאָל ניט געלעבט אין וואַרשאַ! באַלד אויפ'ן אָרט האָב איך דערשפּירט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, די פּרטים האָב איך דערגאַנגען ערשט שפּעטער.

אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען האָב איך דער־צעהלט וועגען די „לעבענס־פראַגען", וואָס מיר האָבען מיט אַ יאָהר צוריק רעדאַגירט אין ווין און געדרוקט אין וואַרשאַ. איך האָב זיך דערמאָנט וועגען דעם, אַז נאָכדעם ווי די צייטונג איז קאָנפיס־קירט און פאַרמאַכט געוואָרען, האָט מען אַרעסטירט אין וואַרשאַ די אַלע מענשען וואָס האָבען געהאַט אַן אָפיציעלע שייכות צו דער צייטונג: דאָס איז געווען גאַלאַי, רייטשוק מיט זיין פרוי און בערגמאַן. פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב געוואוסט וועגען דעם אַרעסט, אָבער איך האָב זיך אינטערעסירט מיט דעם ניט מעהר ווי מיט יעדען אַנדערען אַרעסט — אַ טאָג־טעגליכע זאַך, און אין משך פון דעם יאָהר האָב איך וועגען דעם אין גאַנצען פאַרגעסען. דערווייל האָבען זיך אָבער געטאָן מעשים.

דער עולם איז נאָך אַלץ געזעסען. מען האָט געגען זיי פאַר־פיהרט אַ „ליטעראַרישען" פּראָצעס — פאַר ארויסגעבען אַ צייט־טונג, וואָס „העצט אויף איין קלאַס געגען דעם צווייטען" און א. וו. — דער באַריהמטער רוסישער פאַראַגראַף 129. דער פאַראַגראַף איז געווען ניט פון די געפערליכע; מען פלעגט באַקומען אַ יאָהר טורמע אָדער אַ יאָהר פעסטונג. דערצו איז נאָך געקומען דער דריי־הונדערט יעריגער יובילעאום פון די ראָמאַנאָוס, און די אַמנעסטיע האָט מבטל געמאַכט אַלע פּראָצעסען, וואָס זיינען געפיהרט געוואָרען אויפ'ן סמך פון דעם דאָזיגען פאַראַגראַף. האָט מען געדאַרפט דעם עולם באַפרייען.

מען האָט זיי אָבער ניט באַפרייט. די עקשנים פון וואַרשע־ווער געריכט האָבען אָפּגעטאָן אַ מיאוס'ען שפּיצעל. זיי האָבען גע־נומען און געביטען דעם פאַראַגראַף; געביטען די באַשולדיגונג: אַנשטאָט אַ ליטעראַרישען פונקט האָבען זיי אריינגערוקט אַן'אַנדער

פּאַראַגראַף — פּאַר צוגעהעריגקייט צום „בונד”. דאָס איז געווען דער פּאַראַגראַף 102, וועלכער האָט געדראָהעט מיט קאַטאָרגע ביז 8 יאָהר. און אויפ'ן דאָזיגען פּאַראַגראַף איז די אַמנעסטיע ניט אָנגעגאַנגען. זיינען אונזערע לייט געבליבען זיצען.

אין די נומערען „לעבענס־פראַגען” זיינען געווען אָפּגעדרוקט א פּאָר מיינע אַרטיקלען, אונטערגעשריבען מיט מיין פולען נאָמען. האָט זיך דער ריכטער ביי דער אויספאָרשונג פאַראינטערעסירט מיט דעם, ווער איז דער דאָזיגער מעדעם. ס'איז אָבער נאָך אַלץ געווען ווייניג. טרעפט זיך אזא מעשה: דער אַרעסטירטער גאַלאַי האָט געהאַט א פרוי. אין אַמאָליגע יאָהרען איז ער געווען א סטודענט אין דעם דייטשען שטעדטעל פרידבערג; זי אָבער, דעמאָלט נאָך זיין כלה, איז געווען א סטודענטקע אין בערן, — גראָד אין יענע יאָהרען, ווען איך בין דאָרטען געווען. פלעגט זי איהם שרייבען בריעף. אין די דאָזיגע בריעף פלעגט זי איהם דערצעהלען וועגען דעם קאָלאָניאַלען לעבען און וועגען די סאָציאַליסטישע טוערס. איך בין איינער פון זיי, און מיין נאָמען פלעגט זיך אָפּט טרעפען אין איהרע בריעף. די דאָזיגע בריף האָט זי ביי זיך געהאַלטען יאָהרען־לאַנג. נאָכדעם ווי מען האָט איהר מאַן אַרעסטירט אין ווארשא, האָט מען ביי איהר אויך געמאַכט א רעוויזיע און געפונען די בריעף. מען האָט זי אויך אַרעסטירט. פון די בריעף אָבער האָט דער אונטערזוכונגס־ריכטער באַקומען א קלאָרען פאָרשטעלונג וועגען דעם, ווער איך בין, און גראָד צו יענער צייט ווען איך בין געפאָהרען אין רוסלאַנד, האָט ער פאַנאַנדערגעשיקט א באַפעהל, אז טאָמער וועל איך זיך ערגעץ־וואו באַווייזען, זאָל מען מיך אַרעסטירען. דער באַפעהל איז אָנגעקומען אין דער קאָוונער זשאַנדאַרמעריע גראָד א פּאָר טעג נאָכדעם, ווי איך בין אָנגעקומען אין קאָוונאָ. די חברים אין ווארשא האָבען זיך דעמאָלט דערוואוסט, אז איך בין געקומען צופאָהרען אין רוסלאַנד, מען האָט שוין געהאַלטען ביים אבשיקען אין קאָוונאָ א טעלעגראַם, אז איך זאָל זיך באַהאַלטען. אָבער איידער זיי האָבען באַוויזען דאָס צו טאָן, איז אָנגעקומען די ידיעה, אז איך בין שוין אַרעסטירט. ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

ווען די פּאָליציי האָט מיך אַרויסגעפיהרט פון מיין ברודער'ס הויז, איז שוין געווען אַזייגער פינף פאַרטאָג. א שעהנער, ליכ־

טיגער פריהמארגען. מיר זיינען געגאנגען איבער די שטילע קאווער גאסען. דער גרויסער אייזערנער טויער פון טורמע האט זיך געעפענט און האט זיך פארשלאסען הינטער מיר. איך בין אריין אין א קאמער, זיך אוועקגעלייגט אויף א שמוציגען אייזערנעם בעטעל און אנשלאפען געווארען. עס האט זיך אנגעהויבען די לאנגע סדרה פון צוויי שווערע טורמע־יאהרען.

א מענש, וואס איז קיינמאל ניט געווען אין טורמע, שטעלט זיך פאר דאס זיצען אין טורמע אין א גאנץ פאלשער געשטאלט. ער מיינט, אז אין טורמע האלט מען אין איין „שמאכטען", און מען האלט אין איין זיצען און קוקען אויף די אייזערנע גראטעס, אין איין שטענדיגען טראכטען וועגען דער טורמע, אין איין שטענדיגען בענקען נאך דער פרייהייט. אין דער אמת'ן איז דאס אבער ניט אזוי. אלענפאלס איז עס ניט אזוי דעמאלט, ווען מען זיצט א לענגערע צייט. ווען מען ווערט שוין אביסעל צוגעוואוינט אין טורמע האלט מען ניט אין איין „שמאכטען". מען לעבט.

אמת, מען קען זאגען: אך און וועה צו אזא לעבען. אבער ס'איז פארט א לעבען, ווי יעדעס אנדערע: מיט זיינע באזונדערע אינטערעסען, מיט זיינע באזונדערע זארגען. קליינליך, קלאגעדיג, אפשר אפילו לעכערליך זיינען די אינטערעסען און די זארגען, און דאך פארפילען זיי דאס לעבען.

דאס געפענגעניש איז א גאנצע באזונדערע וועלט, א קליינע וועלט, אייגענארטיג און אפגעשלאסען אין זיך אליין.

איך כאפ זיך אויף אינדערפריה. וואס האב איך היינט צו טהאן? היינט איז דיענסטאג: וועל איך, הייסט עס, האבען א „זעהונג". מוז איך קודם כל צוגרייטען די פלעשלעך און אויך די שמוציגע וועש, וואס איך דארף ארויסגעבען. די זאכען ליגען אין דעם שראנק אין קארידאר. מוז איך געדענקען — ניט צו פארגעסען! — מיטאג־צייט ווערט דער שראנק געעפענט. וואס נאך? יא, איך מוז בעטען מיין פרוי, זי זאל מיר ברענגען עטליכע קנעפ און פאדים. א נאדעל האב איך נאך, דאכט זיך? נאכגעקוקט — יא, די נאדעל איז דא פאראן. און מעהר נישט — קנעפ און פאדים.

א צווייטער טאג. וואס האבען מיר היינט? שבת. איז היינט געהען מיר אין באד. מוז איך א קוק טהאן, צי ס'איז דא ביי מיר גענוג זייף. און מען מוז נאך באשטימען ווער עס וועט

שטעהן היינט אין באָד אויף דער וואך בעת מיר וועלען זיך וואַשען. וואָרים אויב ניט, שלעפּען די גנבים אוועק די וועש און קליידער. וואָס האָבען מיר היינט צו טהאָן? יאָ, מען מוז היינט וואשען די פּאָדלאָגע, און איך בין גראָד איינער פון די, וועמען עס קומט דאָס מאָל צו פאַרנעמען זיך מיט דיזער מלאכה.

זונטאָג. אונזער שכן האָט מען אריינגעזעצט אין קארצער. געכאַפּט ביים שפּילען שאך. אייגענטליך איז דאָס א טעות. ער אליין האָט גאָר ניט געשפּילט. ער איז נאָר געשטאַנען דערביי און געקוקט. אָבער דער הונט, דער „פּאָמאָשטשניק“, האָט איהם אריינגעזעצט. ס'איז אַן עולה. מען דאַרף זיך משתדל זיין פאַר'ן בחור.

מאָנטאָג. אין א צווייטער קאַמער האָט מען געבראַכט א נייעם גאַסט. מען מוז זעהן זיך צונויפריידען מיט איהם בעפאָר'ן שפּאַציער; אפשר האָט ער עפּעס צו דערצעהלען אינטערעסאַנטע נייעס.

מיטוואָך. דער נייער גאַסט אין דער צווייטער קאַמער האָט זיך ארויסגעוויזען פאר אַן אַלטען גנב; זאָגט לויטער ליגענס. דער בחור מיט די שאך איז ארויס פון קארצער — הונגעריג אָבער צופרידען: ער האָט געהאַט מזל, — אריינגעפאַלען ניט אין דעם „פינסטערען“, נאָר אין א „ליכטיגען“ קארצער ,און ס'איז געווען נישקשה.

דאָנערשטאָג. היינט איז געווען ביי אונז אַן אַלגעמיינע רעוויזיע. דער חבר נ. האָט געהאַט א קליין מעסער'ל, האָט ער געוואָלט איהם באהאַלטען אין מויל. מען האָט דאָס אָבער געפונען און צוגענומען. א שאָד. די גאַנצע שטרוי פון די קישענס האָבען די אויפזעהער אויסגעשאָטען, — א קוק צו טהאָן צי ס'איז ניטאָ קיין באהאַלטענע זאַכען. איצט דאַרפען מיר ביי דער אָוועַנד-„פּאָווערקע“ בעטען דעם „פּאָמאָשטשניק“, ער זאָל אונז געבען פרישע שטרוי. איז ווער-זשע וועט מיט איהם ריידען? זאָל רעדען דער און דער. פּאַרטיג.

און אָט אזוי לעבט זיך אין טורמע. עס פאַרגעהען טעג, וואָכען, חדשים. מען לעבט. א קליינליך לעבען, נודנע, מאָנאָטאָן, גרוי, אָבער מען לעבט און מען ווערט צוגעוואוינט....

דאָס בילד פון א טורמע-וואָך, ווי איך האָב דאָ אָנגעצייכענט

פריהער מיט די פּאָר שטריכען, — דאָס האָב איך גענומען פון א שפּעטערדיגער צייט, פון די לעצטע חדשים פון מיין זיצען אין דער ווארשעווער מאָקאָטאָווער טורמע. די ערשטע צייט האָב איך אָבער פארבראַכט אין קאָוונע. אזוי ווי מיין ברודער האָט געמאַכט בעמיהונגען, אַז מען זאָל מיך בעפרייען אויף „בייל", און דערצו דארף מען זיין קראַנק, האָב איך זיך „געמאַכט" קראַנק. מען האָט מיך אוועקגעלייגט אין דעם טורמע־שפּיטאָל, און דאָרטען האָב איך געלעבט א טאָג. צוליב די גרויסע „פארבינדונגען", וואָס מיין ברודער האָט געהאַט אין קאָוונער „הויכע פענסטער", האָט מען מיך אין טורמע בעהאַנדעלט זעהר גוט. די בעמיהונגען וועגען דער בעפרייאונג האָבען אָבער ניט געהאַט קיין פּעולה. די ווארשעווער פּראָקוראַטור האָט קענטיג דערטאַפּט אַז עס איז אריינגעפאַלען אין איהרע הענט א „העכט", און מען האָט פאַר קיין געלד ניט געוואָלט מיך ארויסלאָזען. נאָך פינף חדשים ליגען אין קאָוונא, האָט מען מיך איבערגעשיקט אין ווארשא און אריינגעזעצט אין דעם בארימטען „צעהנטען פּאַוויליאָן" פון דער ווארשעווער פעסטונג.

84.

# דער צעהנטער פּאַוויליאָן.

פאַר דעם ברייטען עולם, וועלכער האָט געהערט פון די וואַר־שעווער טורמעס, אָבער איז אין זיי ניט געזעסען, האָט דער קלאַנג גופא פון די ווערטער „דער צענטער פּאַוויליאָן" אַ פינסטערען, גרויזאַמען זין. זיינען טאַקע די גלאַטיגע, ווייס־געקאַלכטע ווענט פון זיינע פערשוויגענע קאַמערען דורכגעזאַפּט מיט שווערע, בלוטיגע זכרונות. הונדערטער מענשען זיינען געזעסען צווישען די דאָזיגע ווייסע ווענט, געזעסען און געוואַרט אויף יענער שרעקליכער פינסטערער נאַכט, ווען עס וועט זיך עפענען די טיר, און די נאַכט פלעגט קומען, און די שווערע טיר פלעגט זיך עפענען, און דער וועג פלעגט זיין אַ קורצער, דער לעצטער: צו דער תליה.

און אויב אין די לעצטע פאַר יאָהרען פאַר דער מלחמה פלעגען קיין טויט־שטראָפען ניט פאָרקומען, — זיינען די זכרונות דאָך געבליבען, און די געשפּענסטער פון טויט טראָגען זיך נאָך אַלץ אַרום אין דעם אַלטען געפענגניס.

און איך פלעג אַמאָל אָנטרעפען אויפשריפטען, צייכענס, אויסמאַרקירט מיט פינטעלעך צווישען די שורות פון אַן אַלטען בוך אין דער געפענגניס־ביבליאָטעק, אָדער אויסגעקריצט מיט אַ טשוואָק אויף אַן אַלטען בענקעל: „דעם און דעם טאָג בין איך פאַר'משפט געוואָרען. אורטייל: טויט". און מיט אַן אַנדער האַנד פלעגט אויסגעקריצט ווערען אַ צושריפט: „דער אורטייל איז אויסגעפיהרט געוואָרען. עהרע דעם אָנדענקען פון דעם געפאַלענעם חבר."

אָבער די טורמע גופא איז געווען אַ גאַנץ גוטע, מיט אַלע באַקוועמליכקייטען. אמת, ס'איז געווען אַ ביסעל קאַלטלעך — מסתמא האָט די „נאַטשאַלסטוואָ„ גע'גנב'עט קויהלען — און

מאַנכע קאַמערען זיינען געווען פייכט. אָבער חוץ דעם איז אַלץ געווען גאַנץ פיין. די קאַמערען זיינען געווען ליכטיג און ריין. דאָס עסען גאַנץ נישקשה׳דיג; און ווער עס האָט געהאַט אַ ביסעל געלד, האָט געקענט בעקומען מיטאָגען פון אַן אָפיציערען־קלוב. די זשאַנדאַרמען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך, פלעגען זיך אויפפיהרען גאַנץ אַנשטענדיג. קיין טורמע־דיסציפּלין מיט׳ן מושטירעווען, מיט די „פּאָווערקעס“, מיט די פערשידענע צרות, וואָס מען האָט אין אַ געוועהנליכען געפענגניש, איז דאָ ניט גע־ווען. די טורמע האָט פערמאָגט אַ שעהנע און רייכע ביבליאָטעק. דאָס געפענגניש איז געשטאַנען ווייט הינטער דער שטאָדט; דער הויף, וואו מיר פלעגען געהן שפּאַצירען, האָט אויסגעזעהן ווי אַן אמת׳ער גאָרטען: עס זיינען דאָרטען געוואַקסען שעהנע בוימער — קאַשטאַנעס, אַקאַציעס, בעז, — און ווען עס איז געקומען דער פריהלינג און דערנאָך דער זומער, האָב איך זיך געפיהלט ממש ווי אויף אַ דאַטשע.

דעם ערשטען חודש בין איך געזעסען אין מיין קאַמער איינער אַליין. כמעט אין אַלע איבעריגע קאַמערען פלעגען זיצען צו צוויי מאַן. איך בין אָבער געווען צופרידען, וואָס מען זעצט צו מיר ניט אַריין קיין שכן. ווארום דער ערשטער איינדרוק, וואָס איך האָב געהאַט פון די אַרומיגע „זיצערס“ איז געווען זעהר ניט קיין גוטער. איך האָב זיי אפילו ניט געזעהן, — מען איז געווען גאַנץ שטרענג אָפּגעטיילט איינער פון צווייטען, — אָבער איך האָב געהערט, ווי מען רעדט זיך דורך פון קאַמער צו קאַמער דורך דער וואַנד, אויפ׳ן אַרעסטאַנטישען שטום־לשון; דאָס קלאַפּען אין וואַנד. דעם דאָ־זיגען קלאַפּ־לשון האָב איך געקענט נאָך פון מיין אַמאָליגען זיצען אין דער מאָסקווער טורמע. אמת, דאָרטען, אין מאָסקווע, פלעגט מען זיך בענוצען מיט׳ן רוסישען אלף־בית, און דאָ האָט מען גע־רעדט אויף פּויליש. אָבער איך האָב זיך זעהר גיך אויסגעלערנט אויב ניט רעדען פּויליש, — דאָס האָב איך נאָך ניט געקענט, — איז אַלענפאַלס צו פערשטעהן, וואָס יענע קלאַפּען. איך אַליין פלעג זיך ניט אָפּרופען, אָבער איך פלעג זיצען און צוהערען זיך צו די פרעמדע שמועסען. און דער אינהאַלט פון די דאָזיגע שמועסען האָט מיך אָפּגעשטויסען פון מיינע שכנים.

באַלד דעם צווייטען טאָג, ווי איך בין אַריין אין צעהנטען

פאוויליאן, הער איך ווי מען קלאפט. איך הער און בעמיה זיך פאנאנדערצוקלייבען זיך אין די אותיות און די ווערטער, און דאס ערשטע, וואס איך הער, איז א גראבער כאמסקער זידעל־ווארט. באלד דערנאך קומט פון א צווייטער קאמער אן ענטפער — אן אנדער זידעל־ווארט. איך הער זיך צו ווייטער און איך פערשטעה: דאס איז א מין בעגריסונג. צוויי חברה־לייט מאכען זיך א פערוויילונג און פערברענגען די צייט, אויסקלאפענדיג איינער פאר'ן צווייטען גראבע, מיאוס'ע ארעסטאנטישע ווערטער. עס האט מיר זעהר פארוואונדערט. איך האב דאך געוואוסט, אז אין צעהנטען פאוויליאן זיצען לויטער „פאליטישע"; קיין געוועהנליכע, קרימינעלע ארעסטאנטען זיינען דא ניטא. האב איך זיך געטראכט: אז אך און אז וועה צו אזעלכע פאליטישע, וואס ווייסען ניט פון קיין בעסערער פערוויילונג, ווי קוויקען זיך מיט פאסקודנע זידלערייען! עס פלעגט זיך ארייכאפען אויך אן אנטיסעמיטיש ווערטעל. איינער פרעגט דעם צווייטען: ווער זיצט אין דער קאמער נומער אזא און אזא? ענטפערט איהם יענער: עפעס א אידעל. נו, נו, טראכט איך זיך, וואו בין איך דאס ארייגעפאלען? וואס פאר א מאדנער מין „פאליטיקער" זיצען דאס אין ווארשא? ערשט שפעטער האב איך בעקומען אן ענטפער אויף דער דאזיגער רעטעניש: גראד איבער מיין קאמער זיינען געזעסען טאקע א פאר אויסוואורפען: צוויי בעריהמטע און געפעהרליכע פוילישע פראוואקאטארען, זיי זיינען שוין דעמאלט געווען ענטפלעקט און האבען שוין ניט געזוכט זיך פערשטעלען; האבען זיי גערעדט פראנק און פריי, ווי עס האט געפאסט פאר זייערע כאמסקע נשמות. איינער פון זיי איז געווען דער בעריהמטער סוקעניק, אן אלטער מיטגליד פון דער פ. פ. ס., א געוועזענער „באיאוועץ", האט ער זיך אליין בעטייליגט אין עטליכע און צוואנציג אנפאלען. דערנאך איז ער געווארען א פראוואקאטאר און האט זיך גענומען ארויסגעבען זיינע געוועזענע חברים. מיט דער דאזיגער מלאכה פלעגט ער זיך פערנעהמען יאהרען־לאנג. מען זאגט, אז ער האט ארויסגעגעבען ביז 300 מענשען. שפעטער אמאל האב איך געהאט די „זכיה" צו בעקוקען די דאזיגע חיה. א הויכער, דארער בחור, מיט לאנגע קרומע פיס, מיט אויסערגעוועהנליך לאנגע ארעמס, וואס זיינען ביי ז"הם געהאנגען שיעור ניט ביז די קניע, פונקט ווי ביי

א גרויסער מאַלפּע, — אַ שרעקליכער פּנים מיט צוויי קליינ־טשיקע, פּערבערבערישע אויגען; עס פלעגט ממש נעהמען אַ שוידער, ווען מען פלעגט אַ קוק טאָן אויף זיין אָפּשטויסענדען פּרצוף און אַט דער דאָזיגער מענש האָט אַ לאַנגע צייט געאַרבייט אין דער פּאַרטיי און מען האָט צו איהם געהאַט צוטרוי!

ווי געזאָגט, האָב איך זיך וועגען דעם אַלץ דערוואוסט ערשט שפּעטער. אין די ערשטע וואָכען האָב איך בלויז געהערט די פיינע שמועסען, און דאָס איז געווען פאַר מיר גענוג. איך האָב ניט געהאַט קיין חשק צו בעקומען אַ שכן און איך בין דעריבער געווען זעהר אומצופרידען ווען אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, אומ־קעהרענדיג זיך פון אַ שפּאַציר, האָב איך אין מיין קאַמער אָנגע־טראָפען אַ גאַסט: אַ פרעמדען יונגענמאַן. „וואָס טוט איהר דאָ?" פרעג איך איהם. „מען האָט מיך דאָ צו אייך אריינגע־זעצט". מילא פערפאַלען. האָב איך אַ שכן. הויב איך אָן מיט איהם צו שמועסען.

ווי דער שטיינער איז, שטעל איך איהם אַ פראַגע: „פאַרוואָס זיצט איהר? אין וואָס בעשולדיגט מען אייך?"

ענטפערט ער מיר: „איך בין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט".

— „וואָס מיינט איהר?" פרעג איך איהם, „מען בעשולדיגט אייך אין געהערען צו דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַר־טיי?" „נ־נ־ניין", מאַכט ער, „בעשולדיגען בעשולדיגט מען מיר אין אָנגעהערען צו דעם „נאַציאָנאַלען אַרבייטער פערבאַנד". (דער דאָזיגער אַרבייטער פערבאַנד, — אויף פּויליש האָט ער געהייסען „נאַראָדאָווי זוויאָנזעק ראָבאָטניטשי", — איז געווען אַ שאָווי־ניסטישע שוואַרצע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע.)

„איז וואָס־זשע זאָגט איהר, אַז איהר זייט אַ סאָציאַל־דעמאָ־קראַט?" „דאָס איז אַ גאַנצע מעשה. איך וועל אייך באַלד דער־צעהלען. בטבע בין איך טאַקע אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, און איך האָב געהערט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אָבער דערנאָך בין איך געפאַלען אויף אַזאַ המצאה: איך האָב געוואוסט, אַז דער „נאַציאָנאַלער אַרבייטער פערבאַנד" איז אַ גרויסע, אַ שטאַרקע און זעהר אַ שעדליכע אָרגאַניזאַציע. זי האָט אַ סך אַר־בייטער־מיטגלידער. צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַגיטאַציע זיינען זיי בלינד און טויב. האָב איך געמיינט, אַז עס וועט זיין

גרינגער פאַר מיר ווירקען אויף זיי, אויב איך וועל אריינגעהן צו זיי אײַנוועניג, ווערען אַן אייגענער מענש ביי זיי, ארבייטען אין זייער פּארטיי, און ביסלעכווייז דורכזאַפּען זיי מיט סאָציאַליסטישע געדאַנקען. בין איך צו זיי אריינגעטראָטען און געוואָרען אַ מיט־גליד אין זייער פערבאַנד. און אַלס אַזעלכען האָט מען מיך ארעס־טירט. אָבער איך בין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט.״

מילא, די מעשה איז געווען אביסעל אַ פאַנטאַסטישע, אָבער איך מוז זיך מודה זיין, איך האָב געגלויבט דעם בחור. איך האָב שוין אַזאַ נאַרישע טבע: איך האָב צוטרוי צו מענשען. אמת, ביסלעכווייז ווער איך אָבגעוואָוינט פון דעם. אָבער דעמאָלט בין איך נאָך געווען יונגער, און איך האָב געגלויבט. פאַרשטעהט זיך, איך פלעג אָנווענדען די נויטיגע פאָרזיכטיגקייט. וועגען זיך אליין און ווענען אַנדערע פלעג איך דעם בחור קיין שום קאָנספּי־ראַטיווע זאכען ניט דערצעהלען, אָבער איהם האָב איך געגלויבט.

ער האָט מיר גאַנץ גענוי אויסדערצעהלט ווענען זיינע פער־זענליכע געשעפטען. אליין איז ער געווען אַ בעאַמטער אויפ׳ן וואַר־שאַווער טעלעגראַף, האָט דאָ ניט לאַנג פאַרענדיגט זיין מיליטער־דיענסט, האָט חתונה געהאַט, האָט אַ ברודער, וואָס איז צוזאַמען מיט איהם אַרעסטירט געוואָרען און זיצט אויך אין צעהנטען פּאַ־וויליאָן און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער. דער בחור איז געווען אַ יונגער, ניט קיין נאַר, אַ פרעהליכער, דערצעהלט מעשיות, ניט שלעכט געזונגען, פלעגען מיר פאַרברענגען די צייט גאַנץ גוט. ער איז צו מיר זעהר צוגעבונדען געוואָרען, האָט מיר אין אַלע זאַכען געפּאָלגט. ס׳איז געגאַנגען אַלץ כשורה.

אָבער וואָס מעהר איך פלעג מיט איהם שמועסען, אַלץ מעהר פלעגט מיר ווערען קשה: וואָס פאַר אַ מאָדנער סאָציאַל־דעמאָקראַט איז דאָס. קודם כל באַמערק איך, אז ער איז אַ גוואַלדיגער עם־הארץ: וויים ניט אפילו דעם אלף־בית פון סאָציאַליזם. מילא,— ס׳איז מסתמא אזוי זיך אַ מאַסאָווער אינגעל; ס׳איז דאָ פאַראַן אַזעלכע אין דער באַוועגונג. אַמאָל דערמאָהן איך דעם נאָמען פון ראָזאַ לוקסעמבורג; זעה איך, אז דער דאָזיגער נאָמען איז פאַר׳ן בחור עפּעס פרעמד. דאָס קוקט מיר אויס גאָר מאָדנע. ראָזאַ לוקסעמבורג איז דאָך די פיהרערין פון זיין פּאַרטיי און ער ווייסט פון איהר גאָרניט. שפּעטער אַמאָל דערמאָהן איך עפּעס ווענען

צענטראלען קאָמיטעט פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דער דאָזיגער קאָמיטעט האָט זיך דעמאָלט גערופען „די הויפּט־פּאַרוואַלטונג", אויף פּויליש „זאַזשאָנד גלאָוונִי". זאָגט ער מיר, אז אַזא אויסדרוק איז אויף פּויליש בכלל ניטאָ. ווערט מיר די זאַך מעהר קשה און עס נעמט מיך וואונדערען: וואָס פאר א מיטגליד פון דער פּאַרטיי איז דאָס, וואָס האָט אפילו קיינמאָל ניט געהערט דעם נאָמען פון זיין צענטראַלען קאָמיטעט. דערנאָך נעמט ער זיך דערצעהלען פאַרשידענע מעשיות וועגען זיין לעבען אין דער קאַזאַרמע אלס סאָלדאַט: ווי ער מיט זיינע חברים פלעגען עפּעס נעהמען קאַזיאָנע זאכען און טראָגען אויפ׳ן מארק פארקויפען... איך הער זיך צו און שווייג און טראכט ביי זיך: דאָס איז א סאָציאַל־דעמאָקראַט?

בּיסלעכווייז ווערט מיר די זאַך פאַרדעכטיגט און איך הויב אָן באַמערקען איין קלייניגקייט נאָך דער צווייטער; איך זעה, דער בחור איז א לינגער. עס קלעפּט זי עפּעס ניט איין זאך צו דער צווייטער. גלויב איך איהם שוין ניט. אָבער איך זאָג איהם גאָר־ניט, און מיר לעבען בשלום. צום סוף ווערט ער קראַנק און געהט אַוועק אין שפּיטאָל. און ערשט מיט חדשים שפּעטער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה, און מען האָט אונז אלעמען ארויס־געשיקט פון ווארשא און איבערגעפיהרט אין א צווייטער טורמע אין טיף רוסלאַנד, האָב איך זיך דערוואוסט דעם גאַנצען אמת: דער בחור האָט ניט געהאט קיין שום שייכות ניט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און ניט צו דעם נאַציאָנאַלען ארבייטער פאַרבאַנד, און האָט בכלל ניט געהערט צו קיין פּאָליטישער פּאַרטיי. ער איז געווען גאַנץ פּשוט — א דייטשער שפּיאָן, און אלס אַזעלכער איז ער ארעסטירט געוואָרען. איך האָב מיט איהם פאַרבראַכט אין איין קאַמער קנאַפּע זעקס חדשים.

נאָכדעם, ווי ער איז אַוועק, האָב איך באַקומען א צווייטען שכן. דאָס איז שוין געווען גאָר אן אַנדער מענש. אן אינטעלי־גענטער, סימפּאַטישער יונגערמאַן, א פּוילישער סטודענט. ער איז געווען א מיטגליד פון דער פּ. פּ. ס. און האָט געהאַט אויף זיך א שווערען פּראָצעס. מען האָט איהם באַשולדיגט, אז ער איז גע־קומען פון אויסלאַנד מיט׳ן צוועק צו דער׳הרג׳ענען סקאַלאָנ׳ען — דעם ווארשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. ווען איך האָב זיך מיט

איהם בעקענט, איז ער געזעסען שוין דאָס דריטע יאָהר. און פונדעסטוועגען איז ער געבליבען פרעהליך און פריש. ווי א יונג קינד פלעגט ער לאכען און שטיפען, — און אזוי איז אונזער קאַמער געווען פול מיט געלעכטער, געזאנג און שפּאס.

דאָס איז געווען אַ גאַנץ אידיליש לעבען. מיר פלעגען געהן שפּאַצירען אונטער די בליהענדע, שמעקעדיגע אַקאַציעס, קאַרמע־נען מיט די ברעקלאך ברויט די פויגעלאך: זיי האָבען אונז שוין געקענט, און מיר האָבען צווישען זיי געהאַט באַשטימטע ליבלינגע; מיר פלעגען שפּילען שאַך, לייענען, שרייבען, צייכענען; מיר האָבען געפיהרט א גאַנץ לעבעדיגע קאָרעספּאָנדענץ מיט די שכנים אין די אנדערע קאמערען (פארשטעהט זיך, אז דאָס איז געווען פארבאָטען, נאָר אז מען וויל, געפינט מען אַלעמאָל די געהעריגע וועגען און מיטלען); מיר זיינען אפילו צוגעטראָטען ארויסצוגעבען א געשריבענע אילוסטרירטע צייטונג. און אויף אזא אופן זיינען געפלויגען טעג און וואָכען.

* * *

וועגען דער צוקונפט פלעגען מיר טראכטען זעהר ווענעג. און דאָס איז געווען בעסער אזוי. וואָרים די פּערספּעקטיווען אונ־זערע זיינען געווען גאָר ניט קיין פויגעלדיגע. מיין שכן איז געווען כמעט ווי זיכער מיט אַ צעהנדליג יאָהר קאַטאָרגע און מיר האָט אויך געדראָהעט די אייגענע קאַטאָרגע — אמת, העכסטענס אַכט יאָהר, אָבער דאָס איז אויך גאַנץ גענוג. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין געלעגענהייט צוצוקוקען זיך צו די אמת׳ע קאַ־טאָרזשנע טורמע באַדינגונגען, און איך מוז זיך מודה זיין: זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט אין מיין פאַנטאַזיע אין סאַמע טרויעריגע פארבען. איך האָב שטאַרק געצווייפעלט, אויב איך וועל דאָס קענען איבערלעבען. אָבער, ווי געזאָגט, פלעג איך זיך באַמיהען וואָס ווייניגער פארטראכטען וועגען דעם. די הויפּט־קונץ ווי צו באַוואָרענען דאָס גייסטיגע גלייכגעוויכט אין טורמע, באַשטעהט טאַקע אין דעם, אז מען זאָל נישט קלערען וועגען אַזעלכע טרויע־ריגע זאַכען. מען דאַרף זיך האַלטען פעסט אין דער האַנט און ניט לאָזען צוהוליען זיך די נערוועז. אזוי האָב איך זיך טאַקע גע־האַלטען די גאַנצע צייט, און אַ דאַנק דעם האָב איך טאַקע גאַנץ גוט אַריבערגעטראָגען די 25 חדשים פון מיין טורמע זיצען.

אָנהויב יוני, 1914, — דאָס איז שוין געווען אַ קנאַפּער יאָהר נאָך מיין אַרעסט, בין איך אַרויסגערופען געוואָרען אינ'ם געריכט צום משפט. איך בין געווען זעהר צופרידען. ענדליך וועט זיין אַ סוף. אַהין אָדער אַהער; איך וועל וועניגסטענס וויסען, וואו איך האַלט. אָבער דאָס מאָל האָב איך ניט געהאַט קיין מזל. אַ פּאָר עדות — מצד דער באַשולדיגונג — זיינען נישט געקומען, און דער פּראָקוראָר האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אָפּלייגען דעם פּראָצעס. און ס'איז טאַקע אָפּגעלייגט געוואָרען, און איך האָב ווידער געמוזט וואַרטען חדשים־לאַנג. בינו־לבינו האָבען זיך אָנגעהויבען ביים געריכט די זומער־וואַקאַציעס, און די זאַך האָט זיך פאַרצויגען. אונזער לעבען האָט זיך געצויגען מיט'ן פריהערדיגען גאַנג.

און פּלוצלונג האָט זיך אַלץ געביטען. עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה.

מיר פלעגען ניט קריגען אין טורמע קיין צייטונגען. זעהר זעלטען פלעגט אַמאָל אַריינפאַלען אין אונזערע הענד אַ געשמוגעלטע בלעטעל. אָבער מיר האָבען דאָך געוואוסט פיל־ווייניג וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. צוויי מאָל אַ וואָך פלעגט קומען צו מיר מיין פרוי; פון צייט צו צייט פלעג איך זיך זעהן מיט מיין אַדוואָקאַט; פלעג איך דורך זיי קריגען ידיעות. און ווען ס'איז פאָרגעקומען יענע געשעהעניש, וואָס האָט געגעבען דעם ערשטען סיגנאַל צו דער וועלט־מלחמה — די הריגה פון דעם עסטרייכישען ערצהערצאָג פראַנץ פערדינאַנד — האָבען מיר זיך וועגען דעם באַלד דערוואוסט, און מיר האָבען אויך געוואוסט, אַז עס שניידט זיך אויף אַ קריג.

אַז מען זיצט אין טורמע האָט מען — ווילענדיג ניט־ווילענדיג — אַ באַזונדערען טורמע־קוק אפילו אויף די וועלט־געשעהענישען. ווי נאָר מען האָט אָנגעהויבען צו שמועסען וועגען אַ מלחמה, האָט זיך ביי יעדען אַרעסטירטען באַלד אוועקגעשטעלט די פראַגע: צי וועט דאָס נישט ברענגען פאַר מיר די פרייהייט? און עס האָבען זיך אָנגעהויבען פאַרשידענע פאַנטאַסטישע ספּעקולאַציעס. מען האָט געשמועסט וועגען אַן אַמנעסטיע, אָדער מען האָט געטראַכט וועגען פאַרשידענע סטראַטעגישע קאָמבינאַציעס. דער רוסישער גענעראַל־שטאַב — האָט מען געשמועסט — האָט אַזאַ פּלאַן: אין

פאל פון א מלחמה מיט דייטשלאנד, וועט ער ניט פארטיידיגען דעם שטח פון פוילען; דאס רוסישע חיל וועט תיכף אפטרעטען אויף יענער זייט ווייכסעל און נאך ווייטער, ביז'ן בוג. הייסט דאס, אז די דייטשען וועלען באלד אריינמארשירען איןווארשא. פרעגט זיך: צי וועט מען האבען צייט ארויסצופיהרען פון דאנעט די ארעס־טירטע. אפשר ניט! און דעמאלט וועלען מיר בלייבען, און די דייטשען וועלען אונז באפרייען, און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער. האבען מיר געווארט מיט אומגעדולד, וואס וועט פון דעם אלעמען ארויסקומען. אז די שאנסען פון א מלחמה ווערען פון טאג צו טאג גרעסער, האבען מיר געוואוסט. און אלע טאג פלעגען מיר טאקע פרעגען איינער דעם צווייטען: וואו האלט דאס? אפשר האט זיך די מלחמה שוין אנגעהויבען? אפשר שלאגט מען זיך שוין, נאר מיר ווייסען דאס ניט?

איך געדענק א טאג. ס'איז געווען א זונטאג, א טאג 5 אדער 6 פאר דער אמת'ער קריגס־ערקלערונג. דער טאג איז אריבער ווי אלע טעג. ס'איז געקומען דער אווענד. מיר האבען זיך שוין געקליבען צו געהן שלאפען. עס איז געווען א רעגענדיגער אווענד, א שטורם מיט דונערען און בליצען. און פלוצלונג הערען מיר דורך דעם רויש פון דעם רעגען און די דונערען א שיסעריי, ווי פון ווייטע הארמאטען. א שאס נאך א שאס; שוואך אבער בולט; און עס דויערט אלץ לענגער און לענגער און נעהמט ניט קיין סוף. וואס איז דאס אזעלכעס?

זאגען מיר איינער צום צווייטען: מסתמא קומען דא פאר ערגעץ הינטער דער פעסטונג נאכט־מאנעווערען. די זעלנער לערנען זיך. ס'איז אפילו אביסעל קשה: ס'איז דאך זונטאג, א יום־טוב! אבער גארנישט. מיר זיצען זיך רוהיג און הערען זיך צו, און פלוצ־לונג — א שרעקליכער קנאל, א גוואלדיגער דונער, דער גאנצער הויף ווערט באלויכטען פון א גרויסען פלאם, ווי פון א שטארקען אויפרייס. די ווענד ווערען דערציטערט. פון ערגעץ דערטראגט זיך א קלינגעריי פון צובראכענע שויבען; פון ערגעץ דערהערט זיך א היסטערישער געשריי פון עפעס א יונגער שטים. מיר האבען דעם איינדרוק ווי א גראנאט פון א הארמאטען־שאס וואלט געפלאצט דא, ביים סאמע פענסטער פון אונזער טורמע. מיר שפרינגען אויף פון אונזערע בענקלאך, אויפגערעגטע, אויפגערודערטע. וואס

איז דאָס? ניט שוין־זשע איז טאַקע די מלחמה שוין דאָ? ניט שוין־זשע באַשיסט מען שוין די וואַרשעווער פעסטונג. עס גלויבט זיך ניט. מיר לויפען צו צו דער טיר. מיר קלאַפען. די שכנים קלאַפען אויך. די זשאַנדאַרען לויפען ווי פאַר'סמ'טע. די טיר עפענט זיך. וואָס איז דאָס? דער וועכטער שטעהט אַ בלייכער: איך ווייס אַליין נישט. די טורמע ווערט אויפגערודערט. עס הערט זיך אַ קלאַפען אין וואַנט. עס קלאַפט אַ שכן, מיט וועלכען מיר פלעגען האָבען אַ שטענדיגע קאָרעספאָנדענץ. דאָס איז דזשערזינ־סקי — דער זעלבער דזשערזשינסקי, וואָס איז שפעטער געוואָרען אַזוי באַריהמט אין סאָוועט־רוסלאַנד אַלס ראש פון דער „טשעקאַ״ — ער איז דעמאָלט געזעסען אין צעהנטען פאַוויליאָן, און מיר פלעגען זיך איבערשרייבען — קלאַפט ער אין דער וואַנט, און פון זיין מין קלאַפען הערט זיך ווי אויפגערעגט ער איז: „מאָדלין שווייגט שוין״ — זאָגט ער אונז. מאָדלין — דאָס איז אַ פעסטונג ניט ווייט פון וואַרשאַ, און וואָס דאַרף פאַרשטעלען דעם וועג פון די דייטשען. דאָס מיינט, אַז מאָדלין איז שוין געפאַלען, און די דייטשען זיינען שוין דאָ. וואָס איז דאָס? אַ שפאַס? אָדער ער מיינט דאָס ערנסט? אויף אַ ווייל האָב איך דעם איינדרוק, אַז דער מענש איז משוגע געוואָרען. ביז צו דער דייטשער גרענעץ כאַפט דאָס פאָרט אַ פאָר הונדערט מייל. עס וואָלט דאָך געדאַרפט נעהמען אַ וואָך צייט ביז וואַנען די דייטשען וואָלטען געקאָנט צו־קומען צו וואַרשאַ, און מיר וואָלטען דאָך געוואוסט וועגען דעם. ניין, עס קען ניט זיין. ס'איז גלאַט עפּעס אַן אויפריים. ביסלאַכ־ווייז באַרוהיגט מען זיך. די שיסעריי האָט אויפגעהערט. ס'איז געוואָרען שטיל. מיר געהען שלאָפען.

שפעטער האָט מען אונז געזאָגט, אַז דאָס האָט אַ בליץ גע־טראָפען אַ סקלאַד פון אַמוניציע, וואָס האָט זיך געפונען אין דער פעסטונג ניט ווייט פון אונזער טורמע, און עס איז צוליב דעם פאָרגעקומען אַן אויפריים. אַנדערע האָבען געשמועסט וועגען דעם, אַז ס'איז ניט געווען קיין בליץ, נאָר עפעס דייטשע אַגענטען האָ־בען אונטערגעצונדען דעם סקלאַד. וואָס דאָס איז געווען אין דער אמת'ן, האָב איך זיך קיינמאָל ניט דערוואוסט. ס'איז אָבער גע־ווען אַ גליק, וואָס עס איז ניט אויפגעריסען געוואָרען אַ צווייטער, גרעסערער סקלאַד, וואָס איז געווען אין דער נאָהענט. דעמאָלט

וואָלט אונזער גאַנצער פּאַוויליאָן מיט אונז אַלעמען אויפגעפלויגען אין דער לופטען. עס האָט זיך אָבער אַלץ געענדיגט בשלום.

ס'איז אָבער געווען ווי אַ מין פּראָוויסאָריום. וואָרים אין עטליכע טעג ארום האָט זיך טאַקע אָנגעהויבען די מלחמה.

דינסטאָג אָדער מיטוואָך ווערען מיר פּלוצלונג אויפגעוועקט גאָר אין דער פריה. די טיר עפענט זיך. עס קומט אריין דער אַלטער וואכמייסטער, אַן אויפגערעגטער, אַ צוטומעלטער, און ברייננגט אונז אונזערע ביכלאַך, וואו מיר פלעגען פאַרשרייבען די פּראָדוקטען, וואָס מען פלעגט פאַר אונז קויפען. „זייט אַזוי גוט — זאָגט ער — מאַכט אייערע חשבונות". וואָס איז? מיר האָבען באַקומען אַ ידיעה אַז היינט־מאָרגען וועט מסתמא ערקלערט ווערען אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע. דעמאָלט וועט מען אויסליידיגען דעם צעהנטען פּאַוויליאָן, עס וועט דאָ איינגעאָרדענט ווערען אַ שפּיטאָל פאַר די פאַרוואונדעטע. וועט מען אייך אריבערפיהרען ערגעץ וואו אנדערש".

הייסט דאָס, אַז די מלחמה קומט. עס זיינען אריבער נאָך אַ פּאָר טעג, און מיר האָבען באַקומען די לעצטע ידיעה: דער קריג איז ערקלערט. נאָך אַ וואָך — און מיר האָבען זיך צוזעגענט מיט דעם צעהנטען פּאַוויליאָן.

.85

# אין „טיף ראַסיי".

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען זיינען געקומען צו פאָהרען די לאַנגע שוואַרצע געפענגנים־וואַגענס. זשאַנדאַרמען אויף פערד און צופוס, מיט שווערדען, רעוואָלווערען און ביקסען, האָבען אונז ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען, און לאַנגזאַם האָט זיך גענומען באַוועגען אונזער פּראָצעסיע: פון דער פעסטונג ארויס אין ווארשא אריין.

לאַנג זיינען מיר געפאָהרען דורך דער גאַנצער שטאָדט אַדורך, פון איין עק ביז'ן צווייטען. אַלץ האָט נאָך געשלאָפען, די קראָמען פאַרמאַכט, ליידיג די גאַסען. מיר פאָהרען אַלץ ווייטער און ווייטער. די שטאָדט האָט זיך שוין געענדיגט, מיר פאָהרען ארויס פון די ראָגאַטקעס — און ענדליך בלייבען מיר שטעהן פאַר אַ גרויסען שוואַרצען אייזערנעם טויער: דאָס קאַטאָרזשנע צענט־ראַל־געפענגניש פון דער וואַרשעווער פאָרשטאָדט מאָקאָטאָוו.

אַ גרויסע „מאָדערנע" געפענגניש, אויסגעבויט ערשט דאָ ניט לאַנג. אָן אמת'ע קליינע שטאָדט פאַר זיך. אַ גאַנצע מאַסע געביידעס און הויפען. געביידעס אויף צו „וואָהנען", צו ארביי־טען, פאַבריקען, ווערקשטאַטען. ארום און ארום אַ הויכער רויטער מויער, באַפּוצט מיט קליינע טורעמס; אויף די טורעמס בלישטשען באַיאָנעטען.

דער טויער עפענט זיך, און מיר פאָהרען אריין אין הויף. אַלץ איז שטיל. די טורמע ווערקשטאַטען שטעהן, מען ארבייט נישט. עס איז מלחמה־צייט, און אויך דאָ גרייט מען זיך ארויסצופיהרען רעם עולם ערגעץ־וואו ווייטער. נאָר אַ מערקווירדיגער טאָן שלאָגט זיך אָפּ אָן אונזערע אויערען: אַ מאָדנער קלינגען, אַ קלינגען אָהן

אַן אויפהער, שטיל, צערטליך. איך וואָלט שיער ניט געזאָגט, אַ זילבער־קלאַנג, ווי פון טויזענד קלייניטשקע שליטען־גלעקלאַך.

וואָס איז דאָס אַזעלכעס? איך ווייס ניט, נאָר עס קלינגט פון אַלע זייטען. עס ציטערט דורך דער לופט, פאַרפּילט דעם גאַנצען הויף. דאָס גאַנצע קאַלאַסאַלע געפענגניש איז דורכגע־זאַפּט מיט די טענער... און אפשר דאַכט זיך מיר דאָס בלויז? אפשר בין איך קראַנק? אפשר זינגט דאָס מיין אייגען בלוט אין די אויערען? אָבער איך זעה: מיינע חברים האָרכען און הערען די זעלבע זאַך.

און מיט אַמאָל ווייסען מיר שוין: דאָס זיינען די קייטען. און ביי דער קלענסטער באַוועגונג קלינגט דאָס אייזען און דורך די גראָבע רויטע ציגעל־ווענד טראָגען זיך די טענער און זינגען און פלעכטען זיך צונויף אין אַ שווידערליכער געפענגנים־סימפאָני. און איך שטעה און קלעהר ביי זיך אין דער שטיל: ווי מערקווירדיג צאַרט קאָן דאָס קלינגען דאָס שווערע אייזען!...

מען זעצט אונז פאַנאַנדער אין איינצעל־קאַמערען. אַלץ איז פול, איבערפול. אין קאַמער, וואָס האַלט פינף טריט אין דער לענג און דריי אין דער ברייט, ווערען אריינגעשפּאַרט דריי מאַן. דאָס צימערעל זעהט אויס ווי אַן אמת'ער ארון: אַן אָרון, וואָס איז פול געפּאַקט מיט לעבעדיגע מענשליכע גופים. אָבער דאָס אַרט אונז נישט. מיר ווייסען דאָך, אַז דאָס איז פאַר אונז מעהר ניט אַ מין וואַרטע־צימער; אויך דאָ טאָרען מיר לאַנג ניט בלייבען, — אין עטליכע טעג אַרום וועט מען אונז פיהרען ווייטער, אין טיף־רוסלאַנד אריין. מען וויל אונז ניט איבערלאָזען פאַר די דייטשען.

מיר קוקען זיך אַרום אין אונזער צייטווייליגער היים. איברי־גענס איז דאָ ווייניג וואָס צו זעהן. דערפאַר אָבער איז דאָ יאָ וואָס צו הערען. וואָרים צו יענעם פריהערדיגען קלינגען פון די קייטען פאַראייניגען זיך איצט נייע, שאַרפערע טענער. צוערשט אַכטען מיר ניט דאַרויף, דערנאָך הויבט דאָס אונז אָן צו שטעכען די אויערען, שווערע, הילכיגע קלעפּ פון האַמערס, ווי אין אַ קוזניע. און מיר ווייסען דאָך, אַז די פאַבריקען שטעהען! די קלעפּ דער־טראָגען זיך פון'ם הויף. אַלזאָ, — גיך צום פענסטער אַ קוק טאָן. אמת, דאָס איז פאַרוועהרט, און טאַקע אויפ'ן שטרענגסטען אופן. קוים באַוויזט זיך אַ פּנים הינטער די גראַטעס, באַלד הויבט אויף

דער וועכטער — דאַרטען אונטען אויפ'ן הויף — זיין ביקס, און ווען מען איז נישט גענוג פלינק, באקומט מען א קויל אין שטערען. און די וועכטער פארשטעהען נישט קיין שפאס, מען צילט גוט און מען שיסט גלייך. אָבער פונדעסטוועגען איז מען דאָך ניט אומזיסט אן אַלטער ארעסטאנט. עס גיט זיך דאָך איין צו דערלאנגען א פאַר־זיכטיגען קוק ארויס פונ'ם פענסטערעל. און דאן ווייסען מיר שוין פון וואנען עס קומט די שווערע קלאפעריי.

דאָס זיינען ווידער אמאָל די קייטען. דאָ אָבער ווערען זיי צוגע־שמידט מיט תקופה. דאָ ווערען זיי ערשט צוגעשמידט צו מענשליכע פיס. וואָרים פאַר'ן ארויספאָהרען — אזוי זאָגט מען אונז — מוזען אַלע ארעסטאנטען, אפילו די, וואָס זיינען ביז איצט ארומגעגאנגען אויף „פרייע פיס", באקומען זייער פּאַרציע אייזערנע אָנהענגעניש. — גרופּענווייז ווערען די מענשען ארויסגעפיהרט אויפ'ן הויף; די זאך ווערט געמאכט „אגולאָם", צוואנציג ביז דרייסיג מאן אויף אמאָל. אן אויפזעהער שלעפט ארויס ערגעץ פון א קעלער א גרוי־סען, שווערען פּאַק קייטען: לויטער אַלטער, פארזשאווערטער אייזען. מיט רעש שליידערט ער זיין שווערע משא אויף דער ערד אראָפּ. א געדיכטער, רויטליכער וואָלקען פון שטויב און ראָסט הויבט זיך אויף אין דער לופטען. און מיט א ווילדען איספעט ווארפען זיך די ארעסטאנטען אויפ'ן פעקעל אייזען אנידער. א משונה'דיגער קנויל פון צונויפגעפּלאָנטערטע מענשליכע קערפּערס וואלגערען זיך אין זאמד און שטויב ארום די קייטען; א וואונ־דערליכער שטרייט הויבט זיך אָן. א שטרייט וועגען קייטען? וואָס איז דאָס אזוינס? האָבען דען די מענשען מורא, אז עס וועט פאר זיי חלילה ניט קלעקען די אייזערנע צירונג? אך, ניין! אייזען איז דאָ איבערגענוג. די מעשה איז נאָר: יעדער איינער וויל ארויסכאפּען א לייכטערען שטיק.

איצט זיינען אַלע פארזאָרגט. די שמידען הויבען זייערע האַ־מערס, די פּאַרטיע איז אָפּגעפארטיגט, א צווייטע קומט נאָך איהר. א נייער פּאַק קייטען ווערט אהער געשלעפּט, ווידער א נייער מענ־שען־קנויל, ווידער שלאָגען די האמערס... און אזוי געהט עס טאָג איין, טאָג אויס און וויל נישט נעהמען קיין ענדע.

עס ווערט אונז גאָר ניט פרעהליך אויפ'ן הארצען. צי וועלען מיר אויך ניט באקומען אזא מתנה? אמת, דאָס געזעץ ערלויבט

דאָס ניט; מיר זיינען דאָך נאָך ניט קיין פאר׳משפט׳ע. אָבער ווער פרעגט וועגען א געזעץ? ס׳איז דאָך מלחמה־צייט, און די רוסישע געזעצען זיינען דאָך בכלל געשאפען דערצו, אז מען זאָל זיי ניט פאָלגען. אָט האָבען מיר, לויט׳ן געזעץ, דאָס רעכט צו טראָגען אונזערע אייגענע קליידער. פונדעסטוועגען האָט מען אונז, באַלד ווי מיר זיינען אָנגעקומען אין מאָקאָטאָוו, אויסגעטאָן נאַקעט און אריינגעשטעקט אין פאסקודנע ארעסטאַנטסקע בגדים. פּראָטעס־טירען? אודאי האָבען מיר פראָטעסטירט. האָט מען אונז געענט־פערט: „קינדערלאך, ווילט איהר ריזיקירען אויף א ווידערשטאַנד? אדרבא, פרובירט זיך! א טוץ פאטראָנעס מעהר, א טוץ פאטראָ־נעס ווייניגער — דאָס שפּילט ביי אונז קיין ראָליע. ס׳איז מלחמה־צייט". און ניין, מיר האָבען זיך נישט פארטיידיגט. און אזוי זיינען מיר אויך איצט געווען גרייט צו באַקומען די אייזערנע מתנה.

מען האָט אונז פונדעסטוועגען ניט געשמידט. יאָ, די „קליי־נע צירונג" — די האַנט־קייטען — זיי האָבען מיר יאָ באַקומען אויפ׳ן וועג. די דאָזיגע אייזערנע בראַסלעטען באַקומט מען אַלע מאָל, בעת אַן ארעסטאַנטען־פּארטיע געהט איבער די שטאָדט צו דער באַהן אָדער צוריק. זיי ווערען ניט צוגעשמידט, נאָר צוגע־שלאָסען מיט א שליסעל; ווען מען קומט אָן אויפ׳ן אָרט ווערען זיי אראָפּגענומען.

מיר ליגען, הייסט עס, אין אונזערע אָרונ׳ס און וואַרטען, און אזוי קומט אָן דער דריטער טאָג.

פריהמאָרגענס, קוים וואָס מיר זיינען אויפגעשטאַנען, הערען מיר שוין א גערודער, א לויפעניש, א שרייען אין קאָרידאָר. אַלע טירען ווערען אויפגעמאכט. „ארויס! גיכער! די מינוט!" די רייזע געהט אָן.

לאַנג, לאַנג געדויערט די מיאוס׳ע, פּיינליכע פּראָצעדור פון רעווידירען, אָפּצעהלען, פארשליסען די קייטען, איינאָרדנען די ריי־הען. דאַן ווערט אויסגעשטעלט א לאַנגע, טויזענד־קעפּיגע פּראָ־צעסיע. דורך דער גאַנצער שטאָדט מארשירען מיר צו דער באַהן.

א לאַנגער צוג פון ארעסטאַנטישע וואַגאָנען — די פענסטער־לאַך באַצירט מיט גראַטעס — וואַרט שוין אויף אונז דאָרטען. „אריין"! „אָרט איז ווייניג. אַלץ איז שוין פול". „אריין!" —

הייסט דאָס פונדעסטוועגן. און ווידער „אריין״, און נאָכאַמאָל „אריין!״. ענדליך זיינען מיר אַלע דרינען. פאַרטיג. די מאַשין פייפט, און שלעפעריג, לאַנגזאַם, הויבט זיך אָן צו בעוועגען אונזער צוג.

ווייט, העט ווייט אין די רוסישע פעלדער, טויזענדער וויאָרסט פון ווארשא אוועק, ליגט אַ מיטעל־גרויסע רוסישע שטאָדט. אָריאָל הייסט זי. דאָרטען אַהין פיהרט אונזער וועג.

מיר שפאַרען זיך צו די פענסטערלאַך. מיט גרויס נייגעריגקייט קוקען מיר ארויס אויף דער ליכטיגער וועלט: וואָס טוט זיך דאָרטען? וואָס זאָגען די מענשען? וואָס הערט זיך אין לאַנד?

מיר ווייסען דאָך: עס געהט אָן אַ גרויסע מלחמה. מיר זיינען זיכער: זי וועט ברענגען גרויסע נייעס: דאָס צאַרישע רוסלאַנד וועט צוזאַמענברעכען. מיר האָבען שוין אין אונזער טורמע געהערט: גראד די לעצטע טעג פאַר דער קריגס־ערקלערונג האָבען זיך אָנגעהויבען גרויסע אַרבייטער־אונרוהען. אין פעטערבורג האָט מען שוין געהאלטען ביים בויען באַריקאדען. ווי־זשע אזוי האָט די מלחמה געווירקט? אַ נאָך שטאַרקערער אויפפלאַקערען פון דעם רעוואָלוציאָנערען פייער, אָדער אַ פאַטריאָטישער אימפעט? מיר ווייסען ניט. אַ צוג נאָך אַ צוג געהט פאַרביי אַנטקעגען אונז: זעלנער פאָהרען צום פראָנט. אויפגערעגטע פנים׳ער. „הוראַ״־געשרייען און ווידער אַמאָל „הוראַ!״. אַ היציגער חבר שרייט אויס דורכ׳ן פענסטער: ״זאָל לעבען די רעוואָלוציע!״ נישטאָ קיין אָפּקלאַנג... אונזער צוג שטעלט זיך אָפּ אויף עפּעס אַ סטאַנציע. לעבען אונז שטעהט אַ צווייטער צוג מיט זעלנער. מען פרואווט אָנצוהויבען אַ שמועס דורך די פענסטער. ס׳איז געוועזן דעמאָלט אַ קלאַנג, אַז די בערלינער אַרבייטער האָבען ערקלערט אַ סטרייק. הויבט אָן איינער פון אונז צו דערצעהלען וועגען דעם די סאָלדאַטען. „איהר זעהט, חברים, — זאָגט ער, — די ארבייטער ווילען זיך נישט שלאָגען. אָט אין בערלין האָט מען שוין פארסטרייקט״. די זעלנער הערען זיך צו, גלאָצען די אויגען און שווייגען. נאָר איינער רופט זיך אָפּ: „דאָס איז פיין! — זאָגט ער מיט אַ כיטרען שמייכעל — זאָלען זיי סטרייקען, די גערמאַנצעס; און מיר וועלען בינו לבינו אריינמאַרשירען אין בערלין און מאַכען פון זיי

א תל!" די זעלנער לאכען. ניין, עס שמעקט ניט מיט רעוואלוציע. דער שמועס ווערט ניט באנייט...

מיר פאהרען דריי טעג און דריי נעכט. עס איז זומער צייט, אנהויב אויגוסט. די היץ איז א שרעקליכע, ניט אויסצוהאלטען. די פענסטערלאך זיינען אפילו אפען, אבער עס העלפט ניט. די וואגאנען זיינען אנגעפאקט אזוי געדיכט, אז עס איז ממש אונמעגליך צו אטעמען.

אן ארט, וואו צו שלאפען, איז ניטא. אויף די עטליכע בענק, וואס זיינען דא פאראן, ליגען צו צוויי מענשען, יעדער אויף א האלבע באנק. עס איז אייגענטליך ניט קיין ליגען. מען קארטשעט זיך צונויף מיט אויפגעצויגענע פיס, נאר דאס איז אויך שוין א „לוקסוס", און בלויז אייניגע האבען די דאזיגע זכיה; די איבעריגע מוזען זיך אויסציהען אויף דער פאדלאגע. צווישען די בענק, אונטער די בענק, ליגען מיר צוגעשפארט איינער צום צווייטען ווי הערינג אין א פעסעל, און עס פעהלט נאך אלץ ארט. אפילו די פאדלאגע סטאיעט ניט פאר אלעמען. און מען מוז איינארדענען דעם שלאפען פארטיעסווייז: איין טייל שלאפט, דער צווייטער שטעהט אדער זיצט אויף די קנעכלאך צוגעשפארט צו דער וואנד ביים דורכגאנג.

צו עסען האבען מיר אביסעל שווארץ ברויט. אויפ'ן צווייטען טאג קריגען מיר דערצו נאך א שטיקעל פעטס, נאר דאס פעטס איז אזא, אז מען קען עס ניט נעהמען אין מויל. און ווער עס האט פארט דעם מוט אראפצושלינגען א פאר שטיקלאך, דער מוז אויסשטעהן גאר שרעקליכע יסורים: געזאלצען איז עס שרעקליך, און מען באקומט דערפון א ברענענדען, גרוויזאמען דורשט — און גראד וואסער פעהלט אונז כסדר. און אזוי געהען מיר אוים פון הונגער און דורשט.

אונזערע נערווען ווערען אנגעצויגען. אויף די סטאנציעס שרייען מיר וועגען אונזער עלענד און פיין פון די פענסטער ארויס. קיינער הערט ניט. איינער נאכ'ן צווייטען באקומען שווערע חלשותאנפאלען און קרעמפען. אלע האבען געשוואלענע פיס.

ענדליך, ענדליך קומען מיר אן. נאר עס געדויערט נאך א היבש ביסעל צייט, ביז וואנען עס נעהמט א סוף צו די יסורים. אויסגעמוטשעט אהן א שיעור, קוים אימשטאנד צו האלטען זיך

אויף די פיס, שלעפּען מיר זיך פון דער באַהן צום געפענגניש. אַן אונענדליך לאַנגער וועג איז דאָס. די סאָלדאַטען טרייבען אונז, ווי אַ טשערעדע בהמות, גראָב מיט אכזריות, מיט זידלערייען. לאַנגע שעה'ען מוזען מיר נאָך וואַרטען אויפ'ן געפענגניש־הויף אונטער דער ברענענדיגער זון, און אַז מען טרייבט אונז ענדליך אין די קאַמערען אריין, פאַלען מיר ווידער אויף די האַרטע הילצערנע נאַרעס און האָבען ניט קיין כח אַ ריהר צו טאָן מיט'ן פינגער.

## 86.

# אָריאָל.

די אמת'ע יסורים האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען. די „גובערנסקע" טורמע, וואו מען האָט אונז אריינגעזעצט, איז געווען צו קליין פאר דעם גרויסען צופלוס פון די הונדערטע נייע געסט, וואָס מען האָט געבראכט אהין. צוזאמען מיט אונז, מיט די איינוואוינער פון צעהנטען פאוויליאָן, האָט מען געבראכט אויך די ארעסטירטע פון דער צווייטער ווארשעווער טורמע, פון דעם באַריהמטען „פאַוויאַק", און אויך פון אַנדערע פוילישע שטעדט: לאָדזש, פעטראָקאָוו, קאַליש. די טורמע איז איבערפילט געוואָרען. דעם גאַנצען מענשען־מאַטעריאַל פון צעהנטען פאַוויליאָן, וואָס האָט אין ווארשא אויסגעפילט אַ גאַנצען גרויסען בנין מיט צעהנדליגער קאַמערען, האָט מען דאָ איינגעשפּאַרט אין איין גרויסען קאַמער. אָרט איז דאָרטען געווען פאר עטליכע און דרייסיג מאַן, און אריינגעזעצט האָט מען אָבער אַרום 70 מענשען. עס איז גרינג זיך פאָרצושטעלען, וואָס פאַר אַן ענגשאַפט איז דאָרטען געווען. עס האָבען געפעהלט די נויטיגסטע זאַכען. עס איז ניט געווען אַפילו קיין טעפּעלאַך צו טרינקען, עס האָבען געפעהלט מאַטראַצען צו שלאָפען, און אַז מען האָט אונז שוין יאָ געגעבען שטרויענע שעניקעס, האָבען זיי פארמאָגט אַזוי ווייניג שטרוי, אַז עס איז געווען פונקט אַזוי האַרט צו שלאָפען, ווי אויף הוילע ברעטער. קיין קאָלדרעס האָט מען אונז אין גאַנצען ניט געגעבען. דאָס טורמע־עסען איז געווען העכסט־קלאָגעדיג. קיין געלד האָבען מיר ניט געהאַט. דאָס ביסעל מזומנים, וואָס מיר האָבען פארמאָגט אין ווארשא, האָט מען ביי אונז צוגענומען פאר'ן אוועקפאָהרען; צוגעזאָגט אַריבערצושיקען אין אָריאָל, אָבער ניט ערפילט דעם צוזאָג. איך האָב דאָס אַפילו פאָראויסגעזעהן, און דעריבער, פאַר'ן אוועקפאָהרען פון צעהנ־

טען פּאַוויליאָן, האָב איך אַריינגענעהט עטליכע רובל אין די קליי־דער און אַריינגעקלעפּט אין די שיך. אָבער די קליידער מיט די שיך האָט מען ביי אונז צוגענומען. מען האָט אפילו אויך צוגעזאָגט, אַז די דאָזיגע זאַכן אונזערע וועלען מיר קריגען באַלד ווי מיר וועלען אָנקומען אויפ׳ן אָרט. האָבען מיר געוואַרט דאַרויף אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אַ חודש נאָך אַ חודש — און די זאַכען האָבען זיך אַלץ ערגעץ געוואַלגערט אויף דער באַהן און מען האָט זיי ניט געקענט געפינען.

איך האָב זיי באַקומען ערשט אין אכט אָדער ניין חדשים אַרום, ווען איך האָב זיך שוין אומגעקערט אין וואַרשאַ. אַזוי זיי־נען מיר געזעסען אָהן געלד, אָהן קליידער, אָהן וועש, שמוציג, אָפּ־געלאָזט, אין באָד פלעגט מען אונז אויך ניט לאָזען געהן. עס איז געווען ביטער.

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס די טורמע אַדמיניסטראַ־ציע אין אָריאָל איז ניט געווען צוגעוואוינט צו האָבען צו טאָן מיט פּאָליטישע אַרעסטירטע. פלעגט מען זיך באַגעהן מיט אונז—וועניג־סטענס אין דער ערשטער צייט — ווי מיט געוועהנליכע אַרעס־טאַנטען — גנבים און גזלנים. אויפ׳ן גראָבען, כאַמסקען אופן גע־זאָגט צו אונז „דו", געזידעלט, געמושטערוועט. און דאָס איז גע־ווען דאָס פּיינליכסטע.

פּונקט אַזוי פּיינליך איז געווען דאָס זיצען אין אַ פול־געפּאַק־טער קאַמער מיט אַ 70 ווילד־פרעמדע מענשען. דער עולם איז געווען העכסט פאַרשידענאַרטיג. אַ טייל — אַנשטענדיגע, פיינע לייט, אַ טייל — פּאַסקודנע שלעק. עס זיינען געווען אַ פּאָר פּראָ־וואָקאַטאָרען, אָט יענע צוויי „גדולים", וועגען וועלכע איך האָב פריהער דערצעהלט; (זיי האָט מען שוין אויפ׳ן וועג, ניט קוקענדיג אויף דער שטרענגער השגחה, געגעבען גוטע פּעטש, און מען האָט זיי אַוועקגעזעצט ווייט פון די איבעריגע, אין אַ באַזונדער קאַמער), און אַ פּאָר קלענערע העלדען. עס זיינען געווען אַ פּאָר אַנדערע, וואָס מען איז געווען חושד אין פּראָוואָקאַציע. עס איז געווען איי־נער, וואָס פלעגט זיך פאַרשטעלען פאַר אַ משוגענעם, און איינער, וואָס איז דאַכט זיך באמת געוואָרען משוגע, אָדער האַלב־משוגע. עס האָבען זיך פאַרוואַלגערט צווישען אונז דריי פּשוט׳ע באַנדיטען, — מיט עטליכע חדשים שפּעטער האָט מען זיי אויפגעהאַנגען און

כדי צו פארפילען דעם קאָמפּלעקט, האָבען מיר נאָך געהאַט צווישען זיך אַ צעהנדליג דייטשע און עסטרייכישע שפּיאָנען.

צווישען די „אמת'ע" פּאָליטישע זיינען אויך ניט אַלע געווען גאָר פיינע און סימפּאַטישע לייט. און בכלל איז עס זעהר אַ פיינ־ליכע זאַך צו געפינען זיך שטענדיג, טאָג און נאַכט, צווישען אַן עולם פון 70 מאַן. מען האָט קיין איין רוהיגע מינוט ניט. עס איז אַ שטענדיגער גערודער, אַ שטענדיגער ליאַרעם, אַ שטענדיגער טומעל. עס איז שוין טויזענד מאָל בעסער צו זיצען אין אַן איינ־צעלנעם קאַמער.

אין די שפּעטערדיגע חדשים האָט דער עולם איינגעזעהן, אַז אַזוי קען דאָס ווייטער ניט געהן: מיר וועלען אַלע משוגע ווערען, האָט מען אויסגעקליבען אַ „סטאַראָסטאַ" און אויסגעאַרבייט אַ באַשטימטע „קאָנסטיטוציע" ווי אַזוי זיך צו פיהרען. באַשטימט געוויסע שעה'ען ווען ס'זאָל זיין אבסאָלוט שטיל אין קאַמער, און אַזוי ווייטער. מיר האָבען דעמאָלט געהאַט אַ „גוטען סטאַ־ראָסטאַ", אַן אַלטער טוער פון דער פּ. פּ. ס., אַ געוויסען פּריסטאַק, אַן עלטערער געלאַסענער מענש, מיט אַ גרויסער געלער באָרד, אַ געוועזענער רוסישער אָפיצער, פאַר'משפט אויף קאַטאָרגע פאַר אָרגאַניזירען די „קאַמפּס־אָפּטיילונגען" פון דער פּ. פּ. ס. נאָך דער רעוואָלוציע האָט ער זיך אומגעקערט אין פּוילען און איז דאָרטען געוואָרען אַ געהילפס־מיניסטער. דער מענש האָט געהאַט אַ שטאַר־קע האַנט און מען האָט איהם געפאָלגט. נו, האָבען מיר געהאַט אביסעל אָרדנונג אין קאַמער. אָבער דאָס איז געווען אַביסעל שפּעטער. אין דער ערשטער צייט פלעגט מען זיך פיהרען גאָר ניט לייטיש.

אַזוי זיינען מיר אָפּגעזעסען עטליכע וואָכען. אין אַ שעה־נעם פריהמאָרגען דערוויסען מיר זיך אַ נייעס: מען וועט אונז פאַנאַנדערשיקען אין אַ פּאָר קליינע שטעדט פון דער זעלבער גו־בערניע, אין די טורמעס, פאַרשטעהט זיך. די געוועזענע „איינ־וואוינער" פון צעהנטען פּאַוויליאָן האָט מען צוטיילט אין צוויי פּאַרטיעס. איינע איז געגאַנגען אין מאַלאָ־אַרכאַנגעלסק, די צווייי־טע אין אַן אַנדער שטאָדט — איך האָב פאַרגעסען דעם נאָמען. איך האָב געהערט צו די ערשטע. מיר זיינען אָנגעקומען אין מאַלאָ־אַרכאַנגעלסק, אין אַ קלייניטשקע „אויעזדנע" טורמע, מיט זעהר

אַן אַנשטענדיגען נאַטשאַלניק. מיר זיינען געווען צופרידען. עס האָט זיך געפיהלט, אַז דאָ וועט דאָס לעבען זיין נישקשה׳דיג. מען האָט מיך אריינגעזעצט אין אַ קליינע איינצעל־קאַמער — זאַלבע־צווייט מיט אַ פּוילישען סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ געוויסען אונ־שליכט. ער איז געווען אַן אָנגעזעהענער טוער אין זיין פּאַרטיי; שפּעטער, נאָך דער רעוואָלוציע, האָט ער אין סאָוועט־רוסלאַנד פאַרנומען אַן אָנגעזעהענעם אָרט ביי די באָלשעוויקעס. אויב איך האָב ניט קיין טעות, פאַרנעהמט ער איצט דעם אָרט פון דזשערד־זשינסקי, אַלס ראש פון דער באַריהמטער „טשרעזוויטשאַיקע”. אַ טרוקענער, קאַלטער מענש, ניט קיין נאַר, און זעהר אַ פלינקער און אַ געניטער. אין טורמע האָט ער געהאַט די מערקווירדיגע פעהיגקייט זיך ביי אַלע אומשטענדען גוט איינצואָרדנען. ווי נאָר מיר זיינען געקומען אין מאַלאָ־אַרכאַנגעלסק, האָט ער זיך שוין די מינוט אריינגעכאַפּט אין די טורמע־קיך, זיך צונויפגעשמועסט מיט׳ן קוכער און שוין קריגען מיר אַ שפּיטאָל־פּאָרציע מיט מילך און מיט ווייסע ברויט, הגם ער ווייניגסטענס איז געווען אַ גאַנץ גע־זונטער מענש. זיצען מיר אַזוי, און איך ריכט זיך אויף אַ גוטען אָפּרוה. פּלוצלונג אָבער טרעפט זיך גאָר אַן אונגעריכטע סיבה. קוים זיינען מיר אָפּגעזעסען אין מאַלאָ־אַרכאַנגעלסק איין טאָג, רופט מען מיך אַרויס צום נאַטשאַלניק. ער באַגעגענט מיך זעהר פריינדליך און זאָגט מיר אָן אַ גוטע בשורה. ער האָט באַקומען פון אָריאָל אַ מעלדונג, אַז מען האַלט ביים אַרויסלאָזען מיך אויף דער פרייהייט. מען האָט איהם געשריבען, אַז ער זאָל מיר תיכף אָפּ־שיקען צוריק אין אָריאָל און דאָרטען וועט מען מיך באַפרייען. מאָרגען אין דער פריה דאַרף איך פאָהרען.

ס׳איז גרינג צו פאַרשטעהן, אַז איך בין געווען זעהר און זעהר צופרידען. איך האָב געוואוסט, אַז מיין ברודער האָט די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געזעסען, געמאַכט אַלע מעגליכע באַמיהונגען כדי מען זאָל מיך באַפרייען, אָבער עס זיינען שוין אַריבער העכער 15 חדשים, און עס פלעגט זיך אַלץ ניט איינגעבען. קענטיג, אַז איצטער האָט ער דאָס פאָרט גע׳פועל׳ט. איך בין אויפ׳ן זיבעטען הימעל.

דעם צווייטען טאָג, באַגינען, פיהרט מען מיך אַרויס און מיר פאָהרען.

דאָס שטעדטעל מאַלאָ־ארכאַנגעלסק ליגט ניט ביי דער באַהן. ס'איז אַ מהלך פון אַ וויאָרסט פופצעהן־צוואַנציג. ס'איז דאָ אַ פויערשע פוהר. איך זעץ זיך אַרויף צוזאַמען מיט די פּאָר קאָנוואָי־סאָלדאַטען און מיר פאָהרען. מיר פאָהרען איבער די ברייטע שטילע פעלדער, די זון גיהט אויף, ס'איז שטיל און פריי, און עס זינגען ביי מיר פויגעלאַך אין בוזים: די פרייהייט.

מיר שמועסען מיט'ן פויער. וועגען וואָס רעדט אַ פויער? וועגען דער ערד, פאַרשטעהט זיך. ווי דער שטייגער איז, איז ער ניט צופרידען. שיער ניט רעוואָלוציאָנער געשטימט. עס פעהלט איהם ערד. און דער פּריץ האָט איבערגענוג. וואו איז דער יושר? פאַרוואָס גיט מען איהם ניט אָפּ די איבעריגע פּריצ'ישע ערד?

„שעהנע געשיכטען! — ברומט דער פויער, — מען זאָגט אונז, אַז די ערד איז דעם פּריץ'ס אַן אייגענע, טאָר מען נישט צו־נעמען. גוט! אָבער איך בעט אייך: אָט האָב איך צוויי זיהן. דאַכט זיך, אַז זיי זיינען מיינע אייגענע, און פון דעסטוועגען האָט מען זיי ביי מיר יאָ צוגענומען און אַוועקגעשיקט אויפ'ן פראָנט. איז דאָס מעג מען יאָ און די ערד נישט? וואו איז דער יושר, פרעג איך אייך".

מיר קומען אויף דער סטאַנציע. מען זעצט מיך אריין אין דעם צוג, אין דעם ארעסטאַנטישען וואַגאָן. לעבען מיר זיצט עפּעס אַן אַלטער „באָסיאַק" — פאַרברודיגט ביז גאָר. אַלע פּאָר מינוט קריכט ער אריין מיט דער האַנד אונטער די בגדים און שלעפּט ארויס אַ גאַנצען הייפעל לייז. שלעפּט אַרויס און דערלאַנגט אַ וואָרף אַוועק. איך זיץ לעבען איהם און באַקום מיין פּאָרציע. ס'איז אַן עקעל. אָבער איך טראַכט זיך: מילא, וואָס איז דער אומגליק, נאָך עטליכע שעה און איך בין פריי.

מיר געהען אריין אויפ'ן טורמע־הויף, מיר געהען פאַרביי דער פרויען־אָפּטיילונג. פון'ם פענסטער קוקען ארויס אַ פּאָר חבר'טעס. זיי שטעלען אויף מיר ארויס אַ פּאָר אויגען. וואָס איז דאָס? נאָר וואָס אָפּגעפאָהרען און שוין ווידער דאָ? „וואו געהט איהר דאָס?" שרייט מען צו מיר. „אויף דער פרייהייט!" ענטפער איך.

אַ קאָנוואָינער נעהמט אויף דעם עטאַפּ. „ווען וועט מען מיך באַפרייען? — פרעג איך — שוין באַלד?" ער קוקט אויף מיר:

„איך װײס ניט״. מען פיהרט מיך ארײן אין אַ קאַמער. איך װאַרט. אַ שעה נאָך אַ שעה, קײנער קומט ניט. אַ טאָג גײט פאַרבײ, אַ צװײטער, אַ דריטער, און ענדליך דערװײס איך זיך, אַז די גאַנצע געשיכטע איז אַ מיספאַרשטענדניס און אַז ס׳איז קײן רײד װעגען אַ באַפרײאונג. איך זיץ װײטער. ס׳איז זעהר פּײנליך.

מײנע פריהערדיגע שכנים פון צעהנטען פּאַװיליאָן זײנען שױן ניטאָ. איך זיץ מיט נײע לײט; די װאָס זײנען געקומען אַהער פון פּאַװיאַק. צװישען זײ אַ היבש ביסעל בונדאָװצעס — די װאָס האָבען מיט מיר דעם געמײנזאַמען געריכטס־פּראָצעס, און אַנ־דערע, אײגענע מענשען. איך װער אַרומגענומען פון אַ װאַרימער חבר׳שער אַטמאָספערע. אָבער די טורמע־צרות דױערען װײטער. איך זיץ װײטער װאָכען־לאַנג. און דאַן קומט אָן דאָס ערגסטע. עס הױבט זיך אָן אַ נײע װאַנדערונג.

.87

# סמאָלענסק.

איך ווייס, אפשר וועגדעט זיך דאָס אָן מיין פּערזענליכער פעהיגקייט צוצופּאַסען זיך צו יעדער, זאָל זיין צו דער ביטערסטער, לאַגע, נאָר ווען עס קומט מיר אויס צו פאַרברענגען אַ לענגערע צייט אויף איין אָרט — איך מיין, אין איין טורמע — קען איך זיך צו־געוואוינען און פיהלען זיך נישקשה אפילו אין די ערגסטע באַ־דינגונגען. מען לעבט זיך פּאַרט איין. אפילו מיט די ערגסטע געפענגניש־אויפזעהער קען מען זיך סוף כל סוף געבען אַן עצה. זיי זיינען פאָרט מענשען. אמת, ס'איז דאָ צווישען זיי אַזעלכע, וואָס האָבען לכתחילה די נשמה פון אַ תליון, אָדער וואָס די „ארבייט" אין אַ געפענגנים האָט ביי זיי אַנטוויקעלט ממש אַ קרענקליכע, אַ סאַדיסטישע נייגונג הנאה צו האָבען פון פּייניגען די ארעסטאַנ־טען. אָבער דאָס זיינען דאָך אויסנאַהמען. דאָס רוב זיינען דאָס פּשוט'ע רוסישע פּויערים, אויסגעדינטע סאָלדאַטען, פאַמיליען־מענ־שען, וואָס ליידען אַליין גאַנץ געשמאַק פון דלות, וואָס זיינען אַליין שטאַרק אומצופרידען מיט זייער לאַגע. מיט די דאָזיגע מענשען קען מען דורכקומען. נאָך אַ לענגערער שכנה'שאַפט שטעלען זיך איין מיט זיי גאַנץ פריינדליכע באַציהונגען. מען ווערט אַ שטי־קעל תושב, אַן אייגענער מענש. ס'איז שווער צו גלויבען, אָבער ס'איז אַזוי: מען הויבט זיך אָן צו פיהלען אין געפענגניש שיער ניט היימיש.

אָבער ווען עס הויבט זיך אָן די וואַנדערונג, דאָס גהן „מיט'ן עטאַפּ" — דעמאָלט ווערט דאָס גאָר אַנדערש.

באַלד ווי עס באַווייזט זיך אין דער קאַמער דער „סטאַרשי", דער אויבעראויפזעהער און הויבט אָן איבערצולייענען פון דעם צעטעל די נעמען פון די, וואָס מען שיקט ערגעץ־וואו ווייט אַוועק;

באַלד ווי עס דערהערט זיך דער געשריי: „אַרויס צום עטאַפּ! גיך! שוין! די מינוט!" — ביזטו שוין אויס מענש. דו ווערסט אַ שטויבעל, אַ זעמדיל, אַ קליין חלק'ל פון אַ גרויסען הויפען, אָהן באַדייטונג, אָהן אַ שטים, אָהן פּערזענליכקייט — אַ חלק'ל אין דעם גרויסען הויפען פון דעם גרויסען, גרויען מענשען־שטויב, מענשען־מיסט, מענשען־אָפּפאַל. גלייך ווי מיט אַן אומ־געהויערער אייזערנער שאָוועל ווערט דער דאָזיגער הויפען שטויב צונויפגעקערט אין אַ פּאַרמלאָזע הורבע, ערגעץ וואו ווייטער איבערגעשליידערט, פאַנאַנדערגעוואָרפען, ווידער צונויפגעפּרעסט, אין ברודיגע וואַגאָנעס אריינגעשטופּט, ווידער ארויסגעוואַרפען, ווייטער אַוועקגעקערט און ווידער אין אַ נייעם הויפען צונויפגע־וואָרפען. און אַזוי געהט עס ווייטער און ווייטער, אָהן אַ שיעור, אָהן אַ סוף. ניטאָ קיין רחמנות, ניטאָ קיין מענשליכקייט און קיין מענשען. אַ קאַלטע, טויטע, גרויזאַמע מאַשין קייקעלט איהרע רעדער. זי כאַפּט אַריין דעם קליינעם, נישטיג־קליינעם יחיד מיט איהרע שרעקליכע אייזערנע לעפּצען, שליידערט איהם אין איהר טיפען קעסעל אריין, שטיקט און דריקט און צעקייט איהם און צעמאָלט איהם מיט איהרע שווערע מיהל־שטיינער — און ווען זי האָט פאַרענדיגט איהר שטיקעל ארבייט און שפּייט איהם אַרויס ערגעץ וואו, טויזענדער מיילען ווייט, איז דער מענש צושמעטערט און צוריבען, פיזיש אַזוי גוט ווי מאָראַליש. דאָס איז דאָס געהן „מיט'ן עטאַפּ".

און אַז עס קומט נאָך דערצו, אַז די דאָזיגע מאַשין איז פאַר־זשאַווערט און קאַליע געוואָרען, אַז דאָס גאַנצע טרייבען געהט אָן מיט שטעכוועגען, מיט אָפּהאַלטען, מיט פאַרשפּעטיגען, מיט אָפּשטעלעניִשען און פאַרהאַקענישען, דאַן איז עס דאָס ערגסטע, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען.

און אַזוי איז דאָס גראָד געווען. ווארים דער קריג האָט פאַרשטעלט די וועגען, אָפּגעהאַלטען דעם לויף פון די צוגען, קאַליע געמאַכט, פאַרפּלאָנטערט דעם גאַנצען אַפּאַראַט. און אין דער זעלבער צייט האָט ער אריינגעוואָרפען אין דעם אייזערנעם קעסעל טויזענטער און טויזענטער פרישע מענשען, אַ גאַר נייעם, אַ גאַר פרישען מענשען־מאַטעריאַל. און די פאַרזשאַווערטע, פאַרשטאָפּטע, איבערפילטע מאַשין איז ניט געווען בכח אָפּצואַרבייטען דעם גאַנצען

מאטעריאל און זי האָט זיך געוואָרגען און געשטיקט, און יעדער דרעה מיט די גרויסע שווערע רעדער האָט געקאָסט מענשליכע לעבענס.

קיינער איז ניט געווען שולדיג, אַלץ איז צומישט געוואָרען. דאָס האָט געמאַכט די מלחמה. אָבער וועה איז צו די אַלע, וואָס זיינען אריינגעפאַלען אונטער די שרעקליכע, שווערע רעדער. און איך בין געווען איינער פון זיי.

נאָר איך וועל דערצעהלען די זאַך כסדר.

אַלזאָ, איך זיץ דערוויילע אין אָריאָל, אין דער עלענדער, שמוציגער, פול־געפּאַקטער קאַמער און קלער וועגען דעם, ווי גליקליך איז אַ מענש, וואָס האָט די מעגליכקייט אַלע טאָג אריינצוציהען אין זיינע לונגען געזונט ריינע, פרישע לופט. איך בין ניט צווישען די דאָזיגע גליקליכע. אמת, דערוויילע געהט עס נאָך נישקשה׳דיג. עס איז הערבסט און בייטאָג קאָן מען דאָך האַלטען די פענסטער אָפען. צום גליק איז דאָס ניט פאַרווערט. אָבער ביינאַכט מוז מען זיי צומאַכען — אַ סך פון אונז שלאָפען אויף דער פּאָדלאָגע, און עס וואָלט געווען צו קאַלט. און דעמאָלט איז עס אַ שרעקליכע שטיקעניש. ווי־זשע וועט דאָס ערשט זיין ווען עס וועט קומען צו ווינטער?

און איך קלעהר: ניט שוין־זשע וועט דאָס זיין מעגליך אויס־צוהאַלטען דאָ אַ גאַנצען ווינטער און בלייבען ביים לעבען? דע־מאָלסט האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז גאַנץ אונמעגליך. און פונדעסטוועגען, ס׳איז אריבער דער ווינטער, און נאָך אַ ווינ־טער, און אַ דריטער ווינטער אפילו, און מענשען זיינען נאָך אַלץ געזעסען און געזעסען... ניט איינער פון זיי האָט זיך טאַקע גע־מוזט געזעגענען מיט׳ן לעבען.

פּלוצלונג קומט אָבער אַ בשורה: מען שיקט צוריק אין ווארשא — צום געריכט. דער פּראָצעס דאַרף אין גיכען פאָרקו־מען. מאַכען זיך גרייט צום וועג.

גאַנץ גוט. איך נעהם זיך צו דער ארבייט. ס׳ווערט גענייט אַ זאַק און איך שטופּ אריין דאָס ביסעל וועש, וואָס איך פאַרמאָג (די חברים פון פּאַוויאַק האָבען יאָ געהאַט זייערע זאַכען און זיי האָבען זיך מיט מיר געטיילט), אַ שטיקעל ברויט, אַביסעל טהיי און צוקער, אַ „טשאַיניק”, אַ טעפּעל, אַ הילצערנע לעפעל. פּאַר־

טיג. דאָן הויבען מיר אָן אונזער וואַנדערונג — איך און מיינע פינף חברים, וואָס געהערען צו דעם זעלבען פּראָצעס.

מען פיהרט אונז אין קאָרידאָר ארויס. די סאָלדאַטען זיי־נען שוין דאָ און די ארבייט קאָכט. מען רופט אויס די נעמען, מען רעווידירט. רויהע זעלנערישע הענט קריכען אין אונזערע קעשע־נעס, טאַפּען ארום אונזערע קליידער, אונזער וועש, אונזערע קער־פּערס. דאָ דעם, דאָ יענעם צווינגט מען אויסצוטאָן זיך מוטער־נאַקעט. אַלץ, וואָס איז פערדעכטיג, ווערט ארויסגעוואָרפען. „פערדעכטיג" זיינען אָבער אַזעלכע זאַכען ווי טאַבאַק, שוועבע־לאַך, צייהן־פּאודער אָדער צייהן־פּאַסטע. ס'איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט אפילו קיין זייף ניט געלאָזט פיהרען מיט זיך.

מיר שטעהען אויסגעשטעלט אין רייהען. די האַנד־קייטלאַך זיינען אָנגעטאָן און מיר מאַרשירען צו דער באַהן. דאָן קומען ווי־דער צו ברודיגע ארעסטאַנטישע וואַגאָנעס. ווייטער אַ נייע גע־פענגעניש, אַ נייע ברודיגע לאָך, דאָן ווייטער סאָלדאַטען, ווייטער דאָס גראָבע בעטאַפּען, ווייטער האַנד־קייטלעך, אַ נייע באַהן, אַ נייע געפענגניש, און ווייטער און ווייטער אַזוי. מאַנכעסמאָל דויערט דאָס וואָכען־לאַנג, אמאָל גאַנצע חדשים דאָס געהן מיט'ן עטאַפּ.

דאָס איז דער געוועהנליכער גאַנג. אָבער איצט איז מלחמה־צייט, און ווי געזאָגט, האָבען זיך אָנגעקליבען גאָר נייע, ספּעציעלע שטערענישען. און קוים זיינען מיר אָנגעקומען צום ערשטען עטאַ־פּען־פּונקט — דאָס איז געווען די שטאָדט סמאָלענסק — הערען מיר שוין אַ טרויעריגע בשורה: מען קען ניט פאָהרען ווייטער.

וואָס איז? אַלע באַהנען, וואָס געהען צו ווארשא, זיינען פאַרנומען מיט מיליטער. די עטאַפּען זיינען אָפּגעשטעלט.

ווי־זשע לאַנג קען דאָס געדויערען? דער אַלטער אויפזעהער שמייכעלט:

„יאָ, חברה, ביז'ן סוף פון דער מלחמה וועט איהר מסתמא מוזען האָבען געדולד. די דייטשען שטעהען אונטער ווארשא!"

און אַזוי געהען מיר בלייבען אין סמאָלענסק. און אז מיר געהען אריין אין אונזער נייע „דירה" און מיר האָבען דערזעהען דאָס בילד, וואָס עפענט זיך פאַר אונז, ווערט אונז פינסטער אין די אויגען. מיר זיינען אריינגעפאַלען אין אַן אמת'ן גיהנם.

מען פיהרט אונז אריין אין א לאנגען קארידאר — שווארץ און פינסטער ווי אין א קויהלען־גרוב. דאן עפענט זיך א זייטען־טירל, און שטיקעדיגע, עקעלהאפטע, פייכט־ווארימע לופט שלאגט אונז אנטקעגען, ווי א כוואליע, אין פנים אריין. מען שפארט אונז אריין. די טיר ווערט פארשלאסען און מיר שטעהען און קוקען אן איינער דעם צווייטען.

מיר שטעהען אין א קאמער — אכט טריט אין די לענג, דאס זעלבע אין דער ברייט. כמעט דער גאנצער שטח איז אויסגעפילט מיט צוויי גרויסע הילצערנע נארעס, — לאנגע ברעטער, ארויפ־געקלאפט אויף גראבע קלעצער. די נארעס ציהען זיך פון ביידע זייטען ארום די ווענט און אין דערמיט איז א שמאלער דורכגאנג. און אויף די נארעס, צווישען די נארעס און אונטער די נארעס איז אלץ פול מיט מענשליכע קערפער: שטעהענדיגע, זיצענדיגע, ליגענדיגע אין א משונה'דיגען מיש־מאש: צונויפגעפרעסט, ברוד־דיג, שוויצענדיג, אפגעריסען... אן עקעל! און ווי אויף חוזק הענגט ביי דער טיר א שילד: „ארט פאר 9 מאן". פאראן זיינען אבער גוטע פינף־און־צוואנציג, און דאס איז נאך געווען א מזל'דיגער טאג. שפעטער פלעגט דאס דערגעהן ביז פינף־און־דרייסיג...

שלאפען שלאפט מען אויף הוילע ברעטער — אהן א ברעקעל שטרוי. אבער מען מוז נאך האבען א באזונדער גליק צו דערשלא־גען זיך צו אזא מין געלעגער אויף א פאר ברעטער — צוויי אדער דריי הענד די ברייט; די וואס האבען ניט אזא מזל, מוזען שלאפען אונטער די נארעס אויף דער קאלטער אספאלטענער פאדלאגע. אנשטאט א קישען נעהמט זיך איינער א בעזים, דער צווייטער — א פאר אלטע שטיוועל; דער דריטער לעגט אונטער זיין קאפ זיין איינענע פויסט. פון עפעס א קאלדרע איז קיין רייד ניטא.

שמוץ, געשטאנק, אומפלויט... פאראן מענשען, וואס וואל־גערען זיך דא חדשים־לאנג און האבען פאר דער גאנצער צייט קיין איין מאל ניט געביטען די וועש, קיין איין מאל זיך ניט אויסגע־טאן, קיין איין מאל ניט געהאלטען אין די הענט א שטיקעל זייף. מיליאנען וואנצען הענגען אויף די ווענט, ליגען אויף דער פאדלאגע, שפארען זיך אין די ווינקלען ווי געדיכטע שווארצע קנוילען; ביי־נאכט לאזען זיי זיך אראפ אויף די נארעס און פאלען אן אויף די מענשען מיט א ווילדער רציחה.

איך האָב ביי זיך איינגעפיהרט אזא מין „טאָג־אָרדנונג”: אַלע טאָג בין איך צוויי מאָל געגאַנגען „אויף געיעג”. מען טוט זיך אויס פון קאָפּ ביז די פיס, און מען קוקט אדורך געניי און סיס־טעמאַטיש יעדען שטיק וועש. מען פיהרט דורך אַ שחיטה. אָבער וואָס העלפט דאָס? יעדע נאַכט לעגען די עקעלהאַפטע בעשעפּע־נישען טויזענדער פרישע אייערלעך, און אויפ׳ן צווייטען טאָג מוז מען ווידער אָנהויבען פון אָנהויב אָן; און דאָס העלפט גאָר ניט. ביי דעם דאָזיגען סימפּאַטישען „געיעג” פלעג איך אַלע מאָל, דאָס הייסט צוויי מאָל אַ טאָג (מען וועט לאַכען פון מיין „סטאַטיסטיק”, אָבער פאַר מיר איז עס דעמאָלט געווען ביטער־ערנסט) אָפּ׳שחט׳ען וואָסערע פערציג־פופציג שטיק, — און מיט עטליכע שעה שפּעטער זיינען זיי שוין ווידער דאָ געווען.

מעהר ווי איינער פון די חברה־לייט וועלכע האָבען זיך דאָרטען ארומגעוואַלגערט, האָט זיך אזוי שטאַרק אָפּגעלאָזען, אז ער איז אריינגעפאַלען אין אַ מין טעמפּע גלייכגילטיגקייט. אזא מענש פלעגט זיך אָהן ווידערשטאַנד אונטערגעבען דער איבערמאַכט פון די פּאַראַזיטען. ער פלעגט דאָ ליגען און זיך לאָזען אויפעסען. אַנדערע פלעגען פון צייט צו צייט יאָ „געהן אויף געיעג”. און שטענדיג פלעגט זיך הערען מצד אימיצען פון די צושוויער דער באַליבטער אַרעסטאַנטישער וויץ: „נישט אויסגעקליבען, רב קרוב! נישט ארויסגעקליבען די פעטסטע! שלאָג כסדר, ווי עס געהט! זיי ניט קיין נאַשער!” און מען פלעגט טאַקע שלאָגען כסדר סיס־טעמאַטיש מיט אַ פילאָזאָפישער געלאַסענקייט. וואָס־וואָס נאָר צייט האָבען מיר געהאַט גענוג.

הונגעריג זיינען מיר געווען שטענדיג. דאָס עסען איז געווען שלעכט און קאַרג. אַלע מאָל, בעת מען פלעגט אריינטראָגען די שיסלען, פלעגען זיך די מענשען אַ וואָרף טאָן ווי הונגעריגע חיות, — און אין אַ מינוט איז שוין אַלץ געווען לעדיג. ווער עס האָט ניט געהאַט די פעהיגקייט אַרונטערצושלינגען די הייסע זופּ מיט אַן עקסטראַ־גיכקייט, האָט געמוזט בלייבען כמעט ווי אָהן מיטאָג. געגעסען האָט מען צו זעקס, צו אַכט, אמאָל גאָר צו פופצעהן מאָן פון איין שיסעל, און קראַנקע זיינען געווען צווישען די עסערס איבערגענוג.

די לופט... מען קען אפילו ניט זאָגען, אז די לופט איז געווען

א שלעכטע: עס איז סתם קיין לופט ניט געווען. דער רוסישער „פּראָסטער" מענש האָט מעהר פאַר אַלץ מורא פאַר קעלט; אָנ־געטאָן זיינען די חברה־לייט געווען, אַז אָך און אַז וועה; און עס האָט קיינער ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז מען זאָל האַלטען ביינאַכט דאָס פענסטער אָפען. און די היסטאָרישע „פּאַראַשע" איז דאָך אויך געשטאַנען אין ווינקעלע... דאָס אויסלופטערען פון אונזערע לונגען, — דער טעגליכער שפּאַציר, — האָט געדויערט גאַנצע... פופצעהן מינוט!

די וועכטער פלעגען זיך מיט אונז באַגעהן ממש ווי מיט בהמות. א גאַנצער האָגעל פון זידעל־ווערטער פלעגט שטענדיג זיך שיטען אויף אונזערע קעפּ. און וואָס זאָל איך זאָגען? מען ווערט צוגעוועהנט. א ברירה האָט מען? מיר זיינען דאָך מעהר ניט ווי עטאַפּען־אַרעסטאַנטען, — די עלענדסטע צווישען די עלענדע, די רעכטלאָזעסטע צווישען די רעכטלאָזע. אוים יחסנים, אוים „פּאָליטישע". קיינער ווייסט ניט, אַז מיר זיינען פּאָליטישע. און אַז מיר זאָגען דאָס, — גלויבט מען אונז ניט. באַהאַנדעלט מען אונז ווי געוויינליכע „בראָדיאַגעס". וואָס־זשע קאָן מען טאָן? פּרעסט מען צונויף די ציין און מען שווייגט. טאָמער שווייגט איינער ניט, איז א שטוים אין זייט, א פּאַטש אין פּנים ניט קיין זעלטענע זאַך. שווייגט מען. אָבער אפילו שווייגענדיג קאָן מען זיך ניט אַלעמאָל באַוואָרענען פאַר גראָבקייטען און חוזק־מאַכען. אָט ווערט מען, למשל, קראַנק און מען וויל א רוף טאָן דעם פעלדשער (וועגען א דאָקטאָר איז שוין אָפּגערעדט). ענטפערט דער וועכטער מיט א שעהנעם רוסישען וואָרט און יוצא. אָדער מען וויל אָנגעבען א בקשה. ענטפערט דער אויפזעהער: „ברויכסט ניט צו שרייבען קיין בקשות". „אָבער"... — „האַלט דאָס מויל" — און ווידער א פּאָר באַוואוסטע רוסישע ווערטער.

אזוי האָט דאָס אויסגעזעהן דער שעהנער אינסטיטוט, אין וועלכען מיר זיינען אריינגעפאַלען. און מיר פלעגען ליגען אויף די האַרטע נאַרעס און פרעגען איינער דעם צווייטען, וואָס איז דאָ צו טאָן. געלט האָבען מיר ניט געהאַט — מען טאָר דאָך ניט נעמען מיט זיך קיין געלט אויפ'ן עטאַפּ. פאַר אונזערע קרובים זיינען מיר געווען פאַרשוואונדען, — קיינער האָט ניט געוואוסט וואו מיר זיינען אהינגעקומען. געבען צו וויסען?

אויסגעשלאָסען. מען האָט ניט ערלויבט צו שרייבען בריף. איבעריגענס, וואו נעמט מען זיבען קאָפּיקעס פאר א מארקע? און אזוי זיינען מיר געזעסען אָהן הילף און אָהן כח, מיט דער איינציגער אויסזיכט: אוועקצופּגר'ען ווי חיות אין דעם שמוציגען, עלענדען לאַך.

מיר פלעגען ליגען און טראַכטען. א מענש, וואָס איז קיינמאָל ניט געוועזען אין אזא לאגע, קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלען, ווי ווינציג, ווי קליינליך קאָנען ווערען די געדאַנקען און די מחשבות ביי אזעלכע באדינגונגען. א שעהנער, א הערליכער „אידעאַל", וועגען וועלכען מען קאָן בלויז חלום'ען, איז פאר מיר געווען מיין „היימיש" צימערל... אין דעם צעהנטען פּאַוויליאָן, אין דער וואַרשעווער פעסטונג. וואָס וואָלט איך ניט געגעבען — פלעג איך דאַמאָלס זאָגען, — און טאַקע גאַנץ ערנסט, — ווען איך וואָלט געקאָנט איצט זיצען אין מיין פעסטונג־קאמער. אָבער אויך דאָס איז געווען א צו דרייסטער חלום. געוויינליך פלעגען מיינע פארלאַנגען זיין א סך באַשיידענער. ווען איך פלעג עסען מיין וועטשערע — זי איז באַשטאַנען פון א שטיק שוואַרצען ברויט — פלעג איך חלום'ען וועגען דעם, וואָס פאר א מחיה וואָלט דאָס געווען, ווען איך וואָלט געקענט האָבען דערצו א גאַנץ קליין שטיקעל וואורשט. ניט אָנצועסען זיך דערמיט; ניין, חלילה. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט א גאָר קליינינטשקען פּענעצעל וואורשט, די גרויס, לאָמיר זאָגען, פון א צוויי־קאָפּיקענער מטבע, בלויז א שמעק צו טאָן זיין גערוך און אפשר, אפשר אויך אריינגעמען אין מויל און האַלטען, בעת איך וועל קייען מיין הארטען שטיק שוואַרצע ברויט...

דאָס זיינען געווען קלייניגקייטען. אָבער הינטער די דאָזיגע קליינליכע, גאָרנישטיגע געלוסטען פלעגט פונדעסטוועגען שטענדיג לעבען, שטענדיג קלינגען אָהן אן אויפהער דער איינער, גרויסער, טיפער וואונש־נגון: נאָר אויסהאַלטען!

און אז עס האָט זיך מיר טאַקע איינגעגעבען אויסצוהאַלטען און ניט צוברעכען ווערען, איז עס אן אמת'ער נס.

.88

# די פאַרגעסענע.

עס לוינט צו פאַרנעמען זיך אביסעל מיט דער געזעלשאַפט, אין וועלכער איך האָב פאַרבראַכט די דאָזיגע טרויעריגע צייט.

צווישען דער גאַנצער באַפעלקערונג פון אַ רוסישער טורמע זיינען די עטאַפּען־אַרעסטאַנטען די עלענדסטע לייט. הונדערטער טויזענטער פלעגען יאָהר־אויס, יאָהר־איין געוואָרפען ווערען אַהין און אַהער מיט'ן עטאַפּ. פאַר'משפט'ע אַרעסטאַנטען זיינען צווישען זיי געווען פאַרהעלטניסמעסיג ווייניג. צום גרעסטען טייל זיינען דאָס געווען סתם פאַרשיידענע שלעק, לומפּען, „בראָדיאַגעס", מענשען אָהן אַ באַשטימטער פּראָפעסיע, מענשען, וואָס האַלטען בסוד זייערע נעמען; אָבער אויך גאַנץ אָרענטליכע מענשען פלעגט מען דאָ טרעפען גאָר אָפט: מענשען, וואָס האָבען ניט אַרויסגענומען צו דער רעכטער צייט אַ נייעם פּאַס, און מען יאָגט זיי מיט'ן עטאַפּ אַהיים; מענשען, וואָס זיי האָט גלאַט געטראָפען אַן אומגליק: געהאַט עפּעס אַ סכסוך מיט אַ פּאָליציאַנט און קיין שמיר־געלט ניט געגעבען. און נאָך און נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס ווייסען אַמאָל אליין ניט, וואָס וויל מען אייגענטליך פון זיי האָבען.

סמאָלענסק איז אַ גרויסער באַהן־קנופּ, וואו עס געהען זיך צונויף עטליכע אייזענבאַהן־ליניעס. און אויף אַזאַ אופן פלעגען כמעט אַלע טאָג אָנקומען און אוועקגיין נייע פּאַרטיעס. יענער טייל, וואָס האָט געדאַרפט אַוועקגיין אין דער ריכטונג פון מלחמה־געביט, פלעגט בלייבען זיצען אין סמאָלענסק גופא, די איבעריגע פלעגען בלויז אָפּליגען עטליכע טעג און נאַכדעם אוועקפאָרען ערגעץ־וואו ווייטער. אין אַ לאַנגער רייה אָהן אַן אויפהער פלעגען זיך באַוועגען פאַר אונזערע אויגען די פאַרשיידענע מענשליכע טיפּען, ווי אַ מין קינעמאַטאָגראַף: פאַרשיידענאַרטיג, משונה'דיג, אַמאָל זעהר ניט אַנגענעם, אָבער אַלענפאַלס שטענדיג אינטערעסאַנט.

אַט זיצען מיט אונז דריי אוקראַינישע פּויערים: יונגע בחורים ערגעץ פון קיעווער גובערניע; געזונטע, שטאַרקע, אַביסעל ווילדע יונגען. ביים אָנהויב מלחמה זיינען זיי געווען אויף ערד־ אַרבייט אין די פאַרטען פון דער קאָוונער פעסטונג. אין אַ שעהנעם אָווענט האָבען זיי זיך אָנגעשכור'ט און, ווי דער שטייגער איז, פאַרפירט צווישען זיך אַ געשלעג. וואָס טוט דער קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג? לאָזט ער זיי ארעסטירען, גיט זיי אַ גוטע פּאַרציע שמיץ און שיקט ארוים אהיים, אלס „פאַרדעכטיג אין שפּיאָנאַזש".

אָבער אַנשטאָט אָנצוקומען אין קיעוו, ווערען זיי עפּעס פאַר־ וואַלגערט אויף'ן וועג, פאַלען אריין אין סמאָלענסק, — און דאָ זיצען זיי שוין גאַנצע דריי חדשים און קאָנען ניט פאָרען ווייטער. פאַרגעסענע!

אַט זיצט מיט אונז אַ פּוילישער פּויער פון לובלינער געגענד. העכער צוויי חדשים וואַלגערט ער זיך דאָ, און די גאַנצע צייט האָט ער נאָך קיין איין מאָל ניט אויסגעטאָן די שטיוועל. די חברה האָט זיך גע'סוד'עט וועגען דעם, אַז אין די שטיוועל זיינען אריינגענייט עטליכע רובעל, טוט ער זיי ניט אויס אפילו געהענדיג אין באָד.

און גאָר אומגערעכט איז ער טאַקע ניט. ווארים בעלנים אויף פרעמדע האָב און גוטס איז דאָרטען געווען גאַנץ גענוג. ביי אַ צווייטען, וואָס האָט זיך ניט אַזוי שטאַרק געהיט, האָט מען בליץ־שנעל צוגע'גנב'עט אַ פּאָר שעלקעס — זיין איינציג פאַרמעגען. דער אַלטער מאַן האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד. נאָר עס האָט ניט געהאָלפען. ערשט אין אַ פּאָר טעג ארום האָבען איהם די גנבים פאַרקויפט זיינע אייגענע שעלקעס פאַר צוויי פּעקלאַך מאַכאָרקע.

אַט זיצט אַן אַלטער פּאַסטוך פון גראָדנער געגענד. ער האָט געהאַט עפּעס אַ מיאוס'ע, עקעלהאַפטע קרענק. זיין גאַנצער גוף איז געווען באַדעקט מיט וואונדען און געשווירען, און פון די דאָזיגע וואונדען פלעגט זיך שטענדיג גיסען עפּעס אַ שטיקענדיגע נאַסקייט. האָט מען איהם טאַקע באַהאַנדעלט ווי אַ מצורע. דער ערגסטער לומפּ האָט ניט געוואָלט עסען מיט איהם פון איין שיסעל. אפילו אָוועקזעצען זיך אויף דער נאַרע האָט מען איהם ניט געלאָזט. און אַזוי פלעגט ער ליגען טאָג און נאַכט אונטער דער נאַרע, אויף

דער קאלטער אספאלטענער פאדלאגע, פארלאזט און פארברודיגט, ווי א חיה.

געוועז דא א טויב־שטומער, וואס איז אויסער דעם, ווי עס ווייזט אויס, אביסעל משוגע אויך. דריי טעג און דריי נעכט איז ער געשטאנען ביי דער טיר, ניט גערירט זיך פון ארט, אומבא־וועגליך ווי א סלופ. און אלעמאל, ווען איך פלעג זיך אויפכאפען ביינאכט, פלעגט מיך טרעפען דער גלעזערנער בליק פון דעם אומאנגענעמען שכן, וואס איז געשטאנען אויף דער וואך ביי דער טיר פון אונזער גהינום.

משוגעים זיינען דארט בכלל געוועז אהן א שיעור. עס טרעפט זיך זעלטען אן עטאפ, וואס זאל ניט פירען מיט זיך עטליכע אזעלכע אומגליקליכע. וואוהין שלעפט מען זיי? וואס וויל מען פון זיי האבען? ווער ווייס! פאראן צווישען זיי מענשען, וואס האבען נאך ניט אינגאנצען אנגעווארען זייער פארשטאנד, אזוי אז מען קאן זיך מיט זיי ווי עס איז צונויפריידען. דאס זיינען דאס רוב אזעלכע, וואס אויף זיי ליגט עפעס א חשד פון א פאר־ברעכען, און מען טרייבט זיי ערגעץ אין א גרעסערע שטאט, וואו א דאקטוירים־קאמיסיע דארף אויספארשען זייער גייסטיגען צושטאנד. מיט דעם דאזיגען מין מענשען טרעפט זיך אפט גאר א באזונדערע צרה. לויט'ן געזעץ מוז אזא ארעסטאנט פאהרען אין דער בא־גלייטונג פון א פעלדשער. זיצט אזא מענש אין סמאלענסק און דארף פאהרען, למשל, אין מאסקווע. אבער דער פעלדשער וועט זיך דאך ניט מטריח זיין צוליב איין ארעסטאנט. ער דארף האבען מינדעסטענס צעהן. אנדערש לוינט זיך ניט דער עסק. מוז דער אומגליקליכער קראנקער זיצען און ווארטען ביז וואנען עס וועט זיך אנקלייבען א גאנצע פארטיע פון 10 משוגעים. און ער ווארט און ווערט פארפוילט אין טורמע.

אין מיין קאמער איז געזעסען אזא פאציענט. דאס איז געוועזען א יונגער בחור וואס האט געליטען פון א שרקליכער נערוועזן קראנק־הייט. אלע צוויי, דריי שעה פלעגט ער באקומען שווערע אנפאלען. ער פלעגט אנידערפאלען האלב אין חלשות, האלב אין קרעמפפען, עפעס ענהליכעס צו עפילעפסי. און אלעמאל פלעגט ער אנהויבען שרייען מיט א ווילדען קול, פלעגט זינגען און שיטען מיט זיד־לערייען, אין א פאר מינוט ארום פלעגט ער ווידער זיין רוהיג

און נאָרמאַל, ביז עס פלעגען פארגיין די ווייטערדיגע פאַר שעה און דער אָנפאַל פלעגט זיך אָנהויבען פון דאָס ניי. און אַזוי איז דאָס געווען שטענדיג, רעגעלמעסיג, טאָג און נאַכט. ס'איז גרינג זיך פאָרצושטעלען, ווי אזוי האָט אַזאַ שכנה'שאַפט געווירקט אויף אונזערע נערוועז. מען האָט געקענט אַליין משוגע ווערען.

אגב: נאָכדעם ווי איך בין אָפּגעזעסען אין סמאָלענסק פינף וואָכען און זיך אומגעקערט אין אָריאָל, בין איך מיט דריי חדשים שפּעטער ווידער אַמאָל געפאָרען איבער סמאָלענסק. און דער ער־שטער אַרעסטאַנט, וועמען איך האָב דאָרטען געטראָפען, איז געווען דער אייגענער קראַנקער בחור. ער איז נאָך אַלץ געזעסען און געוואַרט אויף די אַנדערע נייַן, וואָס האָבען געפעלט צום מנין.

אַ היבש ביסעל גזלנים און רוצחים זיינען אויך געווען צווישען אונזערע חברה־לייט. דאָס זיינען גראָד ניט די ערגסטע שכנים. מען שטעלט זיך געוויינליך פאָר אַזעלכע מענשען אַלס פינסטערע ברואים, וואָס אויף זייערע פנים'ער ליגט דער שטעמפּעל פון פאַרגאָסענע מענשליכע בלוט. ס'איז אָבער גאָר ניט אַזוי. מען קאָן אַמאָל וואָכענלאַנג שלאָפען מיט אַזעלכע מענשען אין איין נאַרע, זייט ביי זייט, און עס וועט אפילו אין קאָפּ ניט איינפאַלען, אַז אויף זיין געוויסען ליגט אַזאַ פאַרברעכען. און איך האָב געטראָפען צווישען זיי ממש סימפּאַטישע בחורים.

אָט, געדענק איך, פּירט מען אַריין צו אונז אין קאַמער אַ יונגען מאַן אין אַרעסטאַנטסקע קליידער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ פערם; צוזאַמען מיט זיינע עלטערען האָט ער זיך אַריבערגעקליבען אויף קאַווקאַז, זיך דאָרטען באַזעצט, דערנאָך עפּעס אָפּגעטאָן „אַ שטיקעל אַרבייט" און אַריינגעפאַלען אין געפענגניס. איצט האָט ער אָקאָרשט אָפּגע'פּטר'ט פיער יאָהר קאַ־טאָרגע און געהט קיין סיביר.

אַ פּריש, קינדיש פּנים, נאַאיווע שוואַרצע אויגען, שעהנע ווייסע ציין, אַ גוטמוטיגער אָפענער שמייכעל. מיר ווערען באַלד גוטע פריינד, שפּילען אין דאַמקעס, לאַכען און שטיפען. און אַמאָל פרעג איך איהם, פאַרוואָס ער האָט אייגענטליך באַקומען זיינע פיער יאָהר קאַטאָרגע. דער יונג איז געווען גרייט מיר דאָס צו דערציילען. אָבער עס איז אָנגעקומען ניט גרינג, ווייל דער פּערס קאָן בלויז געציילטע רוסישע ווערטער, און אויף פּערסיש

פארשטיי איך קיין איין װאָרט ניט. אָבער, אז מען װיל, גיט מען זיך אַן עצה. מען רעדט מיט די הענט, מיט אייגענע און אפילו מיט פרעמדע הענט. אָט כאפט מיין פריינט דריי מאן פון „פוב־ליקום", שטעלט זיי אוים אין א שורה — די חברה־לייט פאר־שטייען ניט װאָס מען װיל פון זיי האָבען — און עס הויבט זיך אָן א באשיינפערליכע דערציילונג, לויט'ן אנשויאונגס־מעטאָד, אזוי צו זאָגען, מיט לעבעדיגע בילדער.

די דריי בחורים שטייען אויסגעשטעלט, און דער פערם הויבט אָן צו דערציילען. „אָט דער — ער טייטעלט מיט'ן פינגער אויפ'ן ערשטען — א פעטער פון מיר. „פארשטאנען? — „יאָ, יאָ!" „גוט, אָט דער — א טייטעל מיט'ן פינגער אויפ'ן צװייטען — א פרעמדער. און אָט דער — א טייטעל אויפ'ן דריטען — א ברודער פון פרעמדען. אָט אזוי. גוט". איצט כאפט ער אָן דעם פרעמדען פאַר דער האנט און דערלאנגט מיט יענעמ'ס פויסט א גוטען קלאפּ זיין „פעטער": געשטאָכען— טייטעלט ער אוים— אװעקגעהרג'עט. טויט. פארשטאנען?" „אָ, יע, װאָס װייטער?" „נו, און דער־נאָך איך — יענעם" — און דער פערם דערלאנגט מיט זיין אייגענעם פויסט א קלאפּ דעם „ברודער פון פרעמדען": „אויך געהרג'עט! טויט! פארשטאנען?"

„יע, אָבער װאָרט נאָר, פארװאָס האָסטו אװעקגעהרג'עט דעם פרעמדענ'ס ברודער און ניט דעם פרעמדען גופא, װאָס האָט געשטאָכען דיין פעטער?" „אָ, א ברודער פון מיר האָט איהם שוין פריהער..." די פויסט פאָכט װייטער אין דער לופטען: „דער־הרג'עט. יענער טויט. מיין ברודער — קאטאָרגע".

און איצט דערמאָנט זיך דער בחור װעגען גאָר א פרייליכער זאך. און ער לאכט און שפרייגט װי א קינד, און שלעפּט אהער נאָך צװיי מענער, שטעלט זיי אוים און טייטעלט מיט'ן פינגער: „אָט דיר — א צװייטער ברודער פון מיר, און אָט דער — א צװייטער ברודער פון דעם פרעמדען", און װייטער כאפט ער די האנט פון דעם „צװייטען ברודער" און דערלאנגט מיט איהר א קלאפּ דעם „צװייטען קרוב". — אויך טויט. אויך קאטאָרגע!" ענדיגט ער זיין ערצעהלונג — און קװעלט.

— װאָס װעסטו טאָן, אז דו װעסט זיך װידער אמאָל אומ־קערען אויפ'ן קאװקאז? — פרעג איך אַן אנדער מאָל דעם פערם.

„אַה, דאַרטען זיינען געבליבען נאָך צוויי", — ענטפערט ער גאַנץ געלאַסען, — יענע מוז איך אויך..." און ווידער הויבט זיך אויף די פויסט און דערזאָגט דאָס, וואָס די ווערטער קאָנען נישט אַרויסזאָגען: הריגה. און מיט אַמאָל ווערט ער ערנסט. „מען מוז!" — זאָגט ער מיט אַ נאַאיווען קוק פון זיינע פרייע, שוואַרצע, קינדערשע אויגען, — „מען מוז! בלוט־נקמה!"

אַט איז געזעסען מיט מיר אַן אַלטער מאַן, וואָס האָט גע־הרג'עט זיין פרוי; אַ צווייטער האָט גע'הרג'עט זיין שוויגער; אַ דריטער — אַ יונגער בחור — דעם מאַן פון זיין שוועסטער. אַלע דריי דורכאַוים שטילע, רוהיגע, פרידליכע מענשען.

איך האָב געזעהן אַ פּראָפעסיאָנעלען גזלן, וואָס האָט, לויט זיינע אייגענע ווערטער, געהאַט אויף זיין געוויסען זעקס און צוואַנציג קרבנות. איך וואָלט דאָס קיינמאָל נים געגלויבט, ווען איך וואָלט נישט געוואוסט, אַז ער איז טאַקע פאַר'משפט געוואָרען דערפאַר צו אַ לאַנגען קאַטאָרגע־טערמין. אמת, ווען איך האָב איהם געזעהן, איז ער שוין געווען שווער קראַנק, אין דער לעצטער סטאַדיע פון שווינדזוכט, און מיט אַ פאָר וואָכען שפּעטער איז ער טאַקע געשטאָרבען.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער, די „פאַך־לייט", זיינען מיר געווען אין סמאָלענסק באַזונדערס סימ־פּאַטיש.... איך מיין דאָס פון אַ ספּעציעלען שטאַנדפּונקט: צוויי־שע אַלע איינוואוינער פון אַ געפענגנים־קאַמער זיינען זיי די בעסטע שכנים. אַ „בראָדיאַגע", אַ „באָסיאַק", אַ גאַרנישט, וואָס קומט אַריין אין טורמע אַלס אַ צופעליגער גאַסט, איז געוויינליך אַ ברודיגע בריאה, אָפּגעלאָזען, אַראָפּגעפאַלען ביי זיך, אָהן שום אָרדנונג און דיסציפּלין, אָהן קיין שום געפיהל פון חבר'שאַפט. די טיפּען פון גאָרקי זיינען טאַקע גאַנץ מחיה'דיג אין אַ בוך אָדער אויף דער סצענע; נאָר לעבען מיט זיי צוזאַמען אין איין שטוב, שלאָפען מיט זיי צוזאַמען אויף איין נאַרע, עסען מיט זיי צוזאַמען פון איין שיסעל, איז נישט פון די גרויסע פאַרגעניגענס. אָבער די פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער, די רעגעלע אַרעסטאַנטען, די שטענדיגע איינוואוינער פון געפענגנים, — זיי זיינען גאָר אַנדערש. זיי ווייזען אַרוים אַ געוויסע דיסציפּלין, אַ געוויסע אָרענטליכקייט, אפילו געוויסע טראַדיציעס.

בכלל זיינען דאָס גאַנץ אינטערעסאַנטע מענשען, דורכאויס נישט ערגער ווי פילע פון יענע, וואָס געהען אַרום אויף דער פריי. מיט צעהנדליגער יאָהרען צוריק האָט דער גרויסער רוסישער שרייבער דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָט אַליין פאַרבראַכט אויף קאַטאָרגע לאַנגע יאָהרען, געזאָגט, אַז די רוסישע קאַטאָרזשניקעס געהערען צו די פעהיגסטע און בעסטע מענשען פון פאָלק. און מיר דאַכט זיך, אַז עס איז אין אַ גרויסער מאָס ריכטיג אויך אין דער איצטיגער צייט.

איך האָב זיך באַקענט מיט אַ גרויסער צאָהל גנבים, און איך האָב טאַקע זעלטען געטראָפען אויף דער פריי אַזעלכע פעהיגע, געניטע און קלוגע מענשען. און באַזונדערס אינטערעסאַנט איז איין זאַך: נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זייער גאַנצע פּראָפעסיע איז אין תוך גענומען ריין אינדיווידואַליסטיש, — יעדער האַנדעלט פאַר זיך; אַן ארבייט פאַר׳ן כלל איז דאָס אודאי ניט — ווייזען זיי פונדעסטוועגען אַרויס גאַנץ בול׳ט סאָציאַלע מדות טובות. אַ געפיהל פון אחדות, למשל. און דאָס איז נישט סתם אַ געפיהל, ס׳איז שיער נישט אַ „קלאַסען־באַוואוסטזיין״, אַ גרופּען־באַוואוסטזיין אַלענפאַלס. די חבר׳ישע באַציהונגען זיינען ביי זיי אויסערגעוויינליך שטאַרק אַנטוויקעלט; אין דער אייגענער סביבה איז מען שיער נישט קאָמוניסטיש. וויפיעל מאָל האָב איך דאָס געזעהן: קוים פיהרט מען אַריין אין קאַמער אַן אַרעסטאַנט, אַן אמת׳ען, אין אַרעסטאַנטסקע קליידער, — די מינוט וואַרפט ער אויפ׳ן טיש זיין זעקעל מאַכאָרקע (דאָס ווייכטיגסטע האָב און גוטס פון אַן אַרעסטאַנט): „רויכערט, חברה!״ און טיילט זיך מיט זיין ביסעל טהעע און צוקער און ברויט. עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַר „חברים״ רעכענט ער נאָר די אמת׳ע אַרעסטאַנטען, אַזעלכע ווי ער אַליין. די עטאַפּנע שלעק זיינען פאַר איהם נישט קיין מענשען; זיי זיינען ניט קיין „קאָלעגען״, נאָר צופעליגע געסט; זיי געהערען צו אַן אַנדער וועלט.

אַ קלייניגקייט, וואָס איז אָבער זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַרעסטאַנטישע טראַדיציעס. בעת מען זיצט אין דער עטאַפּען אַפּטיילונג מיט די „צופעליגע שלעק״ און מען טראָגט אַריין צו מיטאָג די שיסלען זופּ און קאַשע, דערלאַנגען זיך אַלע אַ וואָרף, און ווער עס איז פלינקער, דער קריגט מעהר. ווען מען זיצט

אָבער מיט אמת'ע אַרעסטאַנטען, איז דאָס גאָר אַנדערש: מען זעצט זיך רוהיג אַוועק ארום דער שיסעל, און יעדער שעפּט מיט זיין לעפעל כסדר, איינער נאָכ'ן צווייטען, ניט כאַפּענדיג, און אויב עס טרעפט זיך אַמאָל, אַז אין'ם זופּ שווימען ארום שטיקלאַך פלייש, ריהרט זיי קיינער ניט אָן, נאָר אַז מען האָט אויסגעשעפּט די גאַנצע זופּ, דאַמאָלט צוטיילט מען די פלייש צווישען אַלעמען. ס'איז אַ קליינגקייט, אָבער אין דער דאָזיגער קליינגקייט שפּיגעלט זיך אָפּ אַ באַזונדערער פּנים, דער פּנים פון אַן „אָרענטליכען" אַרעסטאַנט.

פאַרשטייט זיך, אַז די ספּעציעלע באַדינגונגען פון דעם גנב'ישען „פאַך" לייגען ארויף אויף דעם דאָזיגען פּנים אַ גאַנץ באַזונדער שטעמפּעל. אָבער די באַציהונג פון די דאָזיגע לייט אַפילו צו זייער טרויעריגען פאַך איז דורכגעדרונגען מיט אַ געוויסער — איך וואָלט כמעט ריזיקירען דעם אויסדרוק — מאָראַלישער ערנסטקייט. דאָס גנב'ענען איז פאַר זיי ניט קיין טעאַטראַלישע קונצען-מאַכעריי, אָדער אַ ראָמאַנטישע אונטערנעהמונג, וואָס גראָד די ריזיקע מאַכט דאָס אַזוי אינטערעסאַנט און צוציהענד. ניין, דאָס איז פאַר זיי אַ גאַנץ פּראָזאַאישע, וואָכעדיגע, טרוקענע ארבייט. און אַזוי רופען זיי דאָס טאַקע אָן „ארבייט", אַ מלאכה, ווי אַלע אַנדערע. אַ בראַנזשע, אַ „טרייד", וואָס מען מוז לערנען; און מען מוז אויסקלייבען איינעם פון די פאַרשיידענע ספּעציעלע פאַכען. פאַראַן דאָך אַ סך: קעשענע-גנבה, הויז-גנבה, פערד-גנבה און נאָך און נאָך. און ארבייטען ארבייט מען מיט מיה און מאַטערניש. אַ פאַרגעניגען איז דאָס געוויס ניַשט.

אַ שווערע ארבייט, — זאָגט מיר אַמאָל אַ גנב, — אָבער איך האָב ניט קיין אַנדער ברירה, קיין אַנדער מלאכה האָב איך ניט געלערנט, קיין אַנדער פּראָפעסיע האָב איך ניט. וואָס-זשע טוט מען? און סוף כל סוף — גיט ער צו מיט אַ נייער איבערציַיגונג: אימיצער מוז דאָך גנב'ענען. אָט בין איך דער אימיצער..."

— הער זיך צו, — דערציילט מיר אַזאַ בעל מלאכה, — דאָס ערשטע מאָל האָב איך געמאַכט אַ גנבה, ווען איך בין געווען אַלט דרייצעהן יאָהר. וואָס ווייסט אַזאַ אינגעלע? ס'איז געווען אַ צופעליגע זאַך, אַ שפּאַס, אַ שטיפעריי. האָב איך אָבער ניט געהאַט קיין מזל; בין אריינגעפאַלען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ לעבען

אין טורמע. דאָ האָב איך זיך שוין אָביסעל אויסגעלערנט די מלאכה, און דאָס איז מיר צוניץ געקומען, ווארים אַז איך בין ארויסגעגאַנגען פון טורמע, זיינען פאַר מיר אַלע טירען פון די „אַנשטענדיגע מענשען" געווען פאַרשלאָסען. „ביזט אַ גנב, טראָג זיך אָפּ!" — נו, האָב איך געטראַכט, אויב אַזוי, טאָ לאָמיר שוין ווערען עפּעס אַ לייט אין מיין פאַך וויינינגסטענס. אויב שוין יע אַ גנב, איז כאָטש אַ געניטער. בין איך טאַקע געוואָרען אַ פּראָ־פעסיאָנעלער גנב, און וועל שוין בלייבען ביז'ן סוף. מיינסט אפשר, אַז דאָס איז אַ פריילינבע זאַך? האָסט אַ גרויסען טעות, ליבער פריינט. זעה נאָר, אַ פּאָר חדשים ארבייט איך, דאַן פּאַל איך אריין און זיץ אָפּ אַ פּאָר יאָהר, דאַן ארבייט איך ווידער אַ קורצע צייט און פאַל ווידער אריין. און אַזוי גייט דאָס אָהן אַ סוף. זינט יענער ערשטער גנבה בין איך אָפּגעזעסען אַ יאָהר צוואַנציג — ניט מיט אַמאָל, נאָר אויף „אויסצוצאָהלען". און אויף דער פריי בין איך פאַר דער גאַנצער צייט געווען אפשר אַ טוץ יאָהרען. וואָס איז די שמחה? און די ארבייט גופא — מיינסט, אַז זי איז אַ גרינגע? אַ הינטיש לעבען, זאָג איך דיר, אַן אמת הינטיש לעבען. אָבער אַזוי איז דאָס שוין און עס לאָזט זיך נישט בייטען. מען מוז דאָך עפּעס פּאַרדינען, און יעדער טוט וואָס ער קאָן.

מאַנכער גנב איז מיר ליב געוואָרען. ווי קאָן דאָס זיין? ווערען אַ פריינד מיט אַזעלכע אונמאָראַלישע מענשען? זאָג איך אָבער: די חברה־לייט האָבען יע אַ מאָראַל. געוויינליך, אַ צודרעהטע, אַ משוגע'נע, אָבער פאָרט אַ מאָראַל. די דאָזיגע מאָראַל ערלויבט צו גנב'ענען — ס'איז אמת! ניט אומזיסט איז זי געשאַפען געוואָרען פון גנבים. און די גנבים האַסען די אַנשטענ־דיגע מענשען און קוקען אויף זיי ווי אויף זייערע נאַטירליכע קרבנות. און פונדעסטוועגען האָבען זיי אויך זייערע פּרינציפּען. זעלטען ווען אַ גנב וועט באַ'עולה'ן אַן אָרימאַן. און ווען עס טרעפט זיך, אַז עפּעס אַ ניט רייפער בחור אָדער גלאַט אַ גאָרניט ערלויבט זיך צו גנב'ענען ביי אַ קבצן זיין ביסעל אָרימקייט, איז ער פאַר דעם אָרענטליכען גנב אַ לומפּ, אַן אויסוואורף, ווייל דאָס איז געגען דעם כבוד פון אַן „ערנסטען" גנב, דאָס איז געגען דער גנב'ישער מאָראַל.

און מיר דאַכט זיך, אַז ווען מען זאָל זיך גוט צוקוקען צו

מאנכע פון יענע „בכבוד'יגע" לייט, וואָס געהען אַרום פראַנק און פריי און האָבען נאָך קיינמאָל ניט געטראָגען די גרויע אַרעסטאַנט־סקע קליידער, וועט מען צווישען זיי געפינען מעהר ווי איינעם, וואָס דאַרף נאָך געהן אין חדר צו דעם פאַרשטויסענעם, פאַר־שאָלטענעם, פאַראַכטעטען גנב.

ס'איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען איין זאַך, וואָס האָט אַ שייכות ניט נאָר צו די גנבים, נאָר צו דער גאַנצער עטאַפּען־אָפּטיילונג. מיר זיינען אָפּגעזעסען אין סמאָלענסק פינף וואָכען, עס איז געווען אַ שטענדיגער צושטראָם און אָפּפלוס פון מענשען; אונזערע שכנים פלעגען זיך כסדר בייטען, און אַזוי אַרום האָבען מיר זיך פאַר דער צייט געטראָפען מיט הונדערטער פאַרשיידענע מענשען. און פאַר דער גאַנצער צייט איז ניט געווען קיין איין פאַל, אַז מיר זאָלען באַמערקען כאָטש אַ סימן פון אַנטיסעמיטיזם. מיר זיינען געווען אין אונזער קאַמער כמעט די איינציגע אידען — פיער מאַן (די צוויי פרויען, וואָס זיינען צוזאַמען מיט אונז גע־גאַנגען קיין וואַרשאַ, זיינען, פאַרשטעהט זיך, געזעסען באַזונדער, אין דער פרויען־אָפּטיילונג), מיר האָבען שטענדיג גערעדט צווישען זיך אידיש. אַלע האָבען געזעהן און געוואוסט, אַז מיר זיינען אידען, און פאַר דער גאַנצער צייט האָבען מיר ניט געהערט קיין איין אַנטיסעמיטישע באַמערקונג, האָבען ניט געפיהלט קיין שפּור פון פיינדשאַפט. דאָס איז געווען אַ גרויסער טרייסט.

עס בלייבט מיר נאָך צו זאָגען עטליכע ווערטער וועגען אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע אַרעסטאַנטען, וואָס פלעגען אין יענער צייט פאַרפּלייצען די רוסישע טורמעס. דאָס זיינען געווען די דייטשען.

ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה, האָט מען זיך גענומען אַרעסטירען איבער'ן גאַנצען לאַנד די דייטשע בירגער. דייטשען זיינען געווען אין רוסלאַנד אָהן אַ שיעור. פלעגט מען זיי אַלע כאַפּען און אַרויסשיקען ערגעץ אין די ווייטע דרום און מזרח גובערניעס. איך האָב זיי געזעהן אין די הונדערטער.

ס'איז אָבער געווען ווייניג. מען האָט געשלעפּט אויך פריד־ליכע דייטשע איינוואוינער פון דייטשלאַנד גופא. אין די ערשטע פאָר חדשים פון דער מלחמה איז דאָס רוסישע מיליטער אריין גאַנץ

טיף אין פרייסען. פלעגט מען אויך דאָרט כאַפּען ציווילע מענשען און פאַרשלעפּען זיי טיף אין רוסלאַנד. און עס פלעגען פאָרקומען דערביי שרעקליכע גרויזאַמקייטען. איך געדענק, אין אַ שעהנעם פרימאָרגען עפענט זיך די טיר פון אונזער קאַמער און עס קומט אריין אַן עלטערער מענש מיט צוויי אינגלאַך, דער עלטערער אינגעל איז אפשר אַ יאָהר 9 אַלט, דער איינגערער — אַ יאָהר 5 אָדער 6. אויסגעדאַרט, אויסגעמאָגערט, הונגעריג, עלענד. וואָס איז דאָס? אַ דייטש פון טיף פרייסען. דערציילט ער אונז זיין טרויעריגע געשיכטע. ער איז אַ פויער ערגעץ פון דער געגענד אַרום טילזיט. ער איז געווען גראָד אויפ'ן פעלד — און זיינע צוויי אינגלאַך צוזאַמען מיט איהם, ווען עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַפּטיילונג פון דער רוסישער אַרמעע. דער אָפיצער האָט איהם צוגערופען און געהייסען גיין מיט זיי. וואוהין? קיין רוסלאַנד! און די קינדער? די קינדער אויך.

בעט ער זיך: לאָזט מיך כאָטש אריינכאַפּען זיך אויף אַ ווײַלע צו מיר אין שטוב אריין נעמען אַביסעל קליידער פאַר די קינדער. ניין! אַט אַזוי ווי זיי שטעהען און געהען, מוזען זיי געהן מיט דער אַרמעע. און זיי זיינען געגאַנגען, און געקומען צו דער רוסישער גרענעץ, און דאָרטען האָט מען זיי אריינגעשפּאַרט אין טורמע און גענומען שיקען פון איין שטאָט אין דער צווייטער, פון איין טורמע אין דער צווייטער, אַלץ ווייטער און ווייטער. איצט טרייבט מען זיי אין אַ שטעטעל פון אַסטראַכאַנער גובערניע. דאָס קלענערע אינגעל איז שלאַף און קראַנק. אָנגעטאָן עפּעס אין ווייבערשע שמאַטעס, וואָס אַ באַרמהערציגע פרוי פון אַ טורמע־אויפזעהער האָט איהם געגעבען אויפ'ן וועג — ווען ניט וואָלט ער שוין פאַרפראָרען געוואָרען. און זיי דאַרפען נאָך דורכמאַכען אַ וועג פון אַ פּאָר טויזענט מייל. ס'איז געווען אַ ביטערער רחמנות. מיר אַליין זיינען געווען אין אַ שרעקליכער לאַגע, אָבער מיר האָבען פאַרגעסען אַלע אונזערע צרות און האָבען אויף זיך געקוקט ווי אויף גליקליכע און אויסערוויילטע אין פאַרגלייך מיט'ן שוידער־האַפטען עלענד פון די דאָזיגע אונשולדיגע קרבנות.

.89

# מיר פאָהרען ווייטער.

פינף וואָכען זיינען מיר אָפּגעזעסען אין סמאָלענסק. מיר האָבען שוין געמיינט, אַז מיר וועלען פארפוילט ווערען דאָרטען. מען האָט אונז אָבער פאָרט געפונען. אין אַ שיינעם פרימאָרגען איז געקומען צופאָהרען פון ווארשא מיין פרוי; געבראַכט קליידער, וועש, עסענוואַרג. ווען זי האָט מיך דערזעהן דורך די גראַטעס, האָט זי מיך ניט דערקענט — אַזוי אָפּגעלאָזען און ווילד האָב איך אויסגעזעהן.

זי האָט ניט געהאַט קיין אַהגונג וועגען דעם, אין וואָס פאַר אַ לאַגע מיר האָבען זיך געפונען. קומט זי צוגיין און ברייננגט גוטע זאַכען: שאָקאָלאַד און פרוכטען און פארשיידענע זיסיגקייטען. קוק איך אויף די זאַכען און זאָג איהר: ס'איז זעהר פיין, אָבער דו וועסט מיר טאָן אַ גרויסע טובה, אויב דו וועסט זיך אַראָפּכאַפּען אין שטאָט און ברייננגען עטליכע פונט גוטע ברויט און ווורשט און פעטס און פוטער, ווארים זינט מיר זיינען אַוועק פון ווארשע — און דאָס איז שוין אַ מעשה פון קנאַפּע פינף חדשים — האָבען מיר נאָך כמעט ווי קיין איין מאָל ניט געהאַט קיין אמת מענשליכען עסען. מיר זיינען הונגעריג.

איז זי געלאָפען און געבראַכט די מאכלים, און מיר האָבען זיך ענדליך אָנגעגעסען געשמאַק און זאַט.

אין אַ צייט אַרום האָט מען אונז אַוועקגעשיקט צוריק אין אָריאָל.

וועגען דעם, ווי „שיין" עס איז געווען דאָס לעבען אין אָריאָל, האָב איך שוין פריהער געשריבען. אָבער אין פארגלייך מיט סמאָלענסק איז עס געווען אַן אמת'ער גן־עדן. דאָ האָב איך זיך גוט אויסגערוהט און זיך געפיהלט גאַנץ גוט. אָבער דאָס „גוטע" לעבען האָט געדויערט בלויז אַ פּאָר חדשים. דאַן איז ווידער

אַנגעקומען א נייער באַפעהל: וואָס איז? מיר דאַרפען ווידער פאָהרען. פאָהרען? וואוהין? קיין ווארשא.

עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען. די גאַנצע מעשה הויבט זיך אָן פון אָנהויב. ווידער וועלען מיר קומען אין סמאָלענסק, און ווידער וועט זיך ארויסווייזען, אַז דער ווייטערדיגער וועג איז פאַרשפּאַרט, און ווידער וועט מען אונז דאָרטען פאַרגעסען. ס'איז שרעקלאַך. איך בעט זיך, מען זאָל אונז לאָזען צורוה. עס העלפט ניט. דער עטאַפּ קומט. מיר פאָהרען.

דאָס מאָל האָב איך אָבער געהאַט מעהר מזל. דער וועג קיין ווארשא איז שוין געווען אָפען, און די גאַנצע נסיעה האָט געדויערט „בלויז" א פּאָר צעהנדליג טעג. ס'איז געווען אפילו א שווערער וועג, פול מיט צרות און ערנידערונגען. אָבער נאָך די סמאָלענסקער יסורים איז מיר שוין דאָס ערגסטע ניט געווען שרעקלאַך. ערגער ווי אין סמאָלענסק האָט שוין סאַי ווי סאַי ניט געקענט זיין.

דער פּיינליכסטער אינצידענט איז אָבער פּאָרגעקומען סוף וועג, באַלד ווי מיר זיינען אָנגעקומען אויף דער ווארשעווער סטאַנציע. ס'איז געווען אַזאַ מעשה:

ניט ווייט פון ווארשא האָט מען אריינגעבראַכט אין אונזער וואַגאָן א אידישען יונגען מאַן. א בלאַסער בחור, א לאַנג געקליידעטער — א זעלטענהייט צווישען ארעסטאַנטען. האָבען מיר געפּרופט ריידען מיט איהם. שווייגט ער. פרעגען מיר איהם, פון וואַנען ער איז, פאַרוואָס ער זיצט, וואוהין מ'טרייבט איהם — שווייגט ער. מילא, האָבען מיר איהם געלאָזען צורוה. אָנגעקומען קיין ווארשא, האָט מען אונז ארויסגעפיהרט פון וואַגאָן — ווי דער שטייגער איז, מיט האַנט־קייטלאַך פּאָרענווייז צונויפגעשלאָסען: א רעכטע האַנט פון איינעם צוגעשמידט צו דער לינקער האַנט פון צווייטען.

מען שטעלט אונז אויס אויף דער פּלאַטפאָרם. און מיר וואַרטען. ס'איז פינסטערלאַך. דער אידישער בחור שטעהט ניט ווייט פון מיר. פּלוצלונג זעה איך: ער ציהט ארויס זיין האַנט פון דער קייטעל (אמאָל, ווען איינער האָט זעהר א קליינע האַנט, לאָזט זיך דאָס מאַכען), דערלאַנגט א שפּרונג און הויבט אָן צו לויפען. אין דעם ערשטען מאָמענט האָבען זיך די זעלנער אפילו

ניט געכאַפּט. אָבער אין אַ פּאָר סעקונדעז אַרום דערזעהען זיי איהם און מען לויפט איהם נאָך. דער בחור שפּרייזט איבער די רעלסען. וואָלט ער געהאַט כאָטש אַביסעל פלינקייט, וואָלט ער גרינג געקאָנט אַנטלויפען. קאָן ער אָבער ניט. ניט ער לויפט, נאָר ער קריכט ממש. נאָך אַ פּאָר סעקונדען, און דער זעלנער כאַפּט איהם שוין פאַר'ן קאַרק. מען ברייגנט איהם צוריק, און עס הויבט זיך אָן די שלעגעריי. די זעלנער זיינען אין כעס. וואָלט ער אַנטלאָפען, וואָלטען זיי באַשטראָפט געוואָרען. גיסען זיי אויס זייער כעס. מען שלאָגט. מען שלאָגט מיט די קולאַקעס, מען שלאָגט מיט די הענטלאַך פון די שווערדען — אין מויל אַריין, איבער'ן נאָז; עס גיסט זיך בלוט. מען שלאָגט. ענדליך הערט מען אויף. דער „סטאַרשי" קאָמאַנדעוועט: „אַרויס די רעוואָל־ווערען! און טאָמער מאַכט איינער אַ האַלבען טריט אָן אַ זייט — אַ קויל אין קאָפּ!" און אַזוי גייען מיר אין שטאָדט אַריין. און געהענדיג דערמאָנט מען זיך שטענדיג אָן דעם אומגליקליכען בחור, און אַלע מינוט קריגט ער ווידער אַ קלאַפּ, ווידער אַ שטויס, ווידער אַ פּאַטש. אַזוי געהען מיר איבער דער גאַנצער שטאָדט, פון דער בריסקער באַהן צו דער מאָקאָטאָווער טורמע, און שפּעט ביינאַכט קומען מיר ענדליך אָן אין אונזער נייעם מקום מקלט. אַ נייער אַפּרוּת.

.90

# מאַקאַטאָוו.

ווידער בין איך אריין אין דאָס גרויסע מאַקאַטאָווער קאַ־טאָרזשנע געפענגנים, דאָס אייגענע, פון וועלכען עס האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ האַלבען יאָהר פריהער דער שווערער יסורים־וועג, און פון וועלכען עס האָט זיך איצט געדאַרפט אָנהויבען אַ נייער וועג, אפשר נאָך אַ שווערערער, נאָך אַ לענגערער.

אין דער צייט פון די מלחמה־חדשים איז די מאַקטאַאָווער טורמע געוואָרען אויס קאַטאָרגע. די קאַטאָרזשניקעס האָט מען ארויסגעשיקט אין טיף רוסלאַנד. ס'איז געוואָרען אַן אונטער־זוכונגס־געפענגנים — אַן אָרט פאַר די, וואָס זיינען נאָך ניט פאַר'משפט. צוויי מאָל האָט מען שוין אויסגעליידיגט די טורמע — ארויסגעשיקט אַלעמען קיין רוסלאַנד — און צוויי מאָל איז עס ווידער פול געוואָרען איבער'ן ברעג: מען פלעגט כאַפּען מענשען רעכטס און לינקס.

אַ מאָדנע קאָלעקציע פון מענשליכע טיפּען האָט זיך דאָ צונויפגעקליבען אין דעם קאַלאָסאַלען בנין. די צוויי הויפּט־גרופּען, וואָס מען טרעפט געוויינליך אין אַ רוסישען געפענגנים — די קרימינעלע ארעסטאַנטען און די אמת'ע „פּאָליטישע" — זיינען דאָ געוועזען פאַרטראָטען פארהעלטניסמעסיג שוואַך. מעהרסטענ־טיילס זיינען דאָ געזעסען קרבנות פון דער מלחמה־צייט, מענשען וואָס מען האָט באַשולדיגט אין שפּיאָנאַזש און פאַררעט.

די „אַריסטאָקראַטיע" פון דער מאַקאַטאָווער טורמע איז געוועזען אַ באַזונדערע גרופּע פון אַ מאַן צוואַנציג — מענער און פרויען — וועלכע האָבען געמאַכט אַ גרויסען רושם. דאָס איז געוועזען דער באַוואוסטער מיאַסאָיעדאָוו (אַן אָנגעזעהענער רוסישער אָפיצער, וואָס מען האָט באַשולדיגט אין פאַרראַט), און די וואָס זיינען

געווען באַשולדיגט צוזאַמען מיט איהם. מיט מיאַסאָיעדאָוו׳ען גופא האָט מען געמאַכט אַ סוף גאָר גיך. די גאַנצע אונטערזוכונג האָט געדויערט בלויז עטלאַכע וואָכען און אפשר גאָר טעג, דאַן האָט מען איהם אוועקגעשטעלט פאַר׳ן פעלד־געריכט, פאַר׳משפט צום טויט דורך אויפהענגען. די אַנדערע אָבער, וואָס זיינען געווען מיט איהם פאַרבונדען, זיינען געבליבען זיצען און די אויספאָרשונג איז געגאַנגען ווייטער.

אין אונזער געפענגנים האָבען די דאָזיגע מענשען פאַרנומען אַן אויסנאַהמס־אָרט. עס איז געווען רעזערווירט פאַר זיי אַ באַזונדערע געביידע; זיי זיינען געזעסען אין איינצעלנע קאַמערען (מיר, די געוויינליכע, פלעגען זיצען אין גרעסערע קאַמערען צו אַ פּאָר צעהנדליג מאַן אין יעדער), זיי זיינען אַבסאָלוט אָפּגעטיילט געוואָרען פון אַלע אַנדערע און באַוואַכט מיט אַ באַזונדער שטרענגקייט. זייער בנין איז איבערגעגעבען געוואָרען אין רשות פון זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבען איהם געהיט אַזוי, ווי זשאַנדאַרמען קאָנען היטען.

קיין שום פאַרבינדונגען מיט דער דאָזיגער גרופּע האָבען מיר ניט געקענט האָבען. בלויז פון די פענסטער האָבען מיר זיי געקענט זעהן, בעת מען פלעגט זיי אַרויספיהרען — איינציגווייז, אונטער אַ שטרענגער אויפזיכט — אויפ׳ן טורמע־הויף. דאָס זיינען געווען דאָס רוב הערען פון דער „בעסערער געזעלשאַפט„ און אויך עלעגאַנטע דאַמען.

טאָג־טעגליך פלעג איך פון פענסטער זעהן מיאַסאָיעדאָוו׳ס פרוי, וואָס איז אויך געווען אַרעסטירט און באַשולדיגט צוזאַמען מיט איהם. אַ הויכע דאַמע מיט אַ טויט־בלאַסען שטאָלצען פּנים און גאָלדענע האָר. שטענדיג שוואַרץ געקליידעט. זי האָט געוואוסט, אַז איהר מאַן איז שוין אויפגעהאַנגען געוואָרען. און מיט דעם געדאַנק האָט זי געמוזט פאַרברייגגען אַליין טאָג און נאַכט אין דער איינציגער קאַמער און וואַרטען אויף איהר אייגען געריכט...

זי האָט פונדעסטוועגען געטראָגען איהר גורל גאַנץ מוטיג. אָבער עס איז דאָ געווען אַן אַנדערע, וואָס אין משך פון עטלאַכע טעג האָבען די קאַלטע געפענגנים־מויערען אויסגעזויגען פון איהר

די גאַנצע לעבענס־קראַפט, דעם גאַנצען לעבענס־ווילען. עס האָט זיך אַמאָל באַוויזען אויפ׳ן הויף אַ יונג מיידעל, אַ קינד, העכסטענס פופצעהן יאָהר, אויך אַן אַנגעקקלאָגטע. זי איז אויך אריינגעזעצט געוואָרען אין אַן איינצעלנער־קאַמער, און אַ וואָך צייט — אפשר אביסעל מעהר — האָבען מיר זי געזעהן אויפ׳ן הויף בעת׳ן שפּאַציר. מיט אמת קינדערשע באַוועגונגען פלעגט זי אַרומשפּרייזען איבער׳ן הויף — געוועזן דאָרטען אביסעל גרינע גראָז און אַ פּאָר פעלד־בלימעלאך — פלעגט דאָס מיידעל קלייבען די בלימעלאך, מאַכען פון זיי אַ קליין בוקעטעל.... אַ קינד.

עס איז אָבער געקומען אַ טאָג און דאָס מיידעל איז נישט ארויס אויפ׳ן הויף, און מיט אַמאָל פליהט דורך דער גאַנצער געפענגניס אַ שרעקליכע ידיעה: די נאַכט האָט זיך דאָס מיידעל גענומען דאָס לעבען. זי האָט זיך אויפגעהאַנגען אין איהר קאַמער.

באַלד האָט זיך באַוויזען אויפ׳ן הויף דער אויבער־אויפזעהער. געלאָפען און געשריען און געוויזען מיט די הענט אויף אונזערע פענסטער: פאַרמאַכען! אַוועק פון די פענסטער! נישט קוקען! און אין אַ פּאָר מינוט ארום האָט מען ארויסגעטראָגען אויפ׳ן הויף אונטער די וואַך פון אַ טוץ באַוואָפענטע זשאַנדאַרען, אַן אָרים קליין קינדער ארונ׳דעל, דאָס קליינע מיידעל איז אַוועק אין מתים־שטיבעל.

„שפּיאָנען" און „פאַררעטער" — דאָס רוב, אויב ניט אַלע, אין געגזעגנפּיסלאַך — זיינען ביי אונז אין געפענגניש געוועזן אָהן אַ שיעור. ווער איז נישט געווען „פאַרדעכטיג" אין יענע צייטען? וועמען האָט מען נישט אריינגעזעצט?

אָט האָב איך געטראָפען אַ גאַנצע גרופּע פון פּוילישע פּויערים, פון אַ קליין שטעטעל אין קיעלצער גובערניע. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה און די רוסישע „נאַטשאַלסטוואָ" האָט געמאַכט פיס, האָבען די פּויערים אָרגאַניזירט אַ מיליציע כדי אָפּ־צוהיטען די אָרדנונג; די „נאַטשאַלסטוואָ" גופא, פאַר׳ן אַנט־לויפען, האָט זיי געהייסען דאָס צו טאָן, און האָט זיי אָנגעזאָגט דערביי: אויב דער שונא וועט קומען, דאַרפט איהר זיך פיהרען רוהיג און פאָלגען וואָס ער וועט אייך זאָגען.

דער שונא איז טאַקע געקומען. שפּעטער איז ער אָבער

ווידער אוועק. די רוסען האָבען זיך צוריק אומגעקערט, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען, ווי דער שטייגער איז, שיטען מסירות. און דער סוף איז געווען — געפענגנים. מען האָט אַרעסטירט סאַי די מיליצאַנטען און סאַי די ניט־מיליצאַנטען, און מען האָט זיי אַלעמען באַשולדיגט, אַז זיי זיינען כלומרשט אַריינגעטראָטען אין די פּוילישע לעגיאָנען, באַגאַנגען אַ מלוכה־פאַרראַט, מיטגעהאָלפען די פיינדליכע אַרמעען, און אַזוי ווייטער.

איינער פון די דאָזיגע „לעגיאָניסטען" איז געווען אַ זקן פון פיער און זיבעציג יאָהר, וואָס האָט זיך קוים געקענט האַלטען אויף די פיס.

ס'איז געזעסען מיט אונז אַ קאַטוילישער גלח, אַ קאַפּוצינער, אין אַ לאַנגען ברוינעם מלבוש. אַ לעבעדיגער, אַ וויציגער, אַ קלוגער מאַן. „פריהער האָבען מיך אַרעסטירט די דייטשען — פלעגט ער זיך באַריהמען — אָבער פון זיי האָב איך זיך אַרויסגעדרעהט. איצט ווילען מיך די רוסען מכבד זיין מיט אַ שטריקעל; און איך מיין, אַז זיי וועלען דאָס ביי זיך געווים פּועל'ן: שטריק האָט מען אין רוסלאַנד גענוג".

סוף כל סוף האָט ער זיך אָבער אויך פון די רוסען אויסגע־דרעהט. ווי אַזוי ווייסט מען נישט. אָבער אין אַ פּאָר יאָהר אַרום האָב איך איהם געזעהן אין עפּעס אַ פּאַטריאָטישער פּראָצעסיע אויף די גאַסען פון וואַרשאַ.

אַ צווייטע גייסטליכע פּערזאָן איז דאָ געווען אַ לוטעראַנישער פּאַסטאָר. ער איז געווען ביי דער אַרמעע אַלס אַ פעלד־גלח. זיינען אַמאָל געקומען צו איהם צוויי לאַטווישע זעלנער און געבעטען, ער זאָל זיי געבען ביכער צום לעזען. האָט מען אָנגעהויבען צו שמועסען, און דערביי האָט דער פּאַסטאָר אַרויסגעזאָגט עפּעס אַ פּאָר פּעסימיסטישע געדאַנקען: אַז די מיליטערישע לאַגע איז ניט קיין פויגעלדיגע. די זעלנער האָבען איהם פאַר'מסר'ט און דער פּאַסטאָר איז אַרעסטירט געוואָרען און באַשולדיגט אין פּאַרראַט.

צוויי רוסישע בעאַמטע זיינען דאָרטען געזעסען. יעדערער פון זיי איז געווען אַ ראש פון אַ גאַנץ קרייז (פּאָוויאַט, אויעזד). איינער פון זיי איז געווען פריהער אַ ראַטמיסטער (קאַפּיטאַן) פון דעם וואַרשעווער אולאַנער גוואַרדיע־פּאָלק; ביידע באַשולדיגט אין שפּיאָנאַזש.

געוועז א באהן־באאמטער, וואס האט געטאן פאר דער רוסישער ארמעע עפעס גאר א גרויסע טובה, — דערנאך האט מען איהם באשולדיגט אין שפיאנאזש און ארייגעזעצט אין טורמע.

א דיענסטמאן (מעסענדזשער), ביי וועלכען מען האט געפונען אן עקזעמפלאר פון עפעס אן אויפרוף: אימיצער האט געהייסען איהם דאס אוועקטראגען ערגעץ; א פריץ, וואס האט כלומרשט געהייסען די פויערים, זיי זאלען ניט אוועקגעבען זייערע פערד פאר דער רוסישער ארמעע; א שוסטער, א בעל הבית, וואס האט געלייענט עפעס אן אומלעגאלען זשורנאל; א יונגערמאן, א טעכניקער, וואס האט געארבייט אין די אקאפעס (טרענטשעס) און געמאכט צייכנונגען, וועלכע זיינען געוועזן נויטיג פאר זיין ארבייט; א מאסע אידען פון כל המינים. אבער ווער קאן זיי אלעמען געדיינקען? הונדערטער און הונדערטער פארשיידענע מענשען זיינען דא אלע געזעסען און געווארט אויפ'ן מיליטער־געריכט.

און אלע, אלע זיינען געוועזן אנגעקלאגט לויט דעם זעלבען גרויזאמען פאראגראף 108, יענעם פאראגראף, וואס ווערט אנגעווענדעט נאר אין מלחמה־צייט, וואס נעמט ארום אין זיין קאוטשוקראמע אלץ וואס מען וויל נאר ארייגלייגען אהין, און וואס האט נאר איין און איינציגע שטראף:

טויט דורך אויפהייגען!

.91

## פאר'משפט!

דאָס איז געווען דעם 3טען מאַי, 1915. אַן אמת'ער פרילינגס־טאָג איז דאָס געווען: ווארים, שעהן, פול מיט זונען־שיין. דעמאָלט האָב איך דאָס וויניג באמערקט, נאָר איצט דערמאָן איך זיך גאַנץ גוט. די מלחמה האָט זיך אין די גאַסען כמעט אינגאַנצען ניט געשפירט. עס ווארפען זיך בלויז אין די אויגען די פילע בארמהערציגע שוועסטערן: אויסגעפוצט, ניט זעלטען אין עלע־גאַנטע אָטאָמאָבילען מיט יונגע אָפיצערען.

די גאַסען זיינען געווען פול מיט מענשען. און די מענשען האָבען אזוי פריילאך אויסגעזעהן, און די פרויען זיינען געווען אזוי שעהן און פריש, און אזוי פיל מיידלאך אין ווייסע קליידער אָנ־געטאָן, — איך האָב דאָס אזוי ליב, אַ יונגע מיידעל אין ווייסען אָנגעטאָן...

און דאָס יונגע גרינס אין די אַלעען און די ליבע זון, וואָס האָט געשיינט דורך דאָס ליבע גרינס אַדורך...

איך פאָהר איבער די ווארשעווער גאַסען. און אויף דעם גאַנצען פיל־פארביגען בונטען גערודער קוק איך רוהיג, געלאַסען, כמעט ווי גלייכגילטיג. אַמאָל, פון צייט צו צייט, פאַלט מיר אין קאָפּ אריין דער געדאנק: קוק זיך צו גוט! דו מוזט זיך געזעגענען מיט דעם אַלעם אויף לאַנג, אפשר אויף אייביג!... און פּלוצלונג ווער איך ווי אויפגעוואכט און איך זויג זיך אריין אין עפּעס אַ שטיק לעבען, וואָס פליהט פאַריבער פאר מיינע אויגען.

אָט שטעהט אַ יונג מיידעל אויף דער גאַס און ווארט אויף אַ טראַמוויי (סטריט קאַר): אַ האַלב קינד. אין אַ קורצען קליי־דעל, מיט אַ ליבליך פּנים'ל און שעהנע ברוינע האָר. שטייט זי און באַטראַכט אפילו נישט דעם בלאַסען, טרויעריגען מענשען, וואָס

קוקט אויף איהר מיט א לאנגען, אנגעשטרענגטען בליק. דעם מענש גענמט אבער מיט אמאל ארום א מאדנער, אן אבערגלויבליכער געפיהל: דו מוזט אריינגראבען אין דיין זכרון דעם ליבען קינד'ס פנים. דו מוזט דאס מיידעל אנקוקען ווידער און ווידער אויף דאס ניי, ביז וואגען זי וועט פארשוואונדען ווערען פון דיינע אויגען... א וואגען קומט אן, גלייכט זיך אויס מיט אונזער קארעטע, פארשטעלט מיר אויף א פאר סעקונדען די גאס. איך קוק דורך דאס פענסטערל, אוןווארט, און ווער אומרוהיג: צי וועט אט דער וואגען אייביג פאהרען אזוי טריט ביי טריט לעבען אונז? איך מוז און מוז נאך אמאל זעהן דאס מיידעל. אויב נישט... איך וויים אייגענטליך נישט וואס עס וועט זיין. אבער איך האב א געפיהל: דאס וועט זיין פאר מיר א שלעכטער סימן... אבער דער וואגען פאהרט אוועק, און פון דערווייטענס דערזעה איך נאכאמאל דאס ווייסע פנים'ל מיט די ברוינע האר. און איך אטעם לייכטער אפ.

דערנאך בין איך ווידער גלייכגילטיג און טעמפ.

מיין וואגען פאהרט ווייטער. דאס איז א לאנגער, שווארצער קאסטען. ביי ארימע אידישע לויות געברויכט מען אזעלכע קאס־טענס. נאר דא ביי מיר איז פאראן א קליין פענסטער'ל, מיט אייזערנע גראטעס, און דורך דעם קליינעם פענסטערל קוק איך מיר אן די שעהנע וועלט, וואס א לאנגע, לאנגע צייט וועל איך זי מעהר ניט זעהן.

ווייל איך פאהר דאס איצט פון דעם געריכט צוריק אין געפענגנים אריין. און ערשט מיט א האלבע שעה צוריק האב איך געהערט פון דעם אלטען געריכטס־פארזיצער מיין פסק־דין: „פארלארען אלע רעכט און פיער יאהר קאטארגע”. אזוי האט ער דאס אפגעזאגט מיט זיין שטאמלענדיגען, טאנלאזען אלטען קול זיין פסק, — —דער גרויזאמער ווארשעווער אינקוויזיטאר, דער אלטער תליון מיט דעם לאנגען, ווייסען בארד און יונגע שווארצע אויגען. פיער יאהר קאטארגע.

עס איז, הייסט עס, פארביי. איך האב פריהער געהאפט, אז איך וועל דאס אפ'פטר'ן „מעהר נישט” מיט אנווערען אלע רעכט און פארשיקט ווערען אין סיביר. אבער ניין, עס קומען נאך דערצו די פיער יאהר קאטארגע. נאר אויך צו דעם דאזיגען

גערואנק האָב איך זיך אין פּאָראוים צוגעוואוינט — אויף אַלע פאַלען. און איצט בין איך גאַנץ רוהיג, באמת גאַנץ רוהיג. אפשר אַביסעלע טעמפּ. דאָס יע. אַ שטילע טרויעריגקייט האָט מיך ארומגענומען. גלייך ווי אַ נעבעל־שלייער וואָלט איינגעהילט די גאַנצע וועלט, און דאָס לעבען האָט אָנגעוואָרען זיין גלאַנץ, זיינע פארבען. נישט דוקא מ י י ן לעבען, נאָר דאָס לעבען בכלל. מערקווירדיג איז עס, דאָס שעהנע, זאַפטיגע, פיעל־פאַרביגע לעבען, וואָס דער צוטריט צו איהם האָט זיך אָקאָרשט פארשלאָסען פאר מיר אויף אַ שיער ניט אומענדליכע צייט, האָט זיך דאָך געדראַפּט אויסדרוכטען נאָך מעהר צוציהענד, נאָך מעהר שטראַלענד; און פונדעסטוועגען איז עס ניט געווען אַזוי. פאַרקערט, עס איז בלאָס און גרוי געוואָרען. די בענקשאַפט איז אַוועק. דער חשק צום לעבען איז שוואַכער געוואָרען. די וואונשען פארשוואונדען. און רוהיג בין איך געפּאָרען „אהיים", צוריק אין טורמע, וואַרטען אויף דעם וואָס וועט קומען.

אמת, דערווייַלע האָט נאָך קיין זאַך ניט געמוזט קומען. איך האָב באַשלאָסען צו דערלאַנגען אַ קאַסאַציע, — —און כל זמן מען וועט ניט איבערקוקען מיין פּראָצעס, וועל איך נאָך ניט אָפּ־געשיקט ווערען אין די אמת'ע קאַטאָרגע. בלייבט אין די נאָ־הענטסטע חדשים אַלץ ביים אַלטען. האָב איך נאָך פאר זיך אַ שטיקעל צייט. און דערמיט אַ קליינע האָפנונג: אַ האָפנונג אויף אַ נס.

איך האָב אַ האָפנונג, אז איך וועל ניט דאַרפען אָפּזיצען די גאַנצע פיער יאָהר. ווען מיין פרוי קומט צו מיר אויף אַ זעהונג, טרייסט איך זי: „עס וועט ניט לאַנג דויערען. אין אַ יאָהר אָנדערהאַלבען ארום וועט אין רוסלאַנד פּאָרקומען אַ רעוואָלוציע". די נבואה איז געווען כמעט אַ ריכטיגע. איך האָב געהאַט אַ טעות בלויז אין דריי חדשים... אָבער אפילו אָנדערהאַלבען יאָהר קאַ־טאָרגע איז נישט פון די פריילִיכע פּערספּעקטיוועז.

דערווייל בין איך נאָך נישט קיין קאַטאָרזשניק. דערווייל באַציהט מען זיך צו מיר לייטיש. מען זאָגט מיר נישט „דו", מען שלאָגט מיך נישט, מען ערלויבט מיר צו האָבען מיין אייגענע וועש און בעט־געוואַנט. אָבער יעדען אָווענט, ווען איך לייג זיך שלאָפען, יעדען אָווענט אָהן אויסנאַם, האָב איך דעם זעלבען געדאַנק:

ווי פיל מאָל וועסטו זיך נאָך צודעקען מיט דיין קאָלדרע און מיט א ריינעם ליילאַך ? ווי פיל טעג טיילט דיך אָפּ פון יענעם אָוועגט, ווען דו וועסט ליגען אין א קאַטאָרזשנער קאַמער, באַדעקט מיט דער ברודיגער, שטינקענדיגער קאַטאָרזשנער שמאַטע, מיט קלינגענדיגע קייטען אויף די פיס ?

עס גייט אַריבער א טאָג נאָך א טאָג, דער סוף קומט נענטער און נענטער. איך וואַרט.

.92

# די מאשין ארבייט.

עס איז געקומען דער חודש יולי. א שווערע כוואליע פון היץ איז געלעגען איבער דער שטאָדט און איבער'ן געפענגנים. ס'איז געווען שטיקענדיג און זומפּיג. און ביינאכט, בעת די פענסטער האָבען געמוזט געשלאָסען ווערען — אזוי האָט געפאָדערט די „אָרדנונג" אין געפענגנים — פלעגען מיר ליגען שווימענדיג אין שוויים, ניט קענענדיג כאַפּען דעם אָטעם, פול מיט זאָרג און אומרוה. בייטאָג אָבער האָבען מיר ווידער געמוזט נייען זעק און צונויפקלייבען צוקער און טהיי און מאכען זיך ווידער גרייט צו א נייעם וועג. עס האָט זיך אָנגעהויבען די גרויסע אָפענסיווע פון'ם יאָהר 1915.

צום דריטען מאָל האָט מען זיך גענומען אויסליידיגען די װארשעווער געפענגניסען — ארויסגעשיקט דעם עולם אין טיף רוסלאַנד אריין. די דייטשע ארמעע האָט ווידער אָנגעהויבען איהר גרויסען מארש פאָרווערטס.

צוערשט איז די עוואקואציע געגאנגען קארג, ביסלאכווייז, אקוראט ווי מען וואָלט זיך נאָך ניט אנטשלאָסען, ווי מען וואָלט זיך נאָך געוואקעלט. שפּעטער אָבער איז עס געוואָרען ווי א שטראָם, וואָס האָט צובראָכען די שליוזען.

אַלע טאָג פלעגען זיך באַווייזען אויפ'ן הויף די סאָלדאטען פון קאָנוואָי. אַלע טאָג פלעגט מען אוועקשיקען גרויסע פּארטיעס ארעסטאַנטען — — צו פינף, צו זעקס הונדערט מאַן אויף אמאָל.

מיר פלעגען שטעהן ביים פענסטער און אָנקוקען פון דאָס ניי די גרויזאמע פּראָצעדור. אָנקוקען ניט סתם אזוי ווי זייטיגע צו־שויער, נאָר מיט'ן שטענדיגען געדאנק: באַלד וועסטו מוזען דאָס איבערלעבען אַליין. ווער וויים, אפשר שוין מאָרגען?

בייז און אויפגערעגט זיינען געווען די סאָלדאטען. ס'איז א שווערע ארבייט. וואָכענלאַנג האָבען זיי ניט געהאַט קיין אָפּרוה, טאָג און נאַכט. מיעד און ערביטערט זיינען זיי געווען. מיט שילטען, מיט זידלען, מיט קלעפּ האָבען זיי געארבייט. די אומ־שולדיגסטע זאַכען פלעגען זיי צונעמען ביי די ארעסטאנטען — צוברעכען, צורייסען, פאַנאַנדערוואַרפען. און ווען נאָך אַזאַ „ארבייט", וואָס פלעגט גערויערן לאַנגע שעה'ען, פלעגט די פּאַרטיע ענדליך אָפּגעפּטר'ט ווערען און ארויסגיין פון טויער ארויס, האָט אַלעמאָל דער גרויסער טורמע־הויף אויסגעזעהען ווי א פעלד פול מיט חורבות. און ביז'ן צווייטען טאָג פלעגען די וועכטערס ארומבלאָנדזשען איבער דעם אויסגעליידיגטען הויף און גראָבען זיך אין די אָפּפאַלען און ארייננשטאָפּען אין די קעשענעס טאַבאַק און פאַפּיראָסען און עסענוואַרג: ווי שווארצע זשוקעס אויף א גרויסען מיסטהויפען.

און דעם צווייטען טאָג פלעגט קומען א צווייטע פּאַרטיע און ווידער פלעגט זיך אָנהויבען פון דאָס ניי דאָס גרויזאמע שפּיל. מיר פלעגען אַלץ שטעהן ביים פענסטער און... ניין, ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלען, וואָס א מענש פיהלט ביי אַזאַ בליק — דערצו נאָך א מענש, וואָס האָט דאָס שוין אַמאָל איבערגעלעבט און וואָס מוז דאָס נאָך אַמאָל דורכמאַכען אין עטלאכע טעג ארום.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. נאָך א צווייטע זאַך איז געקומען דערצו. וואָס נעהנטער עס האָט זיך צוגערוקט די גרויסע כוואַליע פון די פיינדליכע ארמעען, מיט אַלץ גרעסערער אייל ענייש פלעגען ארבייטען די מיליטער געריכטען. כדי צו פארשפּאָרען אָרט און צייט, האָט איין פעלד־געריכט זיך אינגאַנצען אריבערגעקליבען צו אונז אין געפענגנים־קאַנצעלאַריע. און אַזוי האָבען מיר געהאַט ביי זיך „אין דער היים" א שרעקליכע טויט־לאַבאָראַטאָריע. און מיט א היציגער שנעלקייט פלעגט מען פאַבריצירען איין טויט־אורטייל נאָכ'ן צווייטען. טאָג־טעגליך פלעגט מען אויסריכטען דאָ דעם, דאָ יענעם. מען פיהרט דעם מענשען ארויס. און אויב ער האָט באַקומען צו הערען דעם טויט־אורטייל, לאָזט מען איהם שוין ניט צוריק אין קאַמער אריין. און אַזוי זיצען מיר נאָכאַנאַנד, און וואַרטען: צי וועט ער קומען? און ער קומט ניט. אַנשטאָט איהם קומט צוגיין א וועכטער און נעמט זיינע זאַכען, און דאַן

ווייסען מיר: דאָס געריכט האָט אָפּגעטאָן דאָס שטיקעל ארבייט, און דער מענש זיצט ערגעץ אין אַן איינצעל־קאַמער און וואַרט אויפ׳ן טויט.

און אַמאָל פלעגען מיר הערען אויפ׳ן טורמע־הויף אַ קלאַפּעריי פון אַ שווערען האַמער און זעהן: מען נעמט אַראָפּ ביי אימיצען די קייטען. באַפרייאונג? ניין, פאַרקערט: דאָס איז פאַר׳ן אויפהענגען. דער מענש דאַרף הענגען מיט „פרייע פיס״.

אַזוי פלעגען זיי פאַרשוואונדען ווערען איינער נאָכ׳ן צווייטען. דער פּאַסטאָר איז אַרויסגערופען געוואָרען און איז ניט צוריקגע־קומען: טויט־שטראָף. צי האָט מען איהם אפשר שפּעטער באַגנאַדיגט, ווייס איך ניט. דער דינסטמאַן, ביי וועלכען מען האָט געפונען אַן עקזעמפּלאַר פון אַ פּראָקלאַמאַציע, איז „באַגנאַדיגט״ געוואָרען צו 20 יאָהר קאַטאָרגע, נאָכדעם ווי ער האָט וואָכענלאַנג געוואַרט אַלע נאַכט, אַז מען וועט איהם שוין אַוועקפיהרען צו דער תליה.

צוויי ברידער זאַלצמאַן האָט מען פאַר׳משפּט און אויפגע־האַנגען. בעת מען האָט זיי געפיהרט פון געריכט, פון טורמע קאַנצעליאַריע, אין אַ קאַמער אַריין, איז צופעליג אַ פריינד מיינער געווען אין קאָרידאָר און געזעהן: בלויז אַ פּאָר טריט, אינווייניג אין דער טורמע גופא, האָט מען זיי געדאַרפט דורכפירען, און פונדעסטוועגען האָט מען זיי אַרומגערינגעלט מיט אַ טוץ וועכטער און זשאַנדאַרען. האַלב־טויט, קוים האַלטענדיג זיך אויף די פיס, זיינען געגאַנגען די אומגליקליכע, און הינטער זיי איז געלאָפען אַן אויפגעהער און האָט געשריען צו די וועכטער: האַלט זיי פאַר די הענט! האַלט זיי פאַר די הענט!

אַלץ נייע און נייע זיינען אַוועק אויפ׳ן שרעקליכען וועג. און אַנדערע זיינען געזעסען און געוואַרט... אַ שרעקליכע אַטמאָספערע האָט אונז אַרומגענומען, ניט צום אויסהאַלטען.

קראַנק און שוואַך בין איך געווען. און מיין פרוי איז גע־גאַנגען צום געפענגנים־דאָקטאָר, בעטען, ער זאָל מיך אַריינגענומען אין שפּיטאָל אַריין, אין דעם געפענגנים שפּיטאָל, פאַרשטייט זיך. דער דאָקטאָר איז געווען אַן אינטעליגענטער, ליעבענסווירדיגער מענש, האָט ער ערפילט די ביטע. און אַזוי בין איך אַוועק אין שפּיטאָל.

.93

# אויפ'ן שפּיץ מעסער.

דער טורמע־שפּיטאָל איז געשטאַנען אויפ'ן טורמע־הויף גופא, אָבער אָפּגעטיילט פון די איבעריגע געביידעס. ניט קיין גרויסער, אָבער א גאַנץ שעהנער, נאָר צרות איז אויך דאָרטען געווען גענוג. די עפּידעמיע פון טיפוס האָט געווילדעוועט. שווינדזוכטיגע איז געווען א מאַסע. און כמעט אַלע טאָג פלעגט מען אימיצען ארויס־טראָגען אין דעם מתים־שטיבעל פון געפענגנים. אויך פון דעם עטאַפּ איז מען דאָ ניט געווען פּטור. מעהר ווי איינעם האָט מען אכזריות'דיג ארויסגעשלעפּט פון בעט אַרויס, ארויסגעטריבען אויפ'ן הויף און אוועקגעשלעפּט אויפ'ן שרעקליכען עטאַפּ־וועג ערגעץ אין א רוסישע טורמע. בלייך, אָפּגעמאַטערט, אָהן כח פלעגען זיך די קראַנקע ארויסשלעפּען פון דער טיר ארויס — מיר פלעגען אַלע זיצען ביים פענסטער — —און מיט עטלאכע מינוטען שפּעטער פלעגען זיי שוין פארשוואונדען ווערען אינמיטען דער הונדערט־קעפּיגער מאַסע פון דעם גרויסען עטאַפּ.

עס איז געווען טרויעריג. אָבער ס'איז דאָ געווען א ליכט־שטראַל. א פרייליכע בשורה איז געקומען, באַגעגענט מיט האָפנונג און ספקות. א ידיעה האָט זיך פארשפּרייט: עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז די שווער־קראַנקע וועט מען ניט ארויספירען, מען וועט זיי איבערלאָזען אין ווארשא. אזוי האָט מען דערציילט. עס ווילט זיך ניט גלויבען און עס גלויבט זיך ניט. ניט שוין־זשע איז דאָס מעגליך? דאָס מיינט דאָך — פרייהייט! ניט שוין־זשע וועט זיך די רוסישע „נאַטשאַלסטוואָ" באַנעמען מיט אַזעלכע איידעלע זאַכען: שווער קראַנק אָדער ניט שווער קראַנק. עט, מען וועט זיכער אַלעמען אוועקפיהרען.

און פונדעסטוועגען... ווער ווייס... אפשר... ס'איז דאָך פאַרט

מעגליך. און אין אַ שעהנעם פרימאָרגען קומט טאַקע דער דאָקטאָר און האַלט אין דער האַנט אַ בלאַט פּאַפּיר און מאַכט אַ רשימה פון די שווער־קראַנקע, פון די, וואָס קאָנען ניט פאָהרען. און אין דער רשימה שטעהט אויך מיין נאָמען.

שרייען ווילט זיך פון שמחה! אָבער איך קאָן נאָך אַלץ ניט גלויבען. איז עס טאַקע אמת? און איז עס טאַקע זיכער?

אָ ניין. ס'איז נאָך דורכאויס ניט זיכער. ס'איז נאָך ניט קיין באַשלאָסענע זאַך. אפשר יע, און אפשר ניט. די וואָגשאָלען שטעהען נאָך גלייך. מיין גורל איז נאָך אויפ'ן שפּיץ מעסער. און עס הויבען זיך אָן לאַנגע, אומענדליכע טעג פון אָן אָנגעשטרענג־טען וואַרטען, אַ וואַרטען מיט'ן פאַרהאַלטענעם אָטעם. יע אָדער ניט? ס'אַראַ מאַטערניש!...

איך ליג און וואַרט. וואָס הערט זיך? מען זאָגט, אַז ס'איז דאָ אַ גוטע האָפנונג. אַזוי? יע! די רשימה ליגט אין קאַנצע־לאַריע און זי וועט מסתמא באַשטעטיגט ווערען. לאָמיר האָפען, לאָמיר האָפען.

עס פאַרגעהט אַ טאָג. אַ צווייטער טאָג: אַ נייע, פינסטערע בשורה. די רשימה האָט ניט קיין ווערט. דער גענעראַל גובער־נאַטאָר האָט ניט קיין צוטרויען צום געפענגנים־דאָקטאָר. עס וועט צו אונז געשיקט ווערען אַ ספּעציעלע דאָקטוירים־קאָמיסיע. זי וועט אונז אונטערזוכען און באַשטימען צי מיר קאָנען פאָרען, צי ניט.

און קוים איז די ידיעה דערגאַנגען צו אונז — זעה, די קאָמיסיע איז שוין דאָ. עס הערען זיך טריט אין'ם קאָרידאָר. ברייט עפענט זיך די טיר, און עס באַווייזט זיך דער נייער טרי־בונאַל: צוויי פרעמדע דאָקטוירים און דער געפענגנים־אינספּעקטאָר.

איך ליג און וואַרט. אָבער די פּראָצעדור איז מאָדנע קורץ: אַ קוק געטאָן אויפ'ן מענשען, אַ פּאָר ווערטער צוגעשושקעט איינער דעם צווייטען, און פאַרטיג, אַוועק זיינען זיי. און אונזער גורל איז באַשלאָסען. און מיר ווייסען ניט ווי אַזוי: יע אָדער ניין.

מיר ליגען און וואַרטען. אַ וועכטער קומט אַריין אין אונזער קאַמער, אַן אַלטער, גוטמוטיגער מענש. אפשר ווייס ער עפּעס. „וואָס־זשע הערט זיך? וואָס האָבען זיי באַשלאָסען?" — „יע, וואָס זאָל איך אייך זאָגען... דער איינער פאָהרט, דער צווייטער

בלייבט". אָבער ווער? ווער? זאָגט, וואָס איהר ווייסט, שווייגט ניט!"

איך הויב זיך אויף פון מיין בעט־געלעגער און וואַרט אָהן אָטעם אויפ'ן ענטפער. נאָך אַ פּאָר סעקונדען, נאָך אַ רגע קאָן איך האָפען, דאַן קומט די זיכערהייט. „ווי שטעהט עס מיט מיר?" „איהר פאַהרט".

איך לאָז זיך אַנידער אויף מיין בעט — גאַנץ שטיל, גאַנץ פּאַמעלאַך, און קער אָפּ מיין פּנים צו דער וואַנט. איך וויל ניט, אַז מען זאָל זעהן ווי מיר איז. אָבער עס טוט וועה. וואָלט איך נאָר פריהער ניט געהאַט קיין האָפנונג. צוגעוואוינען קאָן מען זיך צו אַלעס. און אַז מען האָט זיך צוגעוואוינט אין דער רעכטער צייט ,שוין אין פאָראויס, אַפילו צו דעם שרעקליכסטען געדאַנק, קאָן מען דערנאָך גאַנץ רוהיג פאַרטראָגען אפילו דאָס ערגסטע. די גאַנצע קונץ באַשטעהט אין דעם, אַז מען זאָל זיך אין פאָראויס איינלעבען אין די שווערע צוקונפט, וואָס קומט אָן און וואָס מען קאָן פון איהר ניט אַנטרינען. דאַן איז אַלץ גוט, אַלץ אין אָרדנונג. אָבער ווען מען האָט אַ האָפנונג — אָט דאַן איז ביטער. דעם לוקסוס טאָר מען זיך אין טורמע ניט ערלויבען. האָבען אַ האָפנונג — מעג זי זיין נאָך ווי שוואַך, ווי קליין, בלויז אַ פונק, און דאַן פאַרלירען דעם פונק און ווידער אריינגעשליידערט ווערען אין דעם שרעקליכען שוואַרצען טויער, וואָס מען וועט זיך פון דאָרטען אפשר קיינמאָל ניט אומקערען — אָט דאָס איז דאָס שרעקליכסטע אויף דער וועלט.

און אַזוי ליג איך טעמפּ, ווי אַ באַטויבטע חיה אין אַ שעכט־הויז, מיד אָהן אַ שיעור, אָהן געדאַנקען, אָהן וואונשען, נידערגע־שלאָגען, האַלב־טויט.

ווידער אַמאָל ווערט אויפגעמאַכט די טיר. אונזער געפענגנים־דאָקטאָר איז דאָ. מען רעדט עפּעס, מען שמועסט. איך ליג גלייכגילטיג, קוים וואָס איך הער די שטימען. פּלוצלונג שלאָגט זיך אָפּ אין מיינע אויערען, ווי דורכ'ן נעבעל. אימיצער רופט אָן מיין נאָמען. און אַ צווייטע שטימע ענטפערט: „ער בלייבט".

און ווידער בליהט אויף די האָפנונג. און ווידער שפּאַנען זיך אָן די צורודערטע נערוועז. איך לעב ווידער... ביז אַ נייער שוואַרצער בשורה.

די עוואַקואַציע געהט דערווייל מיט איהר וועג. אונזער געפענג־נים האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַן אמת'ען עטאַפּען־ציטאַדעל. מען ברייננט כסדר נייע מענשען פון אַנדערע טורמעס, אפילו פון אַנדערע שטעדט, מען גרופּירט זיי אין פּאַרטיעס און מ'שיקט זיי אַרויס אין רוסלאַנד. אויך מיינע פריינד זעה איך ווי זיי פאַר־שווינדען אין דעם טויער איינער נאָכ'ן צווייטען. און דער שפּיטאָל ווערט אַלץ מעהר אויסגעליידיגט. בלויז שווער־קראַנקע און גוסס'ע בלייבען איבער. טאָג־טעגליך קומט צופאָרען דער שוואַרצער מתים־קאַסטען. און שטענדיג הער איך דערביי דעם אַלטען אַרעס־טאַנטען טרייסט־ווערט: „יע, יע, קיין איין מענש בלייבט ניט אייביג אין טורמע; יעדער מוז אמאָל אַרויס; צי טויט, צי לע־בעדיג, דאָס איז שוין ניט קיין גרויסע נפקא־מינה".

אַלץ שטילער און פּוסטער ווערט דאָס גרויסע געפענגנים. דאָס לעבען ווערט פאַרשטומט. דאָס געפענגנים שטאַרבט. די לעצטע פּאַרטיע געהט אַרויס פון טויער, שווערע וואַגאָנעס קומען צופאָהרען און פיהרען אַוועק דאָס האָב־און־גוטס פון דער טורמע. עס בלייבען בלויז די הויכע, פּוסטע שטיינערנע ווענט. א סוף — אַלץ איז אַוועק. ליידיג, שטיל און פינסטער ליגט פאַר אונז די גרויסע שווערע געביידע. בלויז ביי אונז אין שפּיטאָל־הייזעל ליגט א הייפעל קראַנקע מענשען און וואַרט. דאָס געפענגנים אָבער איז טויט.

און דאַן קומט מען אויך צו אונז, מען הייסט אונז אויפשטעהן, אָנטאָן זיך, און מען פיהרט אונז אויפ'ן הויף אַרויס. די וואָס האַלטען שוין ביים שטאַרבען, טראָגט מען אַרויס. דאַן קומען צופאָהרען די שוואַרצע אַרעסטאַנטען־וואַגאָנעס, מען שפּאַרט אונז אַריין און מיר פאָהרען. וואוהין? ניט שוין־זשע שיקט מען אונז טאַקע אַרויס? ניין. דערווייל איז דאָס אַן „אומשולדיגע" נסיעה. מען פיהרט אונז איבער אין א צווייטע טורמע, אין ווארשא גופא.

אונזער נייע היים טראָגט דעם שטאָלצען נאָמען: „ווארשע־ווער הויפּט־קרימינאַל געפענגנים". דאָס איז אָבער מעהר ניט ווי אַן אַלטער ברודיגער ציגעל־קאַסטען, וואָס ווערט געוויינלאך גערופען „דער אַרסענאַל". אמאָל איז דאָרטען טאַקע באמת געווען אַן אַרסענאַל, שוין לאַנג אָבער זיינען פון דאָרט אַרויס די ביקסען מיט די שווערדען, און אַנשטאָט זיי האָבען זיך דאָרטען

באזעצט מייז, שטשורעס, וואנצען און... מענשען, נעבאך — ארעסטאנטען.

מיר פאהרען אין הויף אריין און קריכען ארויס פונ'ם שווארצען וואגען. דא איז די עוואקואציע נאך נישט פארענדיגט און ס'איז נאך גאנץ לעבעדיג. גלייך ביי דער רעוויזיע, ווילען די וועכטער צונעהמען ביי אונז אלע „איבעריגע" זאכען — און קודם כל דאס בעטגעוואנד. „וואס דארפט איהר דאס? — זא־גען זיי — דער קאנוואי וועט דאך דאס סאי ווי סאי ארויס־ווארפען". „וואסער קאנוואי? מיר פאהרען דאך אין גאנצען נישט. מיר בלייבען דאך אין ווארשא!"

— וואס רעדט איהר נארישקייטען! דא ווערט אלץ אויס־געליידיגט. קיינער בלייבט נישט.

ווידער א נייעס!

מען פיהרט אונז אריין אין אן ענגער קאמער. דאס פענ־סטערל איז גאר אין דער הויך,ביים סאמע באלקען, אזוי אז מען קען ניט א קוק טאן אויפ'ן הויף; ס'איז פינסטער. די ווענד זיי־נען ביז צו דער הויך פון א מענשען באווארפען מיט שווארצען פעך... גאר ניט קיין מחיה'דיגע וואוינונג. אבער ווער פארנעהמט זיך מיט אזעלכע קלייניגקייטען? די איינציגע פראגע, וואס עס אינטערעסירט אונז, איז: צי מיר פאהרען, צי מיר בלייבען.

דערווייל ליגען מיר אין דער קאמער. מיר ליגען און מיר הערען זיך צו, וואס טוט זיך אין דרויסען. פון צייט צו צייט הע־רען זיך קולות אין קארידאר. מען שטעלט צונויף אלץ נייע און נייע פארטיעס אויף אוועקצופאהרען. א וועכטער קומט מיט א רשימה: ער רופט אויס די נעמען פון יענע, וואס מוזען אוועק מיט דער נאהענטסטער פארטיע. און מען רופט, און מען רופט, איינעם נאכ'ן צווייטען. און יעדער פון אונז הערט זיך צו מיט א פארהאלטענעם אטעם: צי רופט מען ניט אמאל אן אויך אונ־זערע נעמען? דערווייל טשעפעט מען אונז ניט. אבער אויך דא ווערט דאס געפענגנים אלץ פוסטער און שטילער.

עטליכע טעג געהען אריבער. און אט קומט אן א ידיעה: מארגען ווערט אויך דא געמאכט א סוף. דריי אדער פיר הונ־דערט ארעסטאנטען, וואס זיינען פאר'משפט געווארען צו קליינע שטראפען, ווערען אינגאנצען באפרייט. עס לוינט זיך ניט צו

שלעפּען זיי אין רוסלאַנד. אַלע איבעריגע פֿאָהרען מאָרגען אין דער פריה אַוועק. די טורמע־אדמיניסטראַציע פֿאָהרט אַוועק צו־זאַמען מיט זיי. דער „אַרסענאַל" ווערט געשלאָסען.

דער לעצטער טאָג, הייסט עס! און עס הערען זיך טאַקע הונדערטער שטימען אויפ׳ן הויף. מען רופט, מען לויפט, די טיר קלאַפּט. יאָ, די ידיעה איז אַ ריכטיגע, די קליינע גנבים ווערען באַפרייט.

דער געפענגנים־קאָך, אונזער אַ באַקאַנטער, איינער פון די וואָס ווערען באַפרייט, קומט צו לויפען. ער וויל זיך געזעגענען מיט אונז. ער איז אויפגערעגט און פרעהליך: אַ שפּאַס צו זאָ־גען, אין אַ פּאָר מינוטען ארום וועט ער זיין אַ פרייער מענש. „בלייבט געזונד, מיינע הערען! איך געה אַוועק, אויף דער פריי! אַ שאָד, וואָס מען לאָזט אייך ניט אַרויס. ס'איז אַ ביטערע מעשה. איך וועל אייך זאָגען אַ סוד (דער קאָך דרעהט זיך שטענדיג ארום אין קאַנצעלאַריע און ווייס גאַנץ גענוי וואָס עס טוט זיך. זיינע ידיעות זיינען אַלע מאָל ריכטיג): מאָרגען אין דער פריה פאָהרט איהר אַוועק. איך טאָר אייך דאָס ניט זאָגען. נאָר מילא, וואָס וועל איך זיך שפּילען אין באַהעלטעניש. איך האָב דאָס אַליין געהערט אין קאַנצעלאַריע. מאָרגען, ניין אַ זייגער אין דער פריה, וועט איהר שוין זיין אויף דער באַהן!... נו, זייט געזונד, איך ווינש אייך אַל־דאָס גוטס אויפ'ן וועג".

ס'איז ווידער געוואָרען שטיל. די גנבים זיינען אַוועק. אין דער גאַנצער טורמע זיינען פאַרבליבען בלויז עטליכע צעהנדליג מענשען. עס קומט אָן דער אָוועגט. די לעצטע נאַכט אין וואַר־שא! מאָרגען הויבט זיך ווידער אָן דער לאַנגער, שווערער, שרעק־ליכער וועג... דער עטאַפּ, די רוסישע טורמעס, די קאַטאָרגע.

אָוועגט. אַ קליינע, עלענדע נאַפט־לעמפּעל ברענט אין אַ ווינקעל. אין אַ קאַרגער, אָרימער בעלייכטונג שטעהען ארום אונז די שוואַרצע ווענט. מיר לעגען זיך שלאָפען. אָבער ווער קען דאָס שלאָפען! די לעצטע נאַכט...

ס'איז שטיל. אַ וועכטער געהט איבער'ן קאָרידאָר ביי אונ־זער טיר. ס'איז אייגענטליך ניט קיין אמת'ע טיר: אַ לאָך אין וואַנט און גראַטעס. מען מאַכט זי אויף, ווען מען דאַרף. דאָס איז די טיר.

„הערר וועכטער!"... די שוואַרצע פיגור באַווייזט זיך פון דער פינסטערניש אַרויס און קומט צו די גראַטעס. „הערר וועכ־טער! ווייסט איהר שוין? מאָרגען פאָהרען מיר אַוועק". „איך ווייס גאָר ניט דערפון". „הערט שוין אויף מיט אייערע סודות. ס'איז דאָך אַ באַוואוסטע זאַך. וואָס דאַרפט איהר זיך שפּילען מיט אונז!" — „איך ווייס ניט דערפון".

דער מענש זעהט אוים עפּעס פאַרמישט, שעהמעוודיג. ער קוקט אונז ניט אין די אויגען... ער ווייס, — שושקען מיר זיך איינער צום צווייטען — ער זאָגט ליגען. און טאָמער דאָך... אַך, הערט שוין אויף מיט אייערע שטותים. אַ סוף אַן עק! — אָבער טאָמער... הערט דאָך, וואָס איך זאָג: טאָמער!... — וואָס טאָ־מער, טאָמער!... געננג. — הערט נאָר, צעהן אַזייגער דאַרף דאָך קומען דער צווייטער וועכטער. — וועלען מיר איהם אויספרעגען. אפשר וועלען מיר זיך ביי איהם עפּעס דערוויסען...

צעהן אַזייגער. עס הערען זיך טריט אין קאָרידאָר. דער צווייטער וועכטער איז דאָ.

„אַ גוטען אָוונט אייך, הערר וועכטער!" — „זעהט נאָר, זעהט, איהר שלאָפט נאָך ניט, חברה?" — וואָס שלאָפען, וואו שלאָפען? מאָרגען פאָהרען מיר דאָך אַוועק. אפשר ווייסט איהר, וואוהין מען שיקט אונז אַרויס?" אַ פּאָר גוטמוטיגע אויגען קו־קען אונז פאַר'חידוש'ט אָן: „וואָס פאָהרען? ווער פאָהרען? דער בירגער קאָמיטעט איז דאָ".

דער בירגער קאָמיטעט?... ווי אַ בליץ פליהען מיר אַרויס פון אונזערע בעטען און לאָזען זיך אַוועק צו דער טיר: „וואָס הייסט דאָס? וואָס וויל דער בירגער קאָמיטעט?"

„אַי, חברה, וואָס איז דאָס עפּעס מיט אייך, אַז איהר פאַר־שטעהט ניט די פּשוט'סטע זאַכען? אַלזאָ, דער בירגער־קאָמיטעט — איהר ווייסט דאָך, ס'איז דאָ פאַראַן אַ פּוילישער בירגער־קאָ־מיטעט, וואָס וועט דאָ בלייבען און איבערנעהמען די שטאָדט, ווען אונזער נאַטשאַלסטוואָ וועט אין גאַנצען אָפּפאָהרען. נו, פאָהרט דאָך די טורמע־נאַטשאַלסטוואָ מאָרגען אַוועק, ווערט דער בירגער־קאָמיטעט אַ בעל־הבית איבער דער טורמע. אימיצער מוז זיך דאָך פאַרנעהמען מיט אייך!..." „רב קרוב, איהר מאַכט חוזק פון אונז!" — „ווי געפעלט אייך דאָס? איך זאָג אייך דאָך, דאַכט

זיך, מיט קלאָרע ווערטער: דער בירגער קאָמיטעט איז דאָ, דאָ אין טורמע גופא, זיי געהען שוין ארום איבער די קאמערען. וואָס, זייט איהר טויב געוואָרען? הערט זיך צו!" און טאקע: עס הערט זיך א גערויש. שטימען, טריט. גאָר נאָהענט. צוויי באַ־וואוסטע פוילישע אדוואָקאטען און כלל־טוער קומען צו אונז אריין.

„א גוטען אווענד! פון איצט אָן וועלען מיר זיין אייערע אָפּעקונעס. דער בירגער־קאָמיטעט איז איצט אייער הויז בעל־הבית. מיר האָפען, אז איהר וועט זיך איצט פיהלען בעסער". — „יאָ, אָבער וואָס איז מכח דעם אוועקפאָהרען. מען האָט אונז גע־זאָגט, אז מאָרגען..." — „איהר מעגט זיין גאנץ רוהיג". די ביידע הערערען שמייכלען גוטמוטיג — „וועגען אוועקפאָהרען איז איצט ניטאָ קיין רייד. שלאָפט נאָר רוהיג ווייטער. א גוטע נאכט!"

און זיי געהען ארויס. ווידער ווערט פארמאכט די גראטעס־טיר. די טריט שטארבען אָפּ אין קאָרידאָר. עס ווערט שטיל. מיר אָבער, וואָס זיינען דאָ געבליבען אליין, אין אונזער שוואַר־צער קאמער, מיר ווערען פשוט משוגע פון שמחה. מען קושט זיך, מען דריקט די הענד, מען שפרינגט ארום, מען איז גרייט צו טאנ־צען א פרעהליכס.

איך בלייב אָבער ליגען אין מיין בעט. איך בין אביסעל צו־מישט. דער שטענדיגער איבערגאנג פון האָפנונג צו יאוש, און צוריק פון יאוש צו האָפנונג, ווירקט אביסעל צו שטארק אויף מיינע נערוועז. ס'איז ניט קיין שפּאַס אפילו פאר די געזינדסטע נערווען; און איך זיץ דאָך פאָרט שוין קנאפע פינף־און־צוואנציג חדשים.

און דאָ פאלט מיר איין מיט אמאָל א משונה'דיגער געדאנק אין קאָפּ אריין: ביזטו זיכער, אז דאס איז ניט קיין חלום?

און איך הויב אָן גאנץ ערנסט, טיף ערנסט, צו קלערען וועגען דעם: צי איז דאָס ניט קיין חלום? צי שלאָף איך ניט און ס'איז ניט גלאט אזוי א נארישער איינפאל? איך האָב א גרונד צו טראכטען אזוי. וואָרים אין משך פון די צוויי יאָהר טורמע־לעבען האָב איך שוין ניט איינמאָל געהאט אזעלכע חלומות. מעהר ווי איין מאָל האָט זיך מיר שוין געחלום'ט אין שלאָף, אז איך בין פריי. און איך געה ארום איבער די גאסען. און אלץ, וואָס איך זעה ארום מיר — מענשען און הייזער, און פערד און וואָגענס, — דאָס אלץ פלעג איך זעהן אזוי קלאָר און דייטליך, ווי איך זעה

איצט שווארצע פעך־וועגט פון דער פינסטערער קאמער. און אלע מאל, ווען איך פלעג זעהן אזא חלום, פלעג איך פרעגען — פונקט אזוי ווי איצט — צי איז דאס ניט קיין חלום? און פונקט ווי איצט, פלעג איך ניט קענען פארענטפערען די הארבע שאלה. און איך פלעג זיך דערמאנען וועגען דעם אלטען מיטעל. מען דארף זיך א קניפ טאן. אויב ס'איז א חלום, טוט דאס ניט וועה. און איך פלעג זיך קנייפען, און עס האט וועה געטאן. און אין א פאר מינוטען ארום פלעג איך זיך פארט אויפכאפען, טאקע אין געפענגנים, אויפ'ן הארטען שטרוי־זאק, אן עלענדער ארעסטאנט, הינטער די אייזערנע גראטעס. א סך מאל האב איך שוין געהאט אזעלכע חלומות. און פונקט אזוי ווי דעמאלט, בין איך אויך איצט געלעגען צווישען חלום און ווירקליכקייט און ניט געוואוסט, באמת ניט געוואוסט, אויף וועלכער וועלט איך בין.

און איך מוז זאגען, ס'איז געווען א הארטער נסיון. אין אזא צושטאנד איז א מענש גאר נאהענט צו משוגעת. ס'איז נאך א גליק, וואס אזא צושטאנד האט ניט געדויערט קיין לאנגע צייט. ווארים איך האב תיכף דערצעהלט וועגען מיינע ספקות מיינע קאמער־חברים. און ווען זיי האבען זיך דערוואוסט וועגען דער ניט־גע־לונגענער קניפ־פראבע, האב איך באקומען פון א פריינדליכער, אבער שטארקער האנד, אזא שטורך, וואס קען אין חלום בשום אופן ניט פארקומען. דאס האט געווירקט מיט דער גרעסטער איבער־צייגונגס־קראפט, און פרעהליך האט אויך מיין שטים גענומען קלינ־גען אין דעם ברויזענדען געלעכטער, וואס האט גענומען הילכען איבער אונזער קאמער. ס'איז ניט געווען קיין חלום!

וועט מען דאך מיינען, אז איצט האבען זיך אונזערע יסורים שוין געענדיגט און מיר האבען שוין געקענט מיט א רוהיגער און פעסטער האפנונג ווארטען אויפ'ן נאהענטען טאג פון דער גאולה?

חלילה! עס הויבט זיך גאר ניט אן. עס זיינען קוים אריי־בער צוויי טעג נאך יענעם גליקליכען אווענט, און עס קומט אן א נייע בשורה, און מיר זיינען ווידער טויטע מענשען. מען דער־צעהלט אונז: דער פראקוראר פון מיליטער־געריכט (די מיליטע־רישע מאכט איז דאך אלץ ניט אוועק!) האט זיך דערוואוסט, אז מיר זיינען דא געבליבען, און האט וועגען דעם אפגעשיקט א טעלעגראמע אין פעטערבורג. און אויב אזוי, אויב מען האט זיך

אָן אונז דערמאָנט, איז ביטער. ס'איז כמעט ווי זיכער, אַז אָן עגטפער וועט זיין אַ שלעכטער. מען וועט אונז ארויספיהרען. דער ענטפער קען קומען יעדע שעה. מוזען מיר זיך ווידער גריי־טען צום וועג.

און מיר לעגען ווידער צונויף אונזערע זאַכען און וואַרטען ווידער. פון שעה צו שעה, פון טאָג צו טאָג. און דאָס וואַרטען געדויערט גאַנצע צעהן טעג.

.94

# די באַפרייאונג.

צעהן טעג געהען לאנגזאַם אַריבער. מיר זיינען אַזוי אויס־געמאַטערט, אַז עס נעהמט אונז אַרום אַ טעמפּע גלייכגילטיגקייט. זאָל שוין קומען וואָס עס וויל.

און אַזוי קומט אָן דער טאָג פון 4טען אויגוסט.

אין דעם טאָג האָט שוין גאַנץ ווארשא געוואוסט: היינט ווערט געמאַכט אַ סוף. די לעצטע רעשטלאך פון דער רוסישער ארמעע פארלאָזען די שטאָדט. מאָרגען וועלען דאָ זיין די דייטשען. און מיר האָבען דאָס אויך געוואוסט.

אָבער דער טאָג איז לאַנג. און די פּאָליציי מיט די זשאַנדאַרמען זיינען נאָך ניט אַוועק. און די בריקען איבער'ן גרויסען טייך, איבער'ן ווייקסעל, זיינען נאָך אַלץ ניט אויפגעריסען. דער וועג קיין רוסלאַנד איז נאָך אָפען. אָפען — אויך פאַר אונז...

לאַנג, לאַנג ציהט זיך דער אונענדליכער זומער־טאָג. דער אָוועגט קומט אָן. די נאַכט איז דאָ. מיר ליגען אין אונזערע בעטען — ווער קען דאָ שלאָפען! — און ביי יעדען שאָרך, וואָס דער־טראָגט זיך פון קאָרידאָר, כאַפּט זיך אימיצער אויף, אַן אויפגע־רעגטער. וואָס איז דאָס?

מאָדנע שטיל אין די גאַסען. מען הערט ניט קיין טראַמוויען.

צעהן אַ זייגער. די שומרים בייטען זיך. אַ נייער וועכטער קומט. „וואָס הערט זיך אין שטאָדט?" — „שטיל און פּוסט".
— „און די פּאָליציי? איז זי נאָך דאָ?" — „די פּאָליציאַנטען שטעהען נאָך אין די גאַסען."

שעה'ן פאַרגעהען. צוועלף, איינס אַ זייגער... פון צייט צו צייט דערהערט זיך פון דערווייטענס עפּעס אַ שווערער מין קנאַלען, פּונקט ווי טויזענד־פּודיגע האַמערס וואָלטען אַראָפּגעפאַלען. אַ שי־

סעריי פון הארמאַטען?... דריי א זייגער. פיער.. עס הויבט אָן ביסלעכווייז צו טאָגן. און ענדליך, ענדליך רייסט זיך אריין אין דער פּאַרטאָגיגער שטילקייט פון אונזער קאַמער א מאָדנער, לאַנגער אויסגעצייגענער דונער פון א גאַנץ באזונדערן קלאַנג... איין מאָל, און נאָך א מאָל, און א דריטען מאָל, און די מינוט ווייסען מיר: די דריי ווייקסעל בריקען זיינען אויפגעריסען געוואָרען. מיר זיינען געראַטעוועט.

איך פאַל אריין אין א טיפען שלאָף. אָבער עס געדויערט ניט לאַנג. פלוצלינג בין איך ווידער וואַך. דער זייגער איז זעקס. ס'איז שוין גאַנץ ליכטיג. א וועכטער שטעהט אין אונזער קאַמער, אין ציווילע קליידער: „די דייטשען זיינען ביי דעם וויענער וואָקזאַל". א צווייטער קומט צו געהן: „נאָר וואָס געזעהן אויף דער גאַס א פּאָר דייטשע זעלנער". און מיט א פּאָר מינוט שפּעטער: „א דייטשער אָפיציער איז געקומען אין דער געפענגנים-קאַנצעלאַריע".

ניטאָ מעהר קיין ספקות. גיך אויפגעשטאַנען, אראָפּגעוואָרפען די שפּיטאָל-קאַפּאָטע, זיך אָנגעטאָן. די חברה טומעלט זיך. די כלומרשט'דיגע קראַנקע און די אמת'דיגע קראַנקע זיינען אלע אויפגעשטאַנען תחית המתים: מען גרייט זיך, מען פּוצט זיך, מען גאָלט זיך, מען פּאַקט די זאַכען. פּאַרטיג. באַלד וועט מען אונז ארויסלאָזען.

דערווייל קומט אָבער אָן גאָר אן אנדער זאַך. הארמאַטען הויבען אָן זייער מוזיק גאָר נאָהענט, דאַכט זיך אין סאַמע שטאָדט. איך הער ניט נאָר דעם קנאַל פון שיסען, נאָר אויך דעם אייגענאַרטיגען, וויינענדיגען קלאַנג פון די פליהענדע שראַפּנעלען. און מען דערציילט שוין פּרטים: די רוסען האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף יענער זייט טייך, אין פּראַגע, און שיסען אין וואַרשא אריין. און אונזער עולם קוקט ארויף צו די פענסטער (מיר זיצען שוין איצט אין אנדערע, גרויסע קאַמערן), וואָס געהען ארויס אויפ'ן ברייטען טורמע-הויף, און מיר ווייסען, אז דאָס איז גראַד די זייט פון דער ווייכסעל און מ'הויבט אָן צו ווערען אונרוהיג. אָט קומט צו לויפען א וועכטער און דערציילט, אז א שראַפּנעל איז געפאַלען ביי דער סאַמע טורמע. ס'איז אפילו א בבא מעשה, אָבער מען גלויבט. און מען טראַכט זיך: ווער ווייסט, אזא פויגעל קען דאָך

אריינפליהען צו אונז אין קאמער אויך, און דאס וואלט שוין געוועזן א צו־גרויסע עולה: גראד איצט, אויפ׳ן שוועל פון א נייעם לעבען געטראפען צו ווערען פון א רוסישען שראפנעל! חברה ווערט אויפגערעגט. מען וויל געהן צום פארוואלטער, ער זאל אונז דער־וויל באהאלטען ערגעץ אין א זיכערען ארט.

אבער אט קומט שוין דער פארוואלטער אליין. ער האלט אין זיין האנט א רשימה. און די הערען פון בירגער־קאמיטעט זיינען אויך דא. פירסט ליובאמירסקי און זיין סעקרעטער. מען רופט אוים אונזערע נעמען. אלע פאליטישע זיינען אין דער רשימה. „די הערען זיינען פריי.“

איך נעהם אויף דער פלייצע מיין זאק און געה ארוים. דער טויער עפענט זיך. איך בין אין דרויסען.

די גאס איז פוסט. מען שיסט נאך אלץ. אנטקעגען דעם געפענגעניש, אין א טויער, שטעהט מיין פרוי אוןווארט אויף מיר. אן אפטיילונג פון דייטשער ארטילעריע פאהרט פארביי, זיך אפ־צושטעלען ערגעץ ניט ווייט... א דראבנער רעגען פאלט... איך קוק מיר אן די דייטשע זעלנער מיט זייערע גרויע קליידער און ענדליך ווייס איך שוין גאנץ זיכער, עס איז דער סוף. דער ענדגילטיגער סוף.

מיר נעהמען א וואגען און פאהרען אוועק. אין א פערטעל שעה ארום זיץ איך אין א שטוב פון מיין פרוי׳ס קרובים, ביי אן אמת שעהנעם, ציכטיגען טיש, אויף אן אמת ווייכען שטוהל. און ווי מאדנע: דאס פענסטער איז אפען און ס׳איז נישטא קיין גראטעס. איך בין ניט צוגעוואוינט צו זיצען ביי א פענסטער אהן גראטעס... און ווען איך וויל, מעג איך אויפשטעהן און ארויסגעהן אויף דער גאס. און איך טו דאס טאקע, און מיר בלאנדזשען ארום איבער דער שטאט וויפיל דאס הארץ געלוסט. איך בין פריי.

און ערשט מיט א טאג שפעטער דערוויס איך זיך פון די צייטונגען: אין דעם לעצטען מאמענט, פאר׳ן אויפרייסען די בריקען, זיינען די זשאנדארמען אריין אין שפיטאל, וואו עס זיינען געלעגען דריי פאליטישע ארעסטירטע פרויען, און געכאפט און ארויסגעפיהרט זיי מיט זיך קיין רוסלאנד. אינ׳ם לעצטען מאמענט.

דער מלאך פון טויט, דער שווארצער מלאך המות, איז געשטא־נען ביי מיין געלעגער. דאס רוישען פון זיינע פליגלען האב איך

געהערט איבער מיר. און ווער עס האָט געשפּירט זיין קאַלטען אָטעם, דער וועט איהם קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

---

דאָס לעבען, וואָס איך האָב אָנגעהויבען צו פיהרען נאָך מיין באפרייאונג אין 1915, איז געווען אין פּאָליטישער און געזעלשאַפטליכער הינזיכט אינהאַלטסרייכער און אינטערעסאַנטער ווי אין אַלע פריהערדיגע יאָהרען. אָבער די געשעהענישען, אין וועלכע איך האָב גענומען אַן אַקטיווען אנטייל, זיינען נאָך צו פריש, און עס איז נאָך ניט געקומען די צייט וועגען זיי צו שרייבען. דערמיט ענדיג איך דערווייל מיינע זכרונות.

(ענדע.)